טאָמאַס מאַן

דער צויבערבאַרג

ISBN: 0-657-12542-3
5582 v.1





טאָמאַס מאַן

טאָמאַס מאַן
דער צויבערבאַרג

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12542

DER TSOYBERBARG
V. 1

Thomas Mann

Permanent preservation of this book was made possible by Amy S, Matt, Ava, Kate, Mia Boxer, Irma, Cindy, Jack, Margarita, Alexa, Gabriella, Ethan Schonhaut In memory of Charles Irving Schonhaut. A life rich in wisdom, humor, love of family, life and learning, hard work, kindness, compassion, generosity, loyalty and love.

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

טאָמאַס מאַן

דער צויבערבאַרג

ראָמאַן

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

איבערזעצט פון דייטש
יצחק באַשעוויס

אונטער דער רעדאַקציע פון
ד"ר מיכאל ווייכערט

PRINTED IN POLAND

Tomas Man — „Der Cojberbarg"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

ערשט בוך

הקדמה

די געשיכטע פון האַנס קאַסטאָרפּ, וועלכע מיר ווילן דאָ דערציילן, גיבן מיר נישט צוליב אים אַליין (ווייל דער לייענער וועט דאָ האָבן פאַר זיך אַ פּשוטן, כאָטש גאַנץ אינטערעסאַנטן יונגמאַן), נאָר צוליב דער געשיכטע וועגן, וועלכע מיר האַלטן, אַז ס'איז אין דער העכסטער מאָס כדאי, מ'זאָל זי דערציילן (דערביי מוז מען קאַסטאָרפּן לשבח דערמאָנען, אַז ס'איז ז י י ן געשיכטע און אַז נישט מיט יעדן געשעען ג ע ש י כ ט ע ס). די דאָזיקע געשיכטע איז שוין לאַנג געשען, איז אַזוי צו זאָגן, אינגאַנצן באַדעקט מיט היסטאָרישן איידעלן זשאַווער און מוז אומבאַדינגט דערציילט ווערן אין דער צייט־פאָרם פון טיפסטער פאַרגאַנגענהייט.

דאָס וואָלט נישט געווען קיין חסרון, נאָר גיכער אַ מעלה. ווייל געשיכטעס מוזן בטבע האָבן פאַרלאָפן, און וואָס לענגער ס'איז אַז זיי זיינען פאַרלאָפן, אַלץ מער זיינען זיי, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, געשיכטעס און אַלץ בעסער איז פאַרן דערציילער, דעם שעפּטשענדיקן אַרויסכישופער פון אימפּערפעקט. די מעשה מיט דער דאָזיקער געשיכטע איז, אָבער, ווי היינטיקע צייטן מיט מענטשן און, דער עיקר, ווי מיט געשיכטע־דערציילער: די געשיכטע איז אַ סך עלטער פון אירע יאָרן, זי איז באַאָרט אָן יאָרן, די אַלטקייט, וואָס ליגט אויף איר, לאָזט זיך נישט באַרעכענען מיטן לויף פון דער זון; מיט איין וואָרט: די מאָס פון איר פאַרגאַנגענהייט נעמט זיך אייגנטלעך נישט פון דער צייט — אַ געדאַנק, דורך וועלכן מיר זיינען מרמז און ווייזן אָן כּלאַחר־יד אויף דער ספקדיקייט און אויף דער אייגנטימלעכער צווייִקייט פון דעם דאָזיקן סודותדיקן עלעמענט.

אָבער לאָמיר נישט קינסטלעך פאַרטונקלען דעם קלאָרן מצב פון דער זאַך: די גאָר טיפע אַמאָליקייט פון אונזער געשיכטע

נעמט זיך דערפֿון, וואָס זי האָט זיך אָפּגעשפּילט פֿאַר אַ געוויסער גרענעץ און צייט־איבערברוך, וועלכע האָבן טיף געשפּאָלטן לעבן און באַוואוסטזיין... זי געשעט — אָדער כּדי אויסצומיידן בּכּיוון יעדע קעגנוואַרט — זי איז געשען אין זיך אָפּגעשפּילט אַמאָל, לאַנג צוריק, אין אַ פֿאַרגאַנגענער צייט, אין דער וועלט פֿאַרן גרויסן קריג, וואָס צוזאַמען מיט זיין אָנהייב, האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, אַן אָנהייבן זיך, וואָס האָט כּמעט נאָך נישט אויפֿגעהערט. די געשיכטע, הייסט עס, האָט זיך אָפּגעשפּילט פֿריער, כּמעט גאָרנישט אַזוי לאַנג פֿריער. אָבער צי איז דען נישט דער פֿאַרגאַנגענהייט־כאַראַקטער פֿון אַ געשיכטע אַלץ טיפֿער, פֿולקומער און לעגענדאַרער, וואָס מער „סאַמע פֿאַר" זי האָט זיך אָפּגעשפּילט? דערצו קאָן גאַנץ גוט געמאָלט זיין, אַז אונזער געשיכטע האָט אַחוץ דעם, לויט איר אינערלעכער נאַטור, אַזוי צי אַנדערש, אַ ביסל צו טאָן מיט לעגענדע אויך.

מיר ווילן זי דערציילן בּפּרטיות, גענוי און גרינטלעך. וואָרעם — ווען איז דאָס אַמאָל די קורץ אָדער לאַנגווייליקייט פֿון אַ געשיכטע אָפּהענגיק געווען פֿונם רוים אָדער פֿון דער צייט, וואָס זי דאַרף פֿאַרנעמען? נישט האָבנדיק קיין מורא מ'זאָל אונז פֿאָרוואַרפֿן, אַז אַז מיר ווערן צוגעגעסן, זיינען מיר גיכער געניגט צו דער מיינונג, אַז באמת ווייל קאָן נאָר אַ זאַך, וואָס איז גרינטלעך.

כּלאַחר־יד וועט, דערפֿאַר, דער דערציילער נישט אָפּפּטרן די געשיכטע פֿון האַנס קאַסטאָרפּ. די זיבן טעג פֿון דער וואָך וועלן נישט קלעקן דערויף און זיבן חדשים אויך נישט. צום גלייכסטן איז, דער דערציילער זאָל פֿאָרויס זיך נישט מאַכן קלאָר, וויפֿל צייט די געשיכטע וועט אים האַלטן אין שפּאַן. לאָמיר האָפֿן צו גאָט, אַז קיין זיבן יאָר וועט עס זיכער נישט געדויערן.

און איצט לאָמיר אָנהייבן.

ערשט קאַפּיטל

אָנקום

אַ פּשוטער יונגער מענטש איז טיף אין זומער אַריין געפֿאָרן פֿון האַמבורג, זיין היים, קיין דאַוואָס־פּלאַץ אין גראַובינדען. ר'איז געפֿאָרן אויף דריי וואָכן צו גאַסט.

פֿון האַמבורג ביז אַהין איז אַ גאַנץ וויטע נסיעה, וואָס־אמת, אַ צו־וויטע אין פֿאַרגלייך צו אַזאַ קורצן פֿאַרבלייב. מ'דאַרף אַדורכפֿאָרן היפּשע עטלעכע לענדער, באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ; פֿון דעם דרום־דייטשן הויכפּליין — אַרונטער צום ברעג פֿון שוואַבישן ים און מיט אַ שיף — אויף זיינע שפּרינגענדיקע כוואַליעס אַוועק איבער תהומות, וועלכע מ'האָט אַמאָל געהאַלטן, אַז זיי זיינען אומענדלעך טיף.

פֿון דאַנען אָן ווערט צעבּרעקלט די רייזע, וואָס איז אַזוי לאַנג געגאַנגען מיט אַ ברייטן פֿאַרנעם, אין דירעקטע ליניעס. ס'מאַכן זיך מניעות און אָפּשטעלן. ביי ראָרשאַך, אין דער שווייץ, לאָזט מען זיך ווידער מיט דער באַן, אָבער בלויז ביז לאַנדקוואַרט, אַ קליינע אַלפּן־סטאַציע, וואו מ'מוז זיך איבערזעצן אין אַ צווייטן צוג. אין אַ ווינטיקער און קנאַפּ־צוציענדיקער געגנט שטייגט מען איין אין אַ שמאָל־שיניקער באַן. תיכף, ווי דער קליינער, אָבער, אַפּנים, אומגעוויינלעך שלעפּשטאַרקער לאָקאָמאָטיוו נעמט זיך רירן, הייבט זיך אָן דער אייגנטלעך אַוואַנטוריסטישער טייל פֿון דער נסיעה. מ'רייסט זיך כסדר אַרויף אינדערהייך און ס'נעמט קיין עק נישט. ווייל לפי־ערך ליגט נאָך די סטאַציע לאַנדקוואַרט אין אַ מעסיקער הייך. איצט פֿאָרט מען אויף אַן אמת אין די סאַמע הויכע בערג, אין אַ ווילדן, דערדריקנדיקן פֿעלזן־דורכגאַנג.

האַנס קאַסטאָרפּ — אַזוי הייסט דער יונגערמאַן — זיצט אַליין אין אַ קליינער, גרוי־אויסגעבעטער קופּע, מיט זיין האַנט־טאַש פֿון

קראָקאָדיל־לעדער — אַ מתנה פון זיין פעטער און דערציער, קאָנ־סול טינאַפּעל (מ׳זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל וויסן), מיט זיין ווינ־טערמאַנטל, וואָס הענגט אויף אַ האָקן און שאָקלט זיך צו און מיט זיין איינגעוויקלטן פלעד. ער זיצט ביי אַן אַראָפּגעלאָזט פענס־טער און היות דער נאָכמיטאָג איז געוואָרן אַלץ קילער, האָט ער — ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ טאַטנס אַ זינדל און אַ צעפּיעשטשעטן דער־צו — אויפגעהויבן דעם קאָלנער פון זיין מאָדיש־ברייטן, מיט זייד־אונטערגעשלאָגענעם זומער־איבערציער. לעבן אים, אויף דער באַנק, איז געלעגן אַ בראָשירט בוך מיטן נאָמען: „Ocean steamships״, וואָס ער האָט ביסלעכווייז שטודירט אין אָנהייב פון דער נסיעה. איצט ליגט עס פאַרוואָרפן אין אַ זייט און דער רויך פון סאַפּענדיקן לאָקאָמאָטיוו האָט שוין לאַנג פאַראומרייניקט זיין הילע מיט סאַזשע.

צוויי טעג פאָרן דערווייטערן אַ מענטש — און בפרט נאָך אַ יונגן, וואָס איז נאָך ווייניק איינגעוואָרצלט אין לעבן — פון זיין אַלטעגלעכער וועלט, פון אַלץ, וואָס ער האַלט פאַר זיינע פליכטן, אינטערעסן, זאָרגן, פּערספּעקטיוון — אַ סך מער, ווי ס׳דאַכט זיך בשעת מ׳פאָרט אויף דער דראָשקע צום וואָקזאַל. דער שטח, וואָס קוילערט זיך אַדורך מיט געלויף און געדריי צווישן אים און זיינע היימישע מקומות, נעמט אָן אַ כוח, וואָס געוויינלעך שרייבט מען אים צו דער צייט. פון שעה צו שעה קומען פאָר אינערלעכע שינויים, וואָס זיינען שטאַרק ענלעך צו די ענדערונגען, וואָס ס׳ברענגט מיט זיך די צייט, אָבער אויף אַ געוויסן אופן שטייגן זיי די ערשטע איבער. גלייך ווי די צייט, ברענגט מיט זיך אויך דער שטח פאַרגעסונג. געשען געשעט עס אָבער אַזוי: דער שטח הייבט אַרויס דעם מענטש פון זיינע אַלע באַציִונגען און ברענגט אים אַריין אין אַ פרייען אור־מצב. יאָ, אַפילו פעדאַנטן און באַלע־באַטימלעך מאַכט ער כלאַתר־יד פאַר נע־ונדניקעס. צייט — זאָגט מען — איז לעטהע*. אָבער פרעמדע לופט איז אויך אַזאַ מין געטראַנק, קאָן זיין, אַז עס ווירקט נישט אַזוי גרינטלעך, אָבער דערפאַר גייט עס שנעלער.

* מיט־לאָגישער טייך פון פאַרגעסונג.

דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט האַנס קאַסטאָרפּ. ער האָט נישט געהאַט בדעה צו נעמען זיין רייזע אַזוי געוואַלדיק ערנסט, זיך אינערלעך אַהירכצונעמען דערמיט. ער האָט גיכער געהאַט די כוונה גיך עס אָפּצוטאָן דערפאַר, ווייל ס'מוז אָפּגעטאָן ווערן, צוריקצוקומען דער אייגענער, ווי ר'איז אַרויסגעפאָרן און אָנצוהייבן דאָס לעבן אַקוראַט דאָרטן, וואו ער האָט עס מיט אַן אויגנבליק צוריק געמוזט אָפּלאָזן. נאָך נעכטן איז ער אינגאַנצן געווען באַהערשט מיטן געוויינלעכן געדאַנקען־קרייז, האָט זיך פאַרנומען מיט דעם נישט לאַנג איבערגעקומענעם עקזאַמען זיינעם און מיט דעם בקרובדיקן אַיינטריט זיינעם אויף פראַקטיק ביי טונדור און ווילמס (שיף־וואַרשטאַט, מאַשינען־פאַבריק און קעסל־שמידעריי). איבער די גאָענטסטע דריי וואָכן האָט ער אַוועקגעקוקט מיט דער גאַנצער אומגעדולדיקייט, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען פאַר זיין געמיט, פונדעסטוועגן האָט ער איצט געהאַט אַ געפיל, ווי אָט־די נסיעה וואָלט געפאָדערט זיין פולע אויפמערקזאַמקייט און גלייך ס'וואָלט זיך פאַר קיין פאַל נישט געלאָזט אָפּפטרן זי כלאַחר־יד. דאָס אויפהייבן זיך אין ספערן, וואו ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געטעמט און וואו ס'הערשן, ווי ער ווייסט, אינגאַנצן נישט־געוויינלעכע, אייגנטימלעך־דינע און קאַרגלעכע לעבנס־באַדינגונגען, — דאָס אַלץ האָט אים גענומען סיי אויפרעגן, סיי אָנפילן מיט אַ געוויסער מורא. די היים און דער אַלטער סדר זיינען נישט בלויז וייט, נאָר אויך קלאַפטער־טיף אונטער אים און ער האַלט נאָך אין איין שטייגן העכער. שוועבנדיק צווישן היים־און־סדר און דעם אומבאַקאַנטן, האָט ער זיך אַליין געפרעגט, ווי אַזוי ער וועט זיך דאָרטן אויבן פילן. אפשר איז עס געווען נישט קלוג און אומנוציק, אַז ער — געבוירן און געוווינט צו עטעמען בלויז עטלעכע מעטער איבערן ים־שפיגל — זאָל פלוצלונג זיך אַ הייב טאָן אין די דאָזיקע עקסטרעם־הויכע געגנטן און דערביי אַפילו נישט אָפּשטעלן זיך לכל־הפחות אויף עטלעכע טעג אין אַ מיטעלער געגנט? ער האָט שוין געוואָלט זיין אויפן אָרט. ווייל קוים וועט מען זיין אויבן — האָט ער געטראַכט — וועט זיך ווידער אָנהייבן לעבן, ווי אומעטום, און מ'וועט נישט דאַרפן, ווי איצט, קלעטערנדיק, כסדר געדענקען אין וואָס

פּאַר אַ אומגעוויינלעכע ספּערן מ'געפינט זיך. ער האָט אַרויסגעקוקט: דער צוג האָט זיך בייגעוודיק געשלענגלט אויף די שמאָלע שינעס. מ'האָט געזען די פאָדערשטע וואַגאָנען, מ'האָט געזען די מאַשין, וואָס האָט פון אָנשטרענגונג געזעצט מיט ברוינע, גרינע און שוואַרצע קנוילן רויך, וואָס זיינען אַוועק מיטן ווינט. רעכטס האָבן אין די טיפענישן גערוישט וואַסערן. לינקס האָבן טונקעלע סאָסנעס צווישן פעלזן זיך געריסן צום שטיין-גרויען הימל אַרויף. מ'איז אַדורכגעפאָרן דורך שטאָק-פינסטערע טונעלן און ווען ס'איז ווידער ליכטיק געוואָרן, האָבן זיך צעעפנט ברייטע אָפּגרונטן מיט ישובים אין די טיפענישן. זיי פאַרמאַכן זיך צוריק און ס'קומען נייע שמאָלע דורכגענג מיט רעשטלעך שניי אין זייערע דורכבראָכן און שפּאַלטן. מ'האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קליינע וואָקזאַלעכלעך, קאָפּ-סטאַציעס, פון וועלכע דער צוג גייט אָפּ אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. דאָס צעטומלט אינגאַנצן, ווייל מ'ווייסט מער נישט ווי אַזוי מ'פאָרט און מ'קאָן מער נישט געדענקען, אין וועלכער זייט פון דער וועלט מ'איז. ס'עפענען זיך פּרעכטיקע ווייטע לאַנדשאַפטן אין די הייליק-פאַנטאַסמאַגאָריש איינגעטורעמטע שפּיצן פון די הויכע בערג, וואוהין מ'רייסט זיך אַרויף און אַריין. דערנאָך בייגן זיך די וועגן אויס און ווערן צוריק פאַרלירן פאַר דעם יראת-הכבודיקן בליק. האַנס קאַסטאָרפּ באַמערקט, אַז די סטרעפע פון בלעטער-ביימער האָט ער שוין געלאָזט הינטער זיך, די סטרעפע פון זינג-פייגל — מסתמא אויך. דער דאָזיקער געדאַנק פון כסדרדיקן אויפהערן און פאַראָרעמונג ווירקט אַזוי, אַז ס'הייבט אים אָן אַ ביסל צו שווינדלען אין קאָפּ, נודען און ער מוז אַ צוויי סעקונדן פאַרשטעלן די אויגן מיט דער האַנט. ס'גייט-איבער, ער זעט, אַז דאָס אויפהייבן זיך האָט זיך געענדיקט. דעם הויכן דורכגאַנג איז מען איבערגעקומען. אויף גלייכער ערד קוילערט זיך איצט דער צוג לייכטער.

ס'איז געווען בערך אַכט אַ זייגער, דער טאָג איז נאָך נישט געהאַט אַוועק. אין דער ווייטער לאַנדשאַפט האָט זיך באַוויזן אַן אָזערע. איר פלייץ איז גרוי, ביי אירע ברעגן הייבן זיך שוואַרץ אויף סאָסנע-ביימער, ווערן וואָס העכער אַלץ דינער, פאַרלירן זיך און

לאָזן ווידער איבער נעפּלדיק=נאַקעטע שטיינער. מ'בלייבט שטיין ביי אַ קליינער סטאַציע, ס'איז דאַוואָס=דאָרף — אַזוי הערט האַנס קאַסטאָרפּ איסרופן אינדרויסן. גאָר בקרוב וועט ער זיין אויפן אָרט. אָבער פּלוצלונג דערהערט ער לעבן זיך יאָאַכים ציִמסענס קול, זיין קוזינס ברייטלעך האַמבורגער קול, וואָס זאָגט: „ט'מאָרגן, דו, נו, שטייג=אויס". ער גיט אַ קוק אַרויס: יאָאַכים אַליין שטייט אונטערן פענסטער, אין אַ ברוינעם אולסטער, אינגאַנצן אָן אַ היטל און מיט אַזאַ געזונטער צורה, ווי נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט. ער לאַכט און זאָגט ווייטער:

— קום אַרויס, דו, שעם דיך נישט.

— דאָ איז עס דאָך אָבער נאָך נישט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ צעטומלט און זיצט נאָך אַליץ.

— ס'איז יאָ דאָ. דאָ איז ס'דאָרף, צו דער סאַנאַטאָריע איז נעענטער פון דאַנען. כ'האָ, מיט אַ וואָגן. גיב נאָר אַהער דיינע זאַכן.

און לאַכנדיק, צעמישט, באַרוישט פונם אָנקום און באַגעגעניש, דערלאַנגט אים האַנס קאַסטאָרפּ זיין האַנט=טאַש מיטן ווינטער=מאַנטל, דעם איינגעוויקלטן פלעד, דעם שטעקן, דעם שירעם און סוף=כל=סוף אויך — דעם „Ocean steamships". דערנאָך לויפט ער אַדורך דעם גאַנצן קאָרידאָר און שפּרינגט אַרויס אויף דעם פּעראָן כדי אויף אַן אמת און — אַזוי צו זאָגן — פּערזענלעך זיך צו באַגריסן מיטן קוזין. די באַגריסונג איז נישט צו=האַרציק, ווי אַלעמאָל צווישן מענטשן, וואָס פירן זיך קיל און צוריקגעהאַלטן. ס'איז מאָדנע, אָבער אַ פאַקט איז, אַז זיי האָבן פון שטענדיק אויף איסגעמיטן זיך אָנצורופן איינער דעם אַנדערן ביים פאָרנאָמען, בלויז צוליב מורא פאַר צו=שטאַרקער האַרציקייט. היות מ'האָט זיך אָבער אויך נישט געקאָנט רופן ביי די צונעמען, האָט מען זיך באַגרעניעצט מיטן בלויזן „דו". דאָס איז געווען אַן אַלטער מנהג צווישןביידע קוזינען.

אַ מענטש אין אַ ליווריע, מיט אַ געליישט היטל, קוקט זיך צו ווי זיי — קאַסטאָרפּ און דער יונגער ציִמסען, וואָס האַלט זיך מיליטעריש — שאָקלען גיך און אַ ביסל פאַרלעגן מיט די הענט.

ער קומט צו און בעט בײַ האַנס קאַסטאָרפּ זײַן באַגאַזש=קוויט, ווײַל ער איז דער משרת פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאַנאַטאָריע „בערגהאָף“. ער איז גרײט אַוועקצוטראָגן קאַסטאָרפּס גרויסן קופֿערט פֿון וואָקזאַל קײַן „פּלאַץ“ און די הערן וועלן אַזוי=אַרום גלײַך מיטן וואָגן קאָנען צופֿאָרן צום אָוונט=ברויט. דער מענטש הינקט אויפֿפאַלנדיק, און דאָס ערשטע, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ פֿרעגט יאָאַכים ציִמסען, איז:

— ער איז אַ מלחמה=וועטעראַן? וואָס הינקט ער עפּעס אַזוי?

— יאָ, אַ שײנע מעשה — ענטפֿערט יאָאַכים אַ ביסל ביטער. — אַ מלחמה=וועטעראַן! יענער האָט דאָס פּעקל אין דער קני, אָדער — האָט עס געהאַט. ווײַל ער האָט זיך געלאָזט אַרויסנעמען דעם קני=ביין.

האַנס קאַסטאָרפּ כאַפּט זיך גיך. — יאָ, אַזוי — זאָגט ער, בשעת=מעשה הייבט ער אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך אום אינדערגיך. — וועסט מיר אָבער נישט אײַנרײדן, אַז די האָסט עס נאָך אויך. זעסט אויס, גלײַך ווי וואָלסט שוין געקריגן דײַנע שליפֿעס און וואָלסט געקומען גלײַך פֿון די מאַנעווערס.

און ער גיט אַ קוק אויפֿן קוזין פֿון אַ זײַט.

יאָאַכים איז גרעסער און ברייטער פֿון אים, אַ מוסטער פֿון יונגנטלעכן כּוח און ווי באַשאַפֿן פֿאַר אַ מונדיר. ער איז זייער ברוין, אַ טיפּ, וואָס טרעפֿט זיך גאָרנישט אַזוי זעלטן אין זײַן בלאָנדער היים. די הויט פֿון זײַן פּנים, וואָס איז סײַ=ווי=סײַ טונקל, איז דערצו נאָך אַזוי אָפּגעברענט, אַז זי האָט אַ קאָליר פֿון בראָנז. מיט זײַנע גרויסע, שוואַרצע אויגן און מיט זײַנע טונקעלע וואָנסעלעך איבער דעם פֿולן פֿײַן=געשניטענעם מויל וואָלט ער אַפֿילו געווען אַ שײנער, ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט אָפּשטייענדיקע אויערן. ביז צו אַ געוויסן עלטער זײַנען זיי געווען זײַן איינציקע זאָרג, און ווײַטאָג. איצט האָט ער אַנדערע דאגות. האַנס קאַסטאָרפּ רעדט ווייטער:

— וועסט דאָך גלײַך מיט מיר אַהיימפֿאָרן? — כ'זע באמת נישט קיין שום מניעה.

— גלײַך מיט דיר? — פֿרעגט דער קוזין און שטעלט אויף אים אָן זײַנע גרויסע אויגן, וואָס זײַנען אַלעמאָל געווען מילד,

בלויז אין די לעצטע פינף חדשים האָבן זיי געקריגן אַ ביסל אַ מידן און טרויעריקן אויסדרוק. — ווען הייסט עס?

— נו, אין דריי וואָכן אַרום.

— אַך, אַזוי, האָסט שוין אין זינען דאָס אַהיימפאָרן — ענט־פערט יאָאַכים. — נו, וואַרט נאָר, ביסט דאָך ערשט געקומען. דריי וואָכן זיינען, וואָס אמת, גאָרנישט פאַר אונז דאָ אינדערהויך. אָבער פאַר דיר, וואָס ביסט בלויז געקומען צו גאַסט, און וועסט בכלל דאָ זיין נישט מער ווי דריי וואָכן, — פאַר דיר איז עס דאָך אַ מאַסע צייט. קודם־כל דאַרפסטו זיך אַקלימאַטיזירן, דאָס איז גאָר־נישט אַזוי לייכט, זאָלסטו וויסן, אויסעדדעם איז דער קלימאַט נישט דאָס איינציקע אויסטערלישע ביי אונז. וועסט דאָ זען טיילמאָל גאַנץ נייע זאַכן, קוק דיך צו. און וואָס דו זאָגסט וועגן מיר— גייט עס נישט אַזוי גיך, דו. אין דריי וואָכן אַרום אַהיים — אַזוי שטעלט מען עס זיך פאָר אונטן ביי אייך. כ׳בין טאַקע ברוין, אָבער דאָס בין איך דער עיקר אָפּגעברענט פון שניי און ס׳האָט נישט אַזאַ גרויסן באַטייט, ווי בערענס זאָגט שטענדיק. ביי דער לעצ־טער גענעראַל־אונטערזוכונג האָט ער געזאָגט, אַז ס׳וועט נאָך כמעט זיכער הייערן אַ האַלב יאָר.

— אַ האַלב יאָר? משוגע ביסטו? — טענהט האַנס קאַס־טאָרפּ. פאַר דער סטאַציע־געביידע, וואָס זעט אויס, ווי אַ פּשוטע שאָפּע, איז ביז איצט געשטאַנען איינפן שטיינערנעם שאָסיי גרייט די געלע ברישקע. איצט האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט. בשעת ביידע קאַשטאַנעס נעמען זיך רירן, גיט זיך האַנס קאַסטאָרפּ אויסער זיך אַ וואָרף אויף דער האַרטער אויסבעטונג. — אַ האַלב יאָר? ביסט דאָך שוין כמעט אַ האַלב יאָר דאָ. וואו נעמט מען אַזויפיל צייט?

— יאָ, צייט — זאָגט יאָאַכים און שאָקלט צו עטלעכע מאָל גלייך מיטן קאָפּ, גלייך ווי ס׳וואָלט אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען קאַסטאָרפּס ערלעכע איפּגעבראַכטקייט. — זיי וואַרפן זיך דאָ מיט דער צייט, שטעל דיר פאָר. דריי וואָכן איז פאַר זיי איין טאָג. וועסט שוין זען, ווערסט שוין אַלץ דערגיין — זאָגט ער און גיט באַלד צו: דאָ באַקומט מען גאַנץ אַנדערע באַגריפן.

האַנס קאַסטאָרפּ באַטראַכט אים פֿון דער זייט.

— האָסט דיך דאָך אָבער פּרעכטיק פֿאַרריכט — זאָגט ער און שאָקלט אַלץ מיטן קאָפּ.

— יאָ, אַזוי מיינסטו? — ענטפֿערט יאָאַכים. — נישט אמת? איך מיין אויך אַזוי — זאָגט ער און זעצט זיך העכער אויף דער אײַזנבאַנבאַנק, אָבער באַלד בויגט ער זיך ווידער צוריק אויס.

— ס'איז מיר אַפֿילו בעסער — זאָגט ער — אָבער געזונט בין איך נאָך אַלץ נישט. לינקס אויבן, וואו מ'פֿלעגט אַמאָל הערן צישען, קלינגט איצט בלויז רוי. דאָס איז נאָך נישט אַזוי שלעכט, אָבער אונטן איז עס נאָך זייער רוי. אַחוץ דעם הערט מען נאָך גערייש אין צווייטן אינטערקאָסטאַל=חלל.

— ביסט דאָך געוואָרן אַ גאַנצער געלערנטער! — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— יאָ, דאָס איז, מ'שטיינס געזאָגט, למדנות. כ'וואָלט עס שוין גערן ווידער פֿאַרגעסן אין מיליטער — ענטפֿערט יאָאַכים. אָבער כ'האָב נאָך ליחות — זאָגט ער און גיט מיט די אַקסלען אַ צוק, וואָס איז אי אָפּגעלאָזן, אי שטאַרק. עס פּאַסט אים נישט צום פּנים. קאַסטאָרפּ דערזעט, ווי יאָאַכים ציט עפּעס אַרויס ביז אין דער העלפֿט פֿון דער קעשענע אין זײַן זייט און באַהאַלט עס צוריק: ס'איז אַ פֿלאַך, בייכיק פֿלעשל פֿון בלוי גלאָז מיט אַ מעטאַלענעם צושרויף. — דאָס האָבן כמעט אַלע בײַ אונז איבן — זאָגט ער. ס'האָט אויך אַ נאָמען בײַ אונז, אַ מין צונעמעניש, אַ גאַנץ קאָמישן. דו קוקסט דיך אַרום אויף דער געגנט?

האַנס קאַסטאָרפּ קוקט זיך אום און זאָגט: — פּרעכטיק!

— אַזוי מיינסטו? — פֿרעגט יאָאַכים.

זיי זײַנען ביז איצט געפֿאָרן אַ שטיק אין דער אומרעגלמעסיק באַבויטער גאַס, וואָס גייט פּאַראַלעל מיט די שינעס, אין דער ריכטונג פֿון דער טאָל=אַקס. דערנאָך האָבן זיי לינקס איבערגעהאַקט די שמאָלע שינעס, אַדורכגעפֿאָרן אַ וואַסער=פֿאַל און איצט גייט דער וואָגן לײַכט באַרג=אַרויף אויף אַ וועג אַקעגן וואַלדיקע פֿלעצער. אויף אַ נידעריק=זיך=אָפּרייסנדיקער לאָנקע שטייט דאָרטן מיטן פֿראָנט צו דרום=מערב אַ לאַנגע געבײַדע מיט אַ קאָפּול=טורעם. זי איז פֿול מיט

באַלקאָנען אין זעט אױס צוליב דעם פונדערװײטן לעבעדיק, װי אַ שװאָם. איצט װערן דאָרט אָנגעצונדן די ערשטע לאָמפּן. דער בין־השמשות פאַלט־צו אינדערגיך. די לײכטע אָװנט־רויטקייט, װאָס האָט אַ װײַלע באַלעבט דעם אײנטאָניקן הימל, איז איצט שוין אויסגעלאָשן. איצט הערשט אין דער נאַטור יענער פאַרבלאָזער, אויסגעדהייכטער און טרויעריקער איבערגאַנגצושטאַנד, װאָס קומט אַלע־מאָל סאַמע פאַרן נאַכט װערן. אין דעם באַזעצטן טאָל, װאָס איז װײַט אויסגעשטרעקט און אַ ביסל געשלענגלט, װערט ליכטיק אומעטום, סײַ אונטן, סײַ דאָ און דאָרט, אויף בײדע שיפּועים, דער עיקר אויף דעם רעכטן שיפּוע, װאָס רײַסט זיך אַפּער און איז פאַרבויט טעראַסן־מעסיק מיט בנינים.

לינקס ליִבן סטעזשקעס צו די לאָנקע־שיפּועים און פאַרלירן זיך אין דער טעמעפּר שװאַרצקייט פון די נאָדלװעלדער. די װײַטערע בערג־קוליסן, הינטן בײַם סוף, װאו דער טאָל װערט שמעלער, פאַרזינקען אין אַ אױסגעװעבטער בלויקייט. אַ װינט נעמט בלאָזן און מ׳דערפילט די נאַכטישע קילקייט.

— ניין, דעם אמת געזאָגט, זע איך גאָרנישט, ס׳זאָל זײַן אַזוי געװאַלדיק, — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — װאו זײַנען די גלעטשערס, און די געװאַלדיקע ריזן־בערג? אָט־דאָס איז דאָך נישט אַזוי הויך, דאַכט זיך מיר.

— פונדעסטװעגן, ס׳איז גאַנץ־הויך — ענטפערט יאָאַכים. — דו זעסט כמעט אומעטום די בײמער־גרענעצן. ס׳לאָזט זיך דערקענען אויפפאַלנדיק שאַרף. די סאָסנעס הערן אויף און צװאַמען מיט זײ הערט אַלץ אויף. אַ סוף, בלויז פעלזן, װי דו זעסט. דאָרטן אינדערהויך, רעכטס פונם שװאַרצהאָרן, דער שפּיץ דאָרט, — דאָרטן האָסטו אַפילו אַ גלעטשער. זעסט נאָך דאָס בלויע? ער איז נישט גרויס, אָבער ס׳איז אַ גלעטשער, װי ס׳דאַרף צו זײַן, דער סקאַלעטאַ־גלעטשער. פּיץ מיכעל און טינצענהאָרן אין דעם אויסהויל, — זײ קאָנסטו פון דאַנען נישט אַרויסזען, זײ ליגן כסדר באַדעקט מיט שניי, אַ גאַנץ יאָר.

— אין אײביקן שניי, — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

יאָ, אײבּיק, אױב דו װילסט. יאָ, דאָס אַלץ איז הױך. מיר אַלײן דינקט איך נישקשהדיק הױך, מוזט געדענקען. זעכצן הונדערט מעטער איבּערן ים. דאָ װען זיך די הױכקײטן נישט אַזױ אָן.

— יאָ, מהאָט געדאַרפט װאַקסנע קלעטערן. סאיז מיר אַזױ געװאָרן פינסטער אין קאַלאָמטנע, קאָן איך דיר זאָגן. זעכצנהונדערט מעטער! דאָס װײנען כמעט פינף טױזנט פוס, כזאָל גײן איבּערעכענען. יאָ, זינט איך לעב, בּין איך נאָך נישט געװען אַזױ הױך.— האַנס קאַסטאָרפּ גיט דערבּײַ מין ניגעריקײט אַ טיפּ, אױספּרובּירנדיקן אָטעם פון דער פרעמדער לופט. זי איז פריש — װײַטער גאָר נישט. זי האָט נישט קײן ריח, קײן טעם, קײן פײַכטקײט. זי דרינגט לײַכט אַרײַן און זאָגט דער נשמה גאָרנישט.

— אױסגעצײכנט, — באַמערקט ער לשבח־העפלעכקײט.

— יאָ, סאיז אַ באַרימטע לופט. אָבער, פרעזענטירט זיך הײַנטיקן אָװנט די געגנט נישט פון דער גוטער זײַט. טײלמאָל צײכנט זי זיך אױס, דער עיקר — װען סאיז אָנגעשנײט. אָבער סװעט זיך געװױנט אָן. אונדז אַלע דאָ אױבּן, קאָנסטו מיר גלױבּן, איז זי שױן גאַנץ גוט צוגעװױנט — זאָגט יאָאַכים און זײַן מױל פאַרציט זיך מיט אַן אױסדרוק פון עקל, װאָס װערט־אים צו זײַן איבּערגעטריבּן, אומבאַהערשט און פאַסט אים װידער נישט צו פּנים.

— דו רעדסט אַזױ מאָדנע, — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— מאָדנע רעד איך? — פרעגט יאָאַכים מיט אַ געװיסער פאַרװאָרטקײט און דרײט זיך אױס צו קאַסטאָרפּן.

— נײן, נײן, זײַ מוחל, סהאָט זיך מיר בלױז אַ רגע אַזױ אױסגעדאַכט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ אײַנרעדנדיק. געמײנט האָט ער דעם אױסדרוק „מיר דאָ אױבּן“, װעלכן יאָאַכים האָט באַנוצט שױן דאָס דריטע אָדער פערטע מאָל. עס האָט אױף אים עפּעס געװירקט מאָדנע און דערדריקנדיק.

— אונזער סאַנאַטאָריע ליגט, װי דו זעסט, נאָך העכער פון דעם אָרט — רעדט יאָאַכים װײַטער. — פופציק מעטער. אין פּראָספּעקט שטײט אַפילו הונדערט, אָבער פאַקטיש איז עס בלױז פופציק. אַמײַסטן הױך ליגט דאָרט אױבּן די סאַנאַטאָריע שאַצאַלפּ.

מ'קאָן זי נישט אַרױסזען. זײ מוזן אין װינטער די מתים אַראָפּ־לאָזן מיט באָבסלײטנס, װײל אױף די װעגן קאָן מען דעמאָלסט נישט פֿאָרן.

— װײערע מתים? — אַך, אַזױ! הער אַ מעשה! — טוט אַ רוף האַנס קאַסטאָרפּ. פּלוצלונג נעמט ער לאַכן, שטאַרק, אומ־אײנגעהאַלטן לאַכן, אַז זײן ברוסט טרײסלט זיך אױס. דאָס פּנים, װאָס איז אַ ביסל פֿאַרשטײפֿט פֿון קילן װינט, פֿאַרקרימט זיך שטיל אין װײטאָגדיק. — אױף באָבסלײטנס! און דו דערצײלסט עס נאָך מיט דער גאַנצער רויִקײט? — ביסט דאָך געװאָרן אינגאַנצן ציניש אין משך פֿון די פֿינף חדשים!

— גאָרנישט ציניש — ענטפֿערט יאָאַכים און צוקט מיט די אַקסלען. — װאָס איז דען? — די מתים איז אַלץ אײנס.... אַגב איז זײער מעגלעך, אַז מ'װערט דאָ בײ אונז ציניש. בערענס אַלײן איז אױך אַן אַלטער ציניקער — דערבײ אַ טײערער בחור, אַן אַלטער קאָרפּאָראַציע־סטודענט און אַ גלענצנדיקער אָפּעראַטאָר, װי ס'װײזט אױס. ער װעט דיר געפֿעלן. אַחוץ אים איז נאָך פֿאַראַן דאָ קראָקאָװסקי דער אַסיסטענט — אַ גאַנץ כיטרע בריאהלע. אין פּראָספּעקט איז ספּעציעל אָנגעװיזן זײן טעטיקײט: ער טרײבט פּסיכאָ־אַנאַליז מיט זײנע פּאַציענטן.

— װאָס אַזױנס? פּסיכאָאַנאַליז? — דאָס איז עקלדיק — רופֿט אױס האַנס קאַסטאָרפּ און פֿון איצט אָן איז גובר אין אים די פֿרײלעכקײט. ער איז מער נישט קײן באַלעבאָס איבער זיך. דעם לעצטן שטױס האָט געגעבן די פּסיכאָאַנאַליז. ער לאַכט אַזױ שטאַרק, אַז די טרערן לױפֿן אים אַראָפּ פֿון אונטער דער האַנט, מיט װעלכער ער דעקט צו — אַן אײנגעבױגענער פֿון לאַכן — די אױגן. יאָאַכים לאַכט אױך האַרציק — און ס'װערט אים, דאַכט זיך, דער־פֿון בעסער. אַזױ אַרום שטײגן די יונגעלײט אַרױס אײַנגערױמטע פֿון דעם װאָגן, װעלכער האָט זײ בײם סאַמע סוף געטראָגן אױף דעם משופּעדיקן צופֿאָר, װאָס פֿירט װי אַ שלײף צום פּאָרטאַל פֿון אינטערנאַציאָנאַלן סאַנאַטאָריום „בערגהאָף“.

נומער 34

גלייך רעכטס, צווישן דעם טויער פון הויז און דעם ווענטילאַטאָר איז געווען די לאָזשע פון הויז-משרת. פון דאָרטן איז אַרויסגעקומען זיי אַקעגן אַ פּאָרטיער, לויטן טיפּ — אַ פראַנצויז, וואָס ביז איצט געזעסן ביים טעלעפאָן און געלייענט צייטונגען. ער איז אָנגעטאָן אין דער זעלבער גרויער ליווריע, ווי דער הינקענדיקער פּאַרשוין ביים וואָקזאַל. ער פירט זיי דורך דער גוט-באַלויכטענער האַלע. לינקס געפינען זיך די געזעלשאַפט-זאַלן. פאַריבערגייענדיק קוקט האַנס קאַסטאָרפּ אַריין און זעט, אַז זיי זיינען ליידיק. ער פרעגט זיך וואו ס'זיינען די געסט און יאָאַכים ענטפערט:

— אויף דער ליג-וועראַנדע. איך האָב היינט גענומען אַן אַרויסגאַנג, ווייל כ'האָב דיך געוואָלט אָפּוואַרטן. אַזיסט — ליג איך אויך נאָכן אָוונטברויט אויפן באַלקאָן.

ס'פעלט נישט אַ סך, אַז האַנס קאַסטאָרפּ זאָל זיך אויפסניי מיזן צעלאַכן.

— וואָס, ביינאַכט אין אין נעפּל ליגט איר גאָר אויף די באַלקאָנען? — פרעגט ער מיט אַ אומזיכער קול...

— יאָ, אַזאַ געזעץ ביי אונז. פון אַכט ביז צען. אָבער קום נאָר, קוק נאָר אָן דיין צימער און וואַש אָפּ די הענט.

זיי גייען אַריין אין דער ווינדע און דער פראַנצויז דרייט אויף דעם עלעקטרישן אַפּאַראַט. בשעתן אַרויפפאָרן, ווישט זיך האַנס קאַסטאָרפּ אויס די אויגן.

— איך בין אינגאַנצן צעבראָכן און אויס מענטש פון לאַכן — זאָגט ער און אָטעמט דורכן מויל. — האָסט מיר אָנדערציילט אַזוי פיל נאַרישקייטן... די מעשה מיט ז'עם פּסיכאָאַנאַליטיקער איז שוין געווען איבער דער מאָס, נאָך דאָס האָט געפעלט. אַחוץ דעם בין איך אויך מסתמא אַ ביסל אָפּגעשוואַכט פון דער נסיעה. דו ליידסט אויך פון קאַלטע פיס? דערביי האָט מען נאָך אַ הייס פּנים, דאָס איז נישט אָנגענעם. מיר וועלן מסתמא באַלד עפּעס עסן? דאַכט זיך מיר, אַז כ'בין הונגעריק. מ'עסט כאָטש אָרנטלעך ביי אייך אויבן?

זיי גייען אָן אַ רויש אַדורך דעם קאָקוס-דיוואַן אין דער לענג פֿון שמאָלן קאָרידאָר. מילכיגלעזערנע אַבאַזשורן בלייכן זיך אויפֿן סופֿיט. די ווענט גלאַנצן ווייס און האַרט, געמאָלט מיט לאַקיר-טער אייל-פֿאַרב. מ'דערזעט אַ קראַנקן-שוועסטער, אין אַ ווייס הייבל און אויף דער נאָז — אַ צוויקער מיט אַ שנירל הינטערן אויער. זי איז אַ פּנים, אַ פּראָטעסטאַנטקע, איז נישט שטאַרק איבער-געגעבן איר פּראָפֿעסיע, אַ נייגעריקע, אַ באַאומרויקטע און אַ פֿאַר-נודעטע פֿון לאַנגווייליקייט. אויף צוויי ערטער אין קאָרידאָר, אויף דער פּאָדלאָגע, פֿאַר די ווייס-לאַקירטע נומערירטע טירן, שטייען עפּעס באַלאָנען, גרויסע, בייכיקע כּלים מיט קורצע העלזער. האַנס קאַס-טאָרפּ פֿאַרגעסט אַזש צו פֿרעגן, צו וואָס דאָס טויג.

— דאָ איז פֿאַר דיר — זאָגט יאָאַכים. — נומער פֿיר און דרייסיק. רעכטס וווין איך און לינקס — אַ רוסיש פּאָרפֿאָלק. וואָס אמת — אַ ביסל אָפּגעלאָזענע און שרייענדיקע, אָבער ס'איז נישט געווען קיין בּרירה. נו, וואָס-זשע זאָגסטו?

די טיר איז אַ טאָפּלטע, מיט מלבּושים-האָקנס אינם חלל. יאָאַכים האָט אויפֿגעדרייט דעם עלעקטרישן לאָמפּ אויפֿן סופֿיט. אין דער ציטערנדיקער קלאָרקייט האָט דאָס צימער אויסגעזען לוס-טיק און שלווהדיק מיט דעם ווייסן פּראַקטישן מעבל, מיט די ווייסע, שטאַרקע טאַפּעטן צו וואַשן, מיט די ריינע לינאָלעום-דיוואַנעס אויפֿן דיל און מיט די לייַנענע פֿוירהענגלעך, וואָס זיינען געהאָפֿטן לויט דער מאָדע — פּשוט און לעבעדיק. די באַלקאָן-טיר שטייט אָפֿן. מ'דערזעט די ליכטיקייט פֿון טאָל און מ'דערהערט אַ ווייטע טאַנץ-מוזיק. דער וואוילער יאָאַכים האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער קאָ-מאָדע עטלעכע בלומען אין אַ קליינער וואַזע. דאָס האָט געשטאַמט פֿון דער נאָענטער לאָנקע. אַ ביסל טויזנטבלעטלעך און גלעקעלעך, וואָס ער אַליין האָט אָנגעפּליקט.

— פּרעכטיק פֿון דיין זייט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— ס'אַר אַ פֿיין צימער! מ'קאָן דאָ גאָר פֿיין אָפּזיצן אַ פּאָר וואָכן.

— אייערנעכטן איז דאָ געשטאָרבן אַן אַמעריקאַנערין — זאָגט יאָאַכים. — בערענס האָט תּיכּף פֿאָרויסגעזאָגט, אַז זי וועט זיין

פּאַרטיק ביז דו וועסט קומען און אַז דו וועסט קאָנען קריגן איר צימער. איר חתן איז געווען בײַ איר, אַן ענגלישער פּלאַט־אָפיציר, אָבער געהאַלטן האָט ער זיך דווקא נישט פעסט. יעדע ווײַלע איז ער אַהיים אין קאָרידאָר ווײנען, ווי אַ קליין יינגל. דערנאָך האָט ער זיך געמוזט רייבן די באַקן מיט גאָלד־קרעם, ווײַל ר'איז געווען ראַזירט און די טרערן האָבן אים געברענט. אייערנעכטן אינאָוונט האָט די אַמעריקאַנערין געהאַט צוויי ערשט־קלאַסיקע בלוט־שטורצן און הערמיט האָט זיך עס געענדיקט. אָבער נאָך נעכטן אינדערפרי האָט מען זי אַרויסגענומען און אַלץ איז נאַטירלעך גע־וואָרן גרינטלעך אויסגערויכערט, מיט פאָרמאַלין. ווייסטו, דאָס איז, זאָגט מען, גוט צו אַזעלכע זאַכן.

האַנס קאַסטאָרפּ הערט אויס די מעשה אַ צעשטרייטער. שטיי־ענדיק מיט פאַרשאַרצטע אַרבל פאַר דעם גרויסן וואַש־בעקן, וואָס זיינע ניקלנע קראַנען בלישטשען אין עלעקטרישן ליכט, וואַרפט ער אינדערגיך אַ בליק צו דעם ווײַס־מעטאַלענעם רײַן געבעטן בעט.

— „אויסגערויכערט“ — דאָס איז אויסגעצייכנט! — זאָגט ער באַריידעוודיק און אַ ביסל מבולבלדיק. בשעת־מעשה וואַשט ער די הענט און ווישט זיי אָפּ. — יאָ, מעטילאַלדעהיד — דאָס האַלט נישט אויס די שטאַרקסטע באַקטעריע — H_2CO. אָבער ס'רייסט אין דער נאָז, נישט? זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז שטרענגע זויבער־קייט איז אַ הויפּט־תנאַי... ער זאָגט „זעלבסטפערס — טענדליך“ אין רוט זיך אָפּ צווישן די ס און דער ט. יאָאַכים דערפאַר האָט זיך זינט ר'איז געווען אַ סטודענט צוגעוויינט צו דער אָנגענומענער אויסשפּראַך. קאַסטאָרפּ רעדט ווייטער מיט גרויס פלינקייט: — וואָס האָב איך דאָ נאָך געוואָלט זאָגן?... מסתמא האָט דער פּלאַט־אָפיציר זיך ראַזירט מיט אַ זשילעטקע, לאָמיר אָננעמען. מיט די קליינע מעסערלעך צעקאַלעטשעט מען זיך גיכער, ווי מיט אַ גוט אויסגעשאַרפטער בריטווע. דאָס איז לכל־הפחות מיין אייגענע ערפאַ־רונג. איך באַנוץ אַמאָל דאָס און אַמאָל יענץ... נאַ, אויף דער צערייצטער הויט האָט דאָס געזאַלצענע וואַסער ווי־געטאָן, מסתמא איז ער געוויינט פון דער דינסט צו באַנוצן זיך מיט גאָלד־קרעם, כ'בין דאָ גאָרנישט תּשׂד... און ער פּלוידערט ווייטער, דערציילט,

אַז ער האָט אין דער וואַליזע צווי הונדערט שטיק „מאַריאַ מאַנציני“ — זיינע ציגאַרן. די רעוויזיע איז געווען גאָר אַ בנעימותדיקע. באַלד דערנאָך נעמט ער אָפּגעבן גרוסן פון פאַרשיידענע מענטשן אין דער היים. מ׳הייצט דען דאָ נישט? — גיט ער פּלוצלונג אַ רוף און לויפט צו צו די רערן, כדי צוצולייגן די הענט...

— ניין, מ׳האַלט ביי אונז דאָ גאַנץ קיל — ענטפערט יאָאַכים. — מ׳מוז צוואַרטן ביז אַווגוסט, דעמאָלסט ווערט טעטיק די צענטראַלבאַהייצונג.

— אַווגוסט, אַווגוסט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — איך ווער געפרוירן. ס׳איז מיר פּאַסקודנע קאַלט, אין קערפּער, מיין איך, ווייל דאָס פּנים ברענט ביי מיר מאָדנע. גיב נאָר אַ קוק, ווי איך ברען!

דער פאָרשלאָג אָנצוטאַפּן זיין פּנים איז אינגאַנצן נישט פּאַסיק צו האַנס קאַסטאָרפּס נאַטור און מאַכט אויף אים אַליין אַ פּיינלעכן איינדרוק. יאָאַכים איז אויך נישט מסכים און זאָגט בלויז:

— דאָס נעמט זיך פון דער לופט און מאַכט גאָר נישט נישט אויס. בערענס אַליין האָט אויך אַ גאַנצן טאָג בלויע באַקן. טייל מענטשן קאָנען קיינמאָל נישט געוויינט ווערן. נאָ, געגאַנגען, ווען נישט וועלן מיר נישט קריגן קיין עסן.

אויפן קאָרידאָר באַווייזט זיך ווידער די קראַנקען־שוועסטער, זי קוקט זיי נאָך נייגעריק און קורצזיכטיק. אָבער אויפן ערשטן שטאָק בלייבט האַנס קאַסטאָרפּ פּלוצלונג שטיין, צוגעשמידט פון אַ אימהדיק קול, וואָס הערט זיך פון נישט ווייט ביים ראָג פון קאָרידאָר, אַ קול נישט קיין הויכס, אָבער אַזאַ שרעקלעכס, אַז האַנס קאַסטאָרפּ פאַרקרימט זיך און קוקט אָן יאָאַכימען מיט גרויסע אויגן. ס׳איז אַ הוסט, אַפּנים — פון אַ מאַנסביל, אַ הוסט, וואָס איז לחלוטין נישט ענלעך צו דעם, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ האָט ווען־ס׳איז געהערט. יעדער מין הוסטן, וואָס איז אים באַקאַנט געווען ביז איצט, איז אין פאַרגלייך דערמיט אַ פרעכטיקער און געזונטער אויסדרוק פון לעבן. דער דאָזיקער הוסט איז געווען אינגאַנצן אָן יעדער פרייד און ליבע. אַ הוסט, וואָס ווערט נישט אַרויסגעשטויסן ווי געוויינלעך, נאָר קלינגט ווי אַ מוראדיק אומעכטיק קראַצן אין אַ קאַשע פון אָרגאַנישער צעפוילטקייט.

— יאָ, — זאָגט יאָאַכים. — מיט אים האַלט עס שמאָל. ווייסט, אַן עסטרייכישער אַריסטאָקראַט, אַן עלעגאַנטער מאַן און אינגאַנצן ווי אַ געבוירע׳ער פּרייץ. איצט איז ער אין אַזאַ מצב. אָבער ער גייט נאָך אַרום.

גייענדיק ווייטער האָט האַנס קאַסטאָרפּ ווידער אַ שמועס געטאָן וועגן דעם הוסטן פונם פּרייץ. — דו מוזט וויסן — האָט ער געזאָגט — אַז איך האָב נאָך עפּעס אַזוינס קיינמאָל נישט געהערט. ס׳איז פאַר מיר אינגאַנצן ניי, דערפאַר מאַכט עס אויף מיר אַזאַ איינדרוק. ס׳זיינען פאַראַן אַלערליי הוסטן, טרוקענע און פייכטע. מ׳זאָגט, אַז אַ פייכטער איז אפשר נאָך געזינטער אין בעסער, ווי אַ טרוקן בילן. ווען איך האָב אין מיינע יונגע יאָרן („אין מיינע יונגע יאָרן״ — זאָגט ער) געהאַט שטיקעניש אין האַלז, האָב איך געבילט, ווי אַ הונט. אַלע האָבן זיך געפרייט, ווען דער הוסט איז ווייכער געוואָרן. כ׳געדענק נאָך גאַנץ גוט. אָבער אַזאַ מין הוסטן, ווי דער — דערפון ווייס איך נאָך נישט. אַלנפאַלס — איך. דאָס איז לחלוטין נישט קיין הוסט פון אַ לעבעדיקן. ר׳איז נישט טרוקן, אָבער ווייך קאָן מען אים אויך נישט אָנרופן. ווייט נישט. ס׳איז אַקוראַט, ווי מ׳וואָלט בשעת-מעשה אַריינגעקוקט אין מענטש אַריין אין געזען, ווי ס׳זעט אינעווייניק אויס — איין מאַטשקע פון ליחות...

— נאַ — זאָגט יאָאַכים — איך הער עס יעדן טאָג, דו דאַרפסט עס מיר נישט אויסמאָלן.

אָבער האַנס קאַסטאָרפּ קאָן זיך גאָרנישט באַרויקן פון דעם הוסט. ער פאַרזיכערט נאָכאַמאָל, אַז מ׳זעט דערביי אַלץ, וואָס ס׳טוט זיך אינם אַריסטאָקראַט. ווען זיי קומען אַריין אין רעסטאָראַן, גלאַנצן ביי קאַסטאָרפן די אויגן פון רייזע-מידקייט.

אין רעסטאָראַן

אין רעסטאָראַן איז העל, עלעגאַנט און געמיטלעך. ער ליגט רעכטס פון דער האַלע, קעגנאיבער די קאָנווערזאַציע-צימערן. יאָאַכים ערקלערט, אַז דער דאָזיקער רעסטאָראַן ווערט דער עיקר באַ-

נוצט פון ניי־אָנגעקומענע, וואָס עסן — נישט אין דער געוויינלעכער
צייט; אייך פון אַזעלכע, וואָס האָבן געסט. אָבער אויך געבוירן־
טעג און געזעגענונג־באַנקעטן ווערן דאָ פייערלעך געפּראַוועט, אויך —
שמחהלעך לכבוד גינסטיקע רעזולטאַטן נאָך דער גענעראַל־אונטער־
זוכונג. טיילמאָל איז דאָ גאָר לעבעדיק אין רעסטאָראַן — זאָגט
יאָאַכים. — מ'סערווירט אַפילו שאַמפּאַניער. איצט איז דאָ קיינער
נישטאָ אַחוץ איין־און־איינציקע דאַמע בערך פון אַ יאָר דרייסיק.
זי לייענט אַ בוך, ברומט עפּעס צו פאַר זיך און קלאַפּט־צו כסדר
אין לייכט מיטן מיטלפינגער פון דער לינקער האַנט אויפן טישטעך.
אַז די יונגעלייט זעצן זיך אַוועק, טוישט זי דאָס אָרט און דרייט
זיך אויס צו זיי מיט דער פּלייצע. זי מיידט אויס מענטשן —
דערציילט יאָאַכים שטילערהייט — און עסט אין רעסטאָראַן אַלע־
מאָל מיט אַ בוך. מ'שמועסט, אַז זי האָט אָנגעהויבן צו זיצן אין
לינגען־סאַנאַטאָריעס, ווען זי איז נאָך געווען אַ יונג מיידל און פון
דעמאָלסט אָן איז זי אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער וועלט.

— אויב אַזוי, ביסטו דאָך מיט דיינע פינף חדשים נאָך גאָר
אַ וויקל־קינד אין פאַרגלייך מיט איר. אַפילו ווען זאָלסט דאָ אָפּ־
זיצן אַ יאָר — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ צו יאָאַכימען. יאָאַכים נעמט
די מעניו־קאַרטע און ענטפערט אים מיט יענעם אַקסל־צוקן, וואָס
איז ביז איצט נישט געווען אין זיין טבע.

זיי האָבן זיך געזעצט ביי דעם העכערן טיש ביים פענסטער,
אויפן שענסטן אָרט. זיי זיצן איינער אַקעגן אַנדערן ביים קרעם־קאָ־
לירטן פירהאַנג. די פנימער גליען קעגן דעם שיין פון עלעקטרישן
טיש־לאָמפּ, וואָס איז רויט אַרומגעהילט. האַנס קאַסטאָרפּ לייגט
צונויף זיינע פריש־געוואַשענע הענט און רייבט זיי איינע אין דער
אַנדערער באַקוועם און אָפּוואַרטנדיק, ווי זיי שטייגער איז בעת ער
זעצט זיך צום טיש. אפשר דערפאַר — ווייל זיינע אָבות פלעגן מתפּלל
זיין פאַר דער זופּ. אַ פריינדלעך מיידל, וואָס רעדט פון גומען
אַרויס, אין אַ שוואַרץ קלייד, מיט אַ וויס שירצל און מיט אַ גרויס
פּנים פון אַ שטאַרק־געזונטן קאָליר, דערלאַנגט צום טיש. אַ לוס־
טיקער הערט האַנס קאַסטאָרפּ דערציילן, אַז דאָ רופט מען די קעל־
נערינס — „זאַל־טעכטער“. זיי באַשטעלן ביי איר אַ פלאַש גריאָר־

לאַראָז, נאָר האַנס קאַסטאָרפּ שיקט זי אָפּ, מ'זאָל זי בעסער אָנוואַרעמען. דאָס עסן איז אויסגעצייכנט. מ'דערלאַנגט שפּאַרגל־זופּ, געפילטע פּאָמידאָרן, בראָטן מיט עטלעכע צושפּייזן, אַ ספּעציעלע גוטגעמאַכטע מעל־שפּייז, קעז און אויבס. האַנס קאַסטאָרפּ עסט געשמאַק, כאָטש זיין אַפּעטיט איז נישט אַזאַ שטאַרקער, ווי ער האָט זיך גערעכנט. אָבער ר'איז געוויינט אַ סך צו עסן אַפילו, ווען ער איז נישט הונגעריק, בלויז צוליב אַכטונג צו זיך אַליין.

יאָאַכים איז פון די מאַכלים ווייניק נתפּעל. זיי זיינען אים שוין צוגעגעסן, דאָס אייגענע איז מיט אַלע דאָ אויבן. ס'איז שוין געוואָרן אַ מנהג צו זידלען דאָס עסן. ווייל — ווען מ'זיצט אָפּ אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך... דערפאַר טרינקט ער מיט הנאה, אַפילו מיט אַ מין כוונה, דעם ווין, און כאָטש ער מיידט אויס זאָרגעוודיק נישט צו ווערן צו־סענטימענטאַל, קאָן ער זיך פונדעסטוועגן נישט איינהאַלטן נישט אויסצודריקן יעדעס מאָל זיין צופרידנקייט, הלמאַי ס'איז דאָ אַ מענטש, מיט וועלכן מ'קאָן אַ לייטיש וואָרט אויסריידן.

— יאָ, ס'איז אַ בריליאַנטענע זאַך, וואָס דו ביסט געקומען — זאָגט ער און זיין ברייטלעך קול איז גערירט. — כ'מעג זאָגן, אַז ס'איז פאַר מיר ממש אַ געשעעניש. ס'איז אַ דערפרישונג — כ'מיין, ס'איז אַ איבעררייס, אַן אָפּבייט אין דער אייביקער, נישט־איבעהערנדיקער איינטאָניקייט...

— אָבער די צייט מוז דאָ אַוועק גאַנץ גיך — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— גיך און פּאַמעלעך — ווי דו ווילסט — ענטפערט יאָאַכים.— זי גייט בכלל נישט אַוועק, זאָג איך דיר. ס'איז גאָר קיין צייט נישט און אויך קיין לעבן נישט, — ניין, ס'איז נישט — זאָגט ער שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און נעמט זיך ווידער צום גלאָז.

האַנס קאַסטאָרפּ טרינקט אויך, כאָטש זיין פּנים ברענט איצט, ווי פייער. אין קערפּער איז אים נאָך אַלץ קאַלט; אין זיינע אברים ציטערט אַ באַזונדערס פריידיקע און אַ ביסל פּיינלעכע אומרויקייט. ער רעדט האַסטיק, איז זיך אָפּט טועה, מאַכט אַוועק מיט דער האַנט און רעדט ווייטער. אַגב, איז אויך יאָאַכים לעבעדיק און זייער שמועס ווערט נאָך פרייער און אויפגערוימטער, ווען די אונ־

שטערבומענדיקע דאַמע הייבט זיך גאַנץ פּלוצלונג אויף און גייט אַרויס. זיי וואַרפן ביים עסן מיט די גאָפּלען, מאַכן (מיט אַ ביסן אין דער באַק) וויכטיקע מינעס, לאַכן, שאָקלען די קעפּ, הייבן די אַקסלען און ריידן, נאָך איידער זיי שלינגען רעכט אַראָפּ. יאָאַכים וויל וויסן וואָס ס'הערט זיך אין האַמבורג און האָט אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף דער געפּלאַנטער רעגולירונג פון דעם טייך עלבע.

עפּאָכע-מאַכנדיק! — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — עפּאָכע-מאַכנדיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונזער שיף-וועזן — ס'איז גאָרנישט קיין גוזמא. מיר שטעלן גלייך אַריין אין בודזשעט אַן איינמאָליקע הוצאה פון 50 מיליאָן און מעגסט זיין זיכער, אַז מיר ווייסן גאַנץ גוט, וואָס מיר טוען.

ביי דער גאַנצער וויכטיקייט, וואָס ס'האָט פאַר אים די רעגולירונג פון דער עלבע, גייט ער פונדעסטוועגן באַלד אַריבער אויף אַן אַנדער טעמע און פאַרלאַנגט, אַז יאָאַכים זאָל אים נאָך עפּעס דערציילן וועגן לעבן „דאָ אויבן" און וועגן די געסט. יאָאַכים טוט עס אים מיט פאַרגעניגן צוליב, עס טוט אים הנאה, וואָס ער קאָן זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. ער מוז איבערחזרן די מעשה מיט די מתים, וועלכע מ'לאָזט אַראָפּ אין באָב-שליטנס, און ווידעראַמאָל פאַרזיכערן, אַז ס'איז אַן אמת. האַנס קאַסטאָרפּ נעמט ווידער לאַכן און יאָאַכים לאַכט מיט, דאַכט זיך, מיט גרויס הנאה. דערנאָך נעמט ער דערציילן אַנדערע קאָמישע זאַכן, כדי נאָך צו פאַרשטאַרקערן די הפקרדיקע שטימונג. אַ דאַמע איז אַמאָל געזעסן מיט אים צוזאַמען ביים טיש, געהייסן האָט זי — פרוי שטער, אַגב זייער אַ קראַנקע, אַ פרוי פון אַ מוזיקער פון קאַנשטאַט — דאָס איז געווען דאָס סאַמע עם-הארצישסטע באַשעפעניש, וואָס ער האָט נאָר באַגעגנט אין לעבן. „דעזינפיסצירן" פלעגט זי זאָגן, אָבער אין סאַמע ערנסט. דעם אַסיסטענט קראָקאָווסקי האָט זי גערופן „פאַמולוס"*. מ'האָט דאָס געדאַרפט אַראָפּשלינגען און דערביי נאָך מאַכן אַ ערנסטע צורה. אויסערדעם איז זי געווען אַ לשון-הרעניצע, ווי ס'רוב ווייבער דאָ אויבן. וועגן אַן אַנדער דאַמע האָט זי געזאָגט, אַז זי טראָגט

* אַנשטאָט פאַאומולוס.

אַ „סטערילעט“. „סטערילעט“ האָט זי דאָס אָנגערופן — דאָס איז דאָך גאָלד: האַלב־לינגדיק, מיט פּאַרוואָרפענע קעפּ אויף די אָנ־לענס פון זייערע שטולן — האָבן ביידע אַזוי געלאַכט, אַז זיי האָבן אינגאַנצן געציטערט און ביידע האָבן כמעט אויף איינמאָל אָנגע־הייבן שלוקערצן.

פּלוצלונג איז יאָאַכים געוואָרן מרה־שחורהדיק און זיך דער־מאָנט אין זיין צרה.

— יאָ, מיר זיצן דאָ און לאַכן — זאָגט ער מיט אַ ווייטאָג־דיקער צורה און פון ווילע צו ווילע הייבט ער ווידער אָן לאַכן.— דערביי הייב איך נישט אָן צו וויסן, ווען איך וועל אַמאָל אַרויס פון דאַנען. ווייל ווען בערענס זאָגט אַ האַלב יאָר, איז נאָך גאָר קיין ראַיה נישט. מ'מוז זיך תיכף ריכטן אויף מער. אָבער ס'איז דאָך שווער; זאָג אַליין, צי ס'איז נישט אַ טרויעריק עסק פאַר מיר. דאָרטן בין איך שוין געווען צוגענומען און אין אַ חודש אַרום וואָלט איך געקענט אָפּגעבן אָפיציר־עקזאַמען. איצט וואַלגער איך מיך דאָ אַרום מיטן טערמאָמעטער אין מויל, צייל די גרייזן פון דער אומגעבילדעטער פרוי שטער און פטר צייט. אין אונזער עלטער שפּילט אַ יאָר אַ גרויסע ראָלע, אין לעבן דאָרט אונטן, ברענגט עס מיט זיך אַזויפיל פאַרענדערונגען און נייסן. איצט מוז איך דאָ פוילן, ווי אַ באַגנע, יאָ ממש, ווי אַ פוילנדיקער זומפּ. ס'איז גאָר־נישט קיין איבערגעטריבענער פאַרגלייך...

מאָדנע, האַנס קאַסטאָרפּ ענטפערט דערויף בלויז מיט דער פראַגע, צי מ'קאָן דאָ קריגן פּאָרטער אויך, און אַז יאָאַכים גיט אויף אים אַ קוק מיט שטוינונג, זעט ער, אַז ער האַלט ביי אײַנשלאָפן. אייגנט־לעך שלאָפט ער כמעט שוין.

— די שלאָפסט גאָר! — זאָגט יאָאַכים. — קום, ס'איז שוין צייט פאַר אונז ביידע צו גיין זיך לייגן.

— ס'איז גאָרנישט קיין צייט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ מיט אַ שווערער צונג. פונדעסטוועגן גייט ער מיט, אַ ביסל איינגעבויגן און מיט שטייפע פיס, ווי אַ מענטש, וואָס פאַלט פשוט פון מידקייט. פונדעסטוועגן, ווען זיי גייען אַדורך די מאַט־באַלויכטענע האַלע און יאָאַכים גיט אַ זאָג:

— דאָ זיצט קראָקאָווסקי. איך מוז דיך, מיין איך, נאָך אינדערגיך פאַרשטעלן —

שטאַרקט זיך קאַסטאָרפּ מיט אַלע כּוחות. דר. קראָקאָווסקי זיצט אין דער ליכטיק, ביים קאַמין פון אַ קאָנווערזאַציע־צימער, גלייך ביי דער אָפענער היק־טיר. ער לייענט אַ צייטונג. ווען די יונגעלייט גייען צו צו אים, שטייט ער אויף. יאָאַכים האַלט זיך מיליטעריש און זאָגט:

— ערלויבט מיר, ביטע, העד דאָקטאָר, פאָרצושטעלן מיין קוזין קאַסטאָרפּ פון האַמבורג. ער איז נאָר־וואָס אָנגעקומען.

דר. קראָקאָווסקי באַגריסט דעם נייעם שכן מיט אַ מין לוסטיקער, פעסטער און אויפמונטערנדיקער האַרציקייט, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט געבן אָנצוהערן, אַז פּנים־אל־פּנים מיט אים איז איבעריק יעדע פאַרלעגנהייט און בלויז פריילעכער צוטרוי איז דאָ איפן אָרט. ער איז אַלט בערך פינף און דרייסיק יאָר, אַ ברייטבייניקער, אַ פעטער, אַ סך קלענער פוןביידע יונגעלייט, אַזוי, אַז ער מוז אַ ביסל פאַרוואַרפן דעם קאָפּ אינדערקרים, כּדי זיי צו קוקן אין פּנים אַריין. ער איז נישט־געוויינלעך בלייך, ס׳איז אַ מין דורכזיכטיקע, פאָספאָרעסצירנדיקע בלאַסקייט, וואָס ווערט נאָך בולטער צוליב דעם טונקעלן פלאַקער פון זיינע אויגן, דורך דער שוואַרצקייט פון זיינע ברעמען און דורך דער גאַנץ לאַנגער באָרד מיט די צוויי שפּיצן, וואו ס׳וואַרפן זיך שוין אַדורך עטלעכע ווייסע פעדים. ער טראָגט אַ שוואַרצע, שוין אַ ביסל אָפּגענוצטע מאַרינאַרקע, מיט צוויי שורות קנעפּ, שוואַרצע האַלבע שיך מיט לעכלעך, ענלעכע צו סאַנדאַלן, דיקע גרוי־וואָלענע זאָקן און אַ איבערגעוואָרפענעם ברייטן קראַגן. אַזאַ מין קראַגן האָט האַנס קאַסטאָרפּ ביז איצט געזען בלויז ביי אַ פאָטאָגראַף אין דאַנציג. דער דאָזיקער קראַגן האָט צוגעגעבן אין דער ווירקלעכקייט דער געשטאַלט פון דר. קראָקאָווסקי עפּעס אַטעליע־מעסיקס. ער האָט האַרציק געשמייכלט, געוויזן אַ מייל געלבלעכע ציין, געשאָקלט ביים יונגנמאַן די האַנט. ער רעדט מיט אַ באַריטאָן און מיט אַ ביסל אַן אויסלענדיש־שלעפּנדיקן אַקצענט:

— זייט באַגריסט, העד קאַסטאָרפּ! לאָמיר האָפן, אַז איר וועט

זיך גיך אײַנלעבן און זיך פֿילן גוט צווישן אונז. קומט איר צו אונז ווי אַ פּאַציענט, אויב ס'איז מיר ערלויבט צו פֿרעגן?

ס'איז ממש געווען רירנדיק צוצוקוקן, ווי האַנס קאַסטאָרפּ שטרענגט זיך אָן צו האַלטן זיך לײַטיש און גובר צו זײַן דעם שלאָף. ס'אַרט אים, הלמאַי ער דאַלט זיך אַזוי שלעכט. פֿול מיט חשד אין שטאָלץ, ווי אַלעמאָל יונגעלײַט, — מיינט ער, אַז דעם דאָק־טאָרס שמייכלען און זײַן אויפֿמונטערדיקייט זײַנען סימנים פֿון גע־הילדיקן חוזק. ער ענטפֿערט, רעדט וועגן די דרײַ וואָכן, דערמאָנט וועגן זײַן עקזאַמען און גיט־צו, אַז ר'איז, דאַנקען גאָט, אינגאַנצן געזונט.

— באמת? — פֿרעגט דר. קראָקאָווסקי אין בשעת־מעשה גיט ער, ווי אויף צו רייצן זיך, אַ פֿאַרוואַרף דעם קאָפּ אינדערקרים און זײַן שמייכל ווערט נאָך שטאַרקער... — אויב אַזוי, זענט איר אַ אויסטערלישע ערשיינונג! ווײַל מיר איז נאָך נישט פֿאָרגעקומען אַ מענטש, וואָס זאָל זײַן אינגאַנצן געזונט. וואָס פֿאַר אַן עקזאַמען האָט איר אָפּגעהאַלטן, אויב ס'איז מיר ערלויבט צו פֿרעגן?

— איך בין אַן אינזשעניער, הער דאָקטאָר — ענטפֿערט האַנס קאַסטאָרפּ מיט באַשיידענער ווערדיקייט.

? אַהאַ, אַן אינזשעניער! — און דר. קראָקאָווסקיס שמייכל ווערט תיכּף שוואַכער, פֿאַרלירט אויף אַ רגע זײַן קראַפֿט און האַרציקייט. — דאָס איז אַן ענין. ווערט איר, הייסט עס, זיך דאָ נישט לאָזן מעדיציניש באַהאַנדלען נישט קערפּערלעך און נישט פּסיכיש?

— ניין, טויזנט דאַנק — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ און טרעט כּמעט אָפּ אַ טריט אויף צוריק.

אין דער רגע הייבט דר. קראָקאָווסקי ווידער אָן פֿעסט צו שמייכלען. ער דערלאַנגט דעם יונגנמאַן די האַנט, שאָקלט זי און זאָגט הויך:

— אויב אַזוי, שלאָפֿט־זשע געזונטערהייט, הער קאַסטאָרפּ, און האָט הנאה פֿון אײַער גוט געזונט! שלאָפֿט געזונטערהייט און צום ווידערזען! — דערמיט לאָזט ער אָפּ די יונגעלײַט און זעצט זיך ווידער אַוועק לייענען די צײַטונג.

די ווינדע האָט מער נישט קיין באַדינונג און זיי גייען צו־ריק אַראָפּ מיט די טרעפּ, שווייגנדיק און אַ ביסל צעטומלט פון דער באַגעגעניש מיטן דר. קראָקאָווסקי. יאָאַכים באַגלייט קאַסטאָרפּן אינם נומער 34 אַריין. דער הינקענדיקער האָט שוין דאָרטן אַוועק־געלייגט דעם באַגאַזש. זיי פּלוידערן נאָך אַ פערטל שעה, בשעת־מעשה פּאַקט־אויס האַנס קאַסטאָרפּ די וואַש־מכשירים און דעם נאַכט־טואַלעט און רויכערט דערביי אַ דיקן לייכטן פּאַפּיראָס. קיין ציגאַר איז אים היינט נישט אויסגעקומען צו רויכערן און ס'קומט אים פּאָר וואונדערלעך און משונהדיק.

— ער זעט־אויס גאָר וואַזשנע — זאָגט ער און לאָזט אַרויס דעם רויך, וואָס ער האָט אַריינגעאָטעמט ביים ריידן. — וואַקס־בלייך איז ער, אָבער מיט זיינע שיך און זאָקן זעט ער אויס גאָר מיאוס. גרוי־וואָלענע זאָקן און דערצו די סאַנדאַלן. ווי מיינסטו, ער האָט זיך באַליידיקט?

— עס איז אַ ביסל זיין שוואַכע זייט — איז יאָאַכים מודה. — האָסט דיך נישט געדאַרפט אַזוי קאַטעגאָריש אָפּזאָגן פון מעדי־צינישער באַהאַנדלונג, לכל־הפּחות — פון פּסיכישער. עס פאַר־דריסט אים, וואָס מ'זאָגט זיך אָפּ דערפון. פון מיר איז ער אויך נישט איבעריק נתפעל, ווייל איך דערצייל אים צו־ווייניק מיינע ענינים. אָבער פון צייט־צו־צייט דערצייל איך אים אַ חלום, כדי ער זאָל האָבן וואָס צו אַנאַליזירן.

— איב אַזוי, האָב איך אים טאַקע געטאָן אַן עוולה — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ מיט פאַרדרוס. ווייל ר'איז אומצופרידן מיט זיך אַליין, הלמאַי ער זאָל האָבן עמעצן אָנגעטאָן עגמת־נפש. פּלוצ־לונג באַפאַלט אים שטאַרק די מידקייט אויפסניי.

— אַ גוטע נאַכט — זאָגט ער — איך פאַל פון די פיס.

— אַרום אַכט אַ זייגער וועל איך דיך קומען נעמען צו פרישטיק — זאָגט יאָאַכים און גייט אַרויס.

האַנס קאַסטאָרפּ פּטרט אינדערגיך אָפּ זיין נאַכט־טואַלעט. תיכף נאָכדעם, ווי ער לעשט אויס דאָס נאַכט־לעמפל, באַפאַלט אים דער שלאָף. באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז אין דעם בעט איז עמעצער אייערנעכטן געשטאָרבן און ס'באַפאַלט אים אַ מורא. מסתמא איז

עס נישט געשען צום ערשטן מאָל — זאָגט ער זיך אַליין, גלייך ווי דאָס וואָלט אים געקאָנט באַרויִקן. ס'איז פשוט אַ מתים-בעט, אַ געוויינלעך מתים-בעט. באַלד דערנאָך ווערט ער אַנטשלאָפן.

אָבער תיכף, ווי ער שלאָפט איין, הייבט אים אָן צו חלומען און ער חלומט אַזוי כמעט ביז אינדערפרי. דער עיקר זעט ער די גאַנצע צייט יאָאַכים צימסען אַ מאָדנע אויסגעקרימטן און ווי ער גליטשט זיך אַראָפּ אויף אַ קרומען וועג מיט אַ באָב-שליטן. ער איז אַזוי פּאָספאָרעסצירנדיק בלייך, ווי דער דר. קראָקאָווסקי. פון פאָרנט זיצט דער עסטרייכישער אַריסטאָקראַט, וואָס האָט גאָר אַן אומבאַשטימטן אויסזען, ווי עמעצער, וואָס מ'האָט אים בלויז געהערט הוסטן. ער לענקט דעם שליטן. — ס'איז אונז אַלץ איינס, — אונז דאָ אויבן — זאָגט דער אויסגעקרימטער יאָאַכים און ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז ער — נישט דער אַריסטאָקראַט — האָט דאָס אַזוי מוראדיק געהוסט. האַנס קאַסטאָרפּ נעמט ביטער וויינען און פאַרשטייט, אַז ער מוז תיכף לויפן אין אַפּטייק אַריין, כדי צו שאַפן גאָלד-קרעם. אָבער אויפן וועג זיצט די פרוי אילטיס מיט אַ שפּיציקער מאָרדע. זי האַלט עפּעס אין דער האַנט, עס דאַרף, אַפּנים, זיין דער „סטערילעט". פּאַקטיש איז עס בלויז אַ זשילעטקע. האַנס קאַסטאָרפּ צעלאַכט זיך ווידער — אַזוי ווערט ער געשליידערט פון איין געמיט-שטימונג אין דער אַנדערער, ביז דער פרימאָרגן נעמט גרויען דורך דער האַלב-געעפנטער באַלקאָן-טיר און וועקט אים אויף.

צווייט קאַפּיטל

פון דער טויפשאָל און פון דעם זיידן מיט דער טאָפּלטער געשטאַלט.

האַנס קאַסטאָרפּן זיינען געבליבן פון זיין עלטערנס הויז בלויז בלאַסע זכרונות. טאַטע=מאַמע געדענקט ער קוים. זיי זיינען אַוועקגעשטאָרבן אין משך פון דער צייט צווישן זיין פינפטן און זיבעטן יאָר פון זיין לעבן. פריער איז געשטאָרבן די מוטער, אינגאַנצן אומגעריכט, בעת זי האָט זיך געריכט אין בעט אַריין. גענומען האָט זיך עס פון אַ געפעס=פאַרשטאָפּונג צוליב אַ וועגען=אָנצינדונג — אַ עמבאָליע, ווי דר. היידעקינד האָט עס אָנגערופן. די דאָזיקע עמבאָליע האָט אַרויסגערופן אַ מאָמענטאַלן האַרץ=פּאַראַליטש: זי איז געזעסן אין בעט און געלאַכט און ס'האָט אויסגעזען, אַז זי פאַלט אַוועק פון געלעכטער. פאַקטיש איז זי געפאַלן אַ טויטע. פאַר האַנס הערמאַן קאַסטאָרפּ, דעם פאָטער, איז דאָס נישט לייכט געווען צו באַנעמען. ער איז טיף געווען צוגעבונדן צו זיין פרוי און דערצו נישט געווען פון די גרויסע גיבורים, אַזוי, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה טאָן דערמיט. זינט דעמאָלסט איז ער אינגאַנצן געוואָרן עובר=בטל. פון גרויס צעטומלונג האָט ער אָנגעהיבן מאַכן געשעפטלעכע פעלערן, אַזוי, אַז די פירמע „קאַסטאָרפּ און זון" האָט געליטן גרויסע היזקות. מיט אַ יאָר שפּעטער אין פרילינג האָט ער בעת אַן אינספּעקציע פון די שפּייכלערס ביים ווינטיקן האַפן אַריינגעכאַפּט אַ לונגען=אָנצינדונג. זיין דערשיטערט האַרץ האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן די הויכע היץ און ער איז אין משך פון פינף טעג געשטאָרבן, נישט געקוקט דערויף, וואָס דר. היידעקינד האָט אים באַהאַנדלט מיט אַזויפיל זאָרגעוודיקייט. ער איז אַוועק נאָך זיין פרוי, בכבודיק באַלייט פון דער בירגערשאַפט און באַגראָבן געוואָרן אין קאַסטאָרפּישן פאַמיליען=קבר, וואָס ליגט אויף

דעם סאַנקט־קאַטאַרינען בית־עולם, אין זייער אַ שיין אָרט, מיט אַן אַרויסבליק צום באָטאַנישן גאָרטן.

זיין פאָטער, דער סענאַטאָר, האָט אים איבערגעלעבט, כאָטש נישט אויף אַ סך. דער אַלטער איז אויך געשטאָרבן פון אַ לונגען־אָנצינדונג, אָבער נאָך אַ שווערן געראַנגל און אין גרויסע יסורים, ווייל להיפוך צום זון, — איז האַנס לאָרענץ קאַסטאָרפ געווען אַ נאַטור, וואָס לאָזט זיך נישט אַזוי גיך אונטערהאַקן און איז שטאַרק איינגעוואָרצלט אין לעבן. אין משך פון דער צייט צווישן זון און פאָטער, אָנדערטהאַלבן יאָר, האָט דער יתום האַנס קאַסטאָרפ געלעבט ביים זיידן אין הויז, אַ הויז, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין אָנהייב פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אויף אַ שמאָלן גרונט, לויטן געשמאַק פון צפון־קלאַסיציזם, געמאָלט מיט אַ מרה־שחורהדיקער וועטער־פאַרב, קעגן אַן אָפענעם פּלאַץ. אַ הויז מיט האַלב־זיילן אין ביידע זייטן פון דער איינגאַנג־טיר, אינדערמיט פּאַרטער איבער די פינף טרעפּלעך, מיט צוויי אייבער־שטאָקן אויסער דער בעלעטאַזשע, וואו די פענסטער זיינען געגאַנגען ביז דער פּאָדלאָגע און זיינען געווען פאַרקראַטעט מיט גוס־אייזערנע קראַטעס.

דאָ זיינען געלעגן בלויז רעפּרעזענטאַציע־צימערן. דערין איז אַריינגערעכנט דאָס העלע עסצימער באַפּוצט מיט שטוקאַטעריע. די ווין־רויט פאַרהאַנגענע פענסטער פון אָט דעם צימער האָבן אַרויס־געקוקט אין גערטל, וואָס הינטערן הויז. דאָרטן האָבן אין משך פון אַכצן חדשים זיידע און אייניקל פּינקטלעך 4 אַ זייגער יעדן טאָג געגעסן אַליין מיטאָג. זאַלבענאַנד, באַדינט פון דעם אַלטן דינער פּיטע מיט אוירינגלעך אין די אויערן און מיט זילבערנע קנעפּלעך אין פראַק. צו דעם דאָזיקן פראַק האָט נאָך דער דינער געטראָגן אַ באַטיסטענע האַלז־בינדע, ווי דער באַלעבאָס אַליין. דער אַלטער האָט אויך פונקט ווי דער באַלעבאָס דערמיט פאַרשטעלט זיין ראַזירטע גאָמבע. ווען דער זיידע פלעגט מיט אים ריידן פּלאַט־דייטש, האָט ער אים געזאָגט דו. ער האָט נישט געמיינט קיין וויץ — ער איז בטבע נישט געווען קיין הומאָריסט — נאָר אין פולן ערנסט און בכלל זיך געפירט אַזוי מיט פאָלקס־מענטשן, אַ שטייגער מיט שפּייכלער־אַרבעטער, שיף־יינגלעך, פורמאַנעס און

משרתים. דאַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך צוגעהערט דערצו מיט הנאה. מיט הנאה האָט ער זיך אויך צוגעהערט, ווי פּיטע ענטפערט אים, סערווירנדיק, אויך אין פּלאַט-דייטש. בשעת-מעשה פּלעגט דער דינער זיך אײַנבויגן לינקס הינטער זײַן באַלעבאָס, כדי אים אַרײַנצורײדן אין רעכטן אויער, אויף וועלכן דער סענאַטאָר האָט געהערט אַ סך בעסער, ווי אויפן לינקן. דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען, צוגעשאָקלט און ווייטער געגעסן, זיצנדיק אַן אויסגעגלײַכטער צווישן דעם מאַהאָן-אָנלען פון דער שטול און דעם טיש, קוים צוגעבויגן צום טעלער. דאָס אייניקל, וואָס איז געזעסן קעגן אים, האָט זיך צוגעקוקט שטיל, מיט טיפער און נישט-באַוואוסטער פאַראינטערעסירטקייט צו די קאַרגע, געניטע באַוועגונגען, מיט וועלכע דעם זיידנס שיינע, ווייסע, דאַרע אַלטע הענט מיט די געוועלבטע פאַרשפּיצטע נעגל און מיט דעם גרינעם הערב-רינג אויף דעם רעכטן ווייז-פינגער האָבן אָנגענומען מיטן שפּיץ-גאָפּל אַ ביסן פלייש, גרינס און קאַרטאָפל און צוגעטראָגן צום מויל. בשעת-מעשה פלעגט ער לייכט צובויגן דעם קאָפּ. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געקוקט אויף זײַנע אייגענע, נאָך נישט-פלינקע הענט און זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער וועט אויך אַמאָל, ווי דער זיידע, האַלטן מעסער און גאָפּל.

אַן אַנדער פראַגע איז געווען, צי ער וועט אויך אַמאָל דערגיין דערצו, ער זאָל קאָנען פאַרשטעקן די גאָמבע אין דער בינדע, ווי דער זיידע, וואָס טראָגט אַ שטײַפן קאָלנער, מאָדנע גרויס געעפנט, מיט שאַרפע שפּיצן ביז די באַקן. ווײַל דערצו מוז מען אַזוי אַלט זײַן ווי ער. שוין הײַנט טראָגט מער — אַחוץ דעם זיידן און פּיטען — קיין שום מענטש נישט אַזעלכע בינדעס און קראַגנס. און ס'איז אַ שאָד, ווײַל דעם קליינעם האַנס קאַסטאָרפּ איז שטאַרק געפעלן צוצוקוקן, ווי דער זיידע שפּאַרט אָן די גאָמבע אין דער שניי-ווײַסער בינדע. אַפילו ווען ער איז אויסגעוואַקסן, איז עס איז אים שטאַרק געפעלן, וויפיל מאָל ער האָט זיך דערמאָנט דערין: ס'איז געווען דערין עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט געשעצט אין סאַמע תוך פון זײַן וועזן.

נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעגעסן, צוזאַמענגעלייגט זייערע סער־וועטן, איינגעוויקלט און אַריינגעשטעקט אין די זילבערנע רינגען (אַן ענין, מיט וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דעמאָלסט נישט אַזוי לייכט אַן עצה געטאָן, ווייל די סערוועטן זיינען אַזוי גרויס געווען, ווי קליינע טישטעכער), — איז דער סענאַטאָר אויפגעשטאַנען פון דער שטול, וועלכע פּיטע האָט אַוועקגענומען פון הינטער אים און איז אַוועק מיט טשאַפּענדיקע טריט אין „קאַבינעט“ אַריין, כּדי צו נעמען אַ ציגאַר. טיילמאָל פלעגט אים דאָס איינקל נאָכגיין אַהין.

דער דאָזיקער „קאַבינעט“ איז אַנטשטאַנען אַדאַנק דעם, וואָס מ'האָט געמאַכט דאָס עסצימער מיט דריי פענסטער, אַזוי, אַז ס'האָט פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון הויז. צוליב דעם איז דאָ נישט געבליבן, ווי אַלעמאָל ביי אַזאַ מין הויז, אָרט פאַר דריי סאַלאָנען, נאָר פאַר צוויי. אָבער איין סאַלאָן, וואָס איז געלעגן פּערפּענדיקולאַר צום עס־זאַל און געהאַט בלויז איין פענסטער אין גאַס אַריין, איז אויסגעקומען נישט פּראָפּאָרציאָנעל טיף. דערפאַר האָט מען אָפּגעצוימט בערך אַ פערט־חלק פון זיין לענג און דאָס איז געוואָרן דער „קאַבינעט“ — אַ שמאָל צימער מיט אַ פענסטער אין סופית, אַ טונקלס און באַשטעלט מיט ווייניק זאַכן: אַן עטאַזשערקע, וואו ס'איז געשטאַנען דעם סענאַטאָרס ציגאַרן־שענקל, אַ שפּיל־טיש. אין דעם שופלאָד פון אָט־דעם טיש זיינען געלעגן צוציענדיקע זאַכן: וויסט־קאָרטן, שפּיל־מאַרקעס, קליינע מאַרקיר־ברעטלעך מיט דעקלעך, וואָס קלאַפּן זיך אויף, אַ שיפער־טאָוול מיט קרייד־גריפלעס, פּאַפּירענע ציגאַרן־שפּיצלעך און נאָך אַנדערע זאַכן. אין דעם צימער איז אויך געשטאַנען אין ווינקל אַ ראָקאָקאָ־גלאָז־שאַנק פון פּאַליסאַנדער־האָלץ און הינטער די שויבן זיינען אויפגעהאַנגען געווען געל־זיידענע פירהענגלעך.

— זיידעשי, — פלעגט אַמאָל דער קליינער האַנס קאַסטאָרפּ זיך שטעלן אין קאַבינעט אויף די שפּיצן פינגער, כּדי אַריינצוריידן דעם אַלטן אין אויער אַריין, — ווייז מיר, כ'בעט דיך, די טויפשאָל.

און דער זיידע, וואָס האָט סיי־ווי־סיי געהאַט אַוועקגעמאַכט די פּאָלע פון זיין לאַנגן און ווייכן ראָק, האָט אַרויסגענומען פון הויזן־קעשענע זיין בינטל שליסלען און האָט געעפנט די גלעזערנע

שאַנק, וואו ס'האָט זיך געשפּירט מיט מאָדנע און אָנגענעמע ריחות. ס'זיינען דאָרטן געלעגן באַהאַלטן פאַרשיידענע זאַכן, וואָס מ'נוצט זיי מער נישט און דערפאַר אַזעלכע צוציענדיקע: אַ פּאָר צעבויגענע זילבערנע לייכטער, אַ צעבראָכענער באַראָמעטער מיט אַ האָלצערנער, געשניצטער פיגור, אַן אַלבום מיט דאַגעראָטיפּיעס*, אַ ליקער-קעסטל פון טענענהאָלץ, אַ קליינער טערק, פון האַרט האָלץ, אין אַ פאַרביק-זיידענעם אָנצוג, מיט אַ געווערק אינעווייניק, דורך וועלכן ער האָט אַמאָל געקאָנט לויפן איבערן טיש. איצט אָבער איז עס שוין לאַנג קאַליע. ס'איז דאָרטן געווען אַ פּאַרצייטישדיקער שיף-מאָדעל, און גאָר אונטן — אַפילו אַ פּאַסטקע פאַר מייז. דער אַלטער פלעגט אַרויסנעמען פון מיטעלן פאַך אַ שטאַרק פאַרדוכטע קיילעכיקע זילבערנע שאָל, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ זילבערנעם טעלער, און האָט געוויזן דעם יינגל. בשעת-מעשה האָט ער זיי פונאַנדערגענומען, דערציילט וועגן זיי מעשיות, ווער ווייס צום וויפלטן מאָל און זיך מיט זיי געפּאָרעט.

דער בעקן און דער טעלער האָבן לכתחילה נישט געפּאַסט איינער צום אַנדערן. דער קליינער האָט דאָס אַליין געזען און אויך געהערט דאָס אייגענע פון זיידן. פונדעסטוועגן — פלעגט דער זיידע זאָגן — ווערן זיי שוין באַנוצט אינאיינעם הונדערט יאָר, ס'הייסט זינט מ'האָט געקויפט דעם בעקן. די שאָל איז געווען אַ שיינע, געווען געפּאָרעמט פּשוט און סובטעל לויטן שטרענגן געשמאַק פון אָנהייב פאָריקן יאָרהונדערט. אַ גלאַטיקע און אַ מאַסיווע, איז זי געשטאַנען אויף אַ קיילעכיקן פוס און איז געווען אינעווייניק גע-גילדט. מיט דער צייט איז דאָס גאָלד געוואָרן געל-אָפּבלאַקירט. די איינציקע באַפּוצונג איז געווען אַ פיינער קראַנץ פון רויזן און שפּיציקע בלעטער אויבן ביים ראַנד. וואָס ס'איז נוגע דעם טעלער — האָט מען אינעווייניק געקאָנט איבערלייענען ווי ווייט עלטער ער איז געווען. „זעכצנהונדערט פופציק" איז דאָרטן געווען אויפגעשריבן מיט געצויקטע ציפערן און אַרום די ציפערן — פאַרשיידענע גראַווירטע קרייזלעך לויטן דעמאָלסטיקן „מאָדערנעם מאַניער": געציקלט און גע-

* פאַרצייטיקע פאָטאָגראַפיעס.

צאַצקעט, הערבֿן און אַראַבעסקן, וואָס זיינען האַלבֿ שטערן, האַלבֿ בלומען. אויף דער צווייטער זייט זיינען געווען, אין פֿאַרשיידענע כּתבֿים, איינפּונקטירט די נעמען פֿון די אָבֿות, בײַ וועלכע דער טעלער איז אין משך פֿון דער צייט איבערגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט. ביז איצט זיינען שוין געווען זיבן נעמען, מיט די דאַטעס פֿון ירושה־איבערגאַנג, און דער אַלטער מיט דער בינדע האָט אָנגעוויזן מיטן ווייזפֿינגער, אויף וועלכן ס'איז געזעסן אַ רינג, דעם איינציקל אויף יעדן איינציקן. דאָ איז געווען דער נאָמען פֿון פֿאָטער, דאָ פֿון זיידן און פֿון עלטערזיידן און דערנאָך האָבן אָנגעהויבן צוצוקומען אַלץ מער „עלטער־עלטערס“. דאָס יינגל האָט זיך צוגעהערט מיטן קאָפּ אין אַ זייט, מיט פֿאַרטראַכטע — אָדער אפשר גאָר מיט פֿאַרחושטע און פֿאַרחלומטע — אויגן, וואָס שטייען אויף איין אָרט, און מיט אַ שלעפֿעריק־פֿאַרגאַפֿטן מויל. עלטער־עלטער־עלטער, — אָט די טונקעלע שאָרכן פֿון קבֿר און פֿאַרגעסונג, האָבן פֿונדעסטוועגן דערציילט וועגן אַ מין הייליק־אָפּגעהיטענער שייכות צווישן דעם איצט, צווישן זיין לעבן און דעם טיף־פֿאַרזונקענעם. עס האָט אויף אים געווירקט מאָדנע און ס'האָט זיך טאַקע אָפּגעשלאָגן אויף זיין צורה. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער אָטעמט מיט טוכלע־קילער לופֿט, די לופֿט פֿון דער קאַטאַרינען־קירך אָדער פֿון דער מיכאַעלים־קריפּטע*; אַז ער שפּירט דעם הויך פֿון יענע ערטער, וואו מ'גייט מיטן הוט אין דער האַנט פֿאַמעלעך און מיט יראת־הכּבֿוד פֿאָרויס אויף די שפּיצן פֿינגער. ס'האָט זיך אים אַפֿילו געדאַכט, אַז ער פֿאַרנעמט אויך די אָפּגעזונדערטע און שלווה־דיקע שטילקייט פֿון יענע ליכטיקע מקומות. בײַם רויש פֿון יענע טעמפּע שאָרכן האָט גענומען שמעקן מיט גלח, טויט און געשיכטע. דאָס אַלץ איז דעם יינגל געווען מאָדנע אָנגענעם. יאָ, ס'קאָן אַפֿילו זיין, אַז ער האָט אַלץ כּסדר געבעטן, מ'זאָל אים ווייזן און לאָזן באַקוקן דעם טויפֿבעכער בלויז צוליב דעם, ער זאָל קאָנען הערן און נאָכזאָגן אָט־די „עלטערס“.

---

* דער אונטערערדישער טייל פֿון אַ קירך; פֿאַרצייטנס זיינען דאָרט געווען קבֿרים פֿון הייליקע אָדער מלכים.

דערנאָך פּלעגט דער זיידע אַוועקשטעלן דעם בעכער צוריק אויפֿן טעלער און געלאָזט דעם יינגל אַריינקוקן אין דעם גלאַטיקן לייכט=גאָלדיקן חלל, וואָס האָט גענומען גלאַנצן אַקעגן שיין פֿון סופּיט=פֿענסטער.

— אָט איז שוין באַלד אַכט יאָר — האָט ער געזאָגט — זינט מיר האָבן דיך געהאַלטן איבער דעם און דאָס וואַסער, מיט וועלכן דו ביסט געטויפֿט געוואָרן, איז אַריינגערונען אַהער... דער קירך=געהילף לאַססען פֿון סט. יאַקאָבי האָט עס אַריינגעגאָסן אונזער וואוילן פּאַסטאָר בוגענהאַגען אין דער הוילער האַנט אַריין און פֿון דער האַנט האָט זיך עס געגאָסן איבער דיין קאָפּ אין בעכער אַריין. אָבער מיר האָבן עס אָנגעוואַרעמט, כדי דו זאָלסט דיך נישט דערשרעקן און זיך נישט צעוויינען. האָסט טאַקע נישט געוויינט. פֿאַרקערט, פֿריער האָסטו געשריגן, אַזוי אַז בוגענהאַגען האָט געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט מיט זיין דרשה. אָבער תּיכּף, ווי מ׳האָט דיך אָפּגעגאָסן מיטן וואַסער, ביסטו שטיל געוואָרן. כ׳וויל האָפֿן, אַז דאָס האָט זיך גענומען פֿון אַכטונג צום הייליקן סאַקראַמענט. אין עטלעכע טעג אַרום וועט זיין פֿיר=און פֿערציק יאָר, אַז דיין פֿאַרשטאָרבענער פֿאָטער איז געווען דאָס טויף=קינד און אַז פֿון זיין קאָפּ איז גערונען וואַסער אין בעכער אַריין. ס׳איז געווען דאָ אין הויז, אין הויז פֿון טאַטע=מאַמע, דאָרטן אין זאַל, ביים מיטלסטן פֿענסטער. דעמאָלסט האָט נאָך געלעבט דער אַלטער פּאַסטאָר העזעקיל און ער האָט אים געטויפֿט, דער אייגענער, וועלכן די פֿראַנצויזן האָבן יונגערמאַנווייז שיר נישט דערשאָסן, ווייל ער האָט געפּריידיקט קעגן זייערע רויבערייען און קאָנטריבוציעס. ער איז איצט אויך שוין לאַנג, לאַנג אויפֿן עולם=האמת. מיט פֿינף=און=זיבעציק יאָר צוריק האָט מען מיך דאָ אַליין געטויפֿט, אויך אין זאַל, און אויך מיין קאָפּ האָט מען געהאַלטן איבער דעם בעכער, וואָס שטייט דאָ אויף דעם טעלער. דער גלח האָט געזאָגט די זעלבע ווערטער, ווי ביי דיר און ביי דיין פֿאָטער. אַקוראַט אַזוי איז אויך גערונען דאָס וואַרעמע ריינע וואַסער פֿון מיינע האָר (כ׳האָב דעמאָלסט נישט געהאַט אַ סך מער האָר אויפֿן קאָפּ, ווי היינט) אין גאָלדענעם בעקן אַריין.

דאָס יינגל האָט אַרויפגעקוקט צום זיידנס שמאָלן זקנישן קאָפּ, וואָס איז ווידער געוואָרן איבערגעבויגן איבער דער שאָל, ווי אַמאָל אין יענער לאַנג פאַרשוואומענער צייט, פון וועלכער ער דערציילט. אין דער מינוט איז דעם יינגל באַפאַלן אַ שוין דורכגעלעבט געפיל, אַ מאָדנע, האַלב־חלומענדיקע, האַלב־ דערדריקנדיקע שפּירונג פון עפּעס, וואָס ציט זיך און שטייט גלייכצייטיק אויף אַן אָרט, אַ מין איבערגייענדיק בלייבן, וואָס איז אי צוריקקערנדיקע, אי לויפנדיקע איינצייטיקייט, אַ געפיל, וואָס איז אים שוין באַקאַנט געווען פון אַמאָל און וואָס ער האָט שטאַרק געוואָלט איבערלעבן נאָכאַמאָל. אַ שטיק צוליב דעם האָט ער געוואָלט מ׳זאָל אים ווייזן די גליי־ווערנדיק־איבערגייענדיקע ירושה־חפצים.

ווען דער יונגערמאַן האָט זיך שפּעטער פאַרטראַכט, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס בילד פון זיין זיידן האָט זיך אים אַ סך טיפער, בולטער און באַדייטנדיקער איינגעקריצט, ווי דאָס בילד פון זיינע עלטערן. ס׳קאָן גרייליך געמאָלט זיין, אַז ס׳האָט זיך אויך גע־נומען צוליב סימפּאַטיע און פיזישער קרובהשאַפט, ווייל דאָס אייניקל איז געווען ענלעך צום זיידן אויף אַזויפיל, אויף וויפיל אַ ראָזער, בלוט־און־מילך יונגערמאַן קאָן זיין ענלעך צו אַ בלייכן און שטייפן זיבעציק־יעריקן זקן. אָבער דער עיקר האָט דאָ געווירקט דעם אַלטנס פערזאָן, וואָס איז אָן שום ספק געווען די אמתע כאַראַקטער־פיגור און די דעקאָראַטיווע פערזענלעכקייט פון דער משפחה.

לויט דער עפנטלעכער מיינונג גענומען, איז די צייט פון האַנס לאָרענץ קאַסטאָרפּס ווען און שטרעבונגען היפּש אַוועק לאַנג איי־דער ער אַליין. ער איז געווען אַ הויך־קריסטלעכער פרייז, פון דער רעפאָרמירטער געמיינדע, שטרענג טראַדיציאָנעל און אַזוי עקשנותדיק פאַרגלויבט אין דער רעגירונגס־פעיקייט פון אַן ענגן אַריסטאָקראַטישן קרייז, גלייך ווי ער וואָלט געלעבט אין פערצנטן יאָרהונדערט, ווען דאָס האַנטווערקערטום האָט—קעגן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד פון דעם אַלטן פרייען פּאַטריציערטום — אָנגעהויבן אויסקעמפן זיך אַן אָרט און אַ דעה אין די שטאָטישע ראַטן. פון די נייע ריכטונגען האָט ער לחלוטין נישט געהאַלטן. זיין ווירקונג איז אויסגעפאַלן אין יאָר־צענדליקער פון שטאַרקן אויפשוואונג און כלערליי איבערקערענישן,

יאָרצענדליקער פון יאָגנדיקן פראָגרעס, וואָס האָט כסדר געפאָדערט אַזויפיל מוט און קרבנות לטובת הכלל. וואָס ס'איז נוגע אים, דעם אַלטן קאַסטאָרפ, ווייסט איין גאָט, אַז ס'זיינען אים גאַנץ וויניק אָנגעגאַנגען די גלענצנדיקע און באַרימטע נצחונות, וועלכע ס'האָט געפייערט דער גייסט פון דער נייער צייט. ער האָט אַ סך מער געלעבט מיט די מנהגים פון די אָבות און מיט די אַלטע אינסטיטוציעס, ווי מיט די האַלז-און-נאַקן ברעכנדיקע האַפן-אויסברייטערונגען און אַפיקורסישע גרויס-שטאָטישע שטותים. ער האָט געהאַמעוועט און איינגעשטילט וויפל ער האָט נאָר געקאָנט און ווען ס'וואָלט זיך געפירט לויט זיין שטייגער, וואָלט אין דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג נאָך איצט אויסגעזען אַזוי אידיליש-אַלטפרענקיש, ווי אַמאָל ביי אים אין קאַנטאָר.

אַזאַ פאָרשטעלונג האָט מען געהאַט אין שטאָט וועגן דעם אַלטן ביים לעבן און אויך שפּעטער. כאָטש דער קליינער האַנס קאַסטאָרפ האָט נאָך נישט געהאַט קיין שום ידיעה אין מלוכה-ענינים, פונדעסטוועגן האָט זיין שטיל-צוקוקנדיק קינדיש אויג איינגעזאַפּט אין זיך בעצם די אייגענע השגות: אָנווערטערדיקע און אומקריטישע אָבער דערפאַר לעבעדיקע השגות, וואָס האָבן, אַגב, אויך שפּעטער ווי באַוואוסטזיניקע זכרונות אויפגעהיטן זייער שנאה צו ווערטער און אַנאַליז און דעם שטאַרק-פּאָזיטיוון חותם זייערן. ווי געזאָגט, איז דאָ געווען אין שפּיל סימפּאַטיע, יענע צוגעבונדנקייט און קרובהשאַפט צווישן זיידע און איניקל, וואָס איז גאָר נישט אַזוי זעלטן. קינדער און איניקלעך קוקן זיך צו, כדי צו באַוואונדערן און זיי באַוואונדערן, כדי צו לערנען און אויסצובילדן דאָס, וואָס זיי האָבן סיי-ווי-סיי אייבערגענומען בירושה.

סענאַטאָר קאַסטאָרפ איז געווען אויסגעדאַרט און הויך. די יאָרן האָבן אויסגעקרימט זיין קאַרק און פּלייצע, אָבער ער האָט זיך אָנגעשטרענגט דורך אַ קעגנדרוק אויסצוגלייכן די אויסגעקרימטקייט. די ליפּן זיינע האָבן זיך מער נישט געהאַלטן אויף קיין ציין, נאָר אויף די ליידיקע יאַסלעס. די קינסטלעכע ציין פלעגט ער אָנטאָן נאָר צום עסן. צוליב דעם האָט זיך זיין טיל אויף אַ בכבודיק-אָנגעשטרענגטן אופן געצויגן אַראָפּ. טאַקע דערפאַר —

און אפשר אויך צוליב דעם, וואָס דער קאָפּ האָט אָנגעהויבן פאַרלירן זיין פעסטקייט אויפן קאַרק — האָט דער אַלטער אָנגענומען אַזאַ בכבודיק=שטרענגע אויסגעגליכטע האַלטונג און אונטערגעשפּאַרט די גאָמבע. אַ ענין, וואָס איז דעם קליינעם האַנס קאַסטאָרפּ אַזוי געפעלן געוואָרן.

דער זיידע האָט ליב געהאַט זיין טאַבאַק=פּושקע, אַ לענגלעכע, אין גאָלד=געפאַסטע שילד=קרעטענע פּושקע. צוליב דעם האָט ער אויך באַנוצט רויטע פאַטשיילעס און אַלעמאָל פלעגט אים אַן עק אַרויסשטאַרן פון דער הינטערשטער קעשענע. דאָס איז געווען אַ ביסל קאָמיש ביים אַלטן, אָבער אַ קאַפּריז, וואָס מ'האָט געמוזט מוחל זיין אין זיינע יאָרן, אַן אָפּגעלאָזנקייט, וואָס די באַיאָרטקייט ברענגט מיט זיך — אָדער: בכיוון צוליב לוסטיקייט, אָדער — צוליב בכבודיקער פאַרטוענקייט. אַלנפאַלס איז דאָס געווען דאָס איינציקע אין זיידנס הלבשה, וואָס האַנס קאַסטאָרפּס קינדיש=שאַרפער בליק האָט אויפגעכאַפּט. אָבער פאַר דעם זיבניעריקן קאַסטאָרפּ, ווי אויך שפּעטער אין זכרון, איז דעם זיידנס אַלטעגלעכע נעשטאַלט נישט געווען די פאַקטישע און ווירקלעכע. אין דער אמתער ווירקלעכקייט האָט ער אויסגעזען גאָר אַנדערש, אַ סך שענער און ריכטיקער ווי געוויינלעך; ער האָט אויסגעזען, אַזוי ווי אויפן בילד. עס איז געווען אַ פאָרטרעט אין נאַטירלעכער גרייס, וואָס איז פריער געהאַנגען ביי די עלטערן און איז דערנאָך צוזאַמען מיט האַנס קאַסטאָרפן אַריבער אין זיידנס הויז. דאָרטן האָט מען אים אויפגעהאַנגען איבער דער גרויסער רויט=זיידענער סאָפע אין אויפנעם=זאַל.

מ'האָט דאָ געזען האַנס לאָרענץ קאַסטאָרפן אין אַמטלעכן לבוש פון אַ ראַטמאַן, אין דעם ערנסטן פרומען לבוש פון אַ בירגער פון פאַרזונקענעם יאָרהונדערט. דעם דאָזיקן לבוש האָט אַ וואָגיקער און דרייסטער קיבוץ איבערגעגעבן פון דור צו דור און אויפגעהיט לשם פייערלעכע געברויכן. אַזוי=אַרום האָט מען געוואָלט אויך אַ צערעמאָניאַלן אופן פאַרבינדן דעם אַמאָל מיטן היינט און דעם היינט מיטן אַמאָל און דערמיט באַשטעטיקן דעם סדר פון דער וועלט און די בכבודיקע זיכערקייט פון די האַגדלס=חתימות.

סענאַטאָר קאַסטאָרפּ איז דאָ געשטאַנען אין זיין פולער פיגור אויף אַ רויטלעך-געפלאַסטערטן דיל אין אַ פּערספּעקטיוו פון פילאַרן און שפּיצבויגן. ער איז געשטאַנען — די גאָמבע אַראָפּגעלאָזט, דאָס מויל אָפּגעצויגן אַראָפּ, די בלויער פאַרטראַכטע אויגן מיט די טאָרבעלעך פאַרקוקט אין דער וויט, אין דעם שוואַרצן מאַנטל, אַ מין טאַלאַר, וואָס איז לאַנג איבער די קני, צעקנעפּלט פון פאָרנט און אַרומגעזוימט מיט פוטער. פון די ברייטע הויך-אָנגעבלאָזטע, אַרומגעלאַמעוועטע אייבער-אַרבל האָבן אַרויסגעשטאַרט ענגערע אונטער-אַרבל פון פּשוטן טוך. מאַנזשעטן מיט שפּיצן האָבן באַדעקט די הענט ביז צו די גלענקען. די שלאַנקע פיס פונם זקן זיינען געווען אָנגעטאָן אין שוואַרץ-זיידענע זאָקן און אין שיך מיט זילבערנע קלאַמערס, אַרום האַלז איז געלעגן קיילעכיק אַ ברייטע, אָנגעקראָכמאַלעטע און אַ סך מאָל געפאַלדעוועטע קריזע, פון פאָרנט צוגעפּרעסט און פון די זייטן איפגעבלאָזן. צו דעם אַלעמען האָט נאָך פון הינטער דער קריזע אַראָפּגעהאַנגען איבער דער וועסט אַ באַטיסטענער, געפאַלדעוועטער זשאַבאָ. אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ פאַרצייטישדיקן הוט מיט אַ ברייטן ראַנד, מיט אַ דענקע, וואָס האָט זיך פאַרשמאָלט אינדערהויך.

ס'איז געווען אַן אויסגעצייכנט בילד, געשאַפן פון אַ באַוואוסטער קינסטלער-האַנט, מיט גוטן געשמאַק געהאַלטן אין אַלט-מייסטערישן סטיל, וואָס האָט גוט געפּאַסט צום מאָדעל. עס האָט געוועקט אינם אָנקוקער פאַרשיידענע שפּאַניש-האָלענדיש-שפּעטמיטל-אַלטערלעכע רעיונות. דער קליינער האַנס קאַסטאָרפּ פלעגט עס אָפט באַטראַכטן, נאַטירלעך, נישט מיט קונסט-פאַרשטענדעניש, אָבער פונדעסטוועגן מיט אַ מין אַלגעמיינעם און אַפילו דורכדרינגלעכן פאַרשטאַנד. נישט געקוקט דערויף, וואָס אין אַזאַ לבוש האָט ער געזען דעם זיידן בלויז איין מאָל, ביי אַ פייערלעכן צופאָר צום ראָטהויז און דערצו נאָך אין אַיילעניש, — האָט ער פונדעסטוועגן געמוזט האַלטן די דאָזיקע צורה פאַר דעם זיידנס אייגנטלעכן און פאַקטישן אויסזען. אין זיידן פון אַ גאַנץ יאָר דערפאַר האָט ער געזען בלויז אַ צייטווייליקן זיידן, אַ נישט-פולקומען רמז פונם אמתדיקן זיידן. ווייל דאָס פרעמדע און משונהדיקע אין זיין וואָכעדיקייט האָט

זיך טאַקע, אַפּנים, גענומען פון זיין אומפּוּלקומער און אפשר אַ ביסל אומגעשיקטער צופּאַסונג צום אַרום. דאָס זיינען געווען אי־בערבלייבענישן און רמזים פון זיין אמתער געשטאַלט, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרווישן. אַזוי, צום ביישפּיל, זיינען די פּאַטער־מערדער*, די הויכע ווייסע בינדעס, געווען אַלטמאָדיש. אָבער די דאָזיקע באַצייכענונג איז געווען אוממעגלעך אָנצווענדן בנוגע דעם וואונדערלעכן מלבוש, וואָס איז געווען מרומז אין דער בינדע: די שפּאַנישע קריזע. אַקוראַט אַזוי איז געווען מיט דעם נישט־געוויינלעכן אויסגעבויגענעם צילינדער, וועלכן דער זיידע האָט געטראָגן אין גאַס און וואָס איז בלויז אין דער העכערערווירקלעכ־קייט פאַרביטן געוואָרן דורך דעם ברייט־ראַנדיקן פּילצהוט פון פּאָרטרעט. דאָס אייגענע איז געווען בנוגע דעם לאַנגן און פאַל־דיקן ראָק, וואָס זיין אור־בילד און שורש איז — לויט האַנס קאַס־טאָרפּן — געווען דער געלייַמעוועטער טאַלאַר אַרומגעזוימט מיט פוטער.

אויך אין דעם טאָג, ווען האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געדאַרפט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּגעזעגענען זיך מיטן זיידן, — אויך דע־מאָלסט האָט דאָס יינגל געשפּירט מיטן גאַנצן האַרץ, אַז דער זיידע שיינט אין זיין פולן אמת און שלימות. ס׳איז געווען אין זאַל, אין אייגענעם זאַל, וואו זיי זיינען אָפט געזעסן. איינער אַקעגן אַנדערן ביים עס־טיש. אינמיטן איז איצט האַנס לאָרענץ קאַסטאָרפּ געלעגן אין אַ זילבער־באַשלאָגענער טרומנע, אויף אַ מיטה, באַ־לייגט און באַשטעלט מיט קראַנצן. ער האָט גובר־געווען די לונ־גען־אָנצינדונג, האָט געקעמפט עקשנותדיק און לאַנג, כאָטש גע־לעבט האָט ער ביז איצט, דאַכט זיך, בלויז ווי אויף דערוייל. איצט איז שווער געווען צו דערקענען, צי ער האָט מנצח געווען, אָדער מ׳האָט אים מנצח געווען. ר׳איז געלעגן אויפן פאַראַר־בעט מיט אַ שטרענג־מנוחהדיקן אויסדרוק, שטאַרק פאַרענדערט און מיט אַן אויסגעשפּיצטער נאָז פון קעמפן. דער אונטערשטער טייל גוף איז געווען איינגעהילט אין אַ דעקע און ס׳איז אויף איר געלעגן אַ

* אַ פאַרצייטיקער קראַגן מיט הויכע שפּיצן, וואָס האָבן זיך אריינגע־שניטן אין דער גאָמבע.

פּאַלמע־צווייג; דער קאָפּ איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף אַ זיידן קישן, אַזוי, אַז די גאָמבע איז שוין געלעגן אויף דער פֿאָדערשטער פּאַרטיפֿונג פֿון דער פּאַראַדנער קריזע. די הענט זיינען געווען האַלב־באַדעקט מיט שפּיצן־מאַנזשעטן. כאָטש די פֿינגער זיינען געווען אַזוי קינסטלעך־נאַטירלעך צונויפֿגעלייגט, האָבן זיי נישט געקאָנט פֿאַר־באַהאַלטן די טויטקייט און די קעלט זייערע. צווישן זיי האָט מען אים אַריינגעשטעקט אַן עלטפֿאַנטביינערנעם קרייץ און ס'האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז ער קוקט כסדר אויף אים מיט זיינע אַראָפּגעלאָזטע וויעס.

אין אָנהייב פֿון דער קרענק האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזען דעם זיידן אַ סך מאָל, אָבער ביים סוף — נישט. דעם זיידנס קאַמף, וואָס פֿלעגט, אַגב, בעיקר זיך אָפּשפּילן אין דער נאַכט, האָט מען אים פֿאַרשפּאָרט צוצוזען. בלויז די קלעמענדיקע אַטמאָ־ספֿער פֿון שטוב, די רויטע אויגן פֿון אַלטן פּיטע, דאָס אָנקומען און אַוועקפֿאָרן פֿון די דאָקטוירים, האָבן אויף אים אומדירעקט גע־ווירקט. איצט אָבער, שטייענדיק אין זאַל פֿאַר דער מיטה, איז ער דערגאַנגען דערצו, אַז דער צייטווייליקער זיידע איז פֿייערלעך דער־הויבן געוואָרן און געקריגן צום סוף זיין אייגנטלעכן און אמת־דיקן תּיקון. ס'איז געווען אַ יושרדיקער רעזולטאַט, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער אַלטער פּיטע האָט געוויינט און כסדר געשאָקלט מיטן קאָפּ און האַנס קאַסטאָרפּ אַליין האָט אויך געוויינט, ווי אַמאָל, ווען ער האָט אָנגעקוקט זיין פּלוצלונג־פֿאַרשטאָרבענע מו־טער און נישט לאַנג נאָכדעם — זיין פֿאָטער, וואָס איז געלעגן שטיל און פֿרעמד.

ווייל ס'איז שוין געווען דאָס דריטע מאָל, אין משך פֿון אַזאַ קורצער צייט און אין זיינע יונגע יאָרן, ווי דער טויט האָט זיך געלייגט אויפֿן גייסט און אויף די חושים — טאַקע ממש אויף די חושים — פֿון דעם קליינעם האַנס קאַסטאָרפּ. ניי איז פֿאַר אים נישט געווען — נישט דאָס בילד, נישט דער איינדרוק, פֿאַרקערט, שוין גוט באַקאַנט. ביי ביידע ערשטע פֿאַלן איז ער געווען געזעצט און רויִק, לחלוטין נישט נערוון־שוואַך. ער האָט זיך בכלל געהאַלטן נאַטירלעך דערשלאָגן. דאָס אייגענע איז געווען אויך איצט, נאָר

נאָך אין אַ גרעסערער מאָס. ער האָט וויניק פאַרשטאַנען דעם פּראַק־
טישן באַטייט פון די דאָזיקע געשעענישן פאַר זיין לעבן און איז
אויך געווען קינדיש גלייכגילטיק דערצו, זיכער, אַז די וועלט וועט
שוין אַזוי אָדער אַנדערש אים פאַרזאָרגן. דערפאַר האָט ער ביי די
טרומנעס אַרויסגעוויזן אויך אַ געוויסע קינדישע קילקייט און אַ זאַכ־
לעכע אויפמערקזאַמקייט, וועלכע האָבן איצט צום דריטן מאָל אַ דאַנק
דעם געפיל און אויסדרוק פון געניטקייט צוגעקריגן נאָך אַ באַ־
זונדערן, אַלט־רייפן ניואַנס. דערביי דאַרף מען נישט אַריינרעכענען די
אָפטע טרערן פון דערשיטערונג, ווי אויך די טרערן, וואָס זיינען אַרויס־
גערופן געוואָרן ביים יינגל בעת ר׳האָט זיך צוגעקוקט, ווי אַנדערע
וויינען. אין משך פון דריי אָדער פיר חדשים, זינט זיין פאָטער איז
געשטאָרבן, האָט ער פאַרגעסן אין טויט, איצט האָט ער זיך ווידער
דערמאָנט און אַלע איינדריקן פון דעמאָלסט האָבן זיך צוריק אויפ־
געוועקט — גענוי, גלייכצייטיק, אַדורכנעמענדיק, אין זייער אומפאַר־
גלייכלעכער איינגנטימלעכקייט.

ווען מ׳זאָל די דאָזיקע געפילן וועלן איבערגעבן אין ווערטער,
וואָלט עס אַרויסגעקומען אַזוי: דער טויט האָט אין זיך עפּעס פרומס,
טיפזיניקס און טרויעריק־שיינס, דאָס הייסט עפּעס גייסטלעכס און
גלייכצייטיק האָט ער עפּעס גאַנץ אַנדערשס, ממש היפּוכדיקס, זייער
קערפּערלעכס, זייער מאַטעריעלס, וואָס מ׳קאָן נישט אָנרופן נישט
שיין, נישט טיפזיניק, אַפילו אויך נישט טרויעריק. דאָס פייערלעך־
גייסטלעכע דריקט זיך אויס אין אַרויפלייגן אויפן קאַטאַפאַלק מיט
פּאָמפּע, און די פּרעכטיקע בלומען און פּאַלמען־צווייגן, וואָס זיינען,
ווי באַקאַנט, מרמז אויף דעם הימלישן פרידן. ווייטער און נאָך
בולטער דריקט זיך עס אויס אין דעם צלם צווישן די טויטע פינגער
פונם אַמאָליקן זיידן, אין טהאָרוואַלדזענס בענטשנדיקער קריסטוס־
פיגור, וואָס שטייט צוקאָפּנס פון אָרון, און אויך אין די קאַנדעלאַב־
רעס, וואָס דערהויבן זיך איןביידע זייטן און גיבן־צו עפּעס קיר־
כעדיקס. די אַלע איינאָרדענונגען דריקן גענוי אויס דעם געדאַנק, אַז
פון איצט אָן האָט דער זיידע סוף־כל־סוף אויף אייביק אָנגע־
נומען זיין אמתדיקע צורה. דער קליינער האַנס קאַסטאָרפּ האָט אויך
באַמערקט — כאָטש נישט קלאָר פאָרמולירט אין ווערטער — אַז

דאָס אַלץ בכלל, די גרויסע מאַסע בלומען בפרט און דער עיקר — די גרויסע צאָל טובעראָזען, — אַז דאָס אַלץ האָט נאָך אַ ווייטערן זין און גאָר אַ ניכטערנעם צוועק, עפּעס וואָס איז נישט שיין, נישט טרויעריק, נאָר כמעט נישט אָנשטענדיק, מגושמדיק=נידעריק, דער ווילן צו פאַרדעקן דעם טויט, אים צו מאַכן פאַרגעסן, אָדער באַלד אים נישט צו לאָזן קומען צום באַוואוסטזיין.

דערפון האָט זיך גענומען דאָס, וואָס דער טויטער זיידע האָט אויסגעזען אַזוי פרעמד; לגמרי נישט ווי דער זיידע, נאָר ווי אַ מענטש=גרויסע, וואַקסענע לאַלקע וואָלט דאָ געלעגן, און ווי אַרום איר זאָלן דאָס פאָרקומען די אַלע פרומע און יראַת=הכבודיקע צערעמאָניעס. דער, וואָס איז דאָ געלעגן, אָדער בעסער: ד אָ ס, וואָס איז דאָ געלעגן, איז נישט געווען דער זיידע אַליין, נאָר אַ מין אָפּגאָס, נאַטירלעך נישט פון וואַקס (דאָס האָט האַנס קאַסטאָרפּ שוין פאַרשטאַנען), נאָר פון אַן אַנדערן, א י ג ע נ ע ם ש ט א ָ ף. בלויז אַ מין שטאָף — דערפאַר איז דאָס געווען אַזוי אומאָנשטענדיק און נישט דערוועקט קיין טרויער: אַזוי ווייניק דערוועקט טרויער וויפיל ס׳קאָנען בכלל דערוועקן זאַכן, וואָס געהערן צום קערפּער און בלויז צום קערפּער. דער קליינער האַנס קאַסטאָרפּ האָט באַטראַכט דעם וואַקס=געלן, גלאַטן און קעזיק=פעסטן שטאָף, פון וועלכן ס׳איז באַשטאַנען די מענטש=גרויסע טויטן=פיגור, אויך דאָס פּנים און די הענט פון אַמאָליקן זיידן. אַ פליג האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דעם אומבאַוועגלעכן שטערן און אָנגעהויבן נישטערן מיט דער שנויץ. דער אַלטער פיטע האָט זי פאָרזיכטיק אַראָפּגעיאָגט, בשעת=מעשה האָט ער זיך געהיטן, נישט אָנצורירן דעם שטערן. דערביי האָט ער געמאַכט אַזאַ בכבודיק=תמעוואַטע מינע, גלייך ווי ער טאָר אין דאַרף זיך נישט אָנשטויסן, וואָס דאָ טוט זיך אָפּ. ס׳איז געווען אַן אויסדרוק פון פרומקייט, וואָס לאָזט בשום=אופן נישט מודה זיין דערין, אַז דער זיידע איז איצט מער נישט, ווי אַ פּשוטער גוף, ווייטער גאָרנישט. די פליג האָט אַ פּלי געטאָן אין דער הויך און האָט זיך באַלד דערנאָך אַוועקגעזעצט אויפן זיידנס פינגער, לעבן דעם עלפאַנטביינערנעם צלם. אין משך פון דער צייט האָט האַנס קאַסטאָרפּ דערשפּירט בילטער ווי ביז איצט אַ

באַקאַנטן צוגעדושעטן ריח, וואָס איז פונדעסטוועגן געווען מאָדנע שטאַרק און דערמאָנט מיט תרפה אין איינעם אַ שול-יינגל, פון וועלכן ס'האָט זיך שטענדיק געפילט און דערפאַר האָט מען אים אויסגעמיטן. כדי דעם דאָזיקן ריח צו פאַרטויבן, האָט מען דאָ אַוועקגעשטעלט די טובעראָזן. אָבער ביי זייער גאַנצער רייכקייט און שאַרפקייט, זיינען זיי עס פונדעסטוועגן נישט בכוח געווען.

ער איז עטלעכע מאָל געשטאַנען ביים מת: איינמאָל אַליין מיט דעם אַלטן פיטע, דאָס צווייטע מאָל צוזאַמען מיט זיין עלטער-פעטער טינאַפעל, דער וויינהענדלער, און מיט ביידע פעטערס — זשעמס און פעטער. אַ דריט מאָל איז ער עטלעכע סעקונדן געשטאַנען פאַר דעם אָפענעם אָרון מיט אַ גרופע זונטאָגדיק אָנגעטוענע האַפן-אַרבעטער, וואָס זיינען זיך געקומען געזעגענען מיט זייער אַמאָליקן שעף פון דער פירמע קאַסטאָרפ און זון. דערנאָך איז פאָרגעקומען די לוויה. דער זאַל איז דערביי פול געווען מיט מענטשן און דער פאַסטאָר בוגענהאַגען פון דער מיכאַעליס-קירך, דער זעלבער, וואָס האָט געטויפט האַנס קאַסטאָרפ, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שפּאַנישער האַלז-קריזע און געמאַכט דעם הספד. שפּעטער איז ער געפאָרן צוזאַמען מיט האַנס קאַסטאָרפ אין דער דראָשקע, וואָס איז געגאַנגען די ערשטע פון אַלאַנגער שורה דראָשקעס, און ער האָט זייער פריינדלעך געשמועסט מיט אים. דעמאָלסט האָט זיך געענדיקט די ביז-איצטיקע לעבנס-תקופה און באַלד דערנאָך — האָט זיך אויך געענדערט די שטוב און די סביבה. ס'איז שוין געווען צום צווייטן מאָל אין זיין יונג לעבן.

ביי די טינאַפעלס און וועגן האַנס קאַסטאָרפס עטישן מצב.

קיין אומגליק איז עס פאַר אים נישט געווען, ווייל ער איז אָנגעקומען אין הויז פון קאָנסול טינאַפעל, זיין אַפּוטרופּוס. ער האָט דאָ נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו קלאָגן, נישט וואָס שייך זיין אייגענער פערזאָן, נישט בנוגע דער פירונג פון זיינע שפּעטערדיקע

אינטערעסן, וועגן וועלכע ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין שום השגה. ווייל קאָנסול טינאַפּעל — אַ פעטער פון האַנס געשטאָרבענער מוטער — האָט פאַרוואַלטעט מיט דער קאַסטאָרפישער ירושה. ער האָט פאַרקויפט די אומבאַוועגלעכע גיטער, האָט גענומען אין דער האַנט אַריין די ליקווידאַציע פון דער פירמע „קאַסטאָרפ און זון, עקספּאָרט און אימפּאָרט“. אַרויסגעשלאָגן פון דעם אַלעם האָט ער בערך נאָך אַ פיר מאָל הונדערט טויזנט מאַרק. דאָס איז געווען האַנס קאַסטאָרפס ירושה, און קאָנסול טינאַפּעל האָט זי אַריינגעלייגט אין זיכערע פּאַפּירן. נישט שעדיקנדיק אויף קיין האָר זיינע קרובישע געפילן, האָט ער אַזוי-אַרום גלייכצייטיק אָראָפּגערעכנט פאַר זיך אין אָנהייב פון יעדן קוואַרטאַל צוויי פּראָצענט פּראָוויזיע פון די צינזן.

טינאַפּעלס הויז איז געלעגן אין הינטערגרונד פון אַ גאָרטן ביים האַרוועסטעהודער וועג און האָט אַרויסגעקוקט צו אַ גראָז-לאָנקע, וואו מען האָט נישט געלאָזט וואַקסן דעם מינדסטן כוואַסט. ווייטער האָבן זיך געצויגן עפנטלעכע רויזן-פּלאַנטאַציעס און אַ טייך. דער קאָנסול איז יעדן פרימאָרגן געגאַנגען צופוס אין זיין געשעפט אַריין אויף אַלט-שטאָט, כאָטש ער האָט געהאַט אַ שיינע בריטשקע. ער האָט טיילמאָל געליטן פון בלוט-צופלוס אין קאָפּ און איז געגאַנגען, כדי צו האָבן אַ ביסל באַוועגונג. פינף אַ זייגער אין אָוונט איז ער געקומען צו גיין צוריק, און דעמאָלסט האָבן די טינאַפּעלס מיט גרויס קולטור געגעסן מיטאָג. ער איז געווען אַ וואָגיקער מענטש, אָנגעטאָן אין די בעסטע ענגלישע שטאָפן, אַ מענטש מיט וואַסער-בלויע אַפּערקוועלנדיקע אויגן הינטער די גאָלדענע ברילן, מיט אַ בליענדיקער נאָז, אַ גרויסער שיפער-באָרד און מיט אַ פייערדיקן בריליאַנט אויף דעם מאַסיוון קליינעם פינגער פון זיין לינקער האַנט. זיין פרוי איז שוין געווען לאַנג טויט. ער האָט געהאַט צוויי זין, פעטער און זשעמס. איינער פון זיי האָט געדינט אין פלאָט, און איז געווען ווייניק אין דער היים, דער אַנדערער האָט זיך פאַרנומען מיטן פאָטערס ווייַן-האַנדל און איז געווען דער קומענדיקער יורש פון דער פירמע. די באַלעבאַטישקייט האָט זינט יאָרן געפירט שאַלעען, אַ טאָכטער פון אַ גאָלדשמיד פון אַלטאָנאַ,

מיט ווייסע אָנגעקראָכמאַלעטע מאַנטקעטלעך אַרום די קלעצערדיקע
הענט. זי האָט זיך שטאַרק געמיט, אַז דער טיש זאָל אינדער=
פרי און אינאָוונט זיין באַשטעלט אַ סך מיט קאַלטע מאַכלים, מיט
ים=ראַקעס און לאַקס, מיט אַל=פיש, גענזנס, פאָמידאָרן=פאַשטעט
צום ראָסט=ביף. זי האָט שטאַרק אַכטונג געטאָן אויף די צוגע=
דונגענע דינערס בעת אַ מיטאָג פאַר געסט. זי איז אויך געווען
יענע, וואָס האָט, אַזוי ווייט וויפל זי האָט געקאָנט, זיך אָפּגעגעבן
מיט האַנס קאַסטאָרפּ, ווי אַ מאַמע.

האַנס קאַסטאָרפּ איז אַרומגעקראָכן אין די ערגסטע וועטערן,
אין ווינט און אין נעפל, אויפגעוואַקסן אין געלן גומי=מאַנטל,
אויב מ'קאָן אַזוי זאָגן, און זיך דערביי געפילט גאַנץ גוט. אַ
ביסל בלוט=אָרעם איז ער געווען פון אַלעמאָל. דאָס האָט אויך גע=
זאָגט דר. היידעקינד און אים געהייסן געבן יעדן טאָג, אויפן דריטן
פרישטיק, נאָך דער שול, אַ גוט גלאָז פּאָרטער, ווי באַקאַנט —
אַ נערנדיקע משקה. דר. היידעקינד האָט געהאַלטן, אַז דערפון קומט=
צו בלוט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט נעהאַט אַ טבע מיט אַן אָפן מויל
און מיט אַ פוסטן קאָפּ צו גאַפן זיך און צו קוקן ערגעץ אין
הימל אַריין, צו „דרעמלען“, ווי דער פעטער פלעגט עס אָנרופן.
אַ דאַנק דעם פּאָרטער האָט זיך דאָס יינגל אַלץ מער צוגעוויינט דערצו.
אַחוץ דעם איז ער געווען געזונט און ווי ס'דאַרף צו זיין, אַ נוצ=
לעכער טענים=שפּילער און רודערער, כאָטש — איידער צו פּאָרען
זיך אַליין מיט די פּאַסטקעס — האָט ער ליבער געהאַט אין זומער=
אָוונטן צו זיצן ביי מוזיק און ביי אַ גלעזל משקה אויף דער טע=
ראַסע פון אולענהאָרסטער שיף=צופאָר, קוקן אויף די באַלויכטענע
שיפלעך און אויף דעם פאַרביק=צעבלישטשעטן וואַסער, וואו ס'זיינען
אַרומגעשוואומען שוואַנען. גערעדט האָט ער געלאַסן, מיושבדיק,
אַ ביסל הויל און איינטאָניק, עטוואָס מיט אַ פּלאַט=דייטשן אַקצענט.
ס'איז גענוג געווען אָנצוקוקן זיין בלאָנדע קאָרעקטקייט, זיין פיין=גע=
שניטענעם, אַ ביסל אַלטערטימלעך= געבויטן קאָפּ (אין וועלכן אַ
גע'ירשנטער און נישט=באַוואוסטער שטאָלץ האָט זיך אויסגעדריקט
אין אַ מין טרוקענער שלעפעריקייט), כדי זיכער צו זיין, אַז אָט
דער האַנס קאַסטאָרפּ איז אַ נישט=געפעלשטער, אמתדיקער פּראָדוקט

פון היגן באָדן און אױפן ריכטיקן אָרט. ער אַלײן װאָלט אױך נישט
מסופק געװען דערין קײן אײן רגע, װען ער װאָלט זיך פאַרטראַכט
װעגן דעם.

ס'איז געװען די אַטמאָספער פון דער גרױסער שטאָט בײם ים,
די פײכטע אַטמאָספער פון װעלט־קרעמערטום און אָפּלעבן־אַ־גוטן־
טאָג, אין װעלכער ס'האָבן געאָטעמט זײנע אָבות. ער האָט זי אַרײנ־
געאָטעמט אין זיך מיט טיפער זעלבסטפאַרשטענדלעכקײט און מיט
גרױס הנאה. ער האָט אַײנגעזאַפּט אין זיך די אױסדאַמפּונגען פון
װאַסער, קױלן און סמאָלע, די שאַרפע ריחות פון קופּעס קאָלאָ־
ניאַל־סחורות. אױף די האַפן־קאַיעס האָט ער געזען די אומגעהײערע
דרײ־קראַנען אױף פּאַרע, װאָס אַרבעטן מיט דער רו, דער אינטעליגענץ
און די ריזיקע כוחות פון דינענדיקע עלפאַנטן, שלעפּן אַרױס פון
די ים־שיפן שטײענדיקע בײכיקע גאַנצע טאָנען זעק, באַלנס, קאַסטנס,
פעסער, באַלאָנען און לאָדן זײ אָן אױף באַנען אָדער לײגן זײ אַװעק
אין שאָפעס. ער האָט געזען, װי די סוחרים שטראָמען אין דער
מיטאָג־צײט צו דער בירזשע אין געלע גומי־מאַנטלען, אַזעלכע, װי ער
אַלײן האָט געטראָגן. דאָרטן האָט זיך שטאַרק געהודערט. װי ער
האָט געװאוסט, און עס האָט זיך גאַנץ לײכט געקאָנט טרעפן,
אַז עמעץ זאָל אױף גיך מוזן פונאַנדערשיקן אײנלאַדונגען צו אַ
גרױסער סעודה, כדי צו פאַרלענגערן דעם קרעדיט. ער האָט גע־
זען (שפּעטער האָט ער זיך באַזונדער דערמיט פאַראינטערעסירט)
דעם שלל פון שיף־װאַרשטאַטן, האָט געזען די מאַמוט־גרױסע געדאָקטע
אַזיע־און אַפריקע־שיפן, טורעם־הױכע, מיט הױלע גרונד־באַלקנס און
פּראָפּעלערס, אָנגעשפּאַרט אױף בײמער־דיקע אָנלענס, פול מיט אומ־
געלומפּערטער אומבאַהאָלפנקײט אױף דער יבשה, באַדעקט מיט
קלײנטשיקע מחנות אַרבעטער, װאָס רײבן, האַמערן, טינקעװען. ער
האָט געקוקט, װי אױף די באַדעכערטע קינסטלעכע אײנגיסן, באַר־
הילטע אין רױכיקן נעפּל, הײבן זיך די סקעלעטן פון אַנטשטײ־
ענדיקע שיפן און אינזשינערן מיט קאָנסטרוקציע־צײכענונגען און מיט
טאַבעלן אין די הענט גיבן אָנװײזונגען די בױער. דאָס אַלץ איז
פאַר האַנס קאַסטאָרפּן פון די יונגע יאָרן אָן געװען הײמיש און

האָט אין אים דערוועקט געפילן פון געמיטלעך־היימישער צוגעהעריקייט. די דאָזיקע געפילן האָבן דערגרייכט זייער העכסטע וואַרעמקייט זונטאָג פאַרמיטאָג, ווען ער פלעגט מיט ושעמס טינאַפּעל אָדער מיט זיין קוזין ציִמסען — יאָאַכים ציִמסען — עסן אויף פרישטיק אין אַלסטער־פּאַוויליאָן וואַרעם געריכערט פלייש, צוטרינקען אַ גלאָז אַלטן פּאָרטוויין און דערנאָך זיך אָנלענען אויף דער שטול און מיט גרויס תענוג פאַרציִען אַ ציגאַר. וואָרעם דאָס האָט ער ממש געפילט, אַז ער לעבט און האָט הנאה, נישט געקוקט אויף זיין אײדלבלוטיקער, צאַרטער אויסערלעכקייט; אַז ער הענגט פעסט אין אינגאַנצן אין די הנאות פון דער וועלט, ווי אַ זולל־וסובאדיק זויג־קינד.

באַקוועם און נישט שטאָלץ האָט ער געטראָגן אויף זיינע אַקסלען די הויכע ציוויליזאַציע, וועלכע די הערשנדיקע אייבערשיכט פון דער סוחרישער, שטאָטישער דעמאָקראַטיע גיט־איבער בירושה אירע קינדער. מ'האָט אים געקעכלט, ווי אַ קינד, און ר'האָט זיך אָנגעטאָן בײַ שניידערס, וואָס האָבן געניִט פאַר די יונגעלײַט פון זיין קרײַז. זיין נישט־גרויסע, זאָרגעוודיק־געצייכנטע וועש, וואָס איז געלעגן אין די ענגלישע שופלעדער פון זיין שענקל, האָט שאַלעען אָפּגעהיט אויפן בעסטן אופן. אַפילו ווען האַנס קאַסטאָרפּ האָט נאָך שטודירט אין דער פרעמד, פלעגט ער רעגולער אַהיימשיקן די וועש צום אויספּוצן און צום פאַרריכטן (ווייל ער האָט זיך געהאַלטן בײַם כלל, אַז אויסער אין האַמבורג קאָן מען אין ערגעץ נישט די מלאכה פון פּרעסן). ס'איז געווען, אַז אין איינעם פון זיינע שיינע פאַרביקע העמדער זאָל ווערן אַ ראַץ, אַז ער זאָל אַרייַנפאַלן אין אַ שלעכטער שטימונג. זיינע הענט זיינען, וואָס אמת, געווען נישט באַזונדער אַריסטאָקראַטיש אין זייער פאָרם, אָבער פונדעסטוועגן זייַנען זיי געווען שיין געהאַלטן און געהאַט אַ פרישע הויט און זיי זיינען באַצירט געווען מיט אַ פּלאַטינענעם בראַנזאָלעט און מיט דעם גרויסן ירושהדיקן זיגל־רינג. זיינע ציין, וואָס זיינען געווען אַ ביסל ווייך און האָבן אָפט זיך געקרישלט, זיינען געווען דערגאַנצט מיט גאָלד.

ווען ר'איז געשטאַנען אָדער געגאַנגען, האָט בײַ אים אַרויסגעשטאַרט דער בויך און דאָס האָט נישט געמאַכט קיין איבעריק

פינעם איינדרוק. דערפאר איז זיין האלטונג ביים טיש געווען אן אויסגעצייכנטע. ער פלעגט העפלעך צובויגן דעם גלייכן אייבערשטן טייל קערפער צו זיין שכן, מיט וועלכן ער האט געשמועסט (מ׳זשבדיק און א ביסל אויף פלאטדייטש). זיינע עלנבויגנס האבן זיך אנגעשפארט לייכט, בעת ער האט צעלייגט זיין פארציע עוף און מיט א ספעציעל גאפעלע ארויסגענומען דאס ראזיקע פלייש פון ראק.

זיין ערשט באדערפעניש נאכן עסן איז געווען א פינגער-שאל מיט פערפומירט וואסער, דאס צווייטע — א רוסישער פאפיראס. מ׳האט עס נישט געטארט אריינפירן אן אפצאל און ער פלעגט עס גאנץ געמיטלעך בשתיקה קויפן ביי שמוגלערס. אט דעם פאפיראס האט ער גערויכערט פאר דעם זייער געשמאקן ציגאר מארא מאנצאני פון א ברעמער מארקע, וועגן וועלכע אונז וועט נאך אויסקומען צו ריידן. דער שמעקעדיקער סם פון אט-די ציגארן איז זייער גוט געווען צו געניסן צוזאמען מיטן סם פון קאווע. האנס קאסטארפ האט נישט געוואלט, אז זיין טאבאק זאל קאליע ווערן צוליב דער דאמף-הייצונג. דערפאר פלעגט ער אים האלטן אין קעלער און יעדן אינדערפרי איז ער אראפגעגאנגען אהין, כדי צו נעמען זיין פארציע פאר דעם טאג. פוטער, וואס מ׳וואלט אים דערלאנגט געשניטן אין א שטיק און נישט אין פארם פון געקארבטע קיילעכלעך, וואלט ער כמעט געמוזט אין זיך אריינגייטן.

ווי מ׳זעט, האבן מיר בדעה צו זאגן וועגן אים אלץ, וואס קאן אויסנעמען, אבער מיר נעמען אים נישט איבערגעטריבן און מיר מאכן אים נישט בעסער אדער ערגער, ווי ר׳איז געווען. האנס קאסטארפ איז נישט געווען קיין זשעני, אויך נישט קיין נאר. כאראקטעריזירנדיק אים, מיידן מיר אויף דאס ווארט „מיטלמעסיק", נישט צוליב זיין אינטעליגענץ און צוליב זיין פערזאן, וועלכע איז, א.ג.ב., געווען א גאנץ פשוטע. מיר טוען עס גיכער צוליב אכטונג צו זיין גורל, וועלכן מיר זיינען גענייגט אנצוהענגען א געוויסן איבערפערזענלעכן באטייט. זיין קאפ איז נישט צו-שוואך געווען פאר די לימודים פון א רעאל-גימנאזיע און ער האט זיך נישט געדארפט אנשטרענגען דערביי. אבער דאס צו טאן וואלט ער גאנץ זיכער נישט געהאט קיין חשק ביי קיין שום באדינגונגען און צוליב קיין שום לימוד.

אפשר נישט אַזוי מחמת מורא זיך נישט ווי צו טאָג, ווי צוליב דעם, וואָס ער האָט בשום־אופן קיינמאָל נישט געהאַט קיין סיבה דערצו, אָדער ריכטיקער: קיין א ו מ ב אַ ד י נ ג ט ע סיבה. קאָן זיין, אַז דערפאַר דאַרפן מיר אים טאַקע נישט אָנרופן מיטלמעסיק: ער האָט באמת אויף אַ געוויסן אופן געפילט דעם דאָזיקן מאַנגל אין סיבות.

דער מענטש לעבט נישט בלויז זיין פערזענלעך לעבן, ווי אַ יחיד, נאָר — באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק — אויך דאָס לעבן פון זיין תקופה און פון זיין דור. זאָל ער אַפילו האַלטן די אַלגעמיינע און אומפּערזענלעכע יסודות פון זיין עקזיסטענץ פאַר אומבאַדינגט און זעלבסטפאַרשטענדלעך און אַזוי ווייט זיין זיי צו קריטיקירן, ווי דער וואוילער קאַסטאָרפּ איז באמת געווען, — פונדעסטוועגן קאָן געמאָלט זיין, ער זאָל פילן, אַז זיין עטיש גלייכגעוויכט איז שטאַרק באַוועלט דורך זייערע חסרונות. דער יחיד קאָן האָבן פאַר די אויגן זיינע פּערזענלעכע צילן, צוועקן, האָפענונגען און פּערספּעקטיוון, פון וועלכע ער שעפּט דעם אימפּולס צו גרויסע אָנשטרענגונגען און מעשים. פונדעסטוועגן — אויב דאָס אומפּערזענלעכע אַרום אים, די צייט אַליין וועט, אין תוך אַריין, נישט געקוקט אויף דעם אויסערלעכן דראַנג, באַגיין זיך אָן די דאָזיקע האָפענונגען און פּערספּעקטיוון; אויב דאָס אומפּערזענלעכע וועט פאַרהוילענערהייט זיך אים אויסווייזן פאַר יאושדיק און אָן־עצהדיק און וועט ענטפערן מיט אַ הויל שטילשווייגן אויף די באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק געשטעלטע פראַגן וועגן לעצטן, איבערפּערזענלעכן, אומבאַדינגטן זין פון אַלע אָנשטרענגונגען און מעשים, — דעמאָלסט איז כמעט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס זאָל נישט האָבן קיין אָפּשוואַכנדיקע ווירקונג, בפרט נאָך ווען מיר האָבן צו טאָן מיט אַ בעסערן מענטש. שפּעטער גייט אַריבער דער דאָזיקער גייסטיק־עטישער צושטאַנד אויך אויף דער פיזישער און אָרגאַנישער טייל פון אינדיווידום. כדי פעיק צו זיין אויף באַדייטנדיקע מעשים, וואָס שטייגן אַריבער די מאָס פון אומבאַדינגט נייטיקן, כאָטש די צייט גיט נישט קיין באַפרידנדיקע תשובה אויף דער פראַגע „צוליב וואָס“ — דערצו דאַרף מען האָבן אָדער שטאַרקע עטישע איינזאַמקייט און אוממיטלבאַרקייט — זאַכן גאָר זעלטענע, וואָס גרענעצן זיך מיט העראָיזם, — אָדער: גאָר

אַ שטאַרקן לעבנס־דראַנג. איז פאַל מיט האַנס קאַסטאָרפ איז נישט געווען, נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס צווייטע, דערבאַר איז ער סוף־כל־סוף געבליבן מיטלמעסיק, כאָטש גאָר אין בעסערן זין.

מיר האָבן דאָ נישט בלויז גערעדט וועגן אינערלעכן מצב פון דעם יונגנמאַן אין דער שול־צייט, נאָר אויך — אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָכדעם ווי ער האָט שוין באַשטימט זיין באַרוף אין לעבן. וואָס ס'איז נוגע זיין לערנען אין גימנאַזום, — האָט זיך אַפילו געטראָפן, אַז ער האָט געמוזט אָפּזיצן צוויי יאָר אין אַ קלאַס. בכלל אָבער, האָבן אים געשטופּט פאָרויס זיין אָפּשטאַם, זיין גרויס־שטאָטיש באַנעמען זיך און סוף־כל־סוף אויך זיינע גוטע כאָטש נישט ליידנשאַפטלעכע פעיִקייטן צו מאַטעמאַטיק. ווען ער האָט געקריגן די איינאָר־צייגעניש*), האָט ער פונדעסטוועגן באַשלאָסן דורכצוגיין דעם גימנאַזיום ביזן סוף. דער עיקר האָט ער עס געטאָן, דעם אמת געזאָגט, ווייל דערמיט איז פאַרלענגערט געוואָרן דער צוגעוויינטער, דערוויילִיקער און נישט־אַנטשלאָסענער מצב און ס'איז ווייטער געווען צייט איבערצוקלערן, וואָס אַזוינס צו ווערן. ווייל האַנס קאַסטאָרפּ האָט לאַנג זיך געקווענקלט, נישט געקומען צו קיין טאָלק אַפילו אין דער לעצטער קלאַס און אַפילו ווען ס'איז צום סוף באַשלאָסן געוואָרן (זאָגן, אַז ער האָט זיך אַנטשלאָסן, וואָלט כמעט געווען צופיל געזאָגט) — האָט ער נאָך אַלץ געפילט, אַז ס'וואָלט פּונקט אַזוי גוט געקאָנט באַשלאָסן ווערן עפּעס אַנדערש.

איינס איז אמת, אַז פון די שיפן האָט ער געהאַט גרויס פאַרגעניגן. זייענדיק אַ קליין יינגל, האָט ער די בלעטער פון זיינע נאָטיץ־ביכער באַפּאַטשקעט מיט בלייַשטיפט־צייכענונגען פון איינמאַסטיקע פישער־שיפלעך, שיפלעך אויף גרינס און פינפמאַסטן. ווען ער איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר, האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט פון אַ ספּעציעל־בעסערן פּלאַץ זיך צוקוקן, ווי דער נייער טאָפּלשרויפיקער פּאָסטדאַמפער „האַנזאַ" פון דער פירמע בלאָהם עט פאָס ווערט אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער אַריין. ער האָט דעמאָלסט מיט אַקוואַרעל־פאַרבן געמאַכט אַזאַ גענויע און געראָטן בילד פון דער

---

* דאָס רעכט צו דינען בלויז איין יאָר אין מיליטער, וואָס מ'באַקומט נאָך זיבן יאָר לערנען אין גימנאַזיום.

שיינער שיף מיט אַלע קלענסטע פּרטים, אַז קאָנסול טינאַפּעל האָט עס איבּגעהאַנגען אין זיין פּריוואַט־קאָנטאָר. אויף דעם דאָזיקן בּילד איז די טראַנספּאַרענטע גלאָז־ריינקייט פון צעוויגטן ים בּאַהאַנדלט געוואָרן מיט אַזויפיל ליבּע און געשיקטקייט, אַז עמעץ האָט אַפילו געזאָגט דעם קאָנסול טינאַפּעל, אַז ר'איז אַ טאַלענט און אַז ס'קאָן פון אים אַרויסקומען אַ גוטער מאַרינע־מאָלער. דער קאָנסול האָט דעם דאָזיקן אויסדרוק רויק געקאָנט איבּערדערציילן קאַסטאָרפּן, ווייל יענער האָט בּלויז גוטמוטיק געלאַכט און האָט אַפילו איין רגע נישט געהאַט בּדעה זיך צו דראַפּען אויף די ווענט און צו ליידן הונגער צוליבּ אַזעלכע זאַכן.

— אַ סך פאַרמאָגנסטו נישט — פּלעגט אים טיילמאָל זאָגן קאָנסול טינאַפּעל. — מיין געלד וועלן בּאַקומען בּירושה דער עיקר זשעמס און פּעטער, כ'הייסט — ס'געלט בּלייבּט אין געשעפט און פּעטער וועט בּאַקומען זיין ריווח. וואָס ס'איז נוגע דיר — ליגט עס אין גאַנץ גוטע הענט און בּרענגט דיר איין אַ זיכערע הכנסה. אָבּער לעבּן פון צינזן — דאָס איז היינטיקע צייטן מער נישט קיין שפּאַס, סיידן מ'האָט לכל־הפּחות פינף מאָל אַזויפיל, וויפל דו. אויבּ דו ווילסט עפּעס זיין אַמאָל דאָ אין שטאָט און לעבּן, ווי דו בּיסט געוויינט געוואָרן, וועסטו דאַרפן אָרנטלעך פאַרדינען. נעם עס דיר אין זינען אַריין, בּחורעץ!

האַנס קאַסטאָרפּ האָט עס גענומען אין זינען אַריין און טאַקע אומגעקוקט זיך נאָך אַ פּראָפעסיע, פון וועלכער מ'וועט קאָנען האָבּן אַ פּנים פאַר זיך און פאַר לייטן. אַנטשלאָסן האָט ער זיך אַדאַנק דער ווירקונג פון אַלטן ווילמס (פון דער פירמע טונדער עט ווילמס), וואָס האָט אַמאָל אין שבּת־צונאַכטס שפּילנדיק „ווהיסט" אַ זאָג געטאָן דעם קאָנסול, אַז קאַסטאָרפּ וואָלט געדאַרפט שטודירן שיף־בּוי, דאָס איז אַ פּלאַן, ווייל ער וועט קאָנען אַריינטרעטן צו אים און ער וועט שוין אַכטונג טאָן אויף דעם בּחור. פון דעמאָלסט אָן האָט ער אָנגעהויבּן צו קוקן אויף זיין פּראָפעסיע מיט גרויס דרך־ארץ און האָט אים געפונען, אַז דער בּאַרוף איז טאַקע פאַסקודנע קאָמפּליצירט און אָנשטרענגענדיק, אָבּער דערבּאַר — אויסגעצייכנט, וויכטיק און גרויסאַרטיק. פאַר אַזאַ פרידלעכן מענטשן, ווי ער איז, איז עס, אַלנ־

פֿאַלס, אַ סך בעסער, װי נאָכצוטאָן זײַן קוזין צימסען, אַ שטיף־שװעסטער־קינד פֿון זײַן פֿאַרשטאָרבענער מוטער, װעלכער האָט דװקא געװאָלט װערן אַן אָפֿיציר. דערבײַ איז נאָך יאָאַכים צימסען נישט געװען אַזױ אינגאַנצן אין אָרדענונג מיט דער ברוסט. אָבער טאַקע דערפֿאַר איז פֿאַר אים צום בעסטן צו האָבן אַ באַשעפֿטיקונג אױף דער פֿרײַער לופֿט, װאו ס'קאָן כמעט קײן רײד נישט זײַן װעגן גײַסטיקער אַרבעט און אָנשטרענגונג, װי האַנס קאַסטאָרפּ האָט גע־טראַכט מיט לײַכטן ביטול. װײַל פֿאַר אַרבעט האָט קאַסטאָרפּ געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ, כאָטש אים אַלײן האָט אַרבעט זײער גיך מיד געמאַכט.

מיר קומען איצט צוריק צו אונזער פֿריערדיקער באַמערקונג, װאָס שטיצט זיך אױף דער השערה, אַז די עװלות, װאָס דאָס פֿער־זענלעכע לעבן לײַדט פֿון דער צײַט, זײַנען בכּוח צו באַאײַנפֿלוסן דעם פֿיזישן אָרגאַניזם פֿון מענטש. װי אַזױ האָט האַנס קאַסטאָרפּ געקאָנט נישט שעצן די אַרבעט? — ס'װאָלט געװען אומנאַטיר־לעך. צוליב אַלע זאַכן אַרום, האָט ער זי געמוזט האַלטן פֿאַר דעם, װאָס פֿאַרדינט די גרעסטע אַכטונג. ער האָט, באמת, נישט גע־זען עפּעס, װאָס דאַרף אַזױ געשעצט װערן, װי זי. זי איז פֿאַר אים געװען דער פּרינציפּ, צוליב װעלכן מ'קאָן יאָ האָבן אַ קיום אָדער נישט האָבן, דאָס אַבסאָלוטום פֿון דער צײַט, זי האָט, אַזױ צו זאָגן, איר אײגענעם זכות־הקיום. זײַן אַכטונג צו איר איז געװען אַ רעליגיעזע און, אױף װיפֿל ער האָט געװאוסט, אינגאַנצן אַ פֿעסטע. אַן אַנדער פֿראַגע איז — צי ער האָט זי באמת ליב געהאַט. נישט געקוקט אױף דער גאַנצער אַכטונג, איז ער דאָס נישט געװען בכּוח. קודם־כּל דערפֿאַר, װײַל זי האָט אים נישט געדינט צום געזונט. אָנגעשטרענגטע אַרבעט האָט אים דענערװירט, האָט אים באַלד אױסגעמאַטערט און ער האָט גאַנץ אָפֿן מודה געװען, אַז ער האָט אַ סך ליבער די פֿרײַע צײַט אָן יעדן עול, אױף װעלכער ס'שװערט נישט די משׂא פֿון מי — די צײַט, װאָס ליגט אָפֿן, נישט אָפּגעטײלט פֿון צײַן־קריצעניש בײַם איבערקומען די מניעות. די דאָזיקע סתירות אין שײַכות צו אַרבעט זײַנען געװען, גענױ גערעדט, נישט פֿאַרענטפֿערט. אפֿשר, קאָן געמאָלט זײַן, אַז

סיי זיין קערפּער, סיי זיין גייסט (קודם־כל דער גייסט, צוליב איס — אויך דער קערפּער) וואָלטן מיט מער פרייד און התמדה וויליק גע־ווען צו אַרבעט, ווען אויפן גרונד פון זיין נשמה, דאָרט, האָ ער אַליין האָט ווייניק־וואָס זיך פונאַנדערגעקליבן, וואָלט די אַרבעט גע־גאָלטן פאַר אַ אומבאַדינגטן ווערט און פאַר אַ פּרינציפּ, וואָס האָט זיין אייגנעם זכות־הקיום און וואָס איז בכוח אָנצופילן מיט גלויבן און באַרויִקונג? — צוליב דעם וואָלט מען ווידער געמוזט אַוועק־שטעלן די פראַגע וועגן זיין מיטלמעסיקייט, אָדער מער־ווי־מיטל־מעסיקייט. מיר ווילן אָבער אויף אָט דער פראַגע נישט געבן קיין פולע תשובה, ווייל מיר האַלטן זיך נישט פאַר מחויב צו זאָגן שבחים האַנס קאַסטאָרפּן און מיר לאָזן פלאַץ פאַר דער השערה, אַז די אַרבעט וואָלט אים פשוט אַ ביסל געשטערט במנוחה צו געניסן פון די ציגאַרן מאַריאַ מאַנציני.

צו מיליטער־דינסט האָט מען אים נישט צוגעצויגן. טיף אין זיך האָט ער עס נישט געוואָלט און האָט עס געקאָנט אויסמיידן. ס׳קאָן אויך מעגלעך זיין, אַז דער שטאַב־דאָקטאָר עבערדינג, וואָס פלעגט אַריינקומען צו זיין פעטער אין הויז, זאָל האָבן אַמאָל אין אַ שמועס געהערט פון קאָנסול טינאַפּעל, אַז דעם יונגן קאַסטאָרפּ וועט מיליטער־דינסט שטאַרק שטערן צו זיין שטודיום, צו וועלכן ער האָט ערשט־וואָס זיך גענומען אין דער פרעמד.

נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט אויך אין דער פרעמד געהאַלטן זיך בײַ זיין באַרויִקנדיקער געוווינהייט צו טרינקען פאַר־מער אויף פרישטיק, האָט זיין פאַמעלעכער און געלאַסענער קאָפּ זיך אָנגעזאַפּט מיט אַנאַליטישער געאָמעטריע דיפערענציאַל־רעכע־נונג, מעכאַניק, פּראָיעקציע־לימוד און גראַפאָסטאַטיק. ער האָט באַ־רעכנט סיי געלאָדענע, סיי אומגעלאָדענע דעפּלאַסמאַן*). סטאַביליטעט, גלייכגעוויכט און מעטאַצענטרום, כאָטש טיילמאָל פלעגט עס אים ווערן נמאס און מיאוס. זיינע טעכנישע צייכענונגען. די אַלע שיפּסקעלעט־וואַסערליניע־און לאַנגשניט־צייכענונגען זיינען נישט גע־ווען אַזוי געלונגען, ווי זיין מאָלערישע אָפּבילדונג פון דער „האַנזאַ"

* די וואָג פון וואַסער, וואָס ווערט אַרויסגעשטויסן דורך דער שיף.

איפן ים. אָבער דאָרט, וואו מ'האָט נעדאַרפט דערגאַנצן די גייסטיקע אָנזעעוודיקייט דורך חושימדיקער, למשל — צו טישן שאַטנס און אָנצופילן די קוועדשניט־צייכענונגען מיט לעבעדיקע נאַטורעלע פאַרבן,— דעמאָלסט האָט האַנס קאַסטאָרפ מיט זיין געשיקטקייט איבערגעיאָגט ס'רוב איבעריקע.

אויף די פעריען פלעגט ער קומען אַהיים, זייער אַ זויבערער, זייער שיין אָנגעטאָן, מיט קליינע רויטלעכע וואָנצעלעך אויף זיין שלעפריק יונג פאַטריציער־פנים און מיט אַן אויסדרוק פון איינעם, וואָס גרייט זיך צו אַ פיינער פּאָזיציע אין לעבן. דער עולם, וואָס פאַרנעמט זיך דאָ מיט קאָמונאַלע ענינים און האָט אויך אַ ידיעה אין פערזענלעכע און פאַמיליע־ענינים (און דערמיט פאַרנעמט זיך דער רוב אין אַ שטאָט־מלוכה, וואָס רעגירט זיך אַליין), האָט אויף אים געקוקט מיט מבינות און מ'האָט זיך אַליין געפרעגט, אין וואָס פאַר אַן עפנטלעכער ראָלע דער יונגער קאַסטאָרפ וועט דאָ אַמאָל קאָנען אַריינוואַקסן. אַוודאי האָט ער געהאַט אויף וואָס זיך אָנצושפאַרן, זיין נאָמען איז געווען אַלט און באַקאַנט און ס'איז כמעט קיין ספק נישט געווען. אַז אין איינעם אַ טאָג וועט מען זיך דאַרפן רעכענען מיט זיין פערזאָן, ווי מיט אַ פּאָליטישן פאַקטאָר. ער וועט דעמאָלט מסתמא זיצן אין שטאָטראַט, אָדער גאָר אין מאַגיסטראַט, וועט מאַכן געזעצן, וועט האָבן אַן ערן־אַמט ביי דער סוווערענער מאַכט, געהערן צו אַ פאַרוואַלטונגס־אָפּטיילונג, אַ שטייגער צו דער פינאַנץ־דעפּוטאַציע אָדער גאָר צו דער דעפּוטאַציע פון בוי־וועזן. זיין שטים וועט ווערן געהערט און געציילט. מ'האָט אַפילו געפרווט טרעפן, צו־וואָס פאַר אַ פּאַרטיי ער וועט דעמאָלט געהערן, דער יונגער קאַסטאָרפ. אמת, פון אויסזען קאָן מען נישט תמיד ברענגען אַ ראַיה, פונדעסטוועגן זעט ער אַנדערש אויס, ווי עמעץ, אויף וועלכן די דעמאָקראַטן וואָלטן געקאָנט רעכענען. זיין ענלעכקייט מיטן זיידן לאָזט זיך נישט אָפּלייקענען. אפשר וועט ער געראָטן אין אים און זיין אַ שטערעניש, אַ קאָנסערוואַטיווער עלעמענט? אי דאָס איז מעגלעך — אי דער היפוך דערפון. ווייל סוף־כל־סוף איז ער דאָך געווען אַן אינזשינער, וואָס האָט באַדאַרפט ווערן שיף־בוימייסטער, אַ מענטש פון וועלט־קאָמוניקאַציע און טעכ־

ניק. דערפאַר איז אפשר מעגלעך, אַז האַנס קאַסטאָרפּ וועט גיין מיט די ראַדיקאַלן, זיין אַ דרייסטער, אַ וואָכעדיקער צעשטערער פון אַלטע בנינים און אידילישע לאַנדשאַפטן, אומגעצוימט ווי אַ ייד און אָן פּיעטעט, ווי אַן אַמעריקאַנער. אפשר וועט ער בכלל גיכער זיין געניגט איינמאָל פאַר אַלעמאָל איבערצורייסן מיט די בכבודיקע טראַדיציעס, איידער צו וואַרטן אויף דער פּאַמעלעכדיקער אַנטוויקלונג פון די נאַטירלעכע לעבנס־באַדינגונגען, און ער וועט אַזוי־אַרום שטויסן די רעגירונג צו געוואַגטע עקספּערימענטן? — אויך דאָס קאָן מעגלעך זיין. וועט ער שוין האָבן אין בלוט דעם דרך־ארץ פאַר די חכמים, פאַר וועלכע די טאָפּלטע וואַך ביים ראָטהויז פּרעזענטירט דאָס געווער און וועלכע ווייסן אַליין צום בעסטן? אָדער וועט ער זיין געניגט צו שטיצן די אָפּאָזיציע אין שטאָטראַט? — אין זיינע בלויע אויגן אונטער די רויטלעכע ברעמען האָט מען נישט געקאָנט אַרויסלייענען קיין שום תשובה אויף אַזעלכע נייגעריקע פראַגן פון די בירגער. ער, דאָס אומבאַשריבענע בלאַט האַנס קאַסטאָרפּ, האָט נאָך מסתמא אַליין נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן דערויף.

ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער נסיעה, וואו מיר טרעפן אים, איז ער געווען אין דריי און צוואַנציקסטן יאָר. ער האָט שוין דעמאָלסט געהאַט הינטער זיך די פיר סעמעסטערס פון דאַנציקער פּאָליטעכניקום און די פיר שפּעטערדיקע, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט אין די טעכנישע הויכשולן אין בראונשווייג און קאַרלסרוהע, איז ערשט נישט לאַנג געהאַט איבערגעקומען דעם ערשטן הויפּטעקזאַמען, וועלכן ער איז אַדורך אָן ספּעציעלן גלאַנץ און אָרקעסטער־טוש, אָבער פונדעסטוועגן בכבוד. איצט האָט ער זיך געגרייט אַריינצוטרעטן צו טונדער עט ווילמס פאַר אַן אינזשיניער־וואָלאָנטער, כדי צו קריגן אין דעם שיף־וואַרשטאַט זיין פּראַקטישע אויסבילדונג. ביי דעם דאָזיקן פונקט האָט זיין וועג אויף איינמאָל אָנגענומען די ווענדונג, וועגן וועלכער מיר דערציילן ווייטער.

פאַרן הויפּט־עקזאַמען האָט ער געמוזט אַרבעטן אינטענסיוו און עקשנותדיק און ווען ר'איז אַהיימגעקומען, האָט ער אויסגעזען נאָך מאַטער, ווי ס'איז דער שטייגער פון דעם טיפּ מענטשן.

דר. היידעקינד האָט זיך געבייזערט יעדעס מאָל, ווען ר׳האָט אים געזען, און געהייסן פאָרן אויף פרישער לופט, אין טאָקע נישט בלויז פאַר יוצא־ווענן. מיט נאָרדערנע, אָדער וויך אויפן אינזל פער, האָט ער געטענהט, וועט מען איצט נישט אָפּקומען. לויט זיין עצה האָט האַנס קאַסטאָרפּ געדאַרפט, איידער ער גייט אַריין אין וואַרשטאַט, פאָרן אויף עטלעכע וואָכן אין די בערג.

דאָס איז אַ גאַנץ גוטער פּלאַן — האָט געזאָגט קאָנסול טינאַפּעל צו זיין שוועסטערזון און איפּצי־קינד, אָבער צוליב דעם וועלן זיך זייערע וועגן מוזן צעגיין פאַרן היינטיקן זומער. ווייל אים, קאָנסול טינאַפּעל, וועט מען מיט פיר פּאָר פערד נישט אַוועקשלעפּן אין די הויכע בערג. ס׳איז נישט פאַר אים. ער דאַרף האָבן אַ לייטישע לופט, ווען נישט קריגט ער אַטאַקן. אין די הויכע בערג קאָן האַנס קאַסטאָרפּ מיטן גרעסטן כבוד פאָרן אַליין. דערביי וועט ער זיין ביי יאָאַכים צימסען.

דאָס איז געווען אַ גוטע עצה. ווייל יאָאַכים צימסען איז געווען קראַנק — נישט אַזוי קראַנק, ווי האַנס קאַסטאָרפּ, נאָר אויף אַן אמת און אויף אַ מיאוסן אופן. מ׳האָט זיך אַפילו שטאַרק געשראָקן פאַר זיין לעבן. ער האָט אַלעמאָל געהאַט אַ נייגונג צו קאַטאַרן און צו קריגן היץ, אָבער אין איינעם אַ טאָג האָט ער אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט און ער האָט געמוזט תיכּף־ומיד פאָרן קיין דאַוואָס. ס׳איז פאַר אים געווען אַ גרויסע צרה און אַ עגמת־נפש, ווייל ער האָט גראָד געהאַלטן ביים ציל פון זיינע פאַרלאַנגען. אין משך פון עטלעכע סעמעסטערס האָט ער, וואָס אמת, איפּן פאַרלאַנג פון זיינע קרובים, שטודירט יוריספּאָנדענץ, אָבער סוף־כל־סוף האָט ער נישט געקאָנט גובר זיין זיין שטאַרקן חשק, אַוועקגעוואָרפן דעם אוניווערסיטעט, זיך געמאָלדן פאַר אַ אָפּי־ציר און שוין געווען צוגענומען. איצט אָבער איז ער שוין געוועזן איבער פינף חדשים אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאַנאַטאָריע „בערגהאָף״ (מעדיצינישער לייטער: הויפראַט דר. בערענס) און שיר נישט פאַרנודעט געוואָרן צום טויט, ווי ר׳האָט געשריבן אין זיינע קאַרטלעך. אויב האַנס קאַסטאָרפּ וויל באמת עפּעס טאָן פאַר זיינעט־וועגן, איידער ער טרעט אַריין אויפן פּאָסטן צו טונדער עט ווילמס, —

איז נישטאָ עפּעס גלייכערס, ווי ער זאָל אויך אַהינפאָרן אין דער אייגענער סאַנאַטאָריע און זיין אַ ביסל צוזאַמען מיט זיין אָרעמען קוזין — אַ טייערע זאַך פאַר ביידע צדדים.

ווען ער האָט זיך סוף־כל־סוף אַנטשלאָסן אויף דער נסיעה, איז שוין געווען שפּעט אין זומער אַריין. ס׳זיינען שוין געווען די לעצטע יולי־טעג.

ער איז געפאָרן אויף דריי וואָכן.

דריט קאַפּיטל

בכבודיקע מרה־שחורה.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט מורא געהאַט, ער זאָל זיך נישט אַמאָל איבערכאַפּן צו־שפּעט, אַזוי מיד איז ער געווען נעכטן. פּאַקטיש איז ער שוין געשטאַנען אויף די פיס פריער ווי מ'האָט געדאַרפט און ער האָט געהאַט גענוג פרייע צייט בנעימותדיק אויסצופירן זיינע פרימאָרגנדיקע טואַלעט־געוויינהייטן, הויך־ציוויליזירטע געוויינהייטן, צווישן וועלכע דאָס גרעסטע אָרט האָבן פאַרנומען: אַ גומי־וואַנע, ווי אויך אַ הילצערנע שאָל מיט גרינער לאַוואַנדעל־זייף מיט דעם שטרייענעם פּענזל, וואָס גייט־צו דערצו. נאָכן וואַשן זיך און נאָך דער טואַלעט, האָט ער אַפילו באַוויזן אויסצופּאַקן זיינע זאַכן און זיי צו ברענגען אין אָרדענונג. בשעת ער האָט דורכגעפירט די פאַרזילבערטע זשילעטקע איבער זיינע פּערפומירטע און אָנגעזייפטע באַקן, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיינע צעמישטע חלומות און האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף די אַלע נאַרישקייטן, מיט אַ רחמנותדיקן שמייכל, פול מיט דעם ישוב־הדעת פון אַ מענטש, וואָס גאָלט זיך קעגן שיין פון טאָג. זייער אויסגערוט האָט ער זיך טאַקע נישט געפילט, וואָס אמת, אָבער — דערפרישט פונם פריען מאָרגן.

בשעת ער האָט זיך אָפּגעווישט די הענט, איז ער מיט געפּודערטע באַקן, אין זיינע פילדעקאָס־אונטערהויזן און אין די רויטע סאַפּיאַן־פּאַנטאָפל אַרויס אויפן באַלקאָן, וועלכער האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער מויער און בלויז געווען צעטיילט אויף איינצעלנע גאַניקלעך דורך ווענטלעך פון מאַטן גלאָז, וועלכע האָבן אַפילו נישט דערגרייכט ביז צו דער באַריערע. דער פרימאָרגן איז געווען אַ קילער און וואָלקנדיקער. ברייטע נעפּל־פּאַסן זיינען געהאַנגען אומבאַוועגלעך אין ביידע זייטן בערג. נאָך ווייטער האָבן

זיך געצויגן איבער די בערג, געדיכטע וואָלקנס, ווייסע און גרויע. דאָ און דאָרט האָבן זיך אַרויסגעזען בלויע פּאַסן אין פלעקן הימל און ווען ס׳האָט אַ שיין געטאָן די זון, האָט דער ישוב אונטן אין טאָל אָפּגעגלאַנצט ווייס קעגן די טונקעלע סאָסנע-וועלדער אויף די שיפּועים. ערגעץ האָט געשפּילט מוזיק, מסתמא אין דעם איי-גענעם האָטעל, וואו ס׳איז אויך נעכטן אינאָוונט געווען אַ קאָנ-צערט. כאָראַל-אַקאָרדן דאָבן אָפּגעקלונגען פון דאָרטן צוגעדושעטע. נאָך אַ הפסקה, האָט זיך דערהערט אַפילו אַ מאַרש. האַנס קאַס-טאָרפּ האָט האַרציק ליב געהאַט מוזיק, זי האָט אויף אים געווירקט, פּונקט אַזוי ווי דער פּאָרטער צום פרישטיק, ס׳הייסט — באַרויקנ-דיק, באַטויבנדיק, איינדרעמלענדיק. ער האָט זיך דערפאַר צוגעהערט מיט הנאה, מיטן קאָפּ אין אַ זייט, מיט אַן אָפן מויל און אַ ביסל אָנגערויטלטע אויגן.

אונטן האָט זיך געשלענגלט אַרויף צו דער סאַנאַטאָריע די געדרייטע סטעזשקע, מיט וועלכער ער איז נעכטן אינאָוונט אָנ-געקומען. קורץ-שטענגלדיקע ענציאַנען, ווי שטערן, האָבן אַפּערגעקוקט פון פייכטן גראָז אויף דעם שיפּוע. אַ טייל פון פלאַכן בערגל איז געווען אַרומגעצוימט און ס׳איז דאָ געווען אַ גאָרטן. מ׳האָט דאָרטן געזען וועגלעך אויסגעשיט מיט סטרולקעס, בייטן בלומען און אַ קינסטלעכע פעלזן-גראָטע צופוסנס פון אַ שיינעם יאָדלע-בוים. קעגן דרום האָט זיך געעפנט אַ גרויסע וועראַנדע מיט אַ בלעכערנעם דאַך; אינעווייניק זיינען געשטאַנען ליג-שטולן. לעבן דעם איז געווען אויפ-געשטעלט אַ רויט-ברוין געפאַרבטער פאָנען-שטאַנג מיט אַ שטריק, אויף וועלכן מ׳פלעגט טיילמאָל אַרויפציען אַ פאָן, — אַ פאַנטאַס-טישע פאָן, גרין און ווייס, מיט דעם עמבלעם פון דער מעדיציני-שער ווּיסנשאַפט — עסקולאַפּס שטעקן — אינמיטן.

אַ פרוי האָט זיך אַרומגעדרייט אין גאָרטן, אַן עלטערע דאַמע מיט אַ טריבן, מ׳קאָן זאָגן, טראַגישן אויסזען. אינגאַנצן אין שוואַרצן און מיט אַ שוואַרצן שאַל איבער די צעקאָדלטע שוואַרץ-גרויע האָר, האָט זי זיך אַרומגעדרייט אומרויִק און מיט גלייכע גיכע טריט אויף די שטעגלעך. קניען האָט זי געהאַט קרומע, די אָרעמס — גלייך אַראָפּגעהאַנגענע. מיט קנייטשן אין שטערן, מיט קויל-שוואַרצע אויגן,

אונטער וועלכע ס'האָבן געהאַנגען שלאַפֿע טאָרבעלעך, האָט זי געקוקט פֿאַר זיך און גליווערדיק. איר אַלטווערנדיק, דרומדיק־בלאַס פּנים מיט דעם גרויסן פֿאַרדאַגהטן מויל, וואָס ציט זיך אין איין זייט אַראָפּ, האָט דערמאָנט האַנס קאַסטאָרפּן אין אַ בילד פֿון אַ באַרימטער טראַגיקערין, וואָס איז אים אַמאָל אויסגעקומען צו זען. עס איז געווען אומהיימלעך צו זען, ווי די שוואַרץ־בלייכע פֿרוי האָט, אַפּנים, אַליין נישט וויסנדיק, צוגעפּאַסט אירע לאַנגע פּיינפֿולע טריט צו דעם טאַקט פֿון דער ווייטער מאַרש־מוזיק.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט צו איר אַראָפּגעקוקט פֿאַרטראַכט און מיט רחמנות און געהאַט דאָס געפֿיל, ווי איר טרויעריקע געשטאַלט וואָלט פֿאַרטונקלט די זון פֿון פֿרימאָרגן. איינציייטיק האָט ער פֿאַרנומען נאָך עפּעס אַנדערש, גערוישן, וואָס קומען פֿון שכנותדיקן צימער לינקס — דאָס צימער פֿון רוסישן פּאָרפֿאָלק, ווי יאָאַכים האָט געזאָגט. אויך אָט־די גערוישן האָבן עפּעס נישט געפּאַסט צו דעם לוסטיקן, פֿרישן פֿרימאָרגן און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פֿאַרפּאַטשקען אים גיכער. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך נעכטן געהערט עפּעס אַזוינס, נאָר צוליב מידקייט האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט דערויף. ס'איז געווען אַ מין דושעו, סאַפּען און קיכן און פֿאַר דעם יונגן מענטש האָט נישט געקאָנט בלייבן קיין סוד, וואָס די דאָזיקע שאָרכן באַטייטן, כאָטש ער האָט אין אָנהייב זיך אָנגעשטרענגט צוליב גוטמוטיקייט עס אויסצוטייטשן אומשולדיק. די דאָזיקע גוטמוטיקייט וואָלט מען אויך געקאָנט אָנרופֿן מיט אַן אַנדער נאָמען, למשל, מיט דעם אַ ביסל באַנאַלן נאָמען: נשמה־ריינקייט, אָדער מיטן ערנסטן און שיינעם נאָמען: בושה, אָדער גאָר רעכענען זי פֿאַר אַ חסרון און זי אָנרופֿן — מורא פֿאַרן אמת און געמאַכטע צדקות, צי גאָר מיסטישער פּחד און פֿרומקייט. אין האַנס קאַסטאָרפּס פֿאַרהאַלטן זיך בנוגע אָט־די רוישן איז געווען פֿון דעם אַלעמען. פֿיזיאָנאָמיש האָט זיך עס אויסגעדריקט אין דער בכבודיק־פֿינסטערער מינע זיינער, אַ מינע, ווי ער וואָלט פֿון דעם אַלעם, וואָס ער הערט, גאָרנישט געוואָלט וויסן. אַן אויסדרוק פֿון לייטישקייט, וואָס איז, אַגב, נישט געווען אינגאַנצן אָריגינעל, און וועלכן ער פֿלעגט אָבער באַקומען אַלעמאָל ביי באַשטימטע פֿאַלן.

מיט אָט־דער מינע איז ער אַוועק פון באַלקאָן צוריק אין שטוב אַריין, כדי מער זיך נישט צוצוהערן צו די געשעענישן, וואָס האָבן אים אויסגעוויזן צו זיין ערנסטע און אַפילו דערשיטערנדיקע, כאָטש מ׳האָט דאָרטן בשעת־מעשה געכיכעט. אָבער אין צימער האָט מען נאָך דייטלעכער דערהערט, וואָס ס׳טוט זיך אָפּ פון יענער זייט וואַנט. מ׳האָט זיך, ווייזט אויס, אַרומגעיאָגט צווישן מעבל, אַ שטול איז אומגעפאַלן, מ׳האָט זיך אַרומגעכאַפּט און ס׳האָט זיך געהערט אַ פּאַטשעריי און קושעניש. צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען די וואַלצער־מוזיק, אַן אויסגעשפּילטע מעלאָדיע פון אַ באַקאַנט גאַסן־לידל, וואָס האָט פון דערווייטנס באַגלייט די אומגעזעענע סצענע. האַנס קאַסטאָרפּ איז געשטאַנען, מיטן האַנטוך אין דער האַנט, און זיך צוגעהערט, כאָטש ער האָט, טיף אין זיך, נישט געוואָלט. פּלוצלונג איז ער רויט געוואָרן אונטערן פּודער. וויל דאָס, וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ס׳וועט געשען, איז געשען, און די שפּיל איז אָן שום ספק געוואָרן אַ ריין חידושע. צו־אַלדי־רוחות! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און זיך אויסגעדרייט און מיט אַ כיוון גענומען רוישנדיק פאַרענדיקן זיין טואַלעט. מילא, ס׳איז אַ פּאָרפאָלק, ווי גאָט האָט געבאָטן און אַלץ איז אין אָרדענונג. פונדעסטוועגן, אין העלן טאָג, דאָס איז שוין צופיל. דאַכט זיך, מיר, אַגב, אַז נעכטן אינאָוונט האָבן זיי זיך אויך נישט געהאַלטן רויק. זיי זיינען דאָך קראַנק, אויב זיי זיינען דאָ, על כל פנים— איינער פון זיי און מ׳וואָלט זיך געדאַרפט אַ ביסל אָפּהאַלטן. אָבער דער אמתער סקאַנדאַל דערביי איז, פאַרשטייט זיך — האָט ער געטראַכט מיט כעס — וואָס די ווענט זיינען אַזעלכע דינע און וואָס מ׳הערט אַלץ אַזוי גענוי. דאָס איז דאָך נישט קיין ענין: ביליק געבויט, נאַטירלעך, פּאַסקודנע ביליק געבויט! וועל איך שפּעטער זיי מוזן זען, אָדער מ׳וועט זיי מיר אפשר גאָר פאָרשטעלן? — דאָס וואָלט געווען געוואַלדיק אומאָנגענעם. פּלוצלונג האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּ גענומען וואונדערן, ווייל ער האָט באַמערקט, אַז די רויטקייט, וואָס האָט אים פריער אַ זעץ געטאָן אין די פריש־ראַזירטע באַקן, וויל נישט אָפּגיין. על־כל־פנים האָט נישט אָפּגעטרעטן די וואַרעמקייט, וועלכע האָט אים בשעת־מעשה אַ שלאָג געטאָן אין

פּנים אַריין. זי איז געבליבן ווי געווען און ר'האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז די אייגענע היץ אין פּנים, וועלכע ער האָט געשפּירט נעכטן אינאָוונט. בעתן שלאָף איז ער פֿון איר פּטור געוואָרן און איצט ביי אָט־דער געלעגנהייט איז זי צוריקגעקומען. דאָס האָט אין אים דערוועקט ווייניק ליבשאַפֿט צו דעם שכנותדיקן פֿאַרפֿאָלק. ער האָט אַ מורמל געטאָן מיט פֿאַרמאַכטע ליפּן עפּעס אַ זידל־וואָרט. דער גרעסטער חסרון איז געווען, וואָס ער האָט נאָך דערנאָך געפּרוּווט אָפּקילן דאָס פּנים מיט קאַלט וואַסער. דערפֿון איז אים געוואָרן נאָך ערגער. און דערפֿאַר האָט זיין קול אַזוי דערשלאָגן געציטערט, בעת זיין קוזין האָט אָנגעקלאַפּט אין דער וואַנט און ער האָט אים געענטפֿערט. ווען יאָאַכים איז אַריין, האָט קאַסטאָרפּ דערפֿאַר אויך נישט אויסגעזען, ווי אַ מענטש, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי אַ פֿרישער און אַ פֿריילעכער.

פּרישטיק.

— ט'מאָרגן — האָט יאָאַכים געזאָגט. — דאָס איז, הייסט עס, געווען דיין ערשטע נאַכט דאָ אויבן. נו, ביסט צופֿרידן?

ער איז געווען גרייט אַראָפּצוגיין, ספּאָרטיש אָנגעטאָן, אין אַ פּאָר שטאַרק אויסגעאַרבעטע שטיוול. אויפֿן אָרעם האָט ער געטראָגן זיין אולסטער, וואו מ'האָט דורך דער זייטיקער קעשענע אַפּירגעזען דאָס פֿלאַכע פֿלעשל. קיין הוט האָט ער היינט אויך נישט געטראָגן.

— אַדאַנק — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געענטפֿערט. — נישקשה, דערווייל וויל איך נאָך גאָרנישט זאָגן. עפּעס האָב איך געהאַט אַ מטושטשן חלום. אַחוץ דעם האָט דאָס הויז דעם חסרון, וואָס די אַקוסטיק איז אַ צו־גוטע. דאָס שטערט אַ ביסל. ווער איז דאָס די שוואַרצע דאָרט אין גאָרטן?

יאָאַכים האָט זיך תיכף אָנגעשטויסן, וועמען ער טיינט.

— אַך, דאָס איז „tous - les - deux" — האָט ער געזאָגט — אַזוי רופֿן מיר זי דאָ אַלע, ווייל דאָס זיינען די איינציקע ווער־טער, וואָס מ'הערט דאָ פֿון איר. אַ מעסיקאַנערין, פּאַרשטייסטו, קאָן נישט קיין וואָרט דייטש, און פֿראַנצויזיש אויך כמעט גאָרנישט, בלויז עטלעכע איינציקע ווערטער. זי איז דאָ שוין פֿינף וואָכן ביי איר עלטסטן זון, אַ פֿולשטענדיקער חולה, מסוכן, וואָס גייט איצט אַיין גאָר גיך. ער האָט עס אומעטום, ר'איז דורך־און־דורך דורכגעפּרעסן, קאָן מען זאָגן. צום סוף זעט עס בערך אַזוי אויס, ווי אַ טיפֿוס, זאָגט בערענס. אַלנפֿאַלס שרעקלעך פֿאַר דער גאַנצער סביבה. מיט פֿערצן טעג צוריק איז אַרויפֿגעקומען אַהער איר צווייטער זון, ווייל ער האָט נאָך געוואָלט זען דעם ברודער, אַגב — אַ בילד־שיינער בחור, פּונקט ווי דער קראַנקער. ביידע זיינען זיי בילד־שיינע חברה, מיט אַזעלכע ברענענדיקע אויגן. די ווייבער זיינען פּשוט אַרויס פֿון די כלים. נאַ, דער יינגערער האָט נאָך אונטן אַ ביסל געהוסט, אָבער ר'האָט זיך געפֿילט גאַניץ גוט. נאָר אַזוי ווי ר'איז אָנגעקומען אַהער — שטעל דיר פֿאָר — האָט ער געקריגן היץ, און גלייך די גרעסטע טעמפּעראַטור, פּאַרשטייסטו, האָט זיך אַוועקגעלייגט ,39,5 אין בעט אַריין. אויב ער וועט נאָך אויפֿשטיין — זאָגט בערענס — איז אַ סימן, אַז ער האָט מער מזל ווי שכל. אַלנפֿאַלס איז שוין געווען די העכסטע צייט — האָט ער געזאָגט — ער זאָל אַרויפֿ־קומען... יאָ, פֿון דעמאָלט אָן דרייט זיך די מוטער אַזוי אַרום, ווען זי זיצט נישט ביי זיי. אויב מ'רעדט עפּעס צו איר, ענטפֿערט זי שטענדיק בלויז „tous les deux" *, ווייל מער קאָן זי נישט. גראָד איצט איז דאָ נישטאָ קיינער, וואָס זאָל פֿאַרשטיין שפּאַ־ניש.

— אַזוי איז די מעשה מיט איר — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — און אַז איך וועל זיך מיט איר באַקענען, וועט זי מיר אויך זאָגן דאָס אייגענע? דאָס איז מאָדנע. מיר דאַכט זיך, אַז ס'וואָלט געווען קאָמיש און עפּעס אומהיימלעך צוזאַמען — זאָגט ער און ער שפּירט, אַז די אויגן זיינען ביי אים פּונקט ווי נעכטן: ס'דאַכט זיך,

---

* אלע ביידע.

אים, אַז זיי זיינען היים און שווער, גלייך ווי ער וואָלט לאַנג געוויינט. זיי האָבן אויך ווידער דעם זעלבן גלאַנץ, ווי בעת ער האָט דערהערט דאָס נייע משונהדיקע הוסטן פון אַריסטאָקראַט. אים דאַכט זיך בכלל, אַז ער האָט ערשט איצט ווידער זיך אָנגעשלאָסן אין נעכטיקן טאָג, עפּעס ווי ער וואָלט ווידער אָנגעכאַפּט דעם פאָדים, ווייל באַלד נאָכן אויפכאַפּן זיך האָט ער עס עפּעס נישט געשפּירט. אַגב, איז ער פאַרטיק — זאָגט ער, בשעת־מעשה, טריפט ער אָן עטלעכע טראָפּנס לאַווענדעל־וואַסער אויף זיין טאַשנטיכל און ווישט אַרום דערמיט דעם שטערן און אונטער די אויגן. אויב דו ווילסט, קאָנען מיר tous les deux גיין צום פרישטיק — וויצלט ער זיך מיט אַ געפיל פון אויסגעלאַסענער פריילעכקייט. יאָאַכים גיט אויף אים מילד אַ קוק און שמייכלט דערביי צו אויף אַ באַזונדערן אופן, פאַרמרה־שחורהט און אַ ביסל שפּאָטיש, ווי ס׳דאַכט זיך. פאַרוואָס? — דאָס איז זיין זאַך.

האַנס קאַסטאָרפּ גיט אַ קוק, צי ער האָט ביי זיך צום רויכערן, נעמט דעם שטעקן, דעם מאַנטל מיטן הוט, דעם הוט — צו־להכעיס, ווייל ר׳איז צו פעסט געווען אין זיין לעבנס־שטייגער און אויפפירונג, ער זאָל אַזוי לייכט און אינגאַנצן אויף דריי וואָכן אָננעמען פרעמדע און נייע מנהגים. אַזוי אַרום נעמען זיי גיין, אַראָפּ מיט די טרעפּ. אין די קאָרידאָרן ווייזט יאָאַכים אויף דער און יענער טיר און רופט־אָן די נעמען פון די באַוואוינער, סיי דייטשע נעמען און סיי אַזעלכע, וואָס קלינגען פרעמד. פאַר איין וועגס מאַכט ער קורצע באַמערקונגען וועגן זיי און גיט איבער די מדרגות פון זייער קרענק.

זיי באַגעגענען אויך מענטשן, וואָס גייען שוין צוריק פון פרישטיק. ווען יאָאַכים זאָגט עמעצן גוט־מאָרגן, גיט האַנס קאַסטאָרפּ העפלעך אַ נעם אַראָפּ דעם הוט. ער איז געשפּאַנט און נערוועיש, ווי אַ יונגערמאַן, וואָס דאַרף זיך באַלד פאָרשטעלן פאַר אַ סך פרעמדע מענטשן און האָט דערביי קלאָר אַ פיינלעך געפיל, אַז די אויגן זיינען ביי אים מוטנע און דאָס פנים — רויט. אין אמתן איז עס נישט געווען אַזוי אינגאַנצן, ווייל ר׳איז מער געוואָרן בלאַס.

— יאָ, לאָמיך נאָר נישט פאַרגעסן! — זאָגט ער פלוצלונג מיט אַ געוויסער האַסטיקייט. — דו מעגסט מיך פאָרשטעלן פאַר דער דאַמע אין גאָרטן, אויב ס׳וועט גראָד אויסקומען. כ׳האָב גאָר נישט קעגן דעם. זי מעג מיר זאָגן tous les deux וויפל זי וויל, ס׳אַרט מיך נישט. כ׳בין שוין צוגעגרייט דערצו, פאַרשטייט, וואָס דאָס איז און וועל שוין מאַכן די נייטיקע מינע. אָבער מיט דעם רוסישן פאָרפאָלק וואָלט איך מיך נישט געוואָלט באַקאָנען, דו הערסט? — כ׳וויל עס בפירוש נישט. דאָס זיינען לחלוטין נישט-דערצויגענע מענטשן. אויב כ׳מוז שוין וואוינען לעבן זיי דריי וואָכן און ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער עצה, וויל איך מיך על-כל פנים נישט באַקאָנען מיט זיי. איך האָב פולשטענדיק רעכט דאָס צו פאַרלאַנגען...

— גוט געזאָגט, יאָאַכים. — זיי האָבן דען דיר אַזוי געשטערט? יאָ, זיי זיינען אין אַ געוויסן זין באַרבאַרן, מיט איין וואָרט — אומציוויליזירט. כ׳האָב עס דיר באַלד געזאָגט. ער קומט אַלעמאָל צום עסן אין אַ לעדערנער קורטקע, אַן אויסגעריבענע — זאָג איך דיר. מיך וואונדערט אַלעמאָל, הלמאַי בערענס שווייגט דערויף. זי געהער אויך נישט צו די גרויסע עלעגאַנטינס, כאָטש זי טראָגט אַ הוט מיט פעדערן... אַגב, האָסטו נישט וואָס צו זאָרגן, זיי זיצן ווייט פון אונז, ביים שלעכטן רוסישן טיש. ווייל ס׳איז אויך פאַראַן אַ בעסערער טיש פאַר רוסן, דאָרטן זיצן די פיינערע רוסן און ס׳וועט דיר כמעט נישט אויסקומען זיך צוזאַמענטרעפן מיט זיי, זאָלסטו אַפילו וועלן. ס׳איז בכלל גאָרנישט אַזוי לייכט דאָ צו שליסן באַקאַנטשאַפטן, שוין צוליב דעם, וואָס ס׳זיינען דאָ פאַראַן אַזויפיל אויסלענדער צווישן די געסט. איך אַליין קאָן אויך נישט אַ סך, כאָטש כ׳בין שוין דאָ אַזוי לאַנג.

— ווער פון זיי ביידע איז קראַנק? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפ. — ער, אָדער זי?

— דאַכט זיך — ער. — יאָ, ער — זאָגט יאָאַכים, קענטיק, צעשטרייט בשעת זיי הענגען אויף זייערע זאַכן אין דער גאַרדעראָבע פאַרן עס-זאַל. באַלד דערנאָך גייען זיי אַריין אין אַ העלן

פלאַך־געוועלבטן זאַל, וואו ס'רוישן קולות, געפּעס קלינגט און זאַל־טעכטער גייען גיך אַרום מיט פּאַרעדיקע קריגלעך.

זיבן טישן שטייען אין עס־זאַל, ס'רוב — אין דער לענג, בלויז צוויי אין דער ברייט. עס זיינען גרויסע טישן פאַר צען פּאַרשוין אַ טיש, כאָטש נישט אומעטום איז געדעקט. האַנס קאַסטאָרפּ גייט אָפּ בלויז עטלעכע טריט קרום אין זאַל אַריין און ער איז שוין ביי זיין פּלאַץ. מ'האָט פאַר אים געדעקט ביי דער שמאָלער זייט פון טיש, וואָס שטייט פון פאָרנט אינמיטן צווישן ביידע טישן, וואָס שטייען אין דער ברייט. רעכטס, נאָך שטייענדיק הינטער זיין שטול, האָט האַנס קאַסטאָרפּ זיך פאַרבויגן שטייף און העפלעך צו די טיש־שכנים, מיט וועלכע יאָאַכים האָט אים צערעמאָניאַל באַקאַנט. קאַסטאָרפּ האָט זיי כמעט נישט רעכט אָנגעקוקט און זייערע נעמען זיינען אים אַוודאי נישט אַריין אין מוח. ער האָט זיך בלויז געכאַפּט אויף דעם נאָמען און אויף דער פּערזאָן פון דער פרוי שטער, וואָס האָט געהאַט אַ רויט פּנים און פעטלעכע אַש־בלאָנדע האָר. מ'האָט לייכט געקאָנט גלויבן אין איר עם־הארצות, אַזאַ נאַריש־תמעוואַטע פּנים האָט זי געהאַט. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און האָט תיכף דערשנאַפּט מיט צופרידנקייט, אַז מ'באַהאַנדלט דאָ דעם ערשטן פרישטיק, ווי אַן ערנסטע מאָלצייט.

ס'זיינען דאָ געווען אָנגעשטעלט טעפּלעך מיט מאַרמעלאַד און האָניק, שיסעלעך מיט רייז־מילך און מיט האָבער־גריץ, טאַצן מיט פּאַנקוכנס און קאַלט פלייש. פּוטער איז געווען אַ שפע. עמעצער האָט אויפגעהויבן דעם גלעזערנעם קלאָש איבער אַ פייכטן שווייצער־קעז, כדי אָפּצושניידן פון אים אַ שטיקל. אינמיטן טיש איז געשטאַנען אַ טעלער מיט פריש און טרוקן אויבס. אַ זאַל־טאָכטער אין שוואַרצן און אין ווייסן האָט געפרעגט האַנס קאַסטאָרפן, וואָס ער וויל טרינקען: קאַקאַאָ, קאַווע, אָדער טיי. זי איז געווען קליין, ווי אַ קינד, מיט אַן אַלט, לאַנג פּנים, אַ קאַרליק, ווי ער האָט תיכף דערקאָנט אַ דערשראָקענער. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין קוזין, אָבער יענער האָט בלויז גלייכגילטיק אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און מיט די ברעמען, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן „יאָ, איז וואָס־זשע?“

האָט האַנס קאַסטאָרפּ געמוזט באַשטיין און האָט מיט אַ באַזונדערער
העפלעכקייט געבעטן טיי. מילא, זאָל זיין אַ קאַרליק. באַלד דער=
נאָך האָט ער גענומען עסן רייז=מיט=מילך מיט צימרינג און צוקער.
בשעת=מעשה האָט ער געקוקט צו די אַנדערע מאַכלים, צו וועלכע
ער האָט געהאַט חשק און צום עולם ביי די זיבן טישן, יאָאַכימס
קראַנקע קאָלעגן און אַחים=לצרה, וואָס עסן פרישטיק און פלוי=
דערן.

דער זאַל איז געווען געהאַלטן אין יענעם נייצייטיקן גע=
שמאַק, וועלכער גיט=צו דער זאַכלעכער פשוטקייט אַ פאַנטאַסטישן
שטריך. לויט דער לענג, איז ער נישט געווען זייער ברייט און
אַרומגערינגלט איז ער געווען מיט אַ מין גאַניק, אין וועלכן ס'זיינען
געשטאַנען צוגרייט=טישלעך. צווישן דעם גאַניק און דעם אינע=
ווייניקסטן טייל פון זאַל זיינען געווען גרויסע וועלבונגען. די פילאַרן
זיינען ביז אין דער העלפט געווען מיט האָלץ און פּאָליטורט אויף
סאַנדל=האָלץ=קאָליר, העכער — גלאַט געווייסט, ווי דער איבערש=
טער טייל פון די ווענט און דער סופיט. אויף די פילאַרן זיינען געווען
אויפגעמאָלט פאַרביקע, דינע בענדער, פשוטע און פריילעכע מוס=
טערן, וואָס האָבן זיך געבונדן מיט די לאַנגע פּאַסן אויפן פלאַכן
סופיט. אַ סך קאַנדעלאַברעס, עלעקטרישע, פון בלאַנקענדיקן מעש,
האָבן באַצירט דעם זאַל. יעדער פון זיי איז באַשטאַנען פון דריי
רייפן, איינע איבער דער אַנדערער, שיין פאַרבונדן מיט אַ געפלעכט.
אויף דעם אונטערשטן זיינען געהאַנגען קיילעכיק אַרום ווייסע מילך=
גלעזערנע לעמפלעך, ווי קליינע לבנות. ס'זיינען דאָ געווען פיר גלע=
זערנע טירן. אויף דער אַקעגנאיבערדיקער זייט אין דער ברייט פון
זאַל — צוויי, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ וועראַנדע. די דריטע
איז געווען פון פאָרנט לינקס, וואָס האָט גלייך געפירט אין דער
פאָדערשטער האַלע אַריין. די פערטע איז געווען יענע, דורך וועלכער
האַנס קאַסטאָרפּ איז אַריינגעקומען פון הויז. ווייל יאָאַכים האָט היינט
אַראָפּגעפירט מיט אַנדערע טרעפּ, ווי נעכטן אינאָוונט.

רעכטס פון אים איז געזעסן עפּעס אַ אומאָנזעעוודיק באַשעפע=
ניש, אין שוואַרצן מיט אַ פוך אויפן פנים און מיט דערהיצטע באַקן.
זי האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ נייטאָרין אָדער אַ הויז=שניידערין.

אויסגעוויזן פאַר אַזעלכער האָט זי זיך אים אויך דערפאַר, ווייל זי האָט געגעסן אויף אָנבייסן בלויז זעמל מיט פוטער מיט קאַווע און אין אים איז פון אַלעמאָל אָן געווען די פאָרשטעלונג פון אַ הויזשניידערין פאַרבונדן מיט דער פאָרשטעלונג פון זעמל מיט פוטער מיט קאַווע. לינקס איז געזעסן אַן ענגלישע פריילין, שוין אויך אין די יאָרן, זייער אַ מיאוסע, מיט דאַרע, געפרוירענע פינגער. זי האָט געלייענט בריוו פון דער היים געשריבן מיט אַ קיילעכדיקן כתב, בשעת־מעשה האָט זי צוגעטרונקען בלוט־רויטע טיי. נאָך איר איז געזעסן יאָאַכים און דערנאָך — די פרוי שטער אין אַ שטאָטישער וואָלענער בלוזע. בשעתן עסן האָט זי געהאַלטן די לינקע האַנט צונויפגעביילט נאָענט פון דער באַק און האָט זיך, באַשיינפערלעך, באַמיט ביים ריידן צו מאַכן אַ פיין, געבילדעט פנים. צוליב דעם האָט זי צוריקגעצויגן איר אייבערשטע ליפ פון אירע שמאָלע, לאַנגע האָזישע ציין. אַ יונגערמאַן מיט דינע וואָנצעלעך און מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט אַריינגענומען אין מויל אַ ביסן מיט אַ שלעכטן טעם, האָט זיך צוגעזעצט לעבן זיי און געגעסן פרישטיק אינגאַנצן שווייגנדיק. ער איז אַריינגעקומען, ווען האַנס קאַסטאָרפ איז שוין געזעסן, האָט גייענדיק און קיינעם נישט אָנקוקנדיק אַראָפּגעלאָזט איינמאָל די גאָמבע ביז דער ברוסט און אַזוי־אַרום זיך געגריסט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געגעבן אָנצוהערן מיט זיין האַלטונג, אַז ער וויל נישט, מ'זאָל אים באַקענען מיט דעם נייעם גאַסט. אפשר איז ער געווען צו קראַנק, ער זאָל נאָך וועלן אין זינען האָבן און אַכטונג טאָן אויף אַזעלכע אויסערלעכע זאַכן, אָדער בכלל זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דער סביבה. אויף אַ ווײלע האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגן אים אַן אויסערגעוויינלעך דאַר, העל־בלאָנד יונג מיידל. זי האָט אויסגעגאָסן אין טעלער אַריין אַ פלעשל יאָגהורט*, אינדערגיך אויסגעטרונקען מיט אַ לעפל און תיכף צוריק זיך אויפגעהויבן.

דער שמועס ביים טיש איז נישט געווען קיין לעבעדיקער. יאָאַכים האָט פאַר יוצא־וועגן גערעדט מיט דער פרוי שטער, געפרעגט, וואָס זי מאַכט און האָט מיט קאָרעקטן באַדויערן אויסגעהערט, אַז

* בולגארישע זויערמילך.

ס'וואָלט געקאָנט זיין בעסער. זי האָט זיך געקלאָגט אויף אָפּגעלאָזנקייט. כ'בין אַזוי אָפּגעלאָזן — האָט זי געצויגן די ווערטער און זיך געחנ'עט אויף אַ עם־האַרצישן אופן. באַלד ווי זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זי געהאַט 37,3 און וואָס וועט נאָך זיין נאָכמיטאָג. די הויזשניידערין האָט געזאָגט, אַז זי האָט אויך די אייגענע טעמפּעראַטור, נאָר להיפוך צו דער פרוי שטער פילט זי זיך אויפגערעגט, אינערלעך געשפּאַנט און אַזוי צעטומלט, גלייך ווי זי וואָלט זיך געריכט אויף עפּעס אַ באַזונדער און וויכטיק געשעעניש. פּאַקטיש ריכט זי זיך אויף גאָרנישט. ס'איז מער נישט אַ קערפּערלעכע איבערעגונג אָן שום גייסטיקע סיבות. ניין, קיין הויז־שניידערין איז זי נישט, וויל זי רעדט זייער קאָרעקט און כמעט געלערנט. אַגב, האָט האַנס קאַסטאָרפּ געהאַלטן, אַז די איבערגערעגטקייט אָדער דאָס בלויזע דערציילן דערפון איז ביי אַזאַ נישט־אָנגעוועדיק און נישטיק באַשעפעניש עפּעס נישט איבן אָרט און כמעט נישט אָרנטלעך.

ער האָט געפרעגט נאָכאַנאַנד סיי די נייטאָרין, סיי די פרוי שטער, ווי לאַנג זיי זיינען שוין דאָ (די ערשטע איז אין סאַנאַטאָריע פינף חדשים, די צווייטע — זיבן), האָט צונויפגעקראַצט זיין גאַנץ ביסל ענגליש, כדי אַ פרעג צו טאָן ביי זיין שכנה אויף רעכטס, וואָס פאַר אַ מין טיי זי טרינקט (ס'איז געווען פעלד־רויזן־טיי) און צי ס'איז גוט. זי האָט געענטפערט כמעט מיט התפעלות, אַז יאָ. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן איבערן זאַל, וואו מ'האָט געהאַלטן אין איין אריינקומען און אַרויסגיין. דאָס ערשטע פרישטיק איז מען, זעט אויס, נישט מחוייב צו עסן דווקא צוזאַמען.

ער האָט פריער אַ ביסל מורא געהאַט פאַר שרעקנדיקע איינדרוקן. איצט איז ער געווען אַנטטוישט. ס'איז דאָ גאַנץ לעבעדיק אין זאַל, מ'האָט נישט דאָס געפיל, אַז מ'געפינט זיך אין אַ עמק־הבכא. ברוין־אָפּגעברענטע יונגע מענטשן פון ביידע מינים קומען אַריין אונטערטרעלנדיק, שמועסן מיט די זאַל־טעכטער און רייבן אַריין דעם פרישטיק מיט שטאַרקן אַפּעטיט. ס'זיינען דאָ פאַראַן אויך עלטערע מענטשן, פאָרפאָלקן, אַ גאַנצע פאַמיליע מיט קינדער, וואָס רעדט רוסיש, אויך האַלב־דערוואַקסענע בחורים. די פרויען טראָגן כמעט אַלע שמאָלע זשאַקעטלעך פון וואָל אָדער זייד, אַזוי־גערופענע סוועט

טערס, ווייסע אָדער קאָלירטע, מיט ברייטע קעלנער און ווייטיקע קעשענקעלעך. ס'זעט אויס שיין, בעת זיי שטייען מיט ביידע הענט פאַרשטעקט אין די קעשענקעלעך און פלוידערן. ס'רוב האָט מען דאָ ביי די טישן געוויזן זיך פאָטאָגראַפיעס, נייע, אייגענע אויפנאַמעס אָן שום ספק. ביי אַן אַנדערן טיש האָט מען זיך געביטן מיט פאָסטמאַרקעס. מ'רעדט וועגן וועטער, וועגן דעם, ווי אַזוי מ'איז געשלאָפן און וויפל ס'האָבן געוויזן אינדערפרי די טערמאָמעטערס אין די מיילער. דער רוב איז גאַנץ לוסטיק — מסתמא אָן אַ ספּעציעלער סיבה, פשוט, ווייל קיין באַזונדערע זאָרגן זיינען נישט פאַראַן און מ'איז אַלע צוזאַמען. אמת, עטלעכע זיינען געזעסן מיט די קעפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און האָבן געגלאָצט פאַר זיך. מ'האָט זיי געלאָזט גלאָצן און זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי.

פלוצלונג האָט האַנס קאַסטאָרפּ זיך אַזש אָפּגעשאָקלט פון כעס און באַליידיקטקייט. אַ טיר האָט זיך צוגעקלאַפּט, ס'איז געווען די טיר לינקס פון פאָרנט, וואָס פירט גלייך אין דער האַלע אַריין. עמעץ האָט אָפּגעלאָזט די טיר, אָדער גאָר זי פאַרקלאַפּט הינטער זיך. דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ רעש, וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט שרעקלעך נישט געקאָנט ליידן און האָט אים פיינט געהאַט פון אייביק אָן. אפשר האָט זיך די דאָזיקע שנאה גענומען פון דער דערציִונג, און אפשר פון אַ געבוירענער אידיאָסינקראַזיע*) — אַ פאַקט איז, אַז ר'האָט געהאַט אַן עקל צו קלאַפּנדיקע טירן און איז גרייט געווען דורס צו זיין יעדן איינעם, וועלכן ער האָט געהערט אָפּטאָן אַזאַ זאַך. ביים איצטיקן מאָל איז די טיר נאָך פול געווען מיט קליינע שייבלעך און דערפון איז דער טרייסל געווען נאָך שטאַרקער: ס'האָט געטאָן אַ טראַסק און אַ קלינג. פוי! — האָט האַנס קאַסטאָרפּ אַ טראַכט געטאָן מיט רוגזה — וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַסקודנע שלימזלדיקייט! אָבער באותו־רגע האָט די נייטאָרין עפּעס אַ זאָג געטאָן אַזוי, אַז ער האָט נישט באַוויזן זיך אומצוקוקן, ווער ס'האָט דאָס אָפּגעטאָן. בשעת ער האָט

---

* געבוירענער עקל.

געענטפערט דער נייטאָרין, זיינען געשטאַנען צווישן זיינע בלאָנדע ברעמען קנייטשן און זיין פנים איז געווען פיינלעך פאַרקרימט.

יאָאַכים פרעגט, צי די דאָקטוירים זיינען שוין דורכגעגאַנגען. — יאָ, צום ערשטן מאָל זיינען זיי דאָ געווען. — ענטפערט עמעץ. זיי זיינען אַרויס פון זאַל כמעט אין דער זעלבער רגע, ווען ס'זיינען אַריינגעקומען די קוזינען. אויב אַזוי, וועט מען שוין גיין און נישט וואַרטן — זאָגט יאָאַכים. אַ געלעגנהייט פאָרצושטעלן קאַסטאָרפן די דאָקטוירים וועט זיך שוין מאַכן אין משך פון טאָג. אָבער ביי דער טיר האָבן זיי זיך כמעט אָנגעשטויסן אינם הויכראַט בערענס, וואָס איז אַריינגעקומען אינדערגיך און נאָך אים — ד"ר קראָקאָווסקי.

— האָפּלאַ, פאָרזיכטיק, הערן — דאָס וואָלט געקאָנט שלעכט אָפּלויפן פאַר די הינער-אויגן פון ביידע צדדים. — ער רעדט מיט אַ שטאַרק נידערזאַקסישן אַקצענט, ברייט און צעקייט. — אַזוי, דאָס זענט איר — זאָגט ער צו האַנס קאַסטאָרפ, וועלכן יאָאַכים שטעלט פאָר מיט צוזאַמענגערוקטע קנאַפלען. — נאַ, ס'פריידט מיך — און ער דערלאַנגט דעם יונגנמאַן די האַנט, וואָס איז אַזוי גרויס ווי אַ שופלע. עס איז אַ ברייט-ביינעוודיקער פאַרשוין, אפשר מיט דריי קעפ העכער פון קראָקאָווסקין, שוין אינגאַנצן מיט אַ ווייסן קאָפּ, מיט אַן אַרויסגעזעצטן קאַרק, גרויסע, אַפּערקוועלנדיקע, מיט בלוט אונטערגעלאָפענע בלויע אויגן, וואָס זיינען פאַרטראַכט. אַ נאָז האָט ער אַ פאַררייסענע, קורץ-געשווירענע וואָנסעלעך, וואָס גייען קרום דערפאַר, ווייל די אייבערשטע ליפּ איז אין איין זייט פאַרצויגן. דאָס, וואָס יאָאַכים האָט געזאָגט וועגן זיינע באַקן, שטימט: זיי זיינען בלוי. אַזוי-אַרום האָט זיין קאָפּ געווירקט פאַרביק אויפן פאָן פון דעם ווייסן כירורגישן ראָק, וועלכן ער טראָגט, אַ מין געגאַרטלטן קיטל, וואָס גרייכט ביז צו די קניען. אונטן קוקן אַרויס אַ פאָר געשטרייפטע הויזן און אַ פאָר קאָלאָסאַלע פיס אין אַ פאָר געלע, אַ ביסל-אָפּגענוצטע געשנורעוועטע שיך. אויך ד"ר קראָקאָווסקי איז אָנגעטאָן אין זיינע פאַך-מלבושים, אָבער זיין קיטל איז אַ שוואַרצער, פון אַ שוואַרצן, בלישטשענדיקן שטאָף, צוגעשניטן ווי אַ העמד, מיט גומענע טאַשמעס ביי די זוימען פון די אַרבל. צו=

דעם זעט ער אויס אַ סך בלאַסער. ער האַלט זיך אײַנגאַנצן, ווי אַן אַסיסטענט, און נעמט נישט אויף קיין שום אופן קיין אָנטייל אין דער באַגריסונג. בלויז די ליפּן זײַנע זײַנען אַ ביסל קריטיש אויסגעקרימט און מ׳קאָן אין זיי דערקענען, אַז ער האַלט זיין אָפּהענגיקע באַציִונג פאַר עפּעס אַ קוריאָז.

— קוזינען? — האָט דער הויפראַט געפרעגט ווייזנדיק מיט דער האַנט, דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם, און ער האָט געקוקט אויף זיי מיט זײַנע בלוט=אונטערגעלאָפענע אויגן פון אונטן אַרויף... נאָ, וויל ער דען אויך גיין צו די זעלנער? — זאָגט ער צו יאָאַכימען און ער ווייזט מיטן קאָפּ אויף האַנס קאַסטאָרפּ... ניין,... גאָט זאָל אָפּהיטן, — וואָס? כ׳האָב תיכּף דערקאָנט — און ער רעדט איצט שוין דירעקט צו האַנס קאַסטאָרפּ — אַז איר האָט אין זיך עפּעס ציווילס, עפּעס פאָרנעמס, נישט זעלנערישס, ווי אָט־דער ראָטע=פירער. איר וואָלט געווען אַ בעסערער פּאַציענט, ווי אָט־דער — כ׳וואָלט מיך געקאָנט געוועטן. איך דערקאָן תיכּף אין יעדן, צי ער קאָן ווערן אַ נוצלעכער פּאַציענט. ווייל דערצו דאַרף מען האָבן טאַלענט. צו אַלצדינג דאַרף מען האָבן טאַלענט, און דער מירמידאָן*) האָט אַפילו קיין ברעקל טאַלענט נישט. צום עקזיצירן — דאָס ווייס איך נישט, אָבער קראַנק צו זיין — לחלוטין נישט. איר וועט גלויבן, אַז ער וויל נאָר אַוועקפאָרן? כסדר נאָר אַוועק, פּייניקט מיך און מאַטערט מיך און קאָן זיך גאָרנישט דערוואַרטן אויף דער צייט, ווען מ׳וועט זיך שוין אונטערנעמען צו אים. אַזאַ פּלי־קאָפּ, אַפילו קיין איין האַלב יאָר וויל ער אונז נישט שענקען. אין דערבײַ איז דאָך גאַנץ שיין דאָ בײַ אונז — זאָגט אַליין, צימסען, צי ס׳איז נישט שיין בײַ אונז. נו, אײַער קוזין וועט אונז שוין קאָנען בעסער אָפּשאַצן, וועט זיך שוין אַמוזירן. קיין מאַנגל אין דאַמען איז אויך נישטאָ. מיר האָבן די סאַמע פּיינסטע דאַמען. אויסערלעך, לכל־הפּחות, זײַנען אַ טייל גאַנץ שיין. אָבער איר זאָלט זען אַ ביסל קומען צו די קאָלירן, איר הערט? — ווען נישט, וועט איר פאַלן אין די אויגן פון די דאַמען. דער

---

* אַ גריכישער קריגערישער שבט.

גאָלדענער בוים פֿון לעבן איז טאַקע גרין — ווי גוטע זאָגט — אָבער ווי אַ קאָליר פֿון פּנים איז גרין נישט דווקא די ריכטיקע פֿאַרב. אינגאַנצן אַנעמיש, נאַטירלעך — זאָגט ער. בשעת־מעשׂה גיט ער אָן צערעמאָניעס אַ גיי צו צו האַנס קאַסטאָרפּ און גיט אַ צי אַראָפּ איין וויע זיינע מיטן וויַיז־פֿינגער און מיטן מיטלסטן. פֿאַר־שטייט זיך, אינגאַנצן אַנעמיש, ווי כ'האָב געזאָגט. איר ווייסט וואָס? ס'איז גאָרנישט נאַריש געווען פֿון אַייער זייט, וואָס איר זייט אַוועק אויף אַ שטיקל צייט פֿון אַייער האַמבורג. זייער אַ פֿיינע אינסטיטו־ציע, אָט־דאָס האַמבורג: שטעלט אונז צו אַ גאַנץ לייטישן קאָנטי־גענט מיט זיין פֿייכט־פֿריילעכער מעטעראָלאָגיע. אָבער אויב איר וועט ערלויבן, כ'זאָל אַייך ביי אָט־דער געלעגנהייט געבן אַ שטיקל עצה— אינגאַנצן סינע פּעקוניאַ*, פֿאַרשטייט איר, — טאָ טוט דאָס אַלץ, וואָס אַייער קוזין. כּל־זמן איר זענט דאָ. אין אַייער פֿאַל קאָן מען נישט אָפּטאָן עפּעס שכלדיקערס, ווי אַ שטיקל צייט זיך צו פֿירן אַזוי ווי ביי לייכטער טובערקולאָזיס פּולמאָנוס** און צו נעמען אַ ביסל אייוויַיס. מיט דעם אייוויַיס־שטאָפּוועקסל איז ביי אונז דאָ אַ שטיקל קוריאָז... כאָטש דער קערפּער פֿאַרברענט מער, ווי געוויינלעך, לייגט ער פֿונדעסטוועגן אָפּ אייוויַיס... נו, איר זענט גוט געשלאָפֿן, צימסען? גוט, וואָס? אויב אַזוי — אַרויס אויף שפּאַציר! אָבער נישט מער, ווי אויף אַ האַלבער שעה! און דערנאָך דעם קוועקזילבערנעם ציגאַר אין מויל אַריין! שטענדיק געניי פֿאַרשריבן, צימסען! מיליטעריש! געוויסנהאַפֿט! אין שבת וועל איך אַ קוק טאָן אויף דער דיאַגראַמע! אַייער הער קוזין מעג אויך מעסטן צוזאַמען מיט אַייך. מעסטן קאָן קיינמאָל נישט שאַטן. גוטן טאָג, מיינע הערן! ווילט אַייך גוט! טאָג... טאָג... ד"ר קראָקאָווסקי גייט אים נאָך. בערענס שווימט פֿאָרויס און מאַכט מיט די הענט. די האַנט־פֿלאַכן זיינען אינגאַנצן אויס־געדרייט אויף הינטן. ער האַלט אין איין פֿרעגן אויף רעכטס און אויף לינקס, צי מ'איז „גוט" געשלאָפֿן, און אַלע זאָגן, אַז יאָ.

* אָן געלט, בחינם.

** טובערקולאָזע פֿון די לונגען.

אַ שפּיצל. וויאַטיקום. פֿאַרשטערטע שמחה.

אַ גאַנץ וואוילער מענטש — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ, נאָכדעם, ווי זיי באַגריסן זיך פֿריינדלעך מיט דעם הינקענדיקן משרת, וואָס סדרט אויס אין זיין לאָזשע בריוו, און גייען אַרויס איבערן הויכן פּאָרטאַל. דער פּאָרטאַל ליגט אין דער דרום=מזרחדיקער זייט פֿון דער ווייס געטינקעוועטער געביידע, וואָס איר מיטלסטער טייל איז העכער פֿון ביידע זייטיקע פֿליגל מיט אַ שטאָק. אויף איר הייבט זיך אויף אַ נידעריקער זייגער=טורעם, וואָס איז געדעקט מיט שיפֿער=פֿאַרביקן אַייזן=בלעך. ווען מ'גייט דאָ אַרום אַרויס פֿון דעם הויז, דאַרף מען נישט אַדורכגיין דעם אײַנגעצוימטן גאָרטן, נאָר מ'איז גלייך אינדרויסן, קעגן קרימלעכע בערג=לאָנקעס; ס'שטייען דאָ איינציקע, מיטלהויכע יאָדלעס און איינגעבויגענע קרומע אַלפּן=סאָסנעס. דער וועג, מיט וועלכן זיי גייען (איינצלעך איז עס דער איינציקער וועג, וואָס קאָן גענומען ווערן אין חשבון, אַחוץ דעם פֿאָר=שאָסיי, וואָס גייט באַרג=אַראָפּ, אין טאָל אַריין), פֿירט זיי לייכט אַרויף אויף לינקס פֿאַרביי דער צווייטער זייט פֿון סאַנאַטאָריע, די זייט, וואו ס'געפֿינט זיך די קיך און דאָס באַלעבאַטישקייט און וואו ס'שטייען אײַזערנע מיסטפֿעסער ביי די קראַטעס פֿון די קעלער=טרעפּ. דער וועג פֿירט נאָך אַ היפּש שטיק אין דער זעלבער ריכטונג, אָבער דערנאָך בויגט ער זיך אויס שאַרף און פֿירט שוין מער=שיפּועדיק רעכטס אַרויף צום באַרג, וואָס איז באַוואַקסן שיטערלעך מיט וואַלד. ס'איז אַ האַרטער, רויטלעכער, נאָך אַ ביסל פֿייכטער וועג און ביי זיינע ראַנדן זיינען ערטערווייז גרויסע שטיינער. אמת, די קוזינען זיינען נישט אַליין דאָ געגאַנגען אויף דער פּראָמענאַדע. געסט, וואָס האָבן געענדיקט זייער פֿרישטיק באַלד נאָך זיי, זיינען אונטערגעקומען פֿון הינטן. גאַנצע גרופּעס, וואָס זיינען שוין געגאַנגען צוריק, זיינען זיי אַקעגנגעקומען מיט פּאַטשנדיקע טריט פֿון מענטשן, וואָס גייען באַרג=אַראָפּ.

— זייער אַ וואוילער מענטש — האָט האַנס קאַסטאָרפּ ווידער אַ זאָג געטאָן דאָס אייגענע. ער רעדט אַזוי לעבעדיק, ס'גלוסט זיך אַזש צו לאַכן. „קוועקזילבערנער ציגאַר“ אָנשטאָט „טערמאָ

מעטער״ איז דאָך אויסגעצייכנט, כ׳האָב מיך תּיכּף אָנגעשטויסן... אָבער איצט וויל איך פֿאַרזוּיכערן אַן אמתן — זאָגט ער און שטעלט זיך אָפּ. — כ׳קאָן עס מער נישט אויסהאַלטן! פֿון נעכטן מיטאָג אָן האָב איך נאָך נישט געזוּיכערט עפּעס גוטס... זיי מוחל אַ ווײַלע! — ער נעמט אַרויס פֿון זײַן אויטאָמאָביל־לעדערנער טאַבאַק־פּושקע, וואָס איז באַצירט מיט אַן זילבערנעם מאָנאָגראַם, אַן עקזעמפּלאַר פֿון מאַריאַ־מאַנציני, אַ שײנעם ציגאַר, וואָס איז געלעגן אין קעטשעלע, סאַמע פֿונאויבן און איז געווען אין איין זײַט אַ ביסל צוגעפּלאַטשט, ווי ער האָט באַזונדער ליב געהאַט. ער שנײַדט אָפּ דעם שפּיץ מיט אַ קלײנעם קרום־שנײַדנדיקן אינסטרומענט, וואָס הענגט בײַ אים אויפֿן קייט פֿון זייגער, צינדט אָן זײַן ברען־מאַשינקע, פֿאַרזוּיכערט זײַן לאַנגן, פֿאָרנט טעמפּן ציגאַר און נעמט פּאַפּען מיט גרויס חשק. אַזוי — זאָגט ער. — איצט קאָנען מיר מײַנסטהאַלבן ווײַטער שפּאַצירן. דו רויכערסט מסתּמא נישט בלויז צוליב אָפּגעהיטקייט?

— כ׳האָב קיינמאָל נישט געזוּיכערט — ענטפֿערט יאָאַכים. — פֿאַרוואָס זאָל איך גראָד דאָ אָנהייבן רויכערן.

— דאָס פֿאַרשטיי איך נישט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — כ׳פֿאַרשטיי בכלל נישט, ווי אַזוי מ׳קאָן נ י ש ט רויכערן. יענער ווערט אָן, וואָלט איך געזאָגט, דאָס בעסטע אין לעבן, אַלנפֿאַלס אַ גרויסע הנאה. ווען איך כאַפּ מיך אויף, פֿריי איך מיך שוין, וואָס כ׳וועל קאָנען רייכערן אין משך פֿון טאָג. ווען כ׳עס, פֿריי איך מיך ווידער צוליב דעם. כ׳קאָן כמעט זאָגן, אַז כ׳עס בלויז, כּדי צו קאָנען רייכערן דערנאָך, כאָטש דאָס איז שוין אַ ביסל אַ גוזמא. אָבער אַ טאָג אָן טיטון — דאָס וואָלט פֿאַר מיר געווען די סאַמע גרעסטע פּוסטקייט, אַ לחלוטין ווײַסטער טאָג אָן יעדן טעם. ווען כ׳וואָלט געמוזט איינמאָל אויפֿשטיין אינדערפֿרי, און זאָגן מיר אַליין, אַז הײַנט וועט נישט זײַן צו רויכערן, — דאַכט זיך, אַז כ׳וואָלט גאָר מער נישט געהאַט דעם כּוח אויפֿצושטיין, באמת, כ׳וואָלט געבליבן ליגן. זעסטו: רויכערט מען אַ גוטן ציגאַר — פֿאַרשטייט זיך, אַז ער דאַרף נישט דורכלאָזן לופֿט אָדער ציען שלעכט, דאָס טויג אויף כּפּרות. — כ׳מיין: ווען מ׳רויכערט אַ גוטן ציגאַר, איז מען אייגנטלעך אָפּגעהיט, ממש אויסגעזאָרגט פֿון אַלע צרות אין דער וועלט. ס׳איז

פּונקט אַזוי ווי בעת מ'ליגט בײם ים. מ'ליגט זיך דעמאָלט בײם ים — נישט אמת? — מ'דאַרף מער גאָרנישט, נישט אַרבעטען, נישט ווײלן זיך... דאַנקען גאָט, רויכערן רויכערט מען אויף דער גאַנצער וועלט, מ'איז — אויף וויפל כ'ווײס — אין ערגעץ נישט פרעמד, וואו מ'זאָל נישט אָנשלאָגן. אפילו די פּאָלאַר-פאָרשער גרײטן זיך אָן אַ סך טיטון פאַר דער צײט פון זײער שווערער נסיעה. ס'איז מיר אַלע-מאָל געפעלן געוואָרן וויפל מאָל כ'האָב געלײענט וועגן דעם. ווײל ס'קאָן דאָך אַמאָל עמעצן גײן זײער שלעכט, — לאָמיר זיך פאָר-שטעלן, אַז ס'גײט מיר שלימזלדיק; אָבער אַזוי לאַנג, ווי כ'וועל האָבן אַ ציגאַר, וועל איך אויסהאַלטן, דאָס ווײס איך. ער וועט מיר העלפן איבערקומען אַלץ.

— ווי ס'זאָל נישט זײן, איז עס אַ ביסל אַן אָפּגעלאָזנקײט פון דיר, וואָס דו האָסט דיך אַזוי צוגעוויינט דערצו — זאָגט יאָאַכים. — בעיקרעננם איז גאַנץ גערעכט, דו ביסט אַ ציוויליסט. ער האָט עס געמײנט מער לשבח, אָבער דו ביסט אַן אומהײלבאַרער ציוויליסט — דאָס איז דער אמת. אַגב, ביסטו געזונט און קאָנסט טאָן, וואָס דו ווילסט — זאָגט ער און זײנע אויגן ווערן אויף אַמאָל מאַט.

— יאָ, געזונט, אַחוץ אַנעמיע — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — ער איז מיר נישקשה אַרײנגעפאָרן, בעת ער האָט געזאָגט, אַז כ'זע אויס גרין, אָבער ס'איז אמת. ס'האָט זיך מיר אַלײן אויך גע-וואָרפן אין די אויגן, אַז אין פאַרגלײך מיט אײך דאָ, אויבן, בין איך ממש גרין. אין דער הײם האָב איך עס נישט אַזוי באַמערקט. ס'איז אויך פײן פון אים, וואָס ער האָט מיר אָן שום צערעמאָניעס געגעבן עצות — סינע פּיקוניאַ — ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. כ'האָב באמת בדעה צו טאָן אַזוי, ווי ער האָט געזאָגט און זיך פירן פּונקט אַזוי ווי דו. וואָס דען זאָל איך טאָן בײ אײך דאָ, אויבן, בפרט נאָך, אַז ס'קאָן גאָרנישט שאַטן, ווען כ'וועל צונעמען אַ ביסל אײוויַס, כאָטש ס'קלינגט אַ ביסל עקלדיק, דאָס מוזטו מיר מודה זײן.

יאָאַכים האָט עטלעכע מאָל גײענדיק אַ הוסט געטאָן. דאָס אַרויפגײן אינדערהויך האָט אים, אַפּנים, אַ ביסל פאַרמאַטערט. ווען ער האָט גענומען הוסטן צום דריטן מאָל, איז ער געבליבן שטײן מיט פאַרצויגענע ברעמען. — גײ נאָר פאָרויס — האָט ער געזאָגט.

האַנס קאַסטאָרפּ נעמט אינדערגיך גיין ווייטער און קוקט זיך נישט אום. דערנאָך נעמט ער טרעטן פּאַמעלעכער און בלייבט צום סוף כּמעט שטיין, ווייל ס'דאַכט זיך אים, אַז ער איז צו ווייט אָפּגעגאַנגען פון יאָאַכימען. אָבער ער קוקט זיך נישט אום.

אַ גרופּע געסט פון ביידע מינים קומט אָן אַקעגן. ער האָט זיי נאָך פריער געזען אָנקומען מיטן גלייכן וועג פון דעם שיפּוע. איצט פּאַטשן זיי באַרג-אַראָפּ, גלייך צו אים און מ'הערט זייערע פאַרשיידענערליי קולות. ס'זיינען געווען זעקס אָדער זיבן פּאַר-שוין פון פאַרשיידענעם עלטער, אַ טייל בלוט-יונגע, עטלעכע — שוין אַ ביסל עלטערע. ער קוקט זיי אָן און בייגט אוים דעם קאָפּ אין אַ זייט. בשעת-מעשה מראַכט ער וועגן יאָאַכימען. זיי זיינען געווען אָן די הוטלען און ברוין-אָפּגעברענט, די דאַמען — אין פאַר-ביקע סוועטערס, די הערן — ס'רוב אָן אייבער-מלבושים און אַפילו אָן שטעקנס, ווי מענטשן, וואָס גייען אַרוים פאַרן הויז מיט די הענט אין די קעשענעס און אָן שום הכנות. זיי זיינען געגאַנגען באַרג-אַראָפּ — אַ גיין, וואָס פאָדערט נישט קיין ערנסטע אָנשטרענגונג, נאָר בלויז אַ פריילעך האַמעווען און אָנשפּאַרן די פים, כּדי זיך נישט צופיל צו צעלאָזן און זיך נישט צו צעקלאַפּן, אַ גיין, וואָס איז אייגנט-לעך אַ מין לאָזן זיך פאַלן. צוליב דעם האָט דער אופן גיין זייערער אין זיך עפּעס אַ באַפליגלטקייט און אַ לייכטקייט. דאָס האָט זיך אויך אָפּגעשלאָגן אויף זייערע מינעס און אויף זייער גאַנצן אויסזען אַזוי, אַז ס'האָט אָנגענומען אַ חשק צו זיין צווישן זיי.

איצט זיינען זיי שוין צוגעקומען צו אים. האַנס קאַסטאָרפּ האָט גענוי געזען זייערע פּנימער, נישט אַלע זיינען זיי געווען אָפּגע-ברענט. צוויי דאַמען האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער בלאַסקייט: איינע איז געווען דין, ווי אַ שטעקעלע, מיט אַן עלפאַנטביינערן פּנים, די אַנדערע — אַ קלענערע און אַ פעטע, מיט מ'אוסע לעבער-פלעקן. זיי האָבן אים אַלע אָנגעקוקט, מיט אַ בשותּפותדיקן דרייסטן שמייכל. אַ הויך יונג מיידל אין אַ גרינעם סוועטער, מיט שלעכט פריזירטע האָר און מיט תּמעוואַטע, האַלב-צעעפנטע אויגן האָט זיך דורכגעגליטשט האַרט לעבן האַנס קאַסטאָרפּן, דערביי האָט זי אים כּמעט אָנגערירט מיט איר אָרעם. בשעת-מעשה האָט זי געפייפט....

ניין, דאָס איז געווען אידיאָטיש! זי האָט צו אים אַ פּייף געטאָן, אָבער נישט מיט דעם מויל — דאָס מויל איז נישט געווען ביי איר אויסגעשפּיצט, פאַרקערט, זי האָט עס געהאַלטן צוגעמאַכט. בשעת זי האָט אים אָנגעקוקט, נאַריש און מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, האָט עפּעס אַרויסגעפּייפט פון איר. ערגעץ פון איר ברוסט איז אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן אַרויס אַן אויסערגעוויינלעך נישט אָנגענעם פּייפן, אַ רויס, אַ שאַרפס און פונדעסטוועגן — אַ הוילס, אַן אויסגעצויגנס און צום סוף — אַן אויסגייענדיקס, אַזוי, אַז ס'האָט דערמאָנט אין דער מוזיק פון אַ גומען חזירל, פון וועלכן מ'בלאָזט אַרויס די לופט בעת מ'קוועטשט עס צונויף. באַלד דערנאָך איז זי אַוועק מיט דער גרופּע.

האַנס קאַסטאָרפּ איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער און האָט געקוקט ווייט פאַר זיך. דערנאָך האָט ער זיך תיכף אויסגעדרייט און האָט אַ קלער געטאָן, אַז דאָס עקלדיקע פּייפן האָט געמוזט זיין אַ וויץ, אַ פאָרויס צוגעטראַכט שפּיצל. ווייל אין די אַקסלען פון דער אַוועקגייענדיקער גרופּע האָט ער דערקאָנט, אַז זיי לאַכן; אַ קליינוואוקסיקן בחורל מיט אַרויסגעזעצטע ליפּן, וועלכער האָט אויף אַן אומגעלומפּערטן אופן פאַרשאַרצט די קורטקע און געהאַלטן די הענט אין ביידע הויזנקעשענעס — האָט אַפילו אָן שום חכמות אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים און געלאַכט... דערווייל איז נאָכגעקומען יאָאַכים. ער האָט זיך געגריסט צו דער גרופּע און האָט, לויט זיין מיליטערישן שטייגער, זיך כמעט אַוועקגעשטעלט מיטן גאַנצן קערפּער און זיך פאַרבייגט מיט צונויפגעקלאַפּטע קנאַפּלען. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו זיין קוזין און דערביי אים אָנגעקוקט מילד.

— וואָס מאַכסטו פאַר אַ צורה? — האָט ער געפרעגט.

— זי פּייפט גאָר — האָט געענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ — זי האָט געפּייפט פון בויך אַרויס, בעת זי איז פאַרבייגעגאַנגען דורך מיר. וואָס איז דאָס אַזוינס?

— אַ — זאָגט יאָאַכים און לאַכט מיט ביטול. — נישט פון בויך אַרויס, נאַרישקייטן. דאָס איז די קלעפעלד, הערמינע קלעפעלד, זי פּייפט מיט דעם פּנעומאָטאָראַקס.

— מיט וואָס? — פֿרעגט האַנס קאַסטאָרפּ. ער איז מאָדנע צעטומלט און ווייסט אַליין נישט פֿאַרוואָס. ער האָט געהאַלטן סיי ביי לאַכן, סיי ביי וויינען און אַ זאָג געטאָן: : קאָנסט דאָך נישט פֿאַרלאַנגען, כ׳זאָל פֿאַרשטיין אייער קווידערוועלש.

— אָבער קום, לאָמיר גיין, — זאָגט יאָאַכים. — איך קאָן עס דיר געבן צו פֿאַרשטיין גייענדיק אויך. דו שטייסט, ווי צוגעוואַקסן. ס׳איז עפּעס פֿון דער כירורגיע, ווי דו ביסט דיר משער, אַן אָפּעראַציע, וואָס ווערט דאָ אָפֿט געמאַכט. בערענס איז אַ גרויסער בריה אין די זאַכן... ווען מיט איין לונג האַלט עס גאָר שמאָל, פֿאַרשטייסטו, און די אַנדערע איז געזונט, אָדער אין פֿאַרגלייך מיט יענער געזונט, — דעמאָלט ווערט די קראַנקע לונג אויף אַ שטיקל צייט אָפּגעשטעלט אין איר טעטיקייט, כדי זי זאָל זיך אַזוי אַרום אויסרוען... ס׳הייסט: מ׳שניידט דאָ ערגעץ אויף, דאָ ערגעץ אין דער זייט, — כ׳ווייס נישט גענוי דאָס אָרט, אָבער בערענס טרעפֿט עס אויסגעצייכנט אָן. דערנאָך לאָזט מען אין קראַנקן אַריין גאַז, שטיק־שטאָף, ווייסטו, אַזוי אַז די קראַנקע לונג הערט אויף צו טאָן יעדע אַרבעט. פֿאַרשטייט זיך, אַז דער גאַז האַלט נישט זייער לאַנג, בערך יעדן האַלבן חודש מוז מען אויפֿסניי אַריינלאָזן. מ׳ווערט ווי אָנגעפּאָמפּעוועט, אַזוי מוזטו דיר דאָס פֿאָרשטעלן. אויב ס׳דויערט אַזוי אַ יאָר אָדער לענגער און אַלץ גייט כשורה — קאָן אַמאָל די לונג אַדאַנק דעם אויסגעהיילט ווערן, פֿאַרשטייט זיך — נישט שטענדיק. ס׳איז אַפֿילו אַן איינשטעלעניש. אָבער מ׳זאָגט, אַז מ׳האָט שוין אויפֿגעטאָן גרויסע זאַכן מיט דעם פּנעוּמאָטאָראַקס. די אַלע, וואָס דו האָסט דאָ געזען, האָבן עס. פֿרוי אילטיס איז אויך דאָ געווען, די מיט די לעבער־פֿלעקן. אויך פֿריילין לעווי, די דאַרע, געדענקסט? זי איז לאַנג געלעגן אין בעט. זיי האַלטן זיך צוזאַמען, ווייל אַזאַ זאַך, ווי דער פּנעוּמאָטאָראַקס, בינדט צונויף נאַטירלעך די מענטשן. זיי רופֿן זיך „האַלבע־לונגען־פֿאַראיין“. מיט דעם דאָזיקן נאָמען זיינען זיי באַקאַנט. אָבער דער שטאָלץ פֿון דעם פֿאַראיין איז הערמינע קלעפֿעלד, ווייל זי קאָן פֿייפֿן מיט דעם פּנעוּמאָטאָראַקס. דאָס איז אַ טאַלענט אַזאַ ביי איר, ווייל נישט יעדער איינער קאָן דאָס מאַכן. ווי אַזוי זי טוט דאָס, — דאָס קאָן

איך דיר אויך נישט זאָגן. זי אַליין קאָן עס אויך נישט גענוי אויסמאָשלען. ווען זי גייט גיך, קאָן זי פֿייפֿן פֿון אינעווייניק אַרויס. פֿאַרשטייט זיך, אַז זי טוט עס, כּדי צו דערשרעקן מענטשן, דער עיקר — ניי־אָנגעקומענע קראַנקע. אַגבֿ, דאַכט זיך, אַז ס׳גייט איך אויס דערביי דער שטיק־שטאָף, ווייל אַלע אַכט טאָג דאַרף מען זי אויפֿסניי אָנפּאָמפּעווען.

איצט האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּ צעלאַכט. פֿון יאָאַכימס רייד איז די איפֿרעגונג איבערגעגאַנגען אין לוסטיקייט. גייענדיק דעקט ער צו די אויגן מיט דער האַנט, בייגט זיך אויס און זיינע אַקסלען נעמען ציטערן פֿון גיכן און שטילן כיכיקען.

— זיי זיינען אפשר פֿאַרדעניסטרירט אויך? — פֿרעגט ער און דאָס ריידן קומט אים נישט אָן לייכט. פֿון איינגעהאַלטענעם געלעכטער איז דאָס קול וויינענדיק און שטיל־קוויטשענדיק. — און כּטאַטוטן האָבן זיי אויך? אַ שאָד, וואָס דו ביסט נישט קיין מיטגליד. דעמאָלט וואָלט מען מיך געקאָנט אָננעמען פֿאַר אַן ערן־גאַסט אָדער פֿאַר אַ... טרינק־קאָמפּאַן.... דו בעט בערענסן, ער זאָל דיך אַ ביסל אָפּשטעלן אין דער לונגען־טעטיקייט; אפשר וועסטו אויך קאָנען פֿייפֿן, אויב דו וועסט דיך דערמיט אָפּגעבן. סוף־כּל־סוף מוז מען עס דאָך קאָנען אויסלערנען זיך. דאָס איז דאָס קאָמישסטע, וואָס כ׳האָב נאָך ווען־ס׳איז געהערט אין מיין לעבן — זאָגט ער און זיפֿצט אָפּ. — יאָ, זיי מיר מוחל, וואָס כ׳רייד אַזוי וועגן אַזעלכע זאַכן, אָבער זיי אַליין זיינען דאָך אין דער בעסטער שטימונג, דיינע פּנעומאַטישע גוטע פֿריינט! ווי זיי זיינען דאָס אָנגעקומען... און גיי וויים, אַז דאָס איז דער „האַלבע־לונגען־פֿאַראיין“! „טיוו“ — האָט זי אויף מיר אַ פֿייף געטאָן, אַ ווילדער נפֿש! אָבער דאָס איז דאָך אמתע חוצפּה! פֿאַרוואָס זיינען זיי אַזעלכע חוצפּהניקעס, אפשר ווייסטו?

יאָאַכים זוכט אַן ענטפֿער. פּשוט — זאָגט ער — זיי זיינען אַזעלכע פֿרייע... כ׳מיין — ס׳זיינען יונגע מענטשן און די צייט שפּילט פֿאַר זיי קיין שום ראָלע נישט. דערנאָך וועט מען ווי־ס׳איז אויסשטאַרבן. פֿאַרוואָס זאָלן זיי מאַכן ערנסטע מינעס? טיילמאָל טראַכט איך: קראַנק זיין און שטאַרבן זיינען אייגנטלעך נישט קיין ערנסטע זאַכן, זיי זיינען מער אַ מין ליידיקגייעריי. ערנסט איז דאָס לעבן,

נענוי גערעדט, נאָר אונטן. איך מיין, אַז דו וואָלסט עס פאַרשטאַנען ערשט דעמאָלט, ווען דו וואָלסט געווען לענגער דאָ אויבן.

— אַוודאי — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — כ׳בין כמעט זיכער. כ׳האָב שוין אַ סך אינטערעס אַרויסגעוויזן צו אײַך דאָ אויבן, און אַז מ׳אינטערעסירט זיך, קומט שוין דאָס פאַרשטיין פון זיך אַליין, נישט אמת?... אָבער וואָס איז דאָס? — ער שמעקט נישט — זאָגט ער און און באַטראַכט זיין ציגאַר. — די גאַנצע צייט פרעג איך מיך אַליין, וואָס ס׳פעלט מיר, איצט זע איך ערשט, אַז מאַריאַ שמעקט עפּעס נישט. זי האָט אַ געשמאַק ווי פּאַפּיר־מאַשע, כ׳פאַרזיכער דיך, עפּעס אַזוי, ווי בעת מ׳האָט אַ פולשטענדיק פאַרדאָרבענעם מאָגן. דאָס איז דאָך נישט צום פאַרשטיין! כ׳האָב אַפילו ביים אָנבייסן געגעסן אַ סך, מער ווי שטענדיק, אָבער דאָס קאָן נישט זיין די סיבה, ווייל ווען מ׳עסט צופיל, שמעקט באַלד דערנאָך אַ ציגאַר נאָך בעסער. ווי מיינסטו, ס׳זאָל זיך נעמען דערפון, וואָס איך בין געשלאָפן אומרויק? אפשר בין איך צוליב דעם נישט ווי ס׳דאַרף צו זיין. ניין, כ׳מוז אים אַוועקוואַרפן! — זאָגט ער נאָכדעם, ווי ער פרוווט נאָכאַמאָל. יעדער צי איז אַן אַנטטוישונג. ס׳האָט נישט קיין זין, כ׳זאָל מיך אָנשטרענגען. ער קווענקלט זיך נאָך אַ רגע, דערנאָך וואַרפט ער אַראָפּ דעם ציגאַר פון באַרג צווישן די פייכטע נאָדל־ביימער. — דו ווייסט, מיט וואָס דאָס האָט אַ שייכות, לויט מיין איבערצייגונג? — פרעגט ער...— לויט מיין פעסטער איבערצייגונג, האָט דאָס אַ שייכות מיט דער נאַרישער היץ אין פנים, וואָס מוטשעט מיך ווידער פון אינדערפרי אָן. כאַפּט עס דער רוח, כ׳האָב כסדר דאָס געפיל, ווי כ׳וואָלט רויט געווען פון בושה... דו האָסט איך געהאַט דאָס אייגענע, ווען דו ביסט אָנגעקומען?

— יאָ — זאָגט יאָאַכים. — מיר איז אויך אין אָנהייב געווען מאָדנע. מאַך דיר דערפון גאָרנישט! כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ס׳איז נישט אַזוי לייכט זיך איינצולעבן דאָ. אָבער באַלד וועסטו דיך ווידער פילן אין אָרדענונג. זעסט, איך וואָס פאַר אַ שיין אָרט די באַנק שטייט! לאָמיר זיך אַ ביסל צוזעצן און דערנאָך וועלן מיר גיין אַהיים. איך מוז זיך נעמען צו מיין ליג־קוראַציע.

דער וועג איז בינו־לבינו געוואָרן אַ גלייכער. ער גייט אין דער ריכטונג פון פּלאַץ־דאַוואָס, בערך אַ דריטל הייך פון שיפּוע. ווייטער האָט מען צווישן היכע, שמאָל־געוואַקסענע און פון ווינט איינגעקרימטע סאָסנעס אַרויסגעזען דעם ישוב, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן ווייס קייגן העלערן ליכט. די פּשוט־צונויפגעקלאַפּטע באַנק, אויף וועלכער זיי זעצן זיך, שטייט אָנגעשפּאַרט אויף דער שאַרפער באַרג־וואַנט. לעבן זיי איז גאָרגלדיק און פּלושטשענדיק גערונען אַ וואַסער דורך אַן אָפענער הילצערנער רינע אין טאָל אַריין.

יאָאַכים האָט געוואָלט זיין קוזין אויסרעכענען די נעמען פון די אַלפּן־שפּיצן, וואָס זענען אויס צו פאַרשליסן דאָס טאָל פון דרום־זייט. ער האָט אויף זיי אָנגעוויזן מיטן שפּיץ פון זיין באַרג־שטעקן. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט נאָר אינדערגיך אַ קוק געטאָן אַהין. ער איז געזעסן אויסגעבויגן פאָרויס, האָט געצייכנט מיט דער סקיפּקע פון שטאָטיש, מיט זילבער־באַשלאָגענעם שטעקן פיגורן אין זאַמד און האָט גאָר געוואָלט דערוויסן זיך עפּעס אַנדערש.

— וואָס האָב איך דאָ געוואָלט זאָגן — הייבט ער אָן... דער פאַל אין מיין צימער איז געשען, נאָך, איידער איך בין געקומען. צי זיינען שוין אַ סך טויט־פאַלן געווען דאָ, זינט דו ביסט דאָ אויבן?

— אַ גאַנץ היפּש ביסל — ענטפערט יאָאַכים. — אָבער מ'האַלט זיי בסוד, פאַרשטייסט? — מ'ווערט גאָרנישט געוואָר, סיידן ביי אַ געלעגנהייט שפּעטער. מ'מאַכט אַ שטרענגן סוד, ווען עמעץ שטאַרבט, צוליב די פּאַציענטן און בפרט די דאַמען, וואָס קריגן תיכף אַטאַקן. ס'שטאַרבט עמעץ לעבן דיר, באַמערקסטו עס אַפילו נישט. דעם אָרון ברענגט מען גאָר פרי, ווען דו שלאָפסט נאָך, און אַרויס־פירן פירט מען אים אויך אַרויס אין אַזעלכע צייטן, צום ביי־שפּיל, ווען מ'עסט.

— הם — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ און צייכנט ווייטער. — דאָס טוט זיך אָפּ, הייסט עס, הינטער די קוליסן.

— יאָ, אַזוי קאָן מען כמעט זאָגן. אָבער לעצטנס, ס'וועט זיין, וואַרט נאָר, בערך מיט אַן אַכט וואָכן צוריק. —

— אויב אַזוי קאָנסטו עס נישט אָנרופן לעצטנס — באַמערקט האַנס קאַסטאָרפּ טרוקן און ניכטערן.

— וואָס הייסט? — איז נישט לעצטנס. דו ביסט, הייסט עס, פּינקטלעך. איך האָב בלויז סתם אַזוי די צאָל וואָכן געפּרוּווט טרעפן. בכן, מיט אַ צייט צוריק, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט אַריינצוקוקן הינטער די קוליסן, צופעליק, כ׳געדענק עס, ווי עס וואָלט געווען היינט. ס׳איז געווען דעמאָלט, ווען מ׳האָט דער קליינער הויוס געבּרענגט דעם וויאַטיקום, דעם טויט=סאַקראַמענט, פאַרשטייסט, די לעצטע זאַלבּונג. זי איז נאָך אַרומגעגאַנגען, בעת איך בּין אַהער אָנגעקומען, און זי האָט געקאָנט זיין אויסגעלאַסן לוסטיק, אַזוי שטיפעריש, ממש, ווי אַ מיידעלע. אָבער פלוצלונג האָט עס גענומען גיין בּאַרג=אַראָפּ, זי איז מער נישט אויפגעשטאַנען. זי איז געלעגן דריי צימערן פאַר מיינעם. אירע עלטערן זיינען געקומען און דערנאָך איז אויך געקומען דער גלח. ער איז געקומען, בשעת אַלע זיינען געזעסן בּיי דער טיי, נאָכמיטאָג. אין די קאָרידאָרן איז קיינער נישט געווען. אָבער שטעל דיר פאָר, איך האָב גראָד געהאַט פאַרשלאָפן די צייט, בּין געהאַט איינגעשלאָפן אין הויפּט=ליגזאַל און האָב פאַרהערט דעם גלאָק און אַזוי=אַרום זיך פאַרשפּעטיקט אויף אַ פערטל שעה. דערפאַר בּין איך אין יענעם מאָמענט נישט געווען דאָרטן, וואו אַלע, נאָר בּין אַריינגעפאַלן הינטער די קוליסן, ווי דו דריקסט זיך אויס. ווי איך גיי אַזוי אין קאָרידאָר, קומען זיי פלוצלונג מיר אַקעגן אין העמדער מיט שפּיצן און מיט אַ צלם פאָרויס, אַ גאָלדענער צלם מיט לאַמטערנעס. איינער האָט עס געטראָגן פאָרויס, ווי אַ שטעקן מיט גלעקלעך. פאַר אַ יאַניטשאַרן=אָרקעסטער.

דאָס איז נישט קיין פאַרגלייך — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ אַ בּיסל שטרענג.

— אַזוי איז עס מיר פאָרגעקומען. ס׳איז מיר נישט ווילנדיק געקומען אויפן זכרון. אָבער הער נאָר ווייטער. זיי זיינען מיר אַקעגנגעקומען, מאַרש=מאַרש, מיט געשווינדע טריט, דריי, אויב כ׳האָב נישט קיין טעות. פאָרויס דער מענטש מיטן צלם, דערנאָך נאָך אַ בחור מיט אַ ווייריך פאַן. דער גלח האָט געהאַלטן דעם וויאַ=

טיקום אָנגעשפּאַרט אין דער ברוסט, ס'איז געווען צוגעדעקט און ער האָט הכנעהדיק געהאַלטן דעם קאָפּ קרומלעך־אַראָפּגעלאָזט. דאָס איז בײַ זײַ דאָס סאַמע הײליקסטע.

— טאַקע דערפאַר — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — טאַקע דערפאַר וואונדער איך מיר, ווי דו האָסט עס געקאָנט פאַרגלײַכן מיט אַן אינסטרומענט מיט גלעקלעך.

— יאָ, יאָ, אָבער וואַרט נאָר. ווען דו וואָלסט דערבײַ געווען, וואָלסטו אַלײן אויך נישט געוואוסט, ווי אַזוי שפּעטער צו קלערן דערוועגן. ס'איז עפּעס אַזוינס, וועגן וועלכן מ'קאָן שפּעטער חלומען.

— מיט וואָס אַזוינס?

— וואַרט־צו. איך האָב מיך אַלײן געפרעגט, ווי אַזוי כ'זאָל זיך אויפפירן אין דעם פאַל. כ'האָב נישט געטראָגן קײן הוט און ממילא אים נישט געקאָנט אַראָפּנעמען —

— זעסטו שוין, — האַקט ווידער איבער האַנס קאַסטאָרפּ אינדערגיך — זעסט שוין, מ'דאַרף טראָגן אַ הוט. ס'איז מיר טאַקע געווען אויפפאַלנדיק, הלמאַי איר טראָגט דאָ נישט קײן היטן. מ'דאַרף אָבער ספּעציעל אָנטאָן אַ הוט, כּדי מ'זאָל אים קאָנען אַראָפּנעמען בײַ אַ פּאַסיקער געלעגנהײט. אָבער וואָס איז ווײטער געשען?

— איך האָב מיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער וואַנט — זאָגט יאָאַכים, — מיט דרך־ארץ, און האָב מיך אַ ביסל אײַנגעבויגן, בשעת זײ זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען לעבן מיר. ס'איז גראָד געווען פאַרן צימער פון דער קלײנער הײזס, נומער אַכט און צוואַנציק. דאַכט זיך, אַז דער גלח האָט זיך געפרײט, הלמאַי איך האָב זיך פאַרבויגן. ער האָט געדאַנקט זײער העפלעך און האָט אַראָפּגענומען זײַן קאַפּל. אָבער אין דער רגע זײַנען זײ געבליבן שטײן. דער בחור מיט דער ווײַרויך־פאַן האָט אָנגעקלאַפּט, אַ קוועטש געטאָן בײַ דער קלאַמקע און האָט אַרײַנגעלאָזט דעם גלח פאָרויס אין צימער אַרײַן. איצט שטעל דיר פאָר און מאָל דיר אויס מײַן שרעק און מײַנע געפילן; אין דער רגע, ווען דער גלח האָט אַ שטעל געטאָן דעם פוס איבער דער שוועל, האָב איך דערהערט אין צימער אַזאַ גוואַלד און געשרײ, וואָס האָסט נאָך אין דײַן לעבן נישט געהערט, דרײַ־פיר מאָל נאָכאַנאַנד, און דערנאָך קולות, וואָס הערן נישט אויף

אויף קיין רגע, אַפּנים — פון אַ ברייט=צעעפנט מויל. אַ=אַ=אַ! ס'איז געווען דערין אַזויפיל יאָמער און פאַרצווייפלונג און סתּירהדיקייט, אַז ס'איז גאָרנישט צום באַשרייבן. ס'איז איינצייטיק געווען דערין אַזויפיל רחמים=געבעט! מיט איינמאָל איז דאָס קול געוואָרן אַזוי הויל און טעמפּ, גלייך ווי אַלץ וואָלט אַיינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד און דער געשריי קומט טיף פון אַ קעלער אַרויס.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך האַסטיק אויפגעדרייט צו זיין קוזין. — דאָס איז געווען די הויס? — פרעגט ער אַן אויפגערעגטער.— וואָס הייסט, פון אַ קעלער אַרויס?

זי האָט זיך באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע — זאָגט יאָאַכים.— שטעל דיר פאָר מיינע געפילן! דער גלח איז געבליבן שטיין האַרט ביי דער שוועל און האָט געפּרוווט באַרויקן. ער שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן. ער האָט כסדר אויסגעצויגן דעם קאָפּ פאָרויס און אים באַלד צוריקגעצויגן. דער צלם=טרעגער און דער מיניסטראַנט זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען צווישן דער שוועל און דער טיר און האָבן נישט געקאָנט אַריינגיין. איך האָב געקאָנט דורך זיי אַריינקוקן אין צימער אַריין. ס'איז געווען אַ פּשוט צימער, ווי דיינס און מיינס. דאָס בעט איז געשטאַנען לינקס פון דער טיר ביי דער וואַנט. צוקאָפּנס זיינען געשטאַנען מענטשן, די קרובים נאַטירלעך, די עלטערן. זיי האָבן אויך עפּעס אַריינגערעדט אין בעט אַריין. מ'האָרט דאָרטן געזען בלויז אַ קנויל, וואָס האָט זיך עפּעס געבעטן, מוראדיק פּראָטעסטירט און געקאָפּעט מיט די פיס.

— זי האָט געקאָפּעט מיט די פיס, זאָגסטו?

— מיטן גאַנצן כּוח, אָבער ס'האָט גאָרנישט געפּועלט. דעם שטאַרבן=סאַקראַמענט האָט זי געמוזט אָננעמען. דער גלח איז צו איר צוגעגאַנגען און אויך די איבעריקע צוויי זיינען אַריינגעגאַנגען און מ'האָט פאַרמאַכט די טיר. אָבער איך האָב נאָך נישט באַוויזן צו זען: דער קאָפּ פון הויס איז אויף אַ רגע אַרויסגעקומען, מיט צעקאָדלטע העל=בלאָנדע האָר. זי האָט אָנגעקוקט דעם גלח מיט ברייט=אויפגעריסענע אויגן, אַזעלכע בלאַסע אויגן, אָן שום קאָליר. באַלד איז זי מיט אַ קרעכצעריי און פּייפעריי ווידער אַרונטער אונטער דער קאָלדרע.

— און דאָס דערציילסטו מיר ערשט איצט? — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ אין אַ ווײַלע אַרום. — כ'פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי ס'איז דיר נישט אויסגעקומען צו ריידן וועגן דעם נאָך נעכטן אינאָווענט. גאָט אין הימל, זי האָט דאָך נאָך געמוזט האָבן אַ סך כוחות, אויב זי האָט זיך געקאָנט אַזוי אַקעגנשטעלן. דערצו דאַרף מען דאָך האָבן כוח. מ'דאַרף נישט ברענגען דעם גלח פריער, איידער דער קראַנקער איז אינגאַנצן שוין אָפּגעשוואַכט.

— זי איז אויך געווען שוואַך — ענטפערט יאָאַכים. — ...אַך, ס'איז דאָ פאַראַן גענוג וועגן וואָס צו דערציילן, אַזויפיל, אַז מ'ווייסט נישט, וואָס פריער... שוואַך איז זי געווען גענוג, בלויז די שרעק האָט איר געגעבן כוחות. זי האָט שרעקלעך מורא געהאַט, ווײַל זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי דאַלט בײַם שטאַרבן. זי איז געווען אַ יונג מיידל, קאָן מען נישט האָבן אויף איר קיין פאַריבל, אָבער טיילמאָל פירן זיך מענער אויך אַזוי אויף. דאָס איז שוין שווער מוחל צו זײַן אַזאַ אָפּנעלאָזנקייט. בערענס ווייסט, אַגב, ווי אַזוי אומצוגיין מיט אַזעלכע. ער האָט דעם פּאַסיקן טאָן אין אַזעלכע פאַלן.

— וואָס פאַר אַ טאָן? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ מיט צוזאַמענגעצויגענע ברעמען.

— מאַכט נישט אַזעלכע שטיק! זאָגט ער — ענטפערט יאָאַכים. — אַלנפאַלס האָט ער עס לעצטנס געזאָגט עמעצן. מיר האָבן זיך דערוואוסט דערפון פון דער אייבער־שוועסטער, וואָס איז געווען דערבײַ און 'האָט געהאָלפן האַלטן דעם גוסס. יענער האָט בײַם סוף געמאַכט אַ פאַסקודנע סצענע און נישט געוואָלט בשום־אופן שטאַרבן. בערענס האָט אים דעמאָלט אויסגעשייגעצט: — מאַכט נישט, זײַט מוחל, אַזעלכע שטיק — האָט ער געזאָגט. דער פּאַציענט איז תיכף שטיל געוואָרן און איז גאַנץ רויִק געשטאָרבן.

האַנס קאַסטאָרפּ גיט זיך אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אין פוס אַרײַן און גיט זיך אַ וואָרף אויף דעם אָנלען פון דער באַנק. ער גיט דערבײַ אַ קוק צום הימל.

— נאַ, הער נאָר אַ מעשה, — רופט ער אויס. — דאָס איז דאָך מוראדיק! זידלט אים אָן און זאָגט צו אים פשוט: מאַכט נישט אַזעלכע שטיק! צו אַ מענטש, וואָס האַלט בײַם שטאַרבן! דאָס איז

מוראדיק! מיט אַ שטאַרבנדיקן מוז מען זיך דאָך אין אַ געוויסער מאָס באַגיין מיט כּבוד. מ׳קאָן דאָך אים נישט מיר־נישט דיר־נישט... אַ שטאַרבנדיקער איז דאָך, אַזוי צו זאָגן, הייליק, מיין איך —

— איך לייקן דאָס נישט — זאָגט יאָאַכים. — אָבער ווען יענער האַלט זיך אַזוי געבעכדיק...

— ניין, — עקשנט זיך האַנס קאַסטאָרפּ מיט אַ פעסטקייט, וואָס לאָזט בשום־אופן זיך נישט איבערשפּאַרן. — דו וועסט מיר בשום־אופן נישט איינריידן, אַז אַ שטאַרבנדיקער איז נישט העכער פון וועלכן ס׳איז יונגאַטש, וואָס גייט אַרום און לאַכט, פאַרדינט געלט און שטופּט זיך אָן אַ פולן בויך. — מ׳קאָן בשום־אופן נישט...— זיין קול נעמט מאָדנע ציטערן — ניין, מ׳קאָן בשום־אופן נישט צווישן יאָ און ניין... זיינע ווערטער ווערן פּלוצלונג דערשטיקט פון אַ געלעכטער, וואָס כאַפּט אים אָן און באַהערשט אים אינגאַנצן. ס׳איז דאָס נעכטיקע לאַכן, אַ טיף־אַרויסבורכענדיק, צעטרייסלענדיק, אומאיינגעהאַלטן געלעכטער, ביי וועלכן די אויגן פאַרמאַכן זיך און צווישן די וויעס בלייבן אַזש שטיין טרערן.

— פּסט — גיט יאָאַכים פּלוצלונג אַ וואונק. — זיי שטיל! — שעפּטשעט ער און גיט שטילערהייט אַ שטויס דעם לאַכנדיקן קוזין אין דער זייט. האַנס קאַסטאָרפּ גיט אויף אים אַ קוק מיט פאַרטרערטע אויגן.

אויפן וועג פון לינקס גייט אַהערצו אַ פרעמדער, אַ שיינער ברונעט, מיט שיין־געדרייטע שוואַרצע וואָנצעס און אין העלן הויזן מיט ווייסע קראַטקעס. ער קומט צו, זאָגט יאָאַכימען גוט־מאָרגן. זיין באַגריסונג איז אַן אָפּגעמאָסטענע און אַ קלינגענדיקע. בשעת־מעשה בלייבט ער שטיין מיט געקרייצטע פיס, אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן, אין אַ שיינער פּאָזיציע.

ד ע ר ש ט ן.

זיין עלטער איז שווער אָפּצושאַצן, מסתמא — צווישן דרייסיק און פערציק. אינגאַנצן זעט ער אַפילו אויס גאַנץ יונג, אָבער די האָר פון די שלייפן זיינען שוין דורכגעוואָרפן מיט זילבערנע פעדים.

און העכער זיינען זיי היפּש שיטערלעך. צוויי מאָרנע ווינקלען קריכן אַריין טיף צווישן די שיטערלעכע האָר און מאַכן גרעסער דעם שטערן. זיין אָנטועכץ, די ברייטע העל-געלבלעך-געקראַטקעוועטע הויזן, דער צו-לאַנגער, האָריקער ראָק מיט די צוויי לאַנגע שורות קנעפּ און ברייטע לאַצן, — דאָס אַלץ איז זייער ווייט געווען צו האָבן פּרעטענזיעס אויף עלעגאַנץ. אויך זיין ריינער שטייפער קראַגן איז פון צופיל וואַשן אָפּגעריבן ביי די שפּיצן. זיין שוואַרצער קראַוואַט איז שוין אַן אָפּגעניצטער. קיין מאַנזשעטן טראָגט ער, אַפּנים, בכלל נישט. האַנס קאַסטאָרף האָט דאָס דערקאָנט אין די אַרבל, וואָס הענגען אָפּגעלאָזן אויף די האַנט-געלענקען. פונדעסטוועגן זעט ער, אַז דאָ שטייט פאַר אים אַן אמתער הער. דערויף האָבן פולשטענדיק עדות געזאָגט די פּנים-שטריכן פון אַ געבילדעטן מענטש, אויך זיין פרייע און אַפילו שיינע האַלטונג. דער דאָזיקער צונויפמיש פון אָפּגעלאָזנקייט און עלעגאַנטער האַלטונג, דערצו נאָך די שוואַרצע אויגן און די וויך-פאַרדרייטע וואָנצן — האָבן תיכף האַנס קאַסטאָרפן דערמאָנט אין דעם אויסזען פון געוויסע אויסלענדישע מוזיקאַנטן, וואָס קומען אין ווינאַכט אָפּשפּילן אין היימישן הויף, שטרעקן אויס זייערע ווייכע קאַפּעליושן און קוקן אַרויף מיט זייערע סאַמעט-אויגן, מ'זאָל זיי אַראָפּוואַרפן אַ צענער-פּעניג פון אַ פענסטער. אַ קאַטאַרינאַזש — טראַכט ער און צוליב דעם טאַקע וואונדערט ער זיך נישט אויף דעם נאָמען, וועלכן יאָאַכים זאָגט אַרויס אויפשטייענדיק פון דער באַנק און מיט אַ געוויסער פאַרלעגנהייט:

— מיין קוזין קאַסטאָרף — הער סעטעמבריני.

האַנס קאַסטאָרף האָט זיך אויך אויפגעהויבן צום באַגריסן, נאָך מיט סימנים פון זיין פריערדיקער פריילעכקייט אויפן פּנים. אָבער דער איטאַליענער האָט ביידע העפלעך געבעטן, זיי זאָלן זיך נישט שטערן און האָט זיי כמעט געצוואונגען צוריק זיך אַוועקצוזעצן אויף די ערטער. ער אַליין איז געבליבן שטיין אין זיין שיינער פּאָזע. ער איז געשטאַנען אַ צעשמייכלטער און באַטראַכט די קוזינען, קודם-כל — האַנס קאַסטאָרפן. די פיינע, אַ ביסל שפּאָטישע פאַרטיפונג און פאַרציונג פון איין מויל-ווינקל אונטער דעם פולן וואָנץ, דאָרטן, וואו ער פאַרדרייט זיך אַרויף שיין און קיילעכיק, האָט עפּעס געווירקט

מאָדנע, ס'האָט אויף אַ געוויסן אופן אַרויסגערופן גייסטיקע קלאָרקייט און וואַכעדיקייט, אַזוי, אַז דער האַלב־שיכורער האַנס קאַסטאָרפּ איז אין איין רגע ניכטער געוואָרן און האָט זיך פאַרשעמט. סעטעמבריני זאָגט:

— איר זענט אויפגערוימט — גערעכט — גערעכט, אַ פּרעכטיקער פּרימאָרגן! דער הימל איז בלוי, די זון לאַכט. דערביי האָט ער לייכט און פלינק אַ הייב געטאָן צום הימל די קליינע, געלבלעכע האַנט. בשעת־מעשה האָט ער קרום אַ לוסטיקן קוק געטאָן אַהין. — מ'קאָן באמת פאַרגעסן, וואו מ'געפינט זיך.

ער האָט גערעדט אָן אַ פרעמדן אַקצענט, בלויז אין דער גענייקייט, מיט וועלכער ער האָט אַרויסגעזאָגט יעדן קלאַנג, האָט מען געקאָנט דערקענען דעם אויסלענדער. זיינע ליפּן האָבן אַרויסגעבראַכט די ווערטער מיט אַ מין חשק. מ'האָט אים געהערט מיט הנאה.

— און אייער נסיעה צו אונז איז געווען אַ אָנגענעמע? — ווענדט ער זיך צו האַנס קאַסטאָרפּ... האָט מען שוין געקריגן דעם משפּט? כ'מיין: ס'איז שוין פאָרגעקומען די חושכדיקע צערעמאָניע פון דער ערשטער אונטערזוכונג? דאָ האָט ער געדאַרפט אויפהערן און צוּוואַרטן, ווען ער וואָלט אויסן־געווען אַ תשובה. ווייל ער האָט געהאַט עפּעס געפרעגט און האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געגרייט צו ענטפערן. אָבער דער פרעמדער פרעגט תיכף ווייטער: —זי איז אַדורך בשלום? לויט אייער לוסטיקייט — ער בלייבט שטיל אויף אַ רגע און די פאַרציִונג פון זיין מויל־ווינקל ווערט טיפער — קאָן מען אַרויסדרינגען, וואָס מען וויל. וויפל חדשים האָבן אייך אונזערע מינאָס און ראַדאַמאַנטוס* אַריינגעצימבלט? דאָס וואָרט „אַריינגעצימבלט“ איז אַרויסגעקומען פון זיין מויל באַזונדערס קאָמיש. זאָל איך פרוּוון טרעפן? זעקס? אָדער תיכף ניין? זיי זשאַלעווען דאָ נישט...

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דערשטוינט צעלאַכט און דערביי זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען, ווער מינאָס און ראַדאַמאַנט זיינען דאָס געווען. ער ענטפערט:

* לויט דעם גריכישן מיטאָס, צוויי ברידער, וואָס האָבן ביים לעבן געקעניגט אין קרעטא און נאָכן טויט זיינען זיי געוואָרן ריכטער אין האדעס.

— וואָס הייסט, איר האָט אַ טעות, הער סעפּטעמ...

— סעטעמבריני — פאַרריכט דער איטאַליענער קלאָר און מיט עלעגאַנץ, בשעת־מעשה פאַרנייגט ער זיך הומאָריסטיש.

— הער סעטעמבריני, זייט מוחל, ניין, איר האָט, הייסט עס, אַ טעות. איך בין גאָרנישט קראַנק. איך בין נאָר געקומען אויף עטלעכע וואָכן צו גאַסט צו מיין קוזין ציַמסען און וויל ביי אָט־דער געלעגנהייט אַ ביסל זיך פאַרריכטן.

— נאַדיר אַ מעשה, איר זענט גאָרנישט קיין אונזעריקער? איר זענט אַ געזונטער? איר האָספּיטירט נאָר דאָ, ווי אָדיסעיס אין מלכות פון שאָטנס? וואָס פאַר אַ דרייסטקייט אַראָפּצושטייגן אין די טיפענישן, וואו טויטע דרייען זיך אַרום עובר־בטל.

— אין די טיפענישן, הער סעטעמבריני? דאָ מוז איך שוין פּראָטעסטירן! איך האָב דאָך געקלעטערט צו אייך אַרויף קיילעכיקע פינף טויזנט פוס!

— ס'האָט זיך אייך בלויז אויסגעוויזן אַזוי, איך מיין וואָרט, ס'איז מער נישט, ווי געגאַרטקייט — זאָגט דער איטאַליענער מיט אַ פעסטער האַנט־באַוועגונג. — מיר זיינען טיף־געפאַלענע באַשעפענישן, נישט אמת, לייטענאַנט? — וועגדט ער זיך צו יאָאַכימען, וואָס האָט גרויס הנאה פון דעם דאָזיקן שמועס, אָבער וויל עס באַהאַלטן און ענטפערט אַ פאַרטראַכטער:

— מיר זיינען באמת שטיקלעך יורדים, אָבער מיר וועלן אפשר סוף־כל־סוף קומען צו זיך.

— יאָ, אין אייך גלויב איך. איר זענט אַן אָרענטלעכער מענטש — זאָגט סעטעמבריני. — אַסוי, אַסוי, אַסוי — זאָגט ער דריי מאָל מיט אַ שאַרפער „ס“ און ווענדט זיך ווידער צו האַנס קאַסטאָרפּ. ער גיט אָפּט אַ שטילן קנאַק מיט דער צונג אין גומען. — סעט, סעט, סעט — זאָגט ער באַלד דערנאָך ווידער דריי מאָל און מיט אַ שאַרפער „ס“. בשעת־מעשה קוקט ער אָן דעם ניי־אָנגעקומענעם אַזוי פרעמד, אַז זיינע אויגן ווערן אויף איינמאָל שטאַר און ווי בלינד. באַלד דערנאָך ווערט דער בליק ווידער לעבעדיק און ער רעדט ווייטער:

— איר זענט, הייסט עס, אינגאַנצן פרייוויליק אַרויף צו אונז יורדים און איר ווילט אונז אויף אַ שטיקל צייט מתגה זיין מיט

אייער געזעלשאַפט. נו, אַדרבא. און אויף וואָס פאַר אַ טערמין האָט איר אייך אָפּגעשטעלט? אמת, ס'איז נישט שיין צו פרעגן, אָבער ס'איז מיר משונהדיק אינטערעסאַנט צו וויסן, וויפיל מ'באַשטימט זיך דאָ צו זיין, ווען מ'האָט אַליין די דעה און מען פרעגט נישט ביי ראַדאַמאַנט.

— דריי וואָכן — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ, מיט אַ ביסל לייכטער גאַווה, ווייל ער זעט, אַז מ'איז אים מקנא.

— אָ, די-אָ, דריי וואָכן! איר האָט געהערט, לייטענאַנט? איז עס דען נישט כמעט אַ חוצפה צו זאָגן: איך קום אַהער אויף דריי וואָכן און פאָר מיר דערנאָך אַוועק. מיר דאָ רעכענען נישט אויף וואָכן, מיין הער, אויב איך מעג אייך דערציילן. אונזער קלענסטע צייט — דאָס איז אַ חודש. מיר רעכענען מיט אַ ברייטן פּאַרנעס, דאָס איז די פּריווילעגיע פון די שאָטנס. מיר האָבן נאָך אַנדערע פּריווילעגיעס, און זיי אַלע זיינען זיי פון דעם אייגענעם מין. מעג איך פרעגן, וואָס פאַר אַ פּראָפעסיע איר האָט אונטן אין לעבן, אָדער דיכטיקער: אויף וועלכער איר גרייט זיך צו? איר זעט, מיר גיבן איינגאַנצן נאָך אונזער נייגעריקייט. אויך די נייגעריקייט רעכענען מיר פאַר אונזערס אַ פּריווילעגיע.

— אַדרבא ואַדרבא — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ און ער ענטפערט, אויף וואָס מען פרעגט אים.

— אַ שיף-בוימייסטער? — דאָס איז גרויסאַרטיק! — רופט אויס סעטעמברעני. — זייט זיכער, אַז איך האַלט עס פאַר גרויסאַרטיק, כאָטש מיינע אייגענע פעיקייטן זיינען געווענדט אין אַ אַנדערער ריכטונג.

— דער הער סעטעמברעני איז אַ ליטעראַט — טייטשט אויס יאָאַכים אַ ביסל פאַרלעגן. — ער האָט פאַר די דייטשע בלעטער אָנגעשריבן וועגן קאַרדוטשין* נאָך זיין טויט, ווייסט דאָך, קאַרדוטשי — און ער ווערט נאָך מער פאַרלעגן, ווייל קאַסטאָרפּ קוקט אים אָן

* באַוואוסטער איטאַליענישער פּאָעט און ליטעראַטור-פּראָפעסאָר. געב. 1833, געשט. 1907.

פאַרוואונדערט, ווי ער זאָל וועלן זאָגן: וויפל ווייסטו דאָס וועגן קאַרדוטשי, מסתמא אַזויפיל, וויפיל איך.

— דאָס איז אמת — זאָגט דער איטאַליענער און שאָקלט צו מיטן קאָפּ. — איך האָב געהאַט דעם כבוד צו דערציילן פאַר אײַערע לאַנדסלייט וועגן דעם לעבן פון אונזער גרויסן פּאָעט און ברײַדענקער, נאָכדעם, ווי עס האָט זיך געענדיקט. איך האָב אים געקאָנט און דאַרף מיך אָנרופן זיין תלמיד. אין באָלאָניע בין איך געזעסן בײַ זיינע פיס. אים האָב איך צו פאַרדאַנקען די בילדונג און די פרייקייט, וואָס איך פאַרמאָג. אָבער לאָמיר ריידן וועגן אײַך, אַ שיף־בוימייסטער! איר ווייסט, איר האַלט אין איין וואַקסן אין מיינע אויגן. איר זיצט דאָ פאַר מיר, ווי אַ פלוצלונגער פאַרטרעטער פון אַ גאַנצער וועלט אַרבעט און פראַקטישן זשעני.

— אָבער הער סעטעמבריני, איך בין דאָך נאָך אייגנטלעך אַ סטודענט און הויב ערשט אָן.

— אַוודאי, און יעדער אָנהייב איז שווער. בכלל איז שווער יעדע אַרבעט, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען אַרבעט, נישט אמת?

— יאָ, דער רוח ווייסט עס — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ און ער זאָגט עס מיטן גאַנצן האַרץ.

סעטעמבריני פאַרציט אינדערגיך די ברעמען.

— איר זיינט מטריח אַפילו דעם רוח, כדי דאָס צו באַשטעטיקן? — זאָגט ער. —און דערצו נאָך דעם שטן ממש? ווייסט איר כאָטש, אַז מיין גרויסער לערער האָט אָנגעשריבן צו אים אַ הימן?

— זייט מוחל — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — צום רוח?

— צו אים אַליין. מ'זינגט עס בײַ אונז טיילמאָל בײַ פייער־לעכקייטן:

O salute, o Satana, o Ribellione o forza vindice„ della Ragione...“. אַ הערלעך ליד, אָבער ס'איז נישט דער טייוול, וועלכן איר האָט אין זינען, ווייל יענער פון ליד איז אין־גאַנצן שווה־בשווה מיט אַרבעט. דער, וועלכן איר מיינט און וועל־כער האָט פיינט אַרבעט, ווייל ער האָט פאַר איר מורא, איז, מסתמא, אַן אַנדערער. וועגן דעם זאָגט מען עס, אַז מ'טאָר אים נישט ווייזן דעם קלענסטן פינגער.

דאָס אַלץ ווירקט באמת משונהדיק אויף דעם וואוילן האַנס קאַסטאָרפּן. קיין איטאַליעניש פאַרשטייט ער נישט, און דאָס איבעריקע איז אים אויך נישט געווען צום האַרצן. ס'האָט געשמעקט מיט זונטאָג-דרשה, כאָטש ס'איז געזאָגט געוואָרן אין אַ טאָן פון לייכטער און שפּאַסיקער פּלוידעריי. ער קוקט אָן זיין קוזין, וואָס זיצט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, און זאָגט:

— אַך, הער סעטעמבריני, איר נעמט מיינע ווערטער צו פּינקטלעך. דעם רוח האָב איך דערמאָנט פּשוט, ווייל מ'רעדט אַזוי, כ'פאַרזיכער אייך.

— עמעץ אין דער וועלט מוז האָבן אינטעליגענץ — זאָגט סעטעמבריני און גיט אַ קוק מרה-שחורהדיק פאַר זיך. אָבער באַלד נעמט ער צוריק אָן אַ לעבעדיקן, לוסטיקן און פריילעכן טאָן און רעדט ווייטער:

— אַלנפאַלס דריננ איך אַרויס פון אייערע ווערטער, אַז איר האָט אויסגעקליבן אַ פּראָפעסיע, וואָס איז סיי אַ בכבודיקע, סיי אַ אָנשטרענגענדיקע. מיין גאָט, איך בין אַ הומאַניסט, אַ האָמאָ הומאַנוס, איך האָב קיין שום ידיעה נישט אין די ענינים פון אַן אינזשינער, כאָטש כ'האָב פאַר זיי אַזויפיל דרך-ארץ. אָבער איך קאָן מיר פאָרשטעלן, אַז די טעאָריע פון אייער פאַך פאָדערט אַ קלאָרן און שאַרפן מוח און די פּראַקטיק — דאָס גאַנצע נפש, נישט אמת?

— אַוודאי איז אַזוי, יאָ, דערמיט בין איך מיט אייך אינגאַנצן מסכים — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ און ער באַמיט זיך נישט ווילנדיק צו זיין אַ ביסל באַריידעוודיק. — די פאָדערונגען זיינען ביים היינטיקן טאָג קאָלאָסאַלע, ס'איז אַ מורא צו טראַכטן, ווי ריזיק זיי זיינען, ווען נישט, קאָן מען באמת פאַרלירן דעם מוט. ניין, קיין שפּאַס איז עס נישט. אויב מ'געהערט נאָך דערצו נישט צו די גיבורים... איך בין דאָ בלויז צו-גאַסט, אָבער צו די גיבורים געהער איך אויך נישט און כ'וואָלט געזאָגט אַ ליגן, ווען כ'וואָלט עמעצן געפרוווט איינריידן, אַז די אַרבעט ווירקט אויף מיר אַזוי גוט. ס'מאַטערט מיך גענוג אויס, דאָס מוז איך מודה זיין. אינגאַנצן געזונט פיל איך מיך נאָר דעמאָלט, ווען כ'טו גאָרנישט.

— למשל, איצט?

— איצט? אָ, איצט בין איך דאָ נאָך אַזוי פרעמד, אַ ביסל צע־טומלט, שטעלט אייך פאָר.

— אַ, צעטומלט.

— איך בין אויך נישט אינגאַנצן גוט געשלאָפן. דערצו איז דאָס ערשטע פרישטיק באמת געווען צו בשפעדיק... איך בין גע־ווינט צו אַ גאַנץ אָרנטלעך פרישטיק, אָבער דאָס היינטיקע איז פונדעסטוועגן געווען, אַפנים, צו שווער פאַר מיר, „טו ריטש", ווי די ענגלענדער זאָגן. קורץ, כ'פיל מיך אַ ביסל נישט מיט אַלע־מען, באַזונדערס האָב איך היינט אינדערפרי נישט געפילט קיין טעם אין מיין ציגאַר, שטעלט אייך פאָר! דאָס טרעפט זיך מיר כמעט קיינמאָל נישט, סיידן ווען איך בין ערנסט קראַנק. היינט האָט זי געהאַט אַ טעם, ווי לעדער. כ'האָב זי געמוזט אַוועקוואַרפן. ס'האָט נישט געהאַט קיין שום זין, כ'זאָל מיך אָנשטרענגען. איר ווי־בערט, אויב כ'קאָן פרעגן? ניין? — אויב אַזוי, קאָנט איר זיך נישט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן עגמת־נפש און אַ אַנטוישונג ס'איז פאַר עמעצן, וואָס רויכערט פון די יונגע יאָרן אָן און מיט אַזאַ באַזונ־דערן חשק, ווי איך.

— איך בין גאָרנישט באַהאַוונט אויף דעם דאָזיקן געביט — עַנטפערט סעטעמברִיני. — מיט דער דאָזיקער אומדערפאַרנקייט בין איך נישט קיין יחיד. אַ גאַנצע ריי אײדעלע און ניכטערע גייסטער האָבן נישט געקאָנט קוקן אויף קיין טאַבאַק. קאַרדוטשי האָט עס אויך נישט ליב געהאַט. אָבער ביי אונזער ראַדאַמאַנט וועט איר גע־פינען פאַרשטענדעניש. ער איז אַן אָנהענגער פון אייער שלעכטער געוווינהייט.

— אַ שלעכטע געוווינהייט אַזש, הער סעטעמברִיני.

— פאַרוואָס נישט? מ'דאַרף האָבן דעם כּוח אָנצורופן די זאַכן ביים אמתן נאָמען. דאָס פאַרשטאַרקט און דערהויבט דאָס לעבן. איך האָב אויך מיינע שלעכטע געוווינהייטן.

— און הויפראַט בערענס איז טאַקע אַ מבין אויף אַ ציגאַר? זייער אַ סימפּאַטישער מענטש.

— אַזוי האַלט איר? אַך, איר האָט זיך שוין באַקאַנט מיט אים?

—יאָ, פריער, ווען מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען. ס'איז געווען כמעט אַ מין קאָנסולטאַציע. אָבער „סינע פערקוניאַ“, הערט איר. ער האָט תיכּף דערקאָנט, אַז איך בין היפּש אַנעמיש. ער האָט מיך געעצהט, כ'זאָל דאָ לעבן אינגאַנצן אַזוי, ווי מיין קוזין, אַ סך ליגן אויבן באַלקאָן און אויך מעסטן די היץ — האָט ער געזאָגט.

— באמת? — רופט סעטעמבריני... זייער פיין — גיט ער אַ הויך אויבן אין דער לופט אַריין און בויגט זיך צוריק לאַכנ־דיק. — „ווי זאָגט מען עס דאָרטן אין דער אָפּערע פון אייער מייסטער? — איך בין דער פויגל־כאַפּער, נאַ, שטענדיק פריילעך, האָפּסאַסאַ“. בקיצור, זייער אַמיזאַנט. און איר וועט פאָלגן זיינע עצות? אָן שום ספק. וואָס דען נישט? אַ רוח אין דרייען, אָט דער ראַדאַמאַנט. און באמת, „שטענדיק לוסטיק“, כאָטש טיילמאָל אַ ביסל נישט נאַטירלעך. ער איז גענייגט צו מרה־שחורה. זיין שלעכטע געוויינהייט באַקומט אים נישט. ווען נישט, וואָלט עס דאָך נישט געווען קיין שלעכטע געוויינהייט. דאָס רויכערן מאַכט אים שווער, צוליב דעם האָט טאַקע אונזער חשובע פרוי אויבערין גענומען זיין טאַבאַק אונטער אַ שמירה און טיילט אים צו יעדן טאָג קליינע פּאָרציעס. ס'טרעפט, זאָגט מען, אַז ער קאָן נישט ביישטיין דעם נסיון און פרוווט אַרויסגנבענען טיטון, דעמאָלט פאַלט ער אַריין אין מרה־שחורה. מיט איין וואָרט, אַ צעדרייטע נשמה. איר קאָנט שוין אויך אונזער אויבערין? ניין? דאָס איז אַ פעלער, איר טוט אַן עוולה, הלמאַי איר באַקאָנט זיך נישט מיט איר. זי קומט אַרויס פון גרויסן יחוס. פון פאָן מילענדאָנקס, מיין הער. צווישן איר און דער מעדיצינישער ווענוס איז בלויז דער חילוק, וואָס דאָרט, וואו ביי דער געטין זיינען פאַראַן ברוסטן, טראָגט זי אַ צלם...

— האָ־האָ, אויסגעצייכנט! — לאַכט האַנס קאַסטאָרפּ.

— איר פאָרנאָמען איז אַדריאַטיקאַ.

— נאָך דאָס אויך? — רופט האַנס קאַסטאָרפּ... דאָס איז באמת מאָדנע! פאָן מילענדאָנק און דערצו נאָך — אַדריאַטיקאַ!

ס'קלינגט, ווי זי וואָלט שוין לאַנג געווען אויף יענער וועלט, ס'דערמאָנט עפּעס אין מיטלאַלטער.

— מיין געערטער הער — ענטפערט סעטעמבריני — דאָ זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס דערמאָנען אין מיטלאַלטער, ווי איר האָט באַוויליקט זיך אויסצודריקן. — איך אַליין בין איבערצייגט, אַז אונזער ראַדאַמאַנט האָט בלויז און נאָר צוליב זיין חוש פאַרן קינסטלערישן סטיל געמאַכט אָט־די מומיע פאַר דער איבער־אויפזעערין פון זיין שרעקן־פּאַלאַץ. ער איז גאָר אַ קינסטלער, איר ווייסט עס נישט? ער מאַכט אייל־בילדער. וואָס ווילט איר האָבן — דאָס איז נישט פאַרווערט, יעדער האָט רעכט... די פּרי אַדריאַטיקאַ זאָגט עס יעדן, וואָס וויל עס וויסן, און אַנדערע אויך, אַז: אינמיטן 13טן יאָרהונדערט איז איינע אַ מילענדראָנק געשטאַנען בראש פון אַ קלויסטער אין באָן ביים ריין. זי אַליין איז אויך מסתמא געבוירן נישט לאַנג נאָכדעם...

— האָ־האָ־האָ, איר זייט אַ ליץ, הער סעטעמבריני.

— אַ ליץ? איר מיינט אַ צולהכעיסניק, יאָ אַ שטיקל רשע — זאָגט סעטעמבריני. — מיין צרה איז, וואָס איך בין פאַרמשפּט צו פאַרשווענדן מיין צולהכעיסקייט אויף אַזעלכע גאָרנישטיקע זאַכן. איך האָף, אַז איר האָט גאָרנישט קעגן צולהכעיסדיקייט, הער אינזשיניער? אין מיינע אויגן איז זי דאָס גלענצנדיקסטע כלי־זיין פון שכל קעגן די כוחות פון פינסטערניש און מיאוסקייט. צולהכעיסדיקייט, דאָס איז, מיין הער, דער גייסט פון דער קריטיק און קריטיק איז דער שורש פון פּראָגרעס און אויפקלערונג. און ער הייבט תיכף־ומיד אָן צו ריידן וועגן פּעטראַרקאַ, וועלכן ער רופט אָן „דער פאָטער פון דער נייער צייט“.

מיר מוזן גיין אויף דער ליג־וועראַנדע — זאָגט יאָאַכים אַ פאַרטראַכטער. דער ליטעראַט האָט פאַרבונדן די ווערטער זיינע מיט שיינע זשעסטן. איצט פאַרענדיקט ער זיין זשעסטן־שפּיל מיט אַ באַוועגונג אין יאָאַכימס זייט און ער זאָגט:

— אונזער לייטענאַנט יאָגט צו דינסט. לאָמיר־זשע גיין, מיר האָבן דעם אייגענעם וועג. „רעכטס, פאַר דעם, וואָס גייט אין מלכות פון פינסטערע שאָטנס“, אָ, ווירגיל! מיינע הערן, קיינער איז נישט

גלייך צו אים. כ'גלויב אין פּראָגרעס, אַוודאי, אָבער ווירגיל האָט באַצייכענונגען, וועלכע ס'האָט נישט קיין שום מאָדערנער... און בעת זיי לאָזן זיך אַהיים, נעמט ער רעציטירן לאַטייַנישע פערזן מיט אַן איטאַליענישן אַקצענט. אויפן וועג קומט זיי אָבער אַקעגן אַ יונג מיידל און ער האַקט אָפּ. עס איז, זעט אויס, אַ מיידל פון שטעטל און לחלוטין נישט קיין באַזונדערס שיינע. סעטעמבריני הייבט אָן צו איר צו שמייכלען, מעשה ווייבערניק און אונטערצוזינגען. „ט-ט-ט“, מאַכט ער, אײַ-אײַ-אײַ, לאַ-לאַ-לאַ! דו זיס ווערימל, ווילסט זיין מיינע? זעט, „עס פינקלט איר אויג אין גליטשיקער שיין“ — ציטירט ער, איין גאָט ווייסט וואָס, און שיקט איבער דער פאַרשעמטער פּלייצע פון מיידל מיט דער האַנט אַ קוש.

דער אמתער פלוט — טראַכט האַנס קאַסטאָרפּ און בלייבט ביי דער זעלבער מיינונג אויך דעמאָלט, ווען סעטעמבריני הייבט נאָך זיין גאַלאַנטער פּאָזע ווידער אָן צו באַריידן. דער עיקר האָט ער זיך פאַרלייגט אויף דעם הויפראַט בערענס, זאָגט שטיכווערטלעך איבער חשבון פון זיינע ריזיקע פיס און שטעלט זיך אָפּ אויף זיין טיטל, וועגן וועלכן ער זאָגט, אַז בערענס האָט אים געקריגן פון אַ פּרינץ, וואָס האָט געליטן אויף מוח-טובערקולאָז. וועגן דער סקאַנדאַליעזער פירונג פון דעם דאָזיקן קראַנקן פּרינץ רעדט נאָך היינט די גאַנצע געגנט, אָבער ראַדאַמאַנט האָט פאַרמאַכט אַן אויג, ביידע אויגן, אַ הויפראַט מיט די ביינער. — צי ווייסט איר, א״ב, אַז ער איז דער ערפינדער פון היגן זומער-סעזאָן? יאָ, ער און נישט קיין אַנדערער, מוז מען אים זאָגן לשבח. אַמאָל האָבן זומער דאָ אויסגעהאַלטן בלויז די אויסגעהאַלטנסטע צווישן די אויסגעהאַלטענע. אָבער אַ נוער „הומאָריסט“ איז מיט זיין חריפישן קוק געקומען צו דער הכרה, אַז דאָס איז מער נישט, ווי דער רעזולטאַט פון אַן איינרעדעניש. ער האָט דאָס געשאַפן די טעאָריע, אַז די זומערדיקע קוראַציע איז — לכל-הפחות אויף וויפל ס'גייט וועגן זיין אינסטיטוט — נישט בלויז פונקט אַזוי גוט, ווי די ווינטערדיקע, נאָר אַפילו באַזונדערס שטאַרק און מען קאָן זיך אָן איר ממש נישט באַגיין. ער האָט געוואוסט, ווי אַזוי די דאָזיקע טעאָריע צו פאַרשפּרייטן צווישן עולם, האָט וועגן דעם געשריבן פּאָפּולערע אַרטיקלען און געזען, אַז זיי זאָלן ווערן

געדרוקט אין די צייטונגען. זינט דעמאָלט גייט דאָס געשעפֿט זומער אַזוי גוט ווי ווינטער. — אַ זשעני — זאָגט סעטעמבריני — אינ—טו—יִצ—יע! — זאָגט ער. דערנאָך נעמט ער זיך צו די איבעריקע הייל־אַנשטאַלטן פֿון דער געגנט און „לויבט" מיט אַ בייסיקער צונג דעם געשעפֿטלעכן חוש פֿון זייערע אייגנטימער. פֿאַראַן דאָ אַ פּראָפֿעסאָר קאַפֿקאַ... יעדעס יאָר, אין דער קריטישער צייט, ווען דער שניי נעמט שמעלצן און אַ סך פּאַציענטן ווילן אַהיימפֿאָרן, — גראָד דעמאָלסט איז פּראָפֿעסאָר קאַפֿקאַ נעבעך געצוואונגען אינדערהייך אַוועקצופֿאָרן אויף אַכט טאָג, דערביי זאָגט ער צו, אַז תּיכּף, ווי ער קומט צוריק, לאָזט ער אַהיים זיינע פּאַציענטן. אָבער בלייבן בלייבט ער זעקס וואָכן און די אומגליקלעכע וואַרטן, דערביי, אַגבֿ, ווערן זייערע חשבונות אַלץ גרעסער. ביז קיין פֿיומע רופֿט מען אַרויס פּראָפֿעסאָר קאַפֿקאַ, אָבער ער וועט נישט פֿאָרן, ביז וואַנען ער וועט נישט אויסדינגען פֿינף טויזנט שווייצאַרישע פֿראַנקן, דערביי גייען אַוועק צוויי וואָכן. אַ טאָג נאָכדעם, ווי דער באַרימטער פּראָפֿעסאָר קומט־אָן, שטאַרבט דער קראַנקער. וואָס ס'איז ווידער נוגע דעם דאָקטאָר זאַלצמאַן, זאָגט ער וועגן פּראָפֿעסאָר קאַפֿקאַ, אַז יענער האַלט נישט גענוג ריין זיינע שפּריצקעס און שטעקט אָן אַזוי אַרום די קראַנקע. זאַלצמאַן זאָגט אויף אים, אַז יענער פֿאָרט דערפֿאַר אויף גומענע רעדער, כּדי די טויטע זאָלן אים נישט דערהערן. קאַפֿקאַ ווייטער זאָגט וועגן זאַלצמאַנען, אַז מ'גיט ביי אים די קראַנקע די „דערפֿרייענדיקע פּרוכט פֿון וויינשטאָק" אין אַזעלכע פּאָרציעס — פֿאַרשטייט זיך אויך צוליב דעם, כּדי צו פֿאַרקיילעכן די חשבונות — אַז דער עולם שטאַרבט, ווי די פֿליגן, דווקא נישט פֿון שווינדזוכט, נאָר פֿון שיכּרות...

סעטעמבריני רעדט אַזוי כּסדר און האַנס קאַסטאָרפּ לאַכט האַרציק און גוטמוטיק פֿון די דאָזיקע שטראָמענדיקע פֿלינקע לעסטערונגען. די באַרעדעוודיקייט פֿון איטאַליענער קלינגט מאָדנע אָנגענעם דורך איר אומבאַדינגטער ריינקייט און ריכטיקייט — פֿריי פֿון יעדן אַקצענט. די ווערטער קומען אַרויס פֿון זיינע לויפֿנדיקע ליפּן עלאַסטיש, איידל און ניי. פֿון די געבילדעטע, בייסיק־וואוילערישע ווענדונגען און פֿאָרמען, מיט וועלכע ער באַנוצט זיך, אַפֿילו פֿון די גראַמאַטישע

דעקלינאַציעס און קאָניוגאַציעס, האָט ער אַן אָפּענע הנאה, וואָס שטעקט־אָן און מאַכט לוסטיק. זיין גייסט איז, זעט זיך, צו־קלאָר און וואַך, ער זאָל זיך אַפילו איינמאָל טועה זיין.

— איר רעדט אַזוי קאָמיש — האָט סעטעמבריני — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — אַזוי לעבעדיק. כ'ווייס אַליין נישט, ווי דאָס אָנצורופן.

— פּלאַסטיש, וואָס? — ענטפערט דער איטאַליענער און פּאָכעט זיך מיט זיין טאַשנטיכל, כאָטש ס'איז גאַנץ קיל. — איך מיין, אַז דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס איר זוכט. איך רייד אויף אַ פּלאַסטישן אופן, ווילט איר זאָגן. שטייט נאָר! — גיט ער פּלוצלונג אַ רוף. — וואָס איך זע! אונזערע מלאַכי־חבלה גייען דאָרטן אַרום! וואָס פאַר אַן אָנבליק!

די שפּאַצירנדיקע זיינען דערווייל צוגעקומען צום ראָג. צי זיי האָבן נישט באַמערקט דעם מהלך צוליב סעטעמברינים דרשות, אָדער דערפאַר, ווייל דער וועג איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, אָדער אפשר האָבן זיי זיך גאָרנישט געהאַט אַזוי שטאַרק דערווייטערט פון דער סאַנאַטאָריע, ווי ס'האָט זיך געדאַכט האַנס קאַסטאָרפן (ווייל צום ערשטן מאָל זעט יעדער וועג בכלל אויס לענגער, ווי שפּעטער), — אַ פאַקט איז, אַז דער צוריקוועג איז געווען איבעראַשנדיק גיך. סעטעמבריני איז גערעכט. אונטן אויף דעם פרייען פּלאַץ אין דער צווייטער זייט סאַנאַטאָריע זיינען טאַקע אַרויסגעגאַנגען ביידע דאָקטוירים. דער ערשטער איז געווען דער הויפראַט, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, דער קאַרק איז געווען ביי אים אַרויסגעזעצט און ער האָט געפּאָכעט מיט די הענט, ווי מיט אַ פּאָר רודערס. נאָך אים האָט געשפּרייזט ד"ר קראָקאָווסקי אין שוואַרצן איבערהעמד. ווי אַן אַסיסטענט, האָט ער לויט דעם קלינישן מנהג געמוזט גיין הינטער דעם שעף און דערפאַר טאַקע האָט ער געקוקט גאַוהדיקער ווי געווײנטלעך.

— אַ, קראָקאָווסקי! — רופט סעטעמבריני. — ער גייט זיך אַזוי און ווייסט אַלע סודות פון אונזערע דאַמען. זעט נאָר די פיינע סימבאָליק פון זיין הלבשה, ער גייט ספּעציעל אין שוואַרצן, כדי צו געבן אָנצוגעהערן, אַז זיין פאַקטיש סטודיען־געביט איז די נאַכט. דער מענטש האָט אין מוח בלויז איין געדאַנק, אָבער דער איינער איז

שמוציק. אינזשענער, פונוואַנען נעמט זיך עס, וואָס מיר האָבן נאָך פון אים גאָרנישט געשמועסט? איר האָט זיך שוין באַקאַנט מיט אים?

האַנס קאַסטאָרפּ זאָגט, אַז יאָ.

— נו, און וואָס? כ'הייב אָן צו קלערן, אַז ער איז אײַך אויך געפעלן?

— כ'ווייס באמת נישט, הער סעטעמברייני. כ'האָב זיך באַקאַנט מיט אים אין איילעניש. איך האָב אויך נישט קיין טבע גיך צו משפּטן. איך קוק אָן אַ מענטש און טראַכט: הייסט עס, אַזעלכער ביסטו? — נו, גוט.

— דאָס האָט נישט קיין זין - ענטפערט דער איטאַליענער. משפּטן דאַרף מען, דערויף האָט אײַך די נאַטור געגעבן אויגן און פאַרשטאַנד. איר זאָגט, אַז איך רייד מיט בייזקייט. אָבער כ'טו עס אפשר נישט אָן פּעדאַגאָגישע כוונות. מיר הומאַניסטן האָבן אַלע אין זיך אַ פּעדאַגאָגישן אָדער... מיינע הערן, דער היסטאָרישער צוזאַמענהאַנג פון הומאַניזם און פּעדאַגאָגיק באַווייזט, אַז ס'איז אויך פאַראַן אַ פּסיכאָלאָגישע שייכות צווישן זיי. מ'דאַרף בײַ די הומאַניסטן נישט צונעמען דעם אַמט פון ערציען. מ'קאָן עס בײַ זיי נישט צונעמען דערפאַר, ווייל נאָר בײַ זיי איז פאַראַן די טראַדיציע פון דער מענטשלעכער שיינקייט און ווערדע. אַמאָל האָט דער הומאַניסט פאַרביטן דעם גלח, וואָס האָט אין די פינסטערע און מענטשנפיינדלעכע צייטן געהאַט די העזה צו ווען זיין דער פירער פון דער יוגנט. זינט דעמאָלט, מיינע הערן, איז פּשוט נישט אויפגעשטאַנען קיין נייער טיפּ פון דערציער. דער טיפּ פון דער הומאַניסטישער גימנאַזיע — איר קאָנט זאָגן, אינזשעניער, אַז כ'בין אַ רעאַקציאָנער, אָבער אין פּרינציפּ, אַבסטראַקט גענומען, איך בעט מיך גוט צו פאַרשטיין, בלייב איך איר אָנהענגער — —

ער האָט אַפילו נישט אויפגעהערט צו ריידן אין דער ווינדע און איז שטיל-געבליבן ערשט דעמאָלט, ווען ביידע קוזינען זיינען אַרויס אויפן צווייטן שטאָק. ער אַליין איז געפאָרן אויפן דריטן, וואו ער האָט פאַרנומען — ווי יאָאַכים האָט דערציילט — אַ קליין צימערל מיטן פענסטער אין הויף-אַרויס.

— ער האָט מסתמא נישט קיין געלט? פרעגט האַנס קאַס־טאָרפּ, וואָס גייט מיט יאָאַכימען. די שטוב זעט־אויס, פּונקט ווי זיינע.

— ניין — זאָגט יאָאַכים — דאָס האָט ער טאַקע נישט. אָדער אפשר בלויז אַזויפיל, כדי דאָ זיך אויסצוהאַלטן. זיין פאָטער איז, ווייסטו, אויך שוין געווען אַ ליטעראַט און, דאַכט זיך מיר, אַז דער זיידע אויך.

— יאָ, אויב אַזוי — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — ר'איז טאַקע ערנסט קראַנק?

— נישט אַזוי געפערלעך, אויף וויפל איך ווייס, אָבער ס'וויל נישט אַוועק פון אים און קומט אַלעמאָל צוריק. ער האָט עס שוין יאָרן און ס'איז שוין אין דער צייט געהאַט אַוועק. ס'האָט אָבער געמוזט צוריקקומען.

— אַן אומגליקלעכער חברה־מאַן! ווי ער איז באַגייסטערט פאַר אַרבעט! דערביי איז ער געוואַלדיק באַריידעוודיק, ביי אים גייט עס לייכט פון איינס אויפן אַנדערן. מיט דעם מיידל האָט ער זיך געהאַלטן אַ ביסל חוצפהדיק, אַ ווײַלע בין איך געווען זשענירט. אָבער דאָס, וואָס ר'האָט דערנאָך געזאָגט וועגן דער מענטשלעכער ווערדע, איז געווען פיין, ממש ווי ביי אַ פייערלעכקייט. דו ביסט אָפט מיט אים צוזאַמען?

גערדאַנקען־שאַרפקייט.

יאָאַכים האָט בלויז געענטפערט שווערלעך און נישט דייט־לעך. פון אַ רויט־לעדערן, מיט סאַמעט־אויסגעבעט שייטל, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, האָט ער אַרויסגענומען אַ קליינעם טערמאָמעטער און האָט דעם שפיץ אַריינגעשטעקט אין מויל אַריין. ער האָט אים געהאַלטן לינקס אונטער דער צונג אַזוי, אַז דער גלעזערנער אינ־סטרומענט האָט קרום און פאַררייסן אַרויסגעשטאַרט פון מויל. דער־נאָך האָט ער זיך איבערגעטאָן אין שטוב־מלבושים, האָט אָנגע־טאָן שיך און אַ קורטקע, ווי פון אַן אוניפאָרם, גענומען פון טיש אַראָפּ אַ געדרוקטע טאַבעלע מיט אַ בלייפעדער, דערנאָך אַ רוסישע גראַמאַטיק. ער האָט זיך אַ ביסל אונטערגעלערנט רוסיש, ווייל ער

קאַן, ווי ר'האָט געזאָגט, דערפון האָבן אַ טובה אין מיליטער. אָנגע־לאָדן מיט דעם אַלעמען — איז ער אַרויס אויפן באַלקאָן, זיך אַוועק־געלייגט אויף אַ ליג־שטול און האָט אַרויסגעוואָרפן אויף די פיס אַ דעקע פון קעמל־האָר.

זי איז כמעט נישט נייטיק געווען. אין משך פון די לעצטע פופצן מינוט זיינען די וואָלקנס געוואָרן אַלץ שיטערער און שי־טערער, צום סוף האָט די זון זיך דורכגעריסן אַזוי זומערדיק און וואַרעם־בלענדנדיק, אַז יאָאַכים האָט געמוזט פאַרשטעלן דעם קאָפ מיט אַ ווייסן לייווענטענעם שירעם. אין דעם אָנלען פון דער שטול איז קונציק געווען געמאַכט אַן אָרט פאַר אַ שירעם, וועלכן מ'האָט געקאָנט רוקן לויטן מצב פון דער זון. האַנס קאַסטאָרפּ איז אָט־די ערפינדונג שטאַרק געפעלן. ער האָט געוואַרט אויפן רעזולטאַט פון דער מעסטונג און בינו־לבינו זיך צוגעקוקט, ווי אַלץ ווערט דאָ געטאָן. ער האָט אויך באַטראַכט דעם פעלצענעם זאַק, וואָס איז געלעגן אין ווינקל פון דער וועראַנדע (יאָאַכים האָט זיך דער־מיט באַנוצט אין קאַלטע טעג). שטייענדיק מיט די עלנבויגנס אָנ־געשפאַרט אויף דער באַריערע, האָט ער אַראָפּגעקוקט אין גאָרטן, וואו דער אַלגעמיינער ליג־זאַל איז פול געווען מיט לייענענדיקע, שרייבנדיקע, פלוידערנדיקע אויסגעלייגטע פאַציענטן. מ'האָט, אַגב, גע־זען בלויז אַ טייל פון דעם זאַל, בלויז אַ פינף ליג־שטולן.

— אָבער ווי לאַנג געדויערט דאָס? — האָט האַנס קאַסטאָרפּ געפרעגט און זיך אויסגעדרייט.

יאָאַכים האָט אַרויסגעשטעלט זיבן פינגער.

— עס זיינען דאָך שוין אַריבער זיבן מינוט!

יאָאַכים האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. אין עט־לעכע ווײַלעס אַרום האָט ער אַרויסגענומען דעם טערמאָמעטער פון מ'יל, האָט זיך אײַנגעקוקט אין אים און דערביי געזאָגט:

— יאָ, אַז מ'קוקט נאָך דער צייט, גייט זי זייער פאַמעלעך. איך האָב גאַנץ ליב דאָס מעסטן די פיר מער אין טאָג. מ'זעט ערשט דעמאָלט, וואָס ס'איז אייגנטלעך אַ מינוט אָדער גאַנצע זיבן, דאָ, וואו די זיבן טעג פון דער וואָך עסן זיך גוט אײַן אין די ביינער.

— דו זאָגסט „אייגנטלעך“, דאָ האָט אָבער דאָס וואָרט „אייגנט־לעך“ נישט קיין זין — ענטפּערט האַנס קאַסטאָרפּ. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט איין פוס אויף דער באַריערע און די ווייסלעכ־צער פון זיינע אויגן זיינען מיט איינמאָל פול געוואָרן מיט רויטע אָדערלעך. — די צייט איז בכלל נישט „אייגנטלעך“. אויב זי ווייזט עמעצן אויס לאַנג, איז זי לאַנג, ווייזט זי עמעצן אויס קורץ, איז זי קורץ. ווי לאַנג אָדער ווי קורץ זי איז פּאַקטיש, דאָס ווייסט קיינער נישט. — ער איז לחלוטין נישט געווען געוויינט צו פילאָ־סאָפירן, פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט אַ דראַנג דערצו.

יאָאַכים האָט איבערגעשפּאַרט.

— וואָס הייסט? ניין. מיר קאָנען זי דאָך מעסטן. מיר האָבן דאָך זייגערס און קאַלענדאַרן. ווען ס'איז אַוועק אַ חודש, איז ער אַוועק סיי פאַר מיר, סיי פאַר דיר, סיי פאַר אַלע.

— אָבער הער דיך צו — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ און לייגט צו זיין ווייזפינגער צו זיינע מוטנע אויגן. — אַ מינוט איז, הייסט עס, אַזוי לאַנג, ווי ס'זעט דיר אויס, בשעת דו מעסט די היין?

— אַ מינוט איז אַזוי לאַנג... זי געדויערט אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דער סעקונדע־ווייזער דאַרף האָבן, כדי דורכצוגיין אַרום־און־אַרום.

— אָבער די דאָזיקע לענג איז פאַרשיידן — פאַר אונזער געפיל! און באמת... כ'מיין: פאַקטיש גענומען — חזרט־איבער האַנסט קאַס־טאָרפּ און קוועטשט אַזוי פעסט צו דעם ווייזפינגער צו דער נאָז, אַז זי בויגט זיך אויס אינגאַנצן אין דער זייט — איז דאָס אַ באַ־וועגונג, אַ באַוועגונג אין שטח, נישט אמת? שטיי, וואַרט! מיר מעסטן, הייסט עס, די צייט דורכן שטח. אָבער דאָס איז אַזוי, גלייך ווי מיר וואָלטן געמאָסטן דעם שטח דורך דער צייט, — אַ זאַך, וואָס ס'טוען בלויז נישט־וויסנשאַפטלעכע מענטשן. פון האַמבורג ביז דאַוואָס זיינען צוואַנציק שעה — יאָ, אָבער נאָר מיט דער באַן. אָבער צופוס ווי לאַנג דאַרף דאָס דויערן? און געדאַנק, ווידער? — אַפילו קיין איין סעקונדע נישט!

— הער נאָר — זאָגט יאָאַכים. — וואָס איז מיט דיר? דאַכט זיך, אַז ס'כאַפּט דיך שוין אָן דאָ ביי אונז.

— זיי שטיל! דער געדאַנק אַרבעט היינט ביי מיר זייער שאַרף. — וואָס איז דען די צייט? — גיט האַנס קאַסטאָרפּ אַ פרעג און בייגט אויס אַזוי שטאַרק זיין שפּיץ נאָז אין אַ זייט, אַז זי ווערט ווייס און אָן אַ טראָפּן בלוט. — דו קאָנסט עס מיר געבן צו פאַרשטיין? דעם שטח שפּירן מיר מיט אונזערע חושים, מיט דעם חוש־הראיה און מיטן חוש־המישוש. גוט. אָבער וואו איז דער חוש פאַר דער צייט? דו קאָנסט עס דערקלערן? זעסטו, דאָ האָב איך דיך געפּאַקט. ווי אַזוי קאָנען מיר אָבער מעסטן עפּעס אַזוינס, וועגן וואָס מיר האָבן, גענוי גענומען, קיין שום ידיעה נישט, אַפילו וועגן קיין איין איינציקער אייגנשאַפט אידער! מיר זאָגן: די צייט גייט אַוועק. גוט, זאָל זי אַוועקגיין. אָבער כדי זי צו קאָנען מעסטן ... וואַרט! כדי מ'זאָל זי קאָנען מעסטן, דאַרף זי פליסן גלייכמעסיק. און וואו שטייט עס געשריבן, אַז ס'איז טאַקע אַזוי. מיר פילן עס נישט אין אונזער באַוואוסטזיין, מיר נעמען אָן אַזוי בלויז צוליב אָרדענונג און אונזערע מאָסן זיינען מער נישט קאָנווענציאָנעלע, לאָז נאָר...

— גוט — זאָגט יאָאַכים. — אויב אַזוי, איז אויך אַ קאָנווענציע דאָס, אַז איך האָב אויף מיין טערמאָמעטער מיט פיר שטרייכעלעך מער! אָבער צוליב די דאָזיקע פינף שטרייכעלעך מוז איך דאָך מיך דאָ אַרומוואַלגערן און קאָן נישט צוריק אין מיליטער, דאָס איז אַן עקלהאַפטע געשיכטע.

— האָסט 37,5?

— ס'וועט שוין ווידער אַראָפּפאַלן — זאָגט יאָאַכים און ער פאַרצייכנט אין זיין טאַבעלע. — נעכטן אינאָוונט האָב איך געהאַט קנאַפּע 38, דאָס האָט גורם געווען דיין אָנקומען. אַלע, וואָס האָבן געסט, קריגן גרעסערע היץ. פונדעסטוועגן איז עס אַ טובה.

— כ'גיי שוין אַוועק — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — איך האָב נאָך אַ מאַסע געדאַנקען אין קאָפּ וועגן צייט, ס'איז אַ גאַנצער קאָמפּלעקס — קאָן איך דיר זאָגן, אָבער איך וויל דיך איצט נישט אויפרעגן דערמיט. האָסט סיי־ווי־סיי צופיל שטרייכעלעך. כ'וועל מיר שוין אַלץ נעמען אין זכרון און מיר וועלן נאָך שפּעטער קאָנען צוריקקומען דערצו, אפשר נאָכן פרישטיק. ווען ס'וועט זיין די צייט אויף פרישטיק, וועסטו מיך צורופן. איך גיי איצט אויך אויפן שטול,

ס׳קאָן גאָרנישט שאַטן, דאַנקען גאָט. באַלד דערנאָך איז ער דורכגעגאַנגען צווישן דער באַריערע און דער גלעזערנער וואַנט צו זיין אייגענער לאָזשע. דאָרטן איז אויך געווען אויפגעשטעלט אַ ליג־שטול לעבן אַ טישל. ער האָט פון זיין ריינלעך־אויפגערוימטן צימער אַרויסגעטראָגן זיין „Ocean steamships", מיט דעם שיינעם, ווייכן, טונקל־רויט־און־גרין אַדורכגעוואָרפענעם פלעד און האָט זיך אַוועקגעלייגט.

אויך ער האָט באַלד געמוזט צעעפענען דעם שירעם. תּיכּף ווי ער לייגט זיך אַוועק, ווערט די זון אומדערטרעגלעך. אָבער ס׳ליגט זיך אויסערגעווינלעך באַקוועם. האַנס קאַסטאָרפּ זעט דאָס תּיכּף איין מיט הנאה. ער געדענקט נישט, ער זאָל האָבן אַמאָל געלעגן אויף אַזאַ אָנגענעמער ליג־שטול. דאָס געשטעל איז געווען אַ ביסל אַלטמאָדיש אין דער פאָרם, אָבער דאָס איז געווען געטאָן מיט אַ כּיוון צוליב עסטעטישע טעמים, ווייל די שטול גופא איז, זעט־אויס, געווען אַ נייע. זי איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון רויט־ברוין פּאָלירטן האָלץ און פון אַ מאַטראַץ מיט אַ ווייכער קרעטאָניקער איבערצי. אייגנטלעך איז דער מאַטראַץ באַשטאַנען פון דריי הויכע קישנס און געגרייכט פון די פיס ביז איבערן רוקן־אָנלען. אַחוץ דעם איז געווען צוגעטשעפּעט דורך אַ שנור אַ נאַקן־אָנלען מיט אַ לייוונטענעם געהאַפּטענעם איבערציער, וואָס האָט זיך געהאַלטן נישט צו־פעסט, נישט צו־לויז און האָט געווירקט באַזונדערס אָנגענעם. האַנס קאַסטאָרפּ האָט אָנגעשפּאַרט זיין אָרעם אויף די ברייטע גלאַטע זייטיקע אָנלענס, האָט צוגעמרוזשעט די אויגן און גערוט און זיך לגמרי נישט באַנוצט מיט זיין „Ocean steamships" דורך די געוועלבונגען פון דער לאָזשע האָט די האַרטע, קאַרגע העל־באַזונטע לאַנדשאַפט געווירקט ווי אַ געמעל אין אַ רעם. קאַסטאָרפּ האָט זי באַטראַכט פול מיט מחשבות. פּלוצלונג איז אים עפּעס איינגעפאַלן און ער האָט הויך אַ זאָג געטאָן אין דער שטילקייט:

— אַ קאַרליקיכע האָט אונז דאָס באַדינט ביים טיש.

— פּסט — האָט יאָאַכים אָפּגעענטפערט פון זיין לאָזשע. — שטילער. אַ קאַרליקיכע, איז וואָס־זשע?

— גאָרנישט. מיר האָבן נאָך ווען דעם גאָרנישט געשמועסט.

דערנאָך נעמט ער ווידער פאַנטאַזירן. ווען ר׳האָט זיך אַוועקגעלייגט, איז שוין געווען צען אַ זייגער. ס׳איז אַוועק אַ שעה. די שעה איז געווען אַ געוויינלעכע, נישט לאַנג, נישט קורץ. נאָכדעם ווי זי איז אַוועק, דערהערט זיך אַ גלאָק איבערן הויז און גאָרטן, צום ערשט פונדערווייטנס, דערנאָך נעענטער, דערנאָך ווידער ווייט.

— פרישטיק — זאָגט יאָאַכים און מ׳הערט, ווי ער שטייט אויף.

אויך האַנס קאַסטאָרפ פאַרענדיקט פאַר איצט זיין ליג-קוראַציע און גייט אַריין אין צימער, כדי זיך אַ ביסל צו ברענגען אין אָרדענונג. די קוזינען טרעפן זיך אין קאָרידאָר און זיי גייען צוזאַמען. האַנס קאַסטאָרפ זאָגט:

— נו, ס׳ליגט זיך אויסגעצייכנט. וואָס זיינען דאָס פאַר אַ שטולן? ווען מ׳קריגט דאָ צו קויפן, וואָלט איך מיר איינע מיטגענומען קיין האַמבורג. מ׳ליגט דערויף, ווי אין גן-עדן. איז מעגלעך, אַז בערענס זאָל זיי האָבן געלאָזט מאַכן ספּעציעל לויט זיין מוסטער?

יאָאַכים ווייסט עס נישט. זיי טוען זיך אויס און גייען נאָכאַמאָל אַריין אין עס-זאַל, וואו די מאָלצייט איז שוין ווידער אין פולן גאַנג.

אין זאַל האָט אַזש געגלאַנצט ווייס אין די אויגן — אַזויפיל מילך איז אָנגעשטעלט געווען. פאַר יעדן איז געשטאַנען אַ גרויס גלאָז, מסתמא אַ האַלבע קוואָרט.

האַנס קאַסטאָרפ האָט זיך ווידער געזעצט ביים עק טיש צווישן דער נייטאָרין און דער ענגלענדערין און האָט בלית-ברירה גענומען פונאַנדערוויקלען זיין סערוועט, כאָטש ער איז געווען שטאַרק אָנגעגעסן נאָך פון ערשטן פרישטיק. — ניין, — האָט ער אַ זאָג געטאָן — זאָל מיך גאָט אויסהיטן, מילך קאָן איך בכלל נישט טרינקען און צום ווייניקסטן איצט. אפשר איז דאָ פּאָרטער? — האָט ער זיך העפלעך און צאַרט געווענדט בײ דער קאַרליקכע. לײדער איז נישטאָ. אָבער זי האָט צוגעזאָגט צו ברענגען קולמבאַכער ביר און האָט טאַקע געבראַכט. ס׳איז געווען געדיכט, שוואַרץ, מיט אַ ברוינער שוים און האָט אויפן בעסטן אופן פאַרביטן פּאָרטער. האַנס קאַסטאָרפ האָט אַ דאָרשטיקער געטרונקען פון אַ הויכן האַלבליטערדיקן קופל. דערצו האָט ער צוגעגעסן קאַלטן אויפשניט אויף

געפּרעגלט ברויט. מ'האָט איצט ווידער דערלאַנגט האָבער־גריץ און אַ סך פּוטער מיט אויבס. ער האָט דאָס אַלץ בלויז אָנגעקוקט, עסן דאָס האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט אויך באַטראַכט די געסט. פונם עולם האָבן אָנגעהויבן זיך אַרויסשיילן איינצלנע פּנימער.

זיין אייגענער טיש איז געווען אינגאַנצן באַזעצט, חוץ דעם אויבנאָן וואָס אַקעגן אים און וואו ס'זיצט, ווי מ'האָט אים דערציילט, דער דאָקטאָר. אויב זיי האָבן צייט, די דאָקטוירים, עסן זיי צוזאַמען מיטן עולם און אַלעמאָל ביי אַן אַנדער טיש. ביי יעדן טיש איז פאַראַן אויבנאָן אַזאַ דאָקטאָר־פּלאַץ. איצט איז קיינער פון זיי ביידן נישט געווען. מ'האָט געשמועסט, אַז זיי זיינען ביי אַן אָפּעראַציע. ווידער איז אַריינגעקומען דער יונגערמאַן מיט די וואָנצעלעך, האָט איינמאָל אַראָפּגעלאָזט די גאָמבע אויף דער ברוסט און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ פאַרזאָרגטער און אין־זיך־פאַרשלאָסענער מינע. ווידער האָט זיך די העל־בלאָנדע דאַרע פריילין אַוועקגעזעצט ביים טיש און געזופּט יאָגהורט, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען איר איינציק עסן. לעבן איר איז דאָסמאָל געזעסן אַ קליינע לעבעדיקע, אַלטע דאַמע, וואָס האָט עפּעס אַריינגערעדט אויף רוסיש אין דעם שטילן יונגנמאַן. יענער האָט זי אָנגעקוקט אַ פאַרדאַגהטער און האָט בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, דערביי האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין מויל אַ נישט־געשמאַקן ביסן. קעגנאיבער אים, אין דער זייט פון דער אַלטער דאַמע איז געזעסן אַ יונג מיידל — אַ שיינע, מיט אַ בליענדיקן פּנים־קאָליר און מיט אַ הויכער ברוסט. האָר האָט זי געהאַט קאַשטאַן־ברוינע, פאַרקעמט כוואַליענדיק און שיין, אירע אויגן זיינען געווען קיילעכיקע, ברוינע, קינדערישע. אויף איר שיינער האַנט האָט געלויכטן אַ קליינער רובין. זי האָט אַ סך געלאַכט און אויך גערעדט רוסיש, בלויז רוסיש. זי הייסט מאַרוסיאַ, ווי האַנס קאַסטאָרפּ הערט. ער באַמערקט אויך, אַגב, אַז יאָאַכים לאָזט אַראָפּ די אויגן מיט אַ שטרענגער מינע, בעת יענע לאַכט און רעדט.

סעטעמבריני איז אַריין דורך דעם זייטיקן איינגאַנג און איז — דרייענדיק די וואָנסן — צוגעגאַנגען צו זיין פּלאַץ ביים סוף טיש, וואָס שטייט אינדערקרים פון יענעם טיש, וואו האַנס קאַסטאָרפּ

זיצט. תיכּף, ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט דער עולם בּיים טיש זיך הויך צעלאַכט. ער האָט, אַפּנים, געזאָגט עפּעס אַ בּייזן ווייק. האַנס קאַסטאָרפּ האָט אויך דערקאָנט די מיטגלידער פון „האַל-בּע-לונגען-פאַראיין”. הערמינע קלעיפּעלד איז מיט נאַרישעוואַטע אויגן צוגעקראָכן צו איר אָרט בּיים טיש פאַר דער ווערַאנדע-טיר און האָט זיך געגריסט צו דעם בּחור מיט די אַרויסגעזעצטע ליפּן, וואָס האָט פריער אַזוי אומגעלומפּערט אויפגעהויבן זיין קורטקע. די עלפאַנט-ביין-פאַרביקע פריילין לעווי איז געזעסן לעבּן דער פעטער פרוי איל-טיס מיט די לעבּער-פלעקן און מיט נאָך אומבּאַקאַנטע מענטשן בּיי דעם טיש, וואָס שטייט אינדערבּרייט, רעכטס פון האַנס קאַסטאָרפּ.

— דאָ האָסטו דיינע שכנים — זאָגט יאָאַכים שטילערהייט צו זיין קוזין און בּשעת-מעשה פאַרנייגט ער זיך... דאָס פּאָר גייט פאַר-בּיי הארט לעבּן האַנס קאַסטאָרפּ און גייט צו צו דעם לעצטן טיש רעכטס, צו דעם „שלעכטן רוסן-טיש”, הייסט עס, וואו ס'זיצט שוין אַ פאָרפאָלק מיט אַ מיאוס יינגל און שלינגען גאַנצע הויפנס קאַשע. דער מאַן, וואָס איז איצט אַריינגעקומען, איז שמאָל געבּויט און האָט אַש-גרויע, איינגעפאַלענע בּאַקן. ער טראָגט אַ בּרוינע לעדערנע קורט-קע און אומגעלומפּערטע פילץ-שטיוול אויף קלאַמערס. זיין ווייבּ — אַ קליינע און אַ אויסגעפּוצטע, אין אַ הוט מיט וויי‏ענדיקע פּעדערן. זי האָט זיך אויך אונטערגעהאָצקעט אויף קליינע, יוכט-שטיוועלעך מיט הויכע קנאַפּל. אַרום איר האַלז איז געלעגן אַ נישט-זויבּערע בּאָאַ פון פייגל-פּעדערן. האַנס קאַסטאָרפּ בּאַטראַכט בּיידע מיט אַכזריות, וואָס איז אים אַליין פרעמד און זעט אים אַליין אויס צו זיין בּרוטאַל. די בּרוטאַלקייט האָט אים אָבּער פאַרשאַפט אַ געוויס פאַרגעניגן. זיי-נע אויגן זיינען געוואָרן אי טעמפּ, אי צודרינגלעך. דאָסמאָל איז ווידער צוגעפאַלן די גלעזערנע טיר מיט אַ געקלאַפּ און אַ גע-טראַסק, ווי בּיים ערשטן פרישטיק, אָבּער ער האָט מער נישט קיין ציטער געטאָן, נאָר האָט געמאַכט אַ פוילע מינע. ער האָט אַפילו בּאַלד געוואָלט אויסדרייען דעם קאָפּ אַהין, אָבּער ער האָט זיך מיישב געווען, אַז ס'איז אַ צו-שווערע אַרבּעט און ס'איז נישט כּדאי. דערפון האָט זיך גענומען, וואָס ער איז אויך איצט נישט דערגאַנגען, ווער ס'בּאַגייט זיך אַזוי אומבּרחמנותדיק מיט דער טיר.

די מעשה איז געווען די, וואָס דער ביר צום פרישטיק, וואָס
געוויינלעך פאַרנעפּלט עס אים בלויז אַ ביסל דעם קאָפּ, האָט היינט
דעם יונגנמאַן פולשטענדיק באַטויבט און ווי געליימט. ער האָט זיך
דערפילט, ווי ער וואָלט געקריגן אַ קלאַפּ איבער די שלייפן. זיינע
וויעס זיינען שווער, ווי בליי, די צונג קאָן נישט אַרויסברענגען דעם
פּשוטסטן געדאַנק. ער איבערצייגט זיך דערין, בעת ער פּרוווט צוליב
העפלעכקייט אויסריידן עטלעכע ווערטער מיט דער ענגלענדערין. ער
דאַרף זיך אַפילו שטאַרק אָנשטרענגען, כדי אַ קוק צו טאָן אין
אַ אַנדער זייט. דערצו נאָך הייבט אים אָן דאָס פּנים צו ברענען אויף
אַ מיאוסן אופן און דערגייט פולשטענדיק צו דער נעכטיקער מדרגה.
זיינע באַקן זיינען, דאַכט זיך אים, אָנגעדראָלן פון היץ, ער סאַפּעט
שווער, זיין האַרץ קלאַפּט, ווי אַ געוואַלטיגער האַמער. אויב ער
ליידט נישט צוליב דעם קיין יסורים, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל
דער קאָפּ איז ביי אים אַזוי פאַרדרייט, גלייך ווי ער וואָלט אַ
צוויי-דריי מאָל אַריינגעטעמט אין זיך כלאָראָפאָרם. אַז ד״ר קראָ-
קאָווסקי קומט אַריין בעתן פרישטיק און זעצט זיך אַוועק ביי זיין
טיש קעגנאיבער אים, באַמערקט ער, ווי אין חלום, כאָטש דער
דאָקטאָר קוקט אים עטלעכע מאָל אָן שאַרף. ער רעדט בשעת-
מעשה מיט די דאַמען פון דער רעכטער זייט אויפן רוסיש און די
יונגע מיידלעך — די בליענדיקע מאַרוסיאַ און אויך די דאַרע יאָנ-
הורט-עסערין — לאָזן אַראָפּ פאַר אים די אויגן הכנעהדיק און פאַר-
שעמט. האַנס קאַסטאָרפּ האַלט זיך, וואָס אמת, אָרנטלעך, פאַרשטייט
זיך. היות די צונג דרייט זיך נישט אין מויל — שווייגט ער און
האַלט מעסער-גאָפּל אַפילו נאָך מיט אַ באַזונדערער עלעגאַנץ, ווען
יאָאַכים גיט צו אים אַ וואונק און שטייט אויף, הייבט ער זיך
אויך אויף, פאַרנייגט זיך בלינד פאַר דער טיש-געזעלשאַפט און
גייט מיט אַ זיכערן טריט נאָך יאָאַכימען.

— ווען איז ווידער ליג-קוראַציע? — פרעגט ער אינדרויסן. —
דאָס איז דאָס בעסטע דאָ, אויף וויפל כ׳זע. כ׳וואָלט שוין ווי-
דער געוואָלט ליגן אויף מיין אויסגעצייכנטער שטול. מיר גייען שפּאַ-
צירן ווייט?

איין איבעריק וואָרט

— ניין, — זאָגט יאָאַכים. — ווייט טאָר איך נישט זיין. אין דער צייט גיי איך אַלעמאָל אַ ביסל אַראָפּ, דורך „דאָרף“, ביז „פּלאַץ“, אויב כ׳האָב צייט. מ׳זעט דאָרטן מענטשן און געוועלבן און מ׳קאָן אײַנקויפֿן, וואָס מ׳דאַרף. פֿאַר מיטאָג ליגט מען בערך אַ שעה און דערנאָך — ווידער ביז פֿיר אַ זייגער — זיי רויִק.

זיי גייען אין דער זון מיטן צופֿאָר־וועג און גייען אַריבער דעם וואַסער־פֿאַל און די שמאָלע שינעס. פֿאַר די אויגן האָבן זיי די בערג־אַנשטאַלטן פֿון רעכטן טאָל־אָנלען: דעם „קליינעם שיאַהאָרן“, די „גרינע טורמע“ און דעם „דאָרף־באַרג“, ווי יאָאַכים רופֿט זיי אָן מיט די נעמען. דאָרט ווייטער, אַ ביסל העכער, ליגט דער אַרומ־געמויערטער בית־הקברות פֿון דאַוואָס־דאָרף. דערויף האָט יאָאַכים אויך אָנגעוויזן מיט זיין שטעקן. צום סוף האָבן זיי דערגרייכט די הויפּט־גאַס, וואָס איז מיט אַ שטאָק העכער פֿון דעם טאָל־שטח, וואָס גייט לענג־אויס אַ שיפּוע, וועלכער פֿאַלט אַראָפּ אין טעראַסן.

וועגן קיין „דאָרף קאָן, אַגב, גאָר קיין רייד נישט זיין. פֿון דעם דאָרף איז געבליבן בלויז דער נאָמען. דאָס קוראָרט האָט עס אײַנגעשלונגען, ווייל עס האָט זיך אַלץ כּסדר אויסגעצויגן צום טאָל־צו און יענער טייל פֿון דאַוואָס, וואָס רופֿט זיך „דאָרף“, גייט אומ־באַמערקט און אָן שום סימן איבער אין „פּלאַץ“. אין ביידע זייטן ליגן האָטעלן און פּעסיאָנאַטן, אַלע רייך פֿאַרזען מיט באַדאַכטע וועראַנדעס, באַלקאָנען און ליג־האַלעס. ס׳זיינען דאָרטן אויך פֿאַראַן קליינע פּריוואַט־הייזער מיט צימערן צו פֿאַרדינגען. אויף טייל ערטער זעט מען ניי־אויסגעבויטע הייזער. דאָ און דאָרט איז נישט פֿאַר־בויט און מ׳דערזעט פֿאַר זיך די אָפֿענע לאָנקעס אויפֿן אָפּגרונט פֿון טאָל...

האַנס קאַסטאָרפּ האָט ווידער אָנגעשמעקט אַ ציגאַר, — זיין צוגעוווינטע און ליבע לעבנס־הנאה — און ער האָט פֿאַררויכערט. קאָן זיין, אַז דאָס אויסגעטרונקענע ביר האָט גורם געווען, ער זאָל — צו זיין געוואַלדיקער צופֿרידנקייט — דערשפּירן אַ ביסל דעם אויס־

געבענקטן אַראָמאַט, אמת — בּלויז זעלטן און שוואַך. ער האָט זיך געפאָדערט אַ געוויסע נערוועזע אָנשטרענגונג, כּדי צו דערשפּירן אַ ניצוץ בּלויז פון דעם פאַרגעניגן, אָבּער בּעיקר האָט גובר גע־ווען דער פּאַסקודנער לעדער־געשמאַק. אומפעיִק זיך אונטערצוגעבּן דער שוואַכקייט, — האָט ער זיך נאָך אַ ווײַלע געריסן צו דעם גענוס, וואָס איז — אָדער בּכלל פון אים אַנטלאָפן, אָדער — ווי אויף ליצנות, געגעבּן אַ וואונק פונדערווייטנס. צום סוף האָט ער — אַן אויסגע־מאַטערטער און אַ דערצערנטער — אַוועקגעוואָרפן דעם ציגאַר. נישט געקוקט אויף זיין פאַרנעפּלטקייט, האָט ער פונדעסטוועגן געפילט דעם חוב לשם העפלעכקייט צו שמועסן מיטן קוזין און געפרוווט זיך דערמאָנען די אויסגעצייכנטע געדאַנקען, וועלכע ער האָט פריער געוואָלט אַרויסזאָגן וועגן דער „צייט“. ס'האָט זיך אָבּער אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט לחלוטין פאַרגעסן דעם גאַנצן „קאָמפּלעקס“ און אַז בּיי אים אין קאָפּ געפינט זיך נישט דער מינדסטער רעיון, וואָס שייך דער צייט. צוליבּ דעם האָט ער אָנגעהויבּן צו ריידן וועגן קערפּערלעכע ענינים און אַפילו אַ בּיסל משונהדיק.

— ווען ווערסטו דיר ווידער מעסטן? — פרעגט ער. — נאָך דעם עסן? יאָ, דאָס איז גוט. דעמאָלט איז דער אָרגאַניזם אין זיין גאַנ־צער טעטיקייט און אַלץ מוז זיך אַרויסווייזן. דאָס, וואָס בּערענס האָט גע־זאָגט, כ'זאָל מיר אויך מעסטן, איז דאָך מסתמא געווען אַ שפּאַס, נישט אמת? סעטעמבּריני האָט האַרציק געלאַכט דערפון. דאָס וואָלט אַבּסאָלוט נישט געהאַט קיין שום זין. כ'האָבּ אַפילו נישט קיין טערמאָ־מעטער.

— ע — זאָגט יאָאַכים. — דאָס איז אַ קלייניקייט. דו דאַרפסט דיר בּלויז קויפן. דאָ קריגט מען אומעטום טערמאָמעטערס, כּמעט אין יעדן געוועלבּ.

— אָבּער צו־וואָס דען! ניין, די ליג־קוראַציע געפעלט מיר גאַנץ גוט, דאָס וויל איך אויך מיטמאַכן, אָבּער מעסטן זיך, — דאָס וואָלט שוין געווען צופיל פאַר אַ האָספּיטאַנט. דאָס לאָז איך שוין איבּער פאַר אייך. ווען כ'וואָלט נאָר געוואוסט — רעדט האַנס קאַסטאָרפּ און לייגט צו בּיידע הענט צום האַרץ, ווי אַ ליבּהאָבּער — פאַרוואָס דאָס האַרץ קלאַפּט מיר אַזוי די גאַנצע צייט. דאָס בּאַאומרויִקט מיך,

כ׳קלער שוין וועגן דעם פון פריער אָן. זעסטו, דאָס האַרץ קאָן קלאַפּן, בעת מ׳ריכט זיך ספּעציעל אויף עפּעס אַ גרויסער פרייד, אָדער ווען מ׳שרעקט זיך, קורץ גערעדט: בעת מ׳איז אויפגערעגט, ניין? אָבער ווען דאָס האַרץ נעמט קלאַפּן סתּם אַזוי אין דער וועלט אַריין, אָן שום סיבּה, אָן שום זין און — אַזוי צו זאָגן — אויף אייגענער אַחריות, — דאָס איז שוין, האַלט איך, אַ פּאַס־קודנער ענין. דאַרפסט מיך פאַרשטיין, ס׳איז עפּעס אַזוי, גלייך ווי דער קערפּער וואָלט אָנגעהויבן צו גיין אַליין אויף זיינע אייגענע וועגן און האָט מער נישט קיין שייכות מיט דער נשמה. ס׳איז כּמעט אַזוי ווי ביי אַ בר־מינן. אינגאַנצן טויט איז ער נאָך נישט, אַזעלעכס איז גאָר נישט פאַראַן. ער פירט אַפילו אַ גאַנץ קאָמפּליצירט לעבן, אָבער אויף אייגענער אַחריות. ס׳וואַקסן אים נאָך די האָר און די נעגל, אויך פיזיקאַליש און כעמיש, ווי כ׳האָב געהערט זאָגן, גייט דאָרטן אַ גאַנץ פעסטע אַרבעט...

— וואָס זיינען דאָס עפּעס פאַר אַ דיבורים — זאָגט יאָאַכים פאַרטראַכט און מיט אַ פאָרוואורף. — „אַ פעסטע אַרבעט״! ס׳קאָן זיין, אַז ער האָט זיך אַזוי־אַרום אַ ביסל געוואָלט ניקם זיין פאַר דעם אָפּשניט, וואָס ר׳האָט געקריגן צוליב דעם אינסטרומענט מיט די גלעקלעך.

— אָבער ס׳איז דאָך פאָרט אַזוי — ס׳גייט אַ גאַנץ פעסטע אַרבעט. פאַרוואָס פאַרדריסט עס דיך? — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — אַגב, האָב איך עס דערמאָנט פאַרבייגייענדיק. כ׳האָב בלויז געוואָלט זאָגן, אַז ס׳איז אומהיימלעך און פיינלעך, ווען דער קערפּער לעבט און האַלט זיך גרויס ביי זיך אויף דער אייגענער אַחריות און אָן אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער נשמה, אַ שטייגער, ווען דאָס האַרץ קלאַפּט אָן שום סיבּה, ווי ביי מיר. מ׳זוכט דערביי עפּעס אַ סיבּה, אַן איבּערגעגונג, וואָס זאָל האָבן אַ שייכות דערצו, אַ געפיל פון פרייד אָדער שרעק, צוליב וועלכן ס׳קאָן, אַזוי צו זאָגן, באַרעכטיקט ווערן. אַזוי אַלנפאַלס, דאַכט זיך מיר, כ׳קאָן בלויזריידן וועגן זיך.

— יאָ, יאָ — זאָגט יאָאַכים זיפצנדיק. — ס׳זעט טאַקע אַזוי אויס, בעת מ׳האָט היץ. דערביי גייט אין קערפּער אַ „פעסטע אַרבעט״, איבּערריקנדיק זיך אויף דיין לשון. דעמאָלט זוכט מען אויך,

נישט-ווילנדיק, אַן אויפרעגונג, ווי דו זאָגסט, דורך וועלכע די אַרבעט זאָל קריגן אַ שטיקל שכלדיקן זין ... אָבער מיר ריידן וועגן אַזעלכע נישט-אָנגענעמע זאַכן — זאָגט ער מיט אַ ציטערנדיקן קול און האַקט באַלד אָפּ. האַנס קאַסטאָרפּ טוט בלויז אַ ציי מיט די אַקסלען און ער טוט עס אַקוראַט אַזוי, ווי ר'האָט נעכטן אינאָווונאַ געזען ביי יאָאַכימען.

אַ ווײַלע גייען זיי שווייגנדיקערהייט. דערנאָך פרעגט יאָאַכים:

— נו, ווי געפעלט דיר דאָ דער עולם, כ'מיין ביי אונזער טיש?

האַנס קאַסטאָרפּ מאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט גלייכגילטיק געבליבן.

— מיין גאָט — זאָגט ער — זיי זעען מיר נישט אויס צו זיין זייער אינטערעסאַנט. ביי די אַנדערע טישן, קלער איך, זיצן אינטערעסאַנטערע, אָבער ס'קאָן זיין, אַז ס'דאַכט זיך בלויז אַזוי. פרוי שטער וואָלט זיך געדאַרפט לאָזן אויסוואַשן די האָר. זיי זיינען אַזוי פעט. און די מאַזורקע, אָדער ווי זי הייסט דאָרטן, זעט מיר אויס צו זיין אַ ביסל נאַריש. זי הערט נישט אויף צו שטופּן דאָס נאָזטיכל אין מויל אַריין — אַזויפיל כיכעט זי.

יאָאַכים צעלאַכט זיך הויך פון יענעמס פאַרדרייען דעם נאָמען.

— מאַזורקאַ — דאָס איז אויסגעצייכנט! — רופט ער — מאַרושיאַ הייסט זי, אויב דו ווילסט וויסן. דאָס איז אַזוי ווי מאַריע. יאָ, זי איז באמת צופיל צעלאָזט — זאָגט ער — און דערביי וואָלט זי גאָר געדאַרפט זיין געזעצטער, ווייל זי איז גאַנץ היפּש קראַנק.

— מ'דערקאָנט דאָס גאָרנישט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — זי זעט אַזוי גוט אויס. ווי אַ ברוסט-קראַנקע זעט זי בכלל נישט אויס. דערביי גיט ער אינדערגיך אַ קוק אויפן קוזין און דערזעט, אַז אויף יאָאַכימס אָפּגעברענט פּנים באַווייזן זיך פלעקן, אַזעלכע, וואָס ווייזן זיך אַלעמאָל אויף אָפּגעברענטע פּנימער, בעת ס'פּליסט פון זיי אָפּ דאָס בלוט. זיין מויל האָט זיך דערביי אויף אַ גאַנץ מאָדנע קלאָגעדיקן אופן פאַרקרימט — באַקומען אַן אויסדרוק, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אויף דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ אַן אומבאַשטימטע שרעק און אים באַוואויגן, ער זאָל תּיכּף בייטן די טעמע און נעמען ריידן וועגן אַנדערע פּערזאָנען. דערביי האָט ער זיך

אָנגעשטרענגט אינדערגיך צו פאַרגעסן סיי אין מאַרושיאַן סיי אין יאָאַכימס אויסדרוק. דאָס האָט זיך אים אויך פולשטענדיק אײַנגעגעבן.

די ענגלענדערין, וואָס האָט געטרונקען די פעלד־רויזן־טיי, הייסט מיס ראָבינזאָן. די נייטאָרין איז נישט קיין נייטאָרין, נאָר אַ לערערין פון אַ העכערער רעגירונגס־שול פאַר מיידלעך אין קיניגסבערג. צוליב דעם דריקט זי זיך אוים אַלעמאָל אַזוי ריכטיק. זי הייסט פרײַלין ענגעלהאַרט. וואָס ס'איז נוגע דער לעבעדיקער אַלטער דאַמע, ווייסט יאָאַכים אַליין נישט, ווי זי הייסט, הגם ר'איז שוין דאָ אַזוי לאַנג. זי איז אַלנפאַלס די עלטער־מומע פון דעם יונגן מיידל, וואָס עסט יאָגהורט און זיצט תמיד צוזאַמען מיט איר אין דער סאַנאַטאָריע. אָבער דער קראַנקסטער פון דער טיש־געזעלשאַפט איז ד"ר בלומענקאָל, לעאָן בלומענקאָל פון אָדעס — יענער יונגערמאַן מיט די וואָנסעלעך און מיט דער פאַרזאָרגטער און פאַרשלאָסענער צורה. ער איז שוין דאָ איבער יאָרנלאַנג...

זיי זײַנען איצט געגאַנגען אויף אַ שטאָטישן טראָטואַר, די הויפּט־גאַס פון אַ אינטערנאַציאָנאַלן טרעף־פונקט. מ'האָט דאָס תיכּף דערקענט. ס'זײַנען דאָ דורכגעגאַנגען שפּאַצירנדיקע קור־געסט, ס'רוב יונגע מענטשן, קאַוואַלערן אין ספּאָרט־אָנצוגן און אָן היטלען, דאַמען — אויך אָן היטן און אָן ווײַסע קליידער. מ'הערט ריידן רוסיש און ענגליש. פון רעכטס און פון לינקס ציען זיך שורות מיט געוועלבן און מיט שיינע שױ־פענסטער. האַנס קאַסטאָרפּ, וואָס זײַן נײַגעריקייט קעמפט שטאַרק מיט זײַן גליענדיקער מידקייט, צווינגט די אויגן צו בלײַבן אָפן און בלײַבט לאַנג שטיין פאַר אַ געשעפט פון מענער־וועש, כּדי צו איבערצײַגן זיך אַז די אַרויסשטעלונג שטייט אויף דער געהעריקער הייך.

דערנאָך האָט מען דערזען אַ ראָטונדע מיט אַ געדעקטער גאַלעריע. אינעווייניק האָט אַ קאַפּעלע געגעבן קאָנצערט. דאָ איז געווען דאָס קורהויז. אויף אַ סך טעניס־פּלעצער האַלט מען אין שפּילן. לאַנגפיסיקע, ראַזירטע בחורים אין גוט־אויסגעפּרעסטע פלאַנעל־הויזן, אין שיך מיט גומענע זוילן, אָן אונטעראַרבל, שפּילן מיט ברוינע און ווײַס־אָנגעטוענע מיידלעך, וואָס שטרעקן זיך אויס

אונטערשפּרינגענדיק קעגן דער זון, כּדי אָפּצוקלאַפּן די קרייד־ווייסע באַלן אין דער לופט. די גוט־געהאַלטענע ספּאָרט־פּלעצער זיינען געווען ווי באַדעקט מיט אַ מעליקן שטויב. די קוזינען האָבן זיך אויך געזעצט אויף אַ פרייער באַנק, כּדי צוצוקוקן זיך צום שפּיל און צו זאָגן מבינות.

— דו שפּילסט נישט אַמאָל דאָ? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— איך טאָר עס נישט — ענטפערט יאָאַכים. — מיר מוזן ליגן, כּסדר ליגן... סעטעמבריני זאָגט: מיר לעבן אַ האָריזאָנטאַל לעבן. מיר זיינען האָריזאָנטאַלע ברואים — זאָגט ער. דאָס איז איינער פון זיינע פוילע וויצן. דאָ שפּילן געזונטע, אָדער זיי טוען עס, כאָטש זיי טאָרן נישט. אַגב, שפּילן זיי נישט אַזוי ערנסט, מער לשם די קאָסטיומען... וואָס ס'איז נוגע פאַרבאָטענע שפּילן, ווערן דאָ געשפּילט, נאָך מער פאַרבאָטענע, ווי טעניס, פּאָרקער, אַ שטייגער. אין טייל האָטעלן שפּילט מען אויך אין „קליינע פערדלעך". ביי אונז שיקט מען אַהיים דערפאַר, דאָס איז, זאָגט מען, דאָס סאַמע שעדלעכסטע. אָבער טייל כאַפּן זיך אַרויס נאָך דער אָוונט־קאָנטראָל און שפּילן. דער פּרינץ, פון וועלכן בערענס האָט געקריגן זיין טיטל, זאָל עס אויך האָבן כּסדר געטאָן.

האַנס קאַסטאָרפּ הערט עס קוים. זיין מויל איז ביי אים אָפן, ווייל ער קאָן נישט רעכט אָטעמען דורך דער נאָז, כאָטש ער האָט נישט קיין קאַטער. זיין האַרץ קלאַפּט־צו אין אַ פאַלשן טאַקט צו דער מוזיק, און ער שפּירט צוליב דעם אַ טעמפּע פּיינלעכקייט. מיט דעם דאָזיקן געפיל פון אומאָרדענונג און פאַרדרייטקייט האָט ער שוין אָנגעהויבן איינשלאָפן. אָבער גראָד דעמאָלט האָט יאָאַכים דערמאָנט, אַז מ'דאַרף גיין אַהיים.

צוריקוועגס גייען זיי כּמעט שווייגנדיק. האַנס קאַסטאָרפּ גיט זיך אַפילו עטלעכע מאָל אַ קלאַפּ אויפן גלייכן וועג. ער שמייכלט צו דערצו ווייטאָגדיק און שאָקלט מיטן קאָפּ. דער לאָמער האָט זיי מיט דער ווינדע אַרויפגעפירט אויף זייער שטאָק. ביים נומער 34 האָבן זיי זיך צעשיידט מיט אַ קורצן „צום ווידערזען". האַנס קאַסטאָרפּ האָט דורכגעטשאַפּעט זיין צימער, איז אַרויס אויפן באַלקאָן און האָט זיך, ווי ער גייט און שטייט, אַ וואָרף געטאָן אויף דער

ליג־שטול. ער האָט אַפילו נישט פאַרריכט זיין איינמאָל־אָנגענומענע פּאָ־זיציע און איז פאַרזונקען געוואָרן אין אַ שווערן האַלב־דרעמל, וואָס איז בלויז פיינלעך באַלעבט געוואָרן דורך דעם גיכן קלאַפּן פון זיין האַרץ.

נאַטירלעך, אַ פּרוי

ווי לאַנג ר'איז געשלאָפן, האָט ער אַליין נישט געוואוסט. ווען ס'איז געקומען די צייט — האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק. אָבער ער האָט נאָך נישט גערופן דירעקט צום מיטאָג, ער האָט בלויז דערמאָנט, מ'זאָל זיך מאַכן גרייט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געוואוסט דערפון, און ער איז געבליבן ליגן ביז די מעטאַלענע קלינ־גערייי האָט צום צווייטן מאָל זיך דערהערט פון דער נאָענט און באַלד צוריק זיך דערווייטערט. ווען יאָאַכים איז אַרויס צו אים, כדי אים צו נעמען אויף מיטאָג, האָט האַנס קאַסטאָרפּ געזאָגט, אַז ער וויל זיך איבערטאָן, אָבער יאָאַכים האָט נישט מסכים געווען. ער האָט פיינט געהאַט און געפילט אַ ביטול צו אומפּינקטלעכקייט. ווי אַזוי קאָן מען עפּעס אויפטאָן און געזונט ווערן, כדי צו קאָנען דינען אין מיליטער — זאָגט ער — אויב מ'איז אויף אַזויפיל אָפּגעלאָזן, מ'זאָל אַפילו נישט קאָנען עסן צו דער צייט. ער איז, נאַטירלעך, גערעכט און האַנס קאַסטאָרפּ פאַרענטפערט זיך בלויז דערמיט, אַז ר'איז, וואָס אמת, נישט קראַנק, אָבער דערפאַר אויסערגעוויינלעך שלע־פעריק. ער וואַשט בלויז אינדערגיך די הענט. דערנאָך גייען זיי אַראָפּ אין זאַל אַריין — צום דריטן מאָל.

די געסט שטראָמען אַריין דורך ביידע אַריינגענג. מ'גייט אַריין דורך די וועראַנדע־טירן קעגנאיבער, וואָס שטייען אָפן. באַלד זיצן אַלע ביי די זיבן טישן אַזוי, גלייך ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט אויפ־געשטאַנען פון דאָנען. אַזאַ איינדרוק האָט לכל־הפחות געהאַט האַנס קאַסטאָרפּ. דער אַיינדרוק איז, אמת, אַ ריין טרוימערישער און קעגן דעם שכל, אָבער זיין פאַרנעפּלטער קאָפּ האָט זיך אין משך פון איין רגע נישט געקאָנט באַפרייען דערפון, און דער רעיון איז אים

אַפילו אויף אַ געוויסן אופן געפעלן. ווייל אין משך פון דער מאָל־צייט האָט ער אים עטלעכע מאָל געפרוווט צוריקרופן און עס האָט זיך אים איינגאַנצן איינגעגעבן.

די לוסטיקע אַלטע דאַמע האָט ווידער געשמועסט אויף איר מאָדנעם לשון צו הער ד״ר בלומענקאָל, וואָס איז געזעסן קרומלעך קעגנאיבער איר און זיך צוגעהערט צו איר מיט אַ פאַרזאָרגטער מינע. איר דאַרע יונגע קרובה האָט דאַסמאָל סוף־כל־סוף געגעסן עפעס אַנדערש אַחוץ יאָגהורט, ס׳איז געווען דער געדיכטער „קרעם ד׳אָרזש“, וועלכן די זאַל־טעכטער האָבן סערווירט אין טעלערס. אָבער זי האָט בלויז אויפגעגעסן עטלעכע לעפל און דאָס איבעריקע גע־לאָזט שטיין. די שיינע מאַרושיע האָט כסדר געשטופּט איר טיכל, פון וועלכן ס׳האָט געשמעקט מיט פאָמעראַנצן־פּערפום, אין מויל אַריין, כדי איינצוהאַלטן דאָס כיכען. מיס ראָבינזאָן האָט געלייענט די זעלבע בריוו מיטן קיילעכדיקן כתב, וועלכע זי האָט געלייענט היינט ין אינדערפרי. זי קאָן, אַפּנים, נישט קיין וואָרט דייטש און וויל עס נישט קאָנען אויך. יאָאַכים רעדט צו איר עפעס מעשה ריטער אויף ענגליש וועגן וועטער און זי ענטפערט קייענדיק בקיצור, כדי באַלד צוריק צו קאָנען שווייגן. וואָס ס׳איז נוגע דער פרוי שטער אין דער שאָטישער וואָלענער בלוזע, — האָט מען זי היינט פאַרמיטאָג אונטערגעזוכט און זי דערציילט וועגן דעם. בשעת־מעשה חנדלט זי זיך אויף אַן עם־האַרצישן אופן און פאַרציט די אייבערשטע ליפּ פון די האָזענע ציין. זי קלאָגט זיך, אַז רעכטס אויבן אין דער לונג הערט מען נאָך גערוישן, אויסער דעם קלינגט נאָך אונטערן לינקן אַקסל זייער שאַרף און „דער אַלטער“ האָט געזאָגט, אַז פינף חדשים מוז זי נאָך בלייבן דאָ. פון גרויס פּראָסטקייט רופט זי דעם הויפראַט בערענס „דער אַלטער“. אַגב, איז זי אין כעס, הלמאַי דער „אַלטער“ זיצט היינט נישט ביי איר טיש. לויט דער „טורנע“ (זי מיינט מסתמא „טורנוס“) קומט אים היינט צו מיטאָג איר טיש, צום סוף האָט דער „אַלטער“ זיך שוין ווידער אַוועקגעזעצט ביי אַ צווייטן טיש לינקס (הויפראַט בערענס זיצט פּאַקטיש דאָרט און לייגט־צונויף זיינע ריזיקע הענט פאַרן טעלער). אַוודאי, דאָרטן זיצט די דיקע פרוי סאַלאָמאָן פון ברישל, וואָס קומט יעדן פשוטן מיט־

וואָך צום עסן דעקאָלטירט און דאָס געפעלט, אַפּנים, דעם אַלטן. הגם זי, פרוי שטער, קאָן עס נישט פאַרשטיין, ווייל ביי יעדער אונטערזוכונג האָט בערענס די געלעגנהייט געניג צו זען ביי דער פרוי סאַלאָמאָן. שפּעטער דערציילט זי אויפגערעגט און שעפּטשענדיק, אַז נעכטן אינאָוונט איז אין דער אייבערשטער אַלגעמיינער ליג־האַלע — וואָס געפינט זיך אויפן דאַך — פאַרלאָשן געוואָרן די ליכט. דער צוועק דערפון, האַלט פרוי שטער, איז גאַנץ „דורכזיכ־טיק". דער אַלטער האָט עס באַמערקט און געמאַכט אַזעלכע קולות, אַז מ'האָט געהערט אין גאַנצן אַנשטאַלט. אָבער דעם שולדיקן האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט געלאָזט אויפזוכן, כאָטש מ'דאַרף נישט האָבן שטודירט אויפן אוניווערסיטעט, כדי זיך אָנצושטויסן, אַז דאָס האָט געטאָן דער הויפּטמאַן מיקלאָזיק פון בוקאַרעשט, וועלכן ס'איז אין דאַמען־געזעלשאַפט קיינמאָל נישט צו־טונקל. דאָס איז אַ מענטש אָן יעדער בילדונג, כאָטש ער טראָגט אַ קאָרסעט. ער איז לויט דער טבע פשוט אַ רויב־חיה, יאָ, אַ חיוב־חיה — חזרט איבער פרוי שטער מיט אַ פאַרשטיקט קול. בשעת־מעשה טרעט אַרויס אויף איר שטערן און אויף איר אייבערשטער ליפּ אַ שוויס. אין וואָס פאַר אַ באַציִונגען ער שטייט מיט דער פרוי גענעראַל־קאָנסול וואורמ־בראַנד פון ווין — וועגן דעם רעדט מען אין „דאָרף" און אין „פּלאַץ". די באַציִונגען זיינען לחלוטין שוין נישט געהיימעניש פול ע. לאַ־די, וואָס טיילמאָל גייט דער הויפּטמאַן אַריין צו דער גענעראַל־קאָנ־סולין אין צימער אַריין אינדערפרי, ווען יענע ליגט נאָך אין בעט און ער איז דערביי, ווי זי מאַכט דעם גאַנצן טואַלעט, איז ער פאַראַכטאָגן דינסטאָג אַרויס פון דער וואורמבראַנדס צימער ערשט פיר אַ זייגער אינדערפרי. די פלעגערין פון יונגן פראַנץ אין נומער 19, ביי וועלכן דער פּנעומאָטאָראַקס האָט זיך נישט איינגעגעבן, האָט אים אַליין געכאַפּט דערביי און פון גרויס בושה איז זי נישט אַריין אין דער ריכטיקער טיר און פלוצלונג זיך דערזען ביים פּראָקוראָר פּאַראַוואַנט פון דאָרמונד... די פרוי שטער האָט נאָך לאַנג דערנאָך געשמועסט וועגן אַ „קאָסמישן אַנשטאַלט", וואָס געפינט זיך אונטן אין שטעטל און וואו זי קויפט שווענק־וואַסער צו די ציין. יאָאַכים האָט געמוזט קוקן גלייך אין טעלער אַריין...

דאָס מיטאָג איז געווען מייסטערהאַפטיק געמאַכט, און צו עסן האָט מען געקריגן איבערגענוג. צוזאַמען מיט נערהאַפטיקער זופּ איז עס באַשטאַנען פון גאַנצע זעקס שפּייזן. נאָך די פיש איז געגאַנגען אַ גוטע פלייש-שפּייז מיט צושפּייזן, דערנאָך אַ באַזונדערער טעלער מיט גרינס, געבראָטן עוף, דערנאָך אַ מעל-שפּייז, וואָס איז געווען נישט ווייניקער געשמאַק פון דער נעכטיקער, צום סוף — קעז און אייבס. יעדער שיסל איז אַרומגעטראָגן געוואָרן צוויי מאָל און נישט גלאַט אומזיסט. מ'האָט זיך אָנגעלייגט אויף די טעלערס און מ'האָט געגעסן ביי אַלע טישן. אַ חיהשער אַפּעטיט האָט געהערשט אין זאַל, אַן אויסגעהונגערטקייט, צו וועלכער ס'וואָלט געווען אַ מחיה זיך צוצוקוקן, ווען נישט דאָס, וואָס זי ווירקט גלייכצייטיק עפּעס אומהיימלעך און אַפילו עקלדיק. נישט בלויז די פרייליכע, וועלכע פּלוידערן און באַוואַרפן זיך מיט ברויט-קיילעכלעך, האָבן געקייט אויף ביידע באַקן, נאָר אַפילו אויך די שטילע און מרה-שחורהדיקע, וואָס צווישן איין מאַכל און דעם אַנדערן שפּאַרן זיי אָן די קעפּ אויף די הענט און קוקן פאַר זיך. ביים שכנישן טיש האָט איינער, אַ נישט-דערוואַקסענער בחור, אַ גימנאַזיסט נאָך לויט די יאָרן, מיט צו-קורצע אַרבל און דיקע, קיילעכיקע ברילן-גלעזער, אַליין, וואָס איז אויפגעגעבן געוואָרן אויפן טעלער, פריער צעריבן אויף איין קאַשע און פּאַפּע. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער דעם טעלער און האָט געשלונגען. דערביי איז ער אַלעמאָל אַריינגעפאָרן מיטן סערוועט הינטער די ברילן און האָט עפּעס אָפּגעווישט — מ'האָט נישט געוואוסט, צי ס'איז שוויס אָדער טרערן.

אין משך פון דער גרויסער מאָלצייט זיינען געשען צוויי זאַכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן האַנס קאַסטאָרפּס אויפמערקזאַמקייט אויף וויפל זיין מצב האָט עס צוגעלאָזט. קודם-כל איז ווידער צוגעפאַלן די טיר, — ס'איז געשען ביי די פיש. האַנס קאַסטאָרפּ האָט מיט פאַרדרוס אַ ציטער געטאָן און האָט מיט כעס צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן, אַז ער מוז איצט אומבאַדינגט זען, ווער דאָס טוט. ער האָט נישט בלויז געטראַכט אַזוי, נאָר עס אויך אַרויסגעמורמלט מיט די ליפּן, פאַר אַזוי וויכטיק האָט ער עס געהאַלטן. כ'מוז עס געוואָר ווערן! — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן מיט אַן איבערגעטריבענער פאַרביסנ-

קייט, אַזוי אַז די פרוי ראָבינזאָן און אויך די לערערין האָבן אויף אים אַ קוק געטאָן פאַרוואונדערט. דערביי האָט ער אויסגעדרייט דעם גאַנצן אייבערשטן טייל קערפּער אויף לינקס און האָט איבערגעריסן זיינע בלוט־פאַרלאָפענע אויגן.

ס'איז געווען אַ דאַמע. איצט איז זי געגאַנגען איבערן זאַל, אַ פרוי, גיכער אַ יונג מיידל, אַ מיטל־וואוקסיקע, אין אַ ווייסן סוועטער און אין אַ קאָלירט קלייד. האָר האָט זי געהאַט רויטלעך־בלאָנדע, פּשוט פאַרפלאָכטן אין צעפּ אַרום קאָפּ. האַנס קאַסטאָרפּ האָט בלויז געזען אַ קליינעם טייל פון איר פּראָפיל, כמעט גאָרנישט. זי איז געגאַנגען שטילערהייט און דאָס איז געווען אַ מאָדנע סתירה צו איר ליאַרמענדיקן אַריינקום. מאָדנע קריכנדיק און האַלטנדיק דעם קאָפּ אַ ביסל פאָרויס איז זי געגאַנגען צום לעצטן טיש אויף לינקס, וואָס איז געשטאַנען פּערפּענדיקולער צו דער טיר פון דער וועראַנדע. ס'איז געווען דער „גוטער רוסן־טיש". איין האַנט האָט זי געהאַלטן אין קעשענע פון געפּאַסטן וואָלענעם סוועטער, מיט דער אַנדערער האָט זי אונטערגעהאַלטן און פאַרריכט די האָר פון הינטן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט אַ קוק געטאָן אויף אָט דער האַנט. ער האָט אַ סך תּוש און קריטישע מבינות אויף הענט און איז געוויינט קודם־כּל אַ קוק צו טאָן אויף דעם דאָזיקן אבר, בעת ער דערזעט אַ מענטש צום ערשטן מאָל. זי איז נישט געווען ספּעציעל ווייבלעך, די האַנט, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן די האָר, נישט אַזוי געפלעגט און אויסגעאיידלט, ווי ס'פלעגן געווינלעך צו זיין פרויען־הענט אין דער געזעלשאַפטלעכער סביבה פון יונגן האַנס קאַסטאָרפּ. אַ גאַנץ־ברייטע און אַ קורצפינגערדיקע, — האָט זי אין זיך עפּעס פּרימיטיווס און קינדישס, עפּעס פון דער האַנט ביי אַ שול־מיידל. אירע נעגל האָבן, אַפּנים, נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס מאַניקיר. זיי זיינען געווען פּשוט אָרומגעשניטן, ווידער ווי ביי אַ שול־מיידל. אין די זייטן איז די הויט געווען אַ ביסל אָפּגעריבן, כמעט אַזוי, גלייך זי וואָלט געהאַט די שלעכטע טבע צו בייסן די נעגל. אַגב, האָט דאָס האַנס קאַסטאָרפּ מער אָפּגעפילט, ווי געזען. זי איז פאָרט געווען צו־ווייט פון אים. די פּערשפּעקטיקטע האָט באַגריסט די טיש־געזעלשאַפט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט

אין דער אינעווייניקסטער זייט פון טיש, מיטן רוקן קעגן וואַל, אין דער זייט פון ד"ר קראָקאָווסקי, וואָס איז דאָרטן געזעסן אויבנאָן. זיפּצנדיק, האָט זי נאָך אַלץ געהאַלטן די האַנט ביי די האָר און האָט הינטערוויילעכס זיך אַרומגעקוקט אויפן פּובליקום. האַנס קאַס־טאָרפּ האָט דערביי אינדערגיך באַמערקט, אַז זי האָט ברייטע באַקן־ביינער און שמאָלע אויגן... ווען ער האָט דערזען, האָט איך אים קוים און לייכט אַ הויך געטאָן אַן אומקלאָרע דערמאַנונג וועגן עפּעס...

פאַרשטייט זיך, אַ פרוי — טראַכט האַנס קאַסטאָרפּ און ער מורמלט עס ווידער אויסדריקלעך אַרויס פאַר זיך, אַזוי, אַז די לערערין פרייליין ענגלהאַרט דערהערט, וואָס ער זאָגט. די דאַרע אַלטע פרייליין שמייכלט גערירט.

דאָס איז די מאַדאַם שאָשאַ — זאָגט זי. — זי איז אַזוי אָפּ־געלאָזן, אַ אַנטציקנדיקע פרוי. דערביי ווערט די פּוכיקע רויטקייט אויף פרייליין ענגלהאַרטס באַקן מיט איין שאַטירונג שטאַרקער. דאָס געשעט בכלל יעדעס מאָל, ווען זי עפנט דאָס מויל עפּעס צו זאָגן.

— אַ פראַנצויזין? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ שטרענג.

— ניין, זי איז אַ רוסישע — זאָגט פרייליין ענגלהאַרט. — אפשר איז דער מאַן אַ פראַנצויז, אָדער שטאַמט פון פראַנצויזן. דאָס ווייס איך נישט זיכער.

— דאָס איז יענער — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ נאָך אַלץ אַ צערייצטער און ווייזט אָן אויף אַ מאַן מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען, וואָס זיצט ביים גוטן רוסן־טיש.

— אָ, ניין, יענער איז נישטאָ הי — ענטפערט די לערערין. — ער איז בכלל נאָך דאָ נישט געווען און מ'קאָן אים דאָ לחלוטין נישט.

— זי וואָלט באַדאַרפט צומאַכן די טיר ווי עס דאַרף צו זיין, — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — אַלעמאָל לאָזט זי זי צופאַלן. דאָס איז אַ שלעכטער מאַניער.

היות די לערערין האָט דעם דאָזיקן פאָרוואורף אויפגענומען מיט אַ הכנעהדיקן שמייכל, גלייך ווי זי אַליין וואָלט עס אָפּגעטאָן — האָט מען מער נישט געמאַכט קיין שמועס וועגן דער מאַדאַם שאָשאַ.

די צווייטע געשעעניש איז באַשטאַנען דערין, וואָס ד״ר בלומענ=
קאָל איז אויף אַ ווײַלע אַרויס פון זאַל. ווײַטער גאָרנישט. דער
שטילער, ברוגזער אויסדרוק פון זײַן פּנים איז פּלוצלונג שאַרפער
געוואָרן, ער האָט פאַרזאָרגטער ווי געוויינלעך אַ קוק געטאָן אויף איין
פונקט, דערנאָך האָט ער מיט אַ באַשיידענער באַוועגונג אָפּגערוקט
די שטול און איז אַרויסגעגאַנגען. אָבער דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן
פרוי שטערס עם=האַרצות אין דער גאַנצער גרויס. זי האָט, אַפּנים,
דערפילט אַ נידעריקע באַפרידיקטקייט צוליב דעם, וואָס זי איז ווייני=
קער קראַנק, ווי בלומענקאָל, און בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט
זי געזאָגט האַלב=רחמנותדיק, האַלב מיט ביטול: „אַן אומגליקלעכער.
ער וועט באַלד אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם. ער מוז שוין ווידער
אַ שמועס טאָן מיטן בלויען היינריך”. די מגושמדיקע מליצה „דער
בלויער היינריך” האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַ נאַרישער עם=האַרצות=
דיקער מינע און האַנס קאַסטאָרפּ האָט בײַ די דאָזיקע ווערטער אָנ=
געכאַפּט אי אַ מורא, אי אַ חשק צו לאַכן. אין עטלעכע מינוט אַרום
איז, אַגב, ד״ר בלומענקאָל צוריק אַרײַנגעקומען מיט דער זעלבער
באַשיידענער צורה, ווי בעת ר׳איז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט זיך
ווידער אַוועקגעזעצט און ווײַטער געגעסן. אויך ער האָט געגעסן אַ
סך און פון יעדער מאַכל גענומען צו צוויי מאָל, שטום און מיט אַ
פאַרזאָרגטער, פאַרשלאָסענער מינע.

דאָס מיטאָג האָט זיך געענדיקט. אַדאַנק דער פלינקער באַ=
דינונג (די קאַרליקיכע איז ספּעציעל געווען זייער אַ גיכע) האָט עס
געדויערט בלויז אַ גוטע שעה. האַנס קאַסטאָרפּ איז ווידער געלעגן
סאָפּענדיק אויף זײַן אויסגעצייכנטן שטול אין דער באַלקאָן=לאָזשע,
אַליין נישט געדענקענדיק דערבײַ, ווי אַזוי ר׳איז אַרויפגעגאַנגען. ווײַל
נאָכן עסן גייט ליג=קוראַציע ביז צו דער טיי. דאָס איז געווען די
וויכטיקסטע ליג=קוראַציע פון טאָג און מ׳האָט זי שטרענג געמוזט
אויספירן. צווישן די נישט=דורכזיכטיקע גלעזערנע ווענטלעך, וואָס
האָבן אים אָפּגעשיידט פון יאָאַכימען פון איין זייט, און פון דעם
רוסישן פּאָרפּאָלק פון דער צווייטער זייט, איז ער געלעגן און האָט
געדרעמלט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. געעטעמט האָט ער מיטן מויל.

באַנוצנדיק זיין טאַשנטיכל, האָט ער דערזען, אַז ס'איז רויט פון בולט, אָבער ער האָט נישט קיין כּוח אַריינצוקלערן דעריין. כאָטש ר'איז אַ ביסל אַן אָפּגעשראָקענער און איז בטבע אַ ביסל גענייגט צו היפּאָכאָנדריע. ער האָט ווידער פאַרוויכערט אַ מאַריאָ מאַנציני. דאָסמאָל האָט ער אים אויסגערויכערט ביזן סוף. דער ציגאַר האָט אים געשמעקט ווי אַלעמאָל! אַ פאַרווירטער, דערשלאָגן און פאַר־חלומט, טראַכט ער וועגן דעם, ווי מאָדנע ס'פירט זיך אים עפּעס דאָ. צוויי אָדער דריי מאָל נעמט זיין ברוסט אַזש ציטערן פון אי־נעווייניקסטן געלעכטער. דאָס האָט ער זיך דערמאָנט די שווידער־לעכע עם־האַרצישע באַצייכענונג, מיט וועלכער די פרוי שטער האָט זיך באַנוצט.

הער אַלבין

אונטן אין גאָרטן האָט פון צייט צו צייט אַ פּלאַטער געטאָן אין ווינט די פאַנטאַסטישע פאָן מיטן שלאַנגען־שטעקן. דער הימל איז ווידער גלייך באַדעקט מיט וואָלקנס. די זון איז אַוועק. תּיכּף איז קיל געוואָרן. די בשותּפותדיקע ליג־האַלע זעט־אויס צו זיין פול באַזעצט. מ'שמועסט דאָרטן אונטן און מ'לאַכט.

— הער אַלבין, איך בעט אייך, לייגט אַוועק דאָס מעסער, באַ־האַלט עס, ס'קאָן נאָך געשען אַן אומגליק — הערט זיך אַ קלאָגנ־דיק ציטערנדיק ווייבעריש קול. באַלד דערנאָך:

— ליבער הער אַלבין, ווי גאָט איז אייך ליב, האָט רחמנות אויף אונזערע נערוון און נעמט אַוועק פון די אויגן דאָס שרעקלעכע מאָרד־געצייג — מישט זיך אַריין אַ צווייטע. אַ בלאָנדער יונגערמאַן, וואָס זיצט אויף דעם ערשטן ליג־בעטל אין אַ זייט, מיט אַ פּאַ־פּיראָס אין מויל, ענטפערט מיט חוצפּה:

— ס'פאַלט מיר נישט איין! די דאַמען וועלן דאָך מיר מסתּמא דערלויבן, זיך אַ ביסל צו שפּילן מיט מיין מעסער. יאָ, אַוודאי, ס'איז ספּעציעל אַ שאַרף מעסער. איך האָב עס אָפּגעקויפט אין קאַלקוטע ביי אַ בלינדן מכשף... ער פלעגט עס איינשלינגען און באַלד דערנאָך

האָט זיין משרת עס אויסגעגראָבן פון דער ערד פופציק טריט ווייטער... איר ווילט זען? ס'איז אַ סך שאַרפער פון אַ בריטווע. ס'איז גענוג אָנצורירן די שאַרף, זי זאָל אַריין אין פלייש, ווי אין פוטער. וואַרט, איך וועל עס אייך ווייזן פון דער נאָענט... — באַלד דערנאָך שטעלט זיך הער אַלבין אויף. ס'ווערט אַ געקוויטשעריי.—ניין, איצט וועל איך אייך ווייזן מיין רעוואָלווער — גיט אַ זאָג הער אַלבין — דאָס וועט אייך מער אינטערעסירן. אַ טיוואָלאָנישע כּלי. זי קאָן דורכשיסן... באַלד ברענג איך אים אַרויס פון מיין צימער.

— הער אַלבין, הער אַלבין, טוט עס נישט — בעטן זיך עטלעכע שטימען. אָבער הער אַלבין קומט שוין אַרויס פון דער ליג=האַליע, כּדי אַריינצוגיין אין זיין צימער. ער איז בלוט=יונג און אַן אויפגעשאָסענער, מיט אַ ראָזן קינדער=פּנים און קליינע סימנים פון באַקנבערדלעך ביי די אויערן.

— הער אַלבין — רופט אַ דאַמע הונטער אים — ברענגט ליבערשט אַרויס אייער פּאַלטאָ, טוט אים אָן. טוט עס מיר צוליב! זעקס וואָכן זענט איר געלעגן מיט אַ לונגן=אָנצינדונג און איצט זיצט איר אָן אַ אייבער=מלבוש און איר דעקט אייך אַפילו נישט צו און רויכערט פּאַפּיראָסן! דאָס הייסט אויספרווון גאָט, הער אַלבין, מיין ערנוואָרט!

אָבער יענער לאַכט נאָר חוזקדיק און גייט ווייטער. אין עטלעכע מינוט אַרום קומט ער צוריק מיטן רעוואָלווער. די ווייבער נעמען קוויטשען נאָך נאַרישער ווי פריער און מ'הערט, אַז אַ סך ווילן אויפשפרינגען פון די שטולן. זיי פּלאָנטערן זיך אין די קאָלדרעס און פאַלן.

— זעט, ווי קליין און בלאַנקענדיק ער איז — זאָגט הער אַלבין.— אָבער ווען איך גיב דאָ אַ קוועטש, נעמט ער שפּייען... אַ ניי געקוויטשעריי.. — פאַרשטייט זיך, אַז ר'איז אָנגעלאָדן — רעדט ווייטער הער אַלבין. — אין אָט דעם רערל זיצן זעקס פּאַטראָנען. ביי יעדן שאָס דרייט עס זיך אויס אויף אַ לאָך ווייטער... אַגב, האַלט איך די כּלי נישט אויף קאַטאָוועס — זאָגט ער, דערזעענדיק, אַז די ווירקונג ווערט שוואַכער. באַלד באַהאַלט ער דעם רעוואָלווער אין בוזים אַריין און זעצט זיך ווידער מיט פאַרלייגטע פיס אויף דער

שטול. דערביי פאַררוּיכערט ער אַ נייעם פּאַפּיראָס. — לחלוטין נישט אויף קאַטאָוועס — חזרט ער איבער און פּרעסט צונויף די ליפּן.

— צוליב־וואָס־דען? — פרעגן ציטערנדיקע קולות, פול מיט שלעכטן פאָרגעפיל. — ס׳איז אַ שרעק! — גיט פלוצלונג אַ גע־שריי איינע. הער אַלבין שאָקלט צו.

— איך זע, אַז איר הייבט אָן צו פאַרשטיין — זאָגט ער.— פּאַקטיש, דערצו האַלט איך אים — רעדט ער ווייטער לייכט און נישט געקוקט אויף דער איבערגעקומענער לונגען־אָנצינדונג, ציט ער אַריין אַ פולע רויך און לאָזט אים אַרויס. איך האַלט אים גרייט פאַר דעם טאָג, ווען דער גאַנצער טאַראַראַם דאָ וועט מיר ווערן לאַנגווייליק און ווען כ׳וועל האָבן דעם כּבוד מיך העפלעך צו געזע־גענען. דער ענין איז גאָר פּשוט.... איך האָב אַ ביסל שטודירט דאָס עסק און בין אינגאַנצן שוין פּאַרטיק מיט מיר בנוגע דעם, וואו ס׳איז אַמבעסטן „אַריינצוקנאַקן“ (ביים וואָרט „אַריינקנאַקן“ דערהערט זיך אַ געשריי). אין האַרץ אַריין איז נישט קיין עסק... דאָ איז נישטאָ, וואו באַקוועם צוצולייגן... כ׳האַלט, אַז ס׳איז בעסער אויסצוקלייבן דאָס באַוואוסטזיין תּיכף־ומיד. כ׳וועל דערפאַר מוזן איינגעמען אַ קליינע פּאָרציע אין אָט־דעם אינטערעסאַנטן אָרגאַן... דערביי ווייזט־אָן הער אַלבין מיט זיין ווייזפינגער אויף זיין קורץ־געשוירענעם בלאָנדן קאָפּ. דאָ מוז מען צולייגן — און הער אַלבין ציט אַרויס דעם פאַרניקלטן רעוואָלווער פון זיין בוזים־קעשענע און גיט אַ קלאַפּ מיטן מיילעכל איבער דער שלייף. — דאָ איבער דעם שלאָג־אָדער.... מ׳קאָן עס לייכט אָפּטאָן אַפילו אָן אַ שפּיגל...

מ׳דערהערט, ווי אַ סך שטימען בעטן זיך און פּראָטעסטירן. ס׳מישט זיך אַפילו אַריין אַ שטאַרק שלוכצן.

— הער אַלבין, הער אַלבין, נעמט אַוועק דעם רעוואָלווער, נעמט אַוועק דעם רעוואָלווער פון אייער שלייף! מ׳קאָן עס נישט צוקוקן! הער אַלבין, איר זענט יונג, איר וועט געזונט ווערן, איר וועט אייך אומקערן צום לעבן און זיין גליקלעך פון אייער ערפאָלג. מיין ערנוואָרט! טוט נאָר אָן אייער מאַנטל, לייגט אייך אַוועק, דעקט אייך צו, נעמט קוראַציע, יאָגט נישט אַרויס דעם באָדמייסטער, בעת ער קומט אייך אַיינרייבן מיט שפּירט! הערט אויף צו רויכערן פּאַפּי־

ראָסן, הער אַלבין, הערט אויס, ס׳גייט אין אייער לעבן, אין אַייער יונג, טייער לעבן.

אָבער מ׳קאָן ביים הער אַלבין גאָרנישט פּועלן.

— ניין, ניין — זאָגט ער. — לאָזט מיך, ס׳וועט שוין גוט זיין, אַ דאַנק. איך האָב נאָך אַ דאַמע קיינמאָל גאָרנישט אָפּגעזאָגט, אָבער איר וועט זיך אַליין איבערציינגן, אַז ס׳האָט נישט קיין זין זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם גורל. איך בין שוין דאָ דאָס דריטע יאָר... כ׳האָב עס שוין גענוג און וויל דאָס מער נישט מיטמאַכן — קאָנט איר האָבן פאַראיבל אויף מיר? אומהיילבאַר, מיינע דאַמען. אַזוי ווי איר זעט מיך דאָ זיצן, איך בין אומהיילבאַר. דער הויפראַט אַליין מאַכט אַ סוד דערפון בלויז, ווען ער שעמט זיך. פאַרגינט מיר דאָס ביסל פרייהייט, וואָס קומט מיר אַרויס דערפון. ס׳איז ווי אין גימנאַזיע, ווען ס׳איז באַשלאָסן, אַז מ׳בלייבט זיצן נאָך אַ יאָר און מ׳ווערט אויף איינמאָל פּטור פון אַלע פראַגן און מ׳דאַרף מער גאָרנישט טאָן. צו דעם דאָזיקן גליקלעכן צושטאַנד בין איך סוף-כּל-סוף ווידער דערגאַנגען. איך דאַרף מער גאָרנישט טאָן, איך ווער מער נישט גענומען אין באַטראַכט, איך לאַך מיך אויס פון אַלעמען. איר ווילט שאָקאָלאַד? — ביטע זייער! ניין, איר טוט מיר נישט קיין עוולה, כ׳האָב אַ גאַנצן פּאַק שאָקאָלאַד אין מיין צימער. אַכט באַזונדערע, פינף טעוועלעך גאַלאַ-פּעטער* און פיר פונט לינדט*-שאָקאָלאַד האָב איך ליגן אויבן. דאָס אַלץ האָבן מיר צוגעשטעלט די דאַמען פון דער סאַנאַטאָריע בשעת מיין לונגען-אָנצינדונג...

פון ערגעץ באַפעלט אַ באַס-שטים, ס׳זאָל זיין רויק, הער אַלבין גיט אַ קורצן לאַך — ס׳איז אַ פלאַטערנדיק-אָפּגעריסן געלעכטער. דערנאָך ווערט שטיל אין דער ליג-האַלע, אַזוי שטיל, גלייך ווי אַ חלום אָדער אַ זעונג וואָלט צערונען געוואָרן. מאָדנע קלינגען דער-נאָך אָפּ די אַרויסגערעדטע ווערטער אין דער שטיל-שוויַיגעניש. האַנס קאַסטאָרפּ הערט זיך צו, ביז זיי שטאַרבן אינגאַנצן אָפּ, און כאָטש ער

* באַקאַנטע שווייצערישע שאָקאָלאַד-פאַבריק.

איז מסופק, צי מאַכט נישט דער הער אַלבין אַן אָנשטעל, פּינ־ דעסטוועגן איז ער נישט פריי פון אַ געוויסער קנאה לגבי אים. בפרט האָט דער פאַרגלייך גענומען פון שול־לעבן געמאַכט אַן איינדרוק אויף אים, ווייל ער אַליין איז אייך געבליבן זיצן צוויי יאָר אין פינפטן קלאַס און ער דערמאָנט זיך אין דער אַ ביסל־בזיונותדיקער, אָבער גלייכצייטיק קאָמישער און אָנגענעם־פאַרוואָרלאָזטער צייט, ווען ער האָט אין פערטן קוואַרטאַל אויפגעהערט אַריינאַרבעטן און זיך אויסגעלאַכט „פון דער גאַנצער מעשה". אַזוי ווי זיינע רעיונות זיינען געווען טעמפּ און פאַרווירט, קומט ער נישט מיט זיי צו קיין טאָלק. בכלל דאַכט זיך אים, אַז די מענטשלעכע ערע האָט טאַקע גרויסע מעלות, אָבער די שאַנד האָט נישט ווייניקער, נאָך מער, די מעלות פון דער לעצטער זיינען ממש אָן אַ שיעור. ער פרוווט זיך זען אין הער אַלבינס הויט און שטעלט זיך פאָר, ווי אַזוי מ'מוז זיך פילן, ווען מ'פּטרט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּ די לאַסט פון יעדער ווערדע און מ'געניסט פון אַלע גוטע זייטן, וואָס ס'ברענגט מיט זיך די שאַנד. דעם יונגנמאַן באַפאַלט דערפון אַ שרעק און אַ געפיל פון אַ מין ווילסטער זיסקייט. זיין האַרץ נעמט צוליב דעם אייך אַ ווילע קלאַפּן נאָך האַסטיקער.

דער שטן מאַכט באַליידיקנדיקע פאָרשלאָגן

שפּעטער האָט ער פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין. אויפגעוועקט האָט אים אַ שמועס הינטער דער לינקער גלעזערנער וואַנט אין אויף זיין טאַשן־זייגערל איז שוין געווען האַלב פיר. ד"ר קראָקאָווסקי, וואָס גייט דעמאָלט אַרום צווישן די קראַנקע אָנע היפּראַט, האָט גערעדט רוסיש מיט דעם שלעכט־דערצויגענעם פּאָפּאָק, האָט זיך, ווייזט אויס, געפרעגט, ווי ס'שפּירט זיך דער מאַן און זיך געזען ווייזן די היץ־טאַבעלע. דערנאָך לאָזט ער זיך נישט ווייטער דורך די באַלקאָן־לאָזשעס, נאָר גייט צוריק אַרום אויפן קאָרידאָר, מיידט אויס האַנס קאַסטאָרפּס אָפּטייל און גייט אַריין צו יאָאַכימען דורך דער טיר פון צימער. דאָס, וואָס מ'היפּערט אים אַזוי אַרום איבער און

מ'לאָזט אים אַליין, האָט ער דערפילט פאַר אַ שטיקל באַליידיקונג, כאָטש ער האָט לחלוטין נישט קיין חשק געהאַט צו פאַרברענגען מיטן ד"ר קראָקאָווסקי אונטער פיר אויגן. אַוודאי, ער איז אַ געזונטער און קומט דאָ נישט אין חשבון אַריין. בײַ זיי דאָ אויבן — טראַכט ער — מיינט מען שוין, אַז דער, וואָס האָט דעם כּבֿוד צו זײַן געזונט, דאַרף שוין נישט גענומען ווערן אין חשבון און מ'ברויך אים אַפילו נישט פרעגן, וואָס ער מאַכט. דאָס האָט דעם יונגן קאַסטאָרפ פאַרדראָסן.

נאָכדעם ווי ד"ר קראָקאָווסקי האָט זיך געזוימט אַ צוויי־דריי מינוט בײַ יאָאַכימען, גייט ער ווײַטער לענג־אויס דעם באַלקאָן און האַנס קאַסטאָרפ הערט, ווי דער קוזין זאָגט, אַז מ'דאַרף אויפשטיין און זיך גרייט מאַכן צו דער פאַרנאַכט־מאָלצײַט. ווײַער פײַן — ענטפערט ער און שטייט אויף. אָבער פון לאַנגן ליגן, דרייט זיך אים דער קאָפּ. פון דעם אויסמאַטערנדיקן דרעמל איז אים דאָס פּנים ווידער פײַנלעך דערהיצט, דערבײַ נעמט אים אַ ביסל שווידערן — אפשר האָט ער זיך נישט גענוג גוט צוגעדעקט?

ער וואַשט די אויגן און די הענט, ברענגט אין אָרדענונג די האָר און די מלבושים און דערנאָך טרעפט ער זיך מיט יאָאַכימען אין קאָרידאָר.

— דו האָסט געהערט דעם דאָזיקן הער אַלבין? — פרעגט ער אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ.

— אַוודאי — זאָגט יאָאַכים. — דער מענטש וואָלט געדאַרפט דיסציפּלינאַריש באַשטראָפט ווערן. ער שטערט די גאַנצע נאָכמיטאָגדיקע רו מיט זײַנע פּלוידערייען און רעגט אַזוי אויף די דאַמען, אַז זיי פאַרלירן מער געזונט, וויפל ס'קומט זיי צו אין גאַנצע וואָכן. אַ גראָבע צעלאָזטקייט, אָבער ווער וויל דען זײַן דער מסור. אַחוץ דעם איז זײַן גערעדערײַ פאַרן רובֿ עולם אַ פאַרווײַלונג.

— ס'קאָן מעגלעך זײַן, מיינסטו — זאָגט האַנס קאַסטאָרפ — אַז ער מיינט ערנסט מיט זײַן „גלאַטן ענין", ווי ער רופט דאָס, און אַז ער וועט באמת „אײַננעמען די פּאָרציע"?

— אַך, אַוודאי, אינגאַנצן אוממעגלעך איז עס נישט — ענטפערט יאָאַכים. — אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך דאָ אויבן. צוויי חדשים

איידער איך בין אָנגעקומען אַהער, האָט אַ סטודענט, וואָס איז שוין דאָ געווען אַ לאַנגע צייט, נאָך אַ גענעראַל־אונטערזוכונג, זיך אויפגעהאַנגען דאָ אין וואַלד. די ערשטע טעג פון מיין אָנקומען האָט מען נאָך אַ סך גערעדט וועגן דעם.

האַנס קאַסטאָרפּ געגעצט אַן אויפגערעגטער.

— יאָ, גוט פיל איך מיך נישט ביי אַייך — זאָגט ער.— דאָס קאָן איך נישט זאָגן. ס'איז, דאַכט זיך, מעגלעך, אַז כ'וועל דאָ נישט קאָנען פאַרבלייבן, אַז כ'וועל מוזן אַוועקפאָרן. דו וועסט כאָטש נישט האָבן פאַראיבל?

— אַוועקפאָרן? — וואָס פאַלט דיר איין! — ענטפערט יאָאַכים. — אַ שטות! ביסט דאָך ערשט אָנגעקומען. ווי קאָנסטו דען משפטן נאָך דעם ערשטן טאָג!

— גאָט, ס'איז נאָך אַלץ דער ערשטער טאָג? — מיר דאַכט זיך, אַז כ'בין שוין דאָ לאַנג — לאַנג ביי אַייך אויבן.

— הייב נאָר ווידער נישט אָן צו פילאָסאָפירן וועגן דער צייט — זאָגט יאָאַכים. — האָסט מיך היינט אינדערפרי אינגאַנצן קעלביק געמאַכט.

— ניין, זיי רויק, כ'האָב שוין אַלץ פאַרגעסן — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ. — דעם גאַנצן קאָמפּלעקס. איצט איז מיר דער מוח שוין גאָרנישט שאַרף, ס'איז אַריבער... איצט גיט מען טיי?

— יאָ, און דערנאָך גייען מיר ווידער ביז צו דער באַנק, ווי אינדערפרי.

— מסכים. מיר זאָלן נאָר ווידער נישט טרעפן סעטעמברינין. כ'קאָן היינט נישט נעמען קיין אָנטייל אין קיין שום געבילדעטע שמועסן, דאָס זאָג איך דיר פאָרויס.

אין עס־זאַל דערלאַנגט מען אַלע משקאות, וואָס קאָנען נאָר אין דער שעה גענומען ווערן אין באַטראַכט. מיס ראָבינזאָן טרינקט ווידער איר בלוט־רויטע פעלד־רויזן־טיי און די יונגע קרובה זופט יאָגהורט מיט אַ לעפל. אַחוץ דעם איז פאַראַן מילך, טיי, קאַווע, שאָקאָלאַד, אַפילו יויך. די געסט, וואָס האָבן נאָכן זעטיקן מיטאָג פאַרברענגט צוויי שעה אין ליגן, שמירן מיט גרויס התמדה פוטער אויף גרויסע שטיקער ראָזשינקע־קוכן.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געלאָזט דערלאַנגען טיי און האָט אין איר אַריינגעטונקען סוכאַרעס. ער פּאַרזוכט אויך אַ ביסל מאַרמעלאַדע. דעם ראָזשינקע=קוכן באַטראַכט ער גענוי, אָבער ער ווערט ממש דערציטערט ביים געדאַנק, אַז מ׳קאָן דאָס עסן. ווידער זיצט ער אויף זיין אָרט אין זאַל מיט דער פאַרביק=און פּשוט=געמאָלטער געוועלבונג, מיט די זיבן טישן — שוין צום פערטן מאָל. אַ ביסל שפּעטער, זיבן אַ זייגער, זיצט ער דאָרטן צום פינפטן מאָל, דאָס איז שוין די אָוונט=מאָלצייט. אין דער צווישנצייט, וואָס איז געווען גאָר קורץ און נישט=אָנזעעוודיק, האָט מען געמאַכט אַ שפּאַציר צו יענער באַנק ביי דער באַרג=וואַנט, לעבן דעם טייכל. דער וועג איז איצט געווען פול מיט פּאַציענטן, אַזוי, אַז די קוזינען האָבן כסדר געמוזט גריסן זיך. דערנאָך האָט מען ווידער געמוזט נעמען ליג=קוראַציע אויפן באַלקאָן אָנדערטהאַלבן שעה, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען גיך אָן יעדער געשעעניש. האַנס קאַסטאָרפּן האָט דערביי פעסט געשווידערט.

צו דער אָוונט=מאָלצייט האָט ער זיך איבערגעטאָן און געזעסן איז ער — צווישן דער מיס ראָבינזאָן און דער לערערין. ר׳האָט געגעסן זשוליען=זופּ, געבאַקן און געבראָטן פלייש מיט צושפּייז, צוויי שטיקלעך פון אַ טאָרט, אין וועלכן ס׳איז געווען פון כל=המינים: מאַקאַראָנען=טייג, פּוטער=קרעם, שאָקאָלאַד, פּאָווידלע און מאַרציפּאַנעס, צום סוף אויך — זייער גוטער קעז מיט פּומפּערניקל. ווידער האָט ער זיך געהייסן דערלאַנגען דערצו אַ פלאַש קולמבאַכער. אָבער נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעליידיקט זיין הויך גלאָז ביז אין דער העלפט, — האָט ער דערשפּירט קלאָר און דייטלעך, אַז ער מוז זיך לייגן אין בעט אַריין. אין קאָפּ ביי אים האָט גערוישט, די וויעס פון זיינע אויגן זיינען שווער געווען, ווי בליי, זיין האַרץ האָט געזעצט, ווי אַ קליין פייקל. דערצו נאָך האָט ער זיך איינגערעדט אַן עגמת=נפש, אַז די שיינע מאַרושיאַ, וואָס זיצט איבערגעבויגן, באַהאַלט איר פּנים אין דער האַנט מיטן קליינעם רובין און לאַכט פון אים, הגם ער האָט זיך אַזוי אָנגעשטרענגט און באַמיט נישט צו געבן קיין סיבה דערצו. ווי פון גאָר ווייט האָט ער געהערט, ווי די פראָו שטער דערציילט אָדער זאָגט עפּעס און דאָס האָט אים אויסגעוויזן צו זיין

אַזוי משונה־ווילד, אַז ער איז אַריינגעפאַלן פון צעטומלונג אין אַ ספק, צי ער הערט עס באמת, אָדער פרוי שטערס ווערטער פאַרוואַנדלען זיך אין זיין קאָפּ אין אַזעלכע נאַרישקייטן. אָט טענהט זי, אַז זי קאָן מאַכן אַכט־און־צוואַנציק מינים פיש־יויך. זי האָט דעם מוט דאָס צו זאָגן, כאָטש איר אייגענער מאַן האָט זי געוואָרנט, זי זאָל נישט ריידן דערוועגן. „רייד מיר נישט דערוועגן". — האָט ער געזאָגט — קיינער וועט עס דיר נישט גלייבן און ווען מ'וועט אַפילו יאָ גלייבן, וועט מען עס האַלטן פאַר נאַריש. — פונדעסטוועגן וויל זי עס היינט פּאָרט זאָגן און אָפן געבן צו וויסן, אַז זי קאָן מאַכן אַכט־און־צוואַנציק מינים פיש־יויך. דעם אָרעמען האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דאָס אויסגעוויזן שרעקלעך. ער איז דערציטערט געוואָרן, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט ביים שטערן און האָט לחלוטין פאַרגעסן צו צעקייען און אַראָפּצושלינגען אַ ביסן פּומפּערניקל מיט טשעסטער. ער האָט אים נאָך געהאַלטן אין מויל, ווען מען איז שוין אויפגעשטאַנען פונם טיש.

מ'גייט אַרויס דורך דער גלעזערנער טיר פון לינקס, יענע פאַטאַלע טיר, וואָס איז כסדר צוגעפאַלן און וועלכע האָט געפירט גלייך אין דער פאָדערשטער האַלע אַריין. כמעט אַלע זיינען געגאַנגען דאָ־אַרום, ווייל ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער צייט נאָך דער אָוונט־מאָלצייט קומט פאָר אין דער האַלע און אין די שכנותדיקע צימערן אַ מין געזעלשאַפטלעכער צונויפקום. דאָס רוב פּאַציענטן שטייט אין קליינע גרופּן און משמועסט. ביי צוויי גרין־אויסגעשלאָגענע קלאַפּ־טישן ווערט געשפּילט. ביי איין טיש — דאָמינאָ, ביים אַנדערן — ברידזש. געשפּילט האָבן בלויז יונגעלייט, צווישן זיי דער הער אַלבין און הערמינע קלעפעלד. אין ערשטן סאַלאָן זיינען אויך געווען אַ פּאָר אָפּטישע חפצים: אַ סטערעאָסקאָפּישער קוק־קאַסטן, דורך וועמענס שייבלעך מען האָט געזען די אינעווייניק־אַריינגעשטעקטע פאָטאָגראַפיעס — צום ביישפּיל אַ ווענעציאַנישן גאָנדאָליער — זייער בולט, אָבער גליווערנדיק און בלוטלאָז. ווייטער איז געווען אַ שפּאַקטיוו־פאָרמיקער קאַליידאָסקאָפּ. ווען מ'האָט בלויז לייכט געדרייט ביי אַ רעדל און צוגעלייגט איין אויג צום שייבל, האָט מען געזען אַ סך קאָלירטע שטערן און אַראַבעסקן אין אַ פאַר־

פּישופּטן געווירבל. צום סוף איז אויך געווען אַ סטראָבאָסקאָפּ, אין וועלכן מ'האָט אַריינגעלייגט פילם־פּאַסן. ווען מ'האָט ווייטיק אַריינגע־געקוקט אין דער עפענונג, האָט מען דאָרטן געזען, ווי אַ מילנער שלאָגט זיך מיט אַ קוימענקערער, אַ לערער, וואָס שלאָגט אַ תלמיד, אַ שפּרינגענדיקן שטריק־טענצער און אַ פּויעריש פּאָרל, וואָס דרייט זיך אין דאָרפישן טאַנץ. האַנס קאַסטאָרפּ האָט פּאַרלייגט די קאַלטע הענט אויף די קניען און האָט אַ לענגערע צייט געקוקט אין יעדן אַפּאַראַט באַזונדער. ער איז אויך אַ ביסל געשטאַנען בײַם ברידזש־טיש, וואו דער אומהיילבאַרער הער אַלבין מיט די אַראָפּהענגענדיקע מויל־ווינקלען האָט מיט וועלטמענטש־ביטלד'קע באַוועגונגען געהאַלטן די קאָרטן. אין אַ ווינקל איז געזעסן ד"ר קראָקאָווסקי, פאַרנומען אין אַ פרישן און האַרציקן שמועס מיט אַ רעדל דאַמען, וואו ס'זיינען גע־שטאַנען פרוי שטער, פרוי אילטיס און פרייליין לעווי. די זיצער פון גוטן רוסן־טיש האָבן זיך צונויפגענומען אין דעם שכנותדיקן קליי־נעם סאַלאָן, וואָס איז אָפּגעצוימט געווען פון שפּיל־צימער בלויז מיט פּאָרטיערן. זיי האָבן דאָרטן געשאַפן אַ אינטימע גרופּע. אויסער דער מאַדאַם שאָשאַ, איז דאָרטן געווען אַ בלאָנד־בערדיקער אָפּגעלאָזע־נער מאַנספּיל מיט אַן איינגעפאַלענעם ברוסט־קאַסטן און אויסגע־גלאָצטע אויגן־אַפּלען, אַ טיף־ברונעט מיידל, וואָס האָט אויסגעזען אָריגינעל און פריילעך, מיט גאָלדענע אוירינגלעך און צעשויבערטע געקרייזלטע האָר. ס'איז דאָרט אויך געווען ד"ר בלומענקאָל, וואָס האָט זיך געחבֿרט מיט זיי, אַחוץ אים — נאָך צוויי בחורימלעך מיט אַראָפּהענגענדיקע אַקסלען. מאַדאַם שאָשאַ האָט געטראָגן אַ בלוי קלייד מיט אַ ווייסן קראַגן מיט שפּיצן. זי איז געזעסן, ווי דער מיטל־פּונקט פון דער גרופּע, אויף דער סאָפע הינטער דעם קיילעכיקן טיש, אין הינטערגרונט פון דעם קליינעם סאַלאָנדל, מיטן פּנים צום שפּיל־צימער. האַנס קאַסטאָרפּ קאָן נישט אַנדערש אָנקוקן די פרוי, ווי מיט ביטול, און ער טראַכט בײַ זיך: זי דערמאָנט מיך אין עפּעס, אָבער כ'געדענקט נישט, אין וואָס... אַ לאַנגער מענטש בערך פון אַ יאָר דרייסיק מיט שיטערע האָר אין קאָפּ שפּילט אויפן קליינעם, ברוי־נעם פּאָרטעפּיאַן דריי מאָל נאָכאַנאַנד דעם חתונה־מאַרש פון „אַ חלום פון אַ זומערנאַכט" און: אַז עטלעכע דאַמען בעטן אים, גיט ער

יעדער איינער שווייגנדיק טיף אַ קוק אין די אייגן אַריין און הייבט אָן דעם מעלאָדישן מאַרש צום פערטן מאָל.

— קאָן מען פרעגן, וואָס איר מאַכט, אינזשיניער? — פרעגט סעטעמבריני, וואָס דרייט זיך אַרום צווישן די געסט מיט די הענט אין די הויזנקעשענעס און שטעלט זיך אַוועק צום סוף פאַר האַנס קאַסטאָרפ... ער טראָגט נאָך אַלץ זיין גרויען, האָריקן ראָק מיט די העל־געקראַטעטע הויזן. ער הייבט אָן צו ריידן מיט אַ שמייכל און האַנס קאַסטאָרפ דערפילט ווידער אַ מין אויסניכטערונג, בשעת ער קוקט אָן דאָס פיינע און שפּאָטיש־פאַרצויגענע מויל־ווינקל דאָרטן, וואו די שוואַרצע וואָנס איז אַרויפגעדרייט. פונדעסטוועגן קוקט ער אין דעם איטאַליענער היפּש פאַרווירט, מיט אַ געעפנט מויל און רויט־אָנגעלאָפענע אויגן.

— אַך, איר זענט עס — זאָגט ער — דער הער, וועלכן מיר האָבן היינט אינדערפרי ביים שפּאַציר געטראָפן לעבן דער באַנק אויבן... ביים טייכל... יאָ, כ'האָב אייך תיכּף דערקאָנט. איר וועט מיר גלויבן — רעדט ער ווייטער, כאָטש ער פילט תיכּף, אַז ער דאַרף עס נישט זאָגן — די ערשטע רגע האָט איר מיר אויסגעוויזן, ווי אַ קאַטאַרינאַזש... דאָס איז, נאַטירלעך, אַ שיגעון — גיט ער צו, זענענדיק, אַז סעטעמבריניס בליק נעמט־אָן אַ קיל־פאָרשנדיקן אויסדרוק. — בקיצור, אַ געוואַלדיקע טיפּשות! כ'קאָן אַפילו בשום־אופן נישט באַגרייפן, ווי אַזוי כ'האָב גאָר געקאָנט...

— האָט נישט קיין עגמת־נפש, ס'שאַדט נישט — ענטפערט סעטעמבריני, נאָכדעם ווי ער באַטראַכט נאָך אַ ווײַלע שווייגנדיק דעם יונגנמאַן — ווי־זשע איז אייך אַוועק דער טאָג — דער ערשטער טאָג אייער אין אָט דעם פריילעכן אָרט?

— אַ שיינעם דאַנק, אינגאַנצן לויט דעם אָנגענומענעם סדר — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפ. — ס'רוב האָריזאָנטאַל, ווי איר האָט עס ליב אָנצורופן.

סעטעמבריני שמייכלט.

— ס'קאָן זיין, אַז כ'האָב מיך טאַקע אַזוי אויסגעדריקט ביי אַ געלעגנהייט — זאָגט ער. — נו, און דער טאָג איז אייך אַדורך גיך ביי אַזאַ מין לעבן?

— סײ גיך, סײ פּאַמעלעך, װי מ'װיל — ענטפֿערט האַנס קאַסטאָרפּ. — טײלמאָל איז, זעט איר, זײער שװער אונטערצושײדן. כ'האָב מיך לחלוטין נישט געלאַנגװײליקט — דערױף איז צו לעבעדיק בײַ אײַך דאָ אױבן. מ'זעט און מ'הערט זיך דאָ אָן מיט אַזױפֿיל אױסטערלישע און נײַע זאַכן... פֿון דער צװײטער זײַט האָב איך אַ געפֿיל, גלײַך װי כ'װאָלט שױן דאָ געװען נישט אײן טאָג, נאָר אַ לאַנגע צײַט, — עפּעס אַזױ, װי כ'װאָלט שױן דאָ געװאָרן עלטער און קליגער, אַזױ קומט עס מיר פֿאָר.

— קליגער אױך? — זאָגט סעטעמבריני און פֿאַרציט הױך די ברעמען. — דערלױבט מיר צו פֿרעגן: װי אַלט זענט איר אײגנטלעך?

אָבער אַ מאָדנע זאַך, האַנס קאַסטאָרפּ געדענקט נישט! אין דער רגע װײסט ער נישט, װי אַלט ער איז, כאָטש ער שטרענגט זיך אָן שטאַרק און אַפֿילו פֿאַרצװײפֿלט צו דערמאָנען זיך. כּדי צו געװינען צײַט, לאָזט ער סעטעמברינין איבערחזרן די פֿראַגע און ענטפֿערט דערנאָך:

— ...איך... װי אַלט? כ'בין, פֿאַרשטײט זיך, אין פֿיר־און־צװאַנציקסטן. בקרוב װער איך פֿיר־און־צװאַנציק. זײַט מיר מוחל, כ'בין מיד — זאָגט ער, — און מידקײט איז נאָך אױך נישט דער ריכטיקער אױסדרוק פֿון מײַן איצטיקן צושטאַנד. איר װײסט פֿון דעם פֿאַל: ס'חלומט זיך און מ'װײסט, אַז ס'איז אַ חלום, מ'װיל זיך אױפֿכאַפּן און מ'קאָן נישט? אַקוראַט אַזױ, פֿיל איך מיך איצט. כ'מוז גאַנץ זיכער האָבן היץ, אַנדערש קאָן איך עס מיר גאָרנישט אױסטײַטשן. איר װעט מיר גלױבן, אַז ביז אַרױף צו די קניען האָב איך קאַלטע פֿיס? כ'װײס נישט, צי מ'קאָן זיך אַזױ אױסדריקן, װײַל די קניען געהערן דאָך שױן נישט צו די קאַלטע פֿיס. אַנטשולדיקט, כ'בין אינגאַנצן צעטומלט. און ס'איז אױך נישט קײן װאונדער. באַלד אינדערפֿרי האָט מען מיר אַ פֿײַף געטאָן מיט דעם פּנעװמאָטאָראַקס, דערנאָך האָב איך מיך געמוזט אָנהערן די אַלע רײד פֿונעם הער אַלבין און דערצו נאָך — אין אַ האָריזאָנטאַלער לאַגע. ־שטעלט אײַך פֿאָר, כ'האָב כּסדר דאָס געפֿיל, אַז כ'קאָן מיך מער נישט פֿאַרלאָזן אױף די פֿינף חושים מײַנע און דאָס זשעניִרט מיך נאָך מער, װי די היץ אין פּנים און די קאַלטע פֿיס. זאָגט מיר

אָפּן, איר האַלט עס פֿאַר מעגלעך, אַז די פֿרוי שטער זאָל קאָנען קאָכן אַכט־און־צוואַנציק מינים פֿיש־יויך? כ'מיין נישט, צי זי קאָן עס באמת קאָכן — דאָס, האַלט איך, איז אויסגעשלאָסן. נאָר — צי זי האָט עס פּאַקטיש פֿריער געזאָגט ביים טיש, אָדער ס'האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט, — אָט דאָס וואָלט איך געוואָלט וויסן.

סעטעמבריני קוקט אים אָן. ס'זעט אויס, ווי ער וואָלט גאָרנישט געוווּען געהערט. ווידער האָבן זיך זיינע אויגן „פֿאַרקוקט“, האָבן באַקומען אַ טעמפּן און בלינדן אויסדרוק, און ווי היינט אינדערפֿרי, זאָגט ער אויך איצט דריי מאָל: אַסוי, אַסוי, אַסוי, סע, סע, סע,— חוזקדיק פֿאַרטראַכט און מיט אַ שאַרפֿער „ס“..

— פֿיר־און־צוואַנציק, זאָגט איר? — פֿרעגט ער דערנאָך...

— ניין, אַכט־און־צוואַנציק — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — אַכט־און־צוואַנציק מינים פֿיש־יויך. נישט יויכן בכלל, נאָר ספּעציעל פֿיש־יויך. דאָס איז דאָס אויסטערלישע.

— איזשיניער — זאָגט סעטעמבריני צאָרנדיק און מיט וואָרעניש — באַרויִקט אייך און לאָזט געמאַך מיט דער דאָזיקער צעלאָזענער טיפּשות. איך ווייס גאָרנישט וועגן דעם און וויל דערפֿון נישט וויסן. אין פֿיר־און־צוואַנציקסטן יאָר, זאָגט איר? הם... דערלויבט מיר אַ פֿראַגע אָדער, בעסער געזאָגט, אַ פֿאָרשלאָג. היות אייער זיין דאָ דינט אייך נישט, ווי ס'זעט אויס, און איר פֿילט אייך נישט ביי אונז גוט, סיי קערפּערלעך, סיי גייסטיק, אויב כ'האָב נישט קיין טעות — טאָ וואָס־זשע וואָלט געווען, ווען איר דערפֿירט נישט אין דער לאַנגער באַנק אַריין, קורץ: ווען איר פּאַקט אייך נאָך היינט איין און איר לאָזט אייך אַוועק מיטן מאָרגנדיקן שנעל־צוג?

— איר מיינט, כ'זאָל אַוועקפֿאָרן? — פֿרעגט האַנס קאַסטאָרפּ... כאָטש כ'בין ערשט אָנגעקומען? ניין, ווי אַזוי קאָן איך משפּטן לויטן ערשטן טאָג!

צופֿעליק גיט ער בשעת־מעשה אַ קוק אין דערנעבנדיקן צימער און דערזעט דאָרטן פֿרוי שאָשאַ פֿון פֿאָרנט, אירע שמאָלע אויגן און די ברייטע באַקנביינער. אין וואָס, טראַכט ער, אין וואָס און אין וועמען דערמאָנט זי מיך פֿאָרט? אָבער זיין מידער קאָפּ איז נישט בכוח צו ענטפֿערן דערויף, כאָטש ער שטרענגט זיך אַ ביסל אָן.

— נאַטירלעך, קומט מיר נישט אַזוי לייכט אָן מיך צו אַקלימאַטיזירן בײַ אײַך אויבן — רעדט ער ווייטער — דאָס האָט מען דאָך געקאָנט פאָרויסזען. אָבער תּיכּף זיך דערשרעקן און אַנטלויפן בלויז דערפאַר, ווייל כ'וויל די ערשטע פּאָר טעג זיין אַ ביסל צעטומלט און האָבן אַ הייס פּנים — דאָס וואָלט געווען פאַר מיר אַ חרפּה. כ'וואָלט מיר אַליין פאָרגעקומען ווי אַ פּחדן א"ז, אַחוץ דעם, וואָלט עס געווען אינגאַנצן קעגן שכל, — ניין, זאָגט איר אַליין...

ער רעדט פּלוצלונג עקשנותדיק, שאָקלט צו פון אויפרעגונג מיט די אַקסלען און זעט־אויס, ווי ער וואָלט געוואָלט אײַנרײדן דעם איטאַליענער, יענער זאָל פאָרמעל צוריקציען זיין פאָרשלאָג..

— פאַר שכל בויג איך דעם קאָפּ — ענטפערט סעטעמבריני.— איך בויג, אַגב, אויך דעם קאָפּ פאַר מוטיקייט. דאָס, וואָס איר זאָגט, לאָזט זיך הערן, ס'איז אויך שווער צו געפינען אַ רעכטע טענה קעגן דעם. איך האָב אויך צוגעזען שיינע פאַלן בײַ אַקלימאַטיזאַציע. פאַראַיאָרן איז דאָ געווען איינע אַ פרײַלין קנייפער, אָטיליע קנייפער, פון אַ גאַנץ פיינער משפּחה, אַ טאָכטער פון אַ העכערן מלוכה־באַאַמטן. זי איז דאָ אָפּגעווען אָנדערטהאַלבן יאָר און האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט אײַנגעלעבט, אַז ווערנדיק אינגאַנצן געזונט — אַמאָל טרעפט, אַז מ'ווערט דאָ געזונט אויך — האָט זי בשום־אופן נישט געוואָלט אַוועק. זי האָט זיך געבעטן בײַם הויפּראַט מיטן גאַנצן האַרץ, ר'זאָל זי נאָך לאָזן בלייבן. זי קאָן נישט און וויל נישט אַהיימפאָרן, דאָ איז איר היים, דאָ איז זי גליקלעך. כ'איז אָבער דעמאָלט געווען גרויס שפע און מ'האָט געדאַרפט האָבן איר צימער — ממילא האָבן נישט געפועלט אירע בקשות און מ'האָט זיך אײַנגעעקשנט זי אויסצושרייבן ווי אַ געזונטע. פּלוצלונג קריגט אָטיליע גרויס היץ, איר דיאַגראַמע נעמט זיך היפּש הייבן. אָבער מ'האָט זי תּיכּף דעמאַסקירט, ווייל אָנשטאָט אַ געוויינלעכן טערמאָמעטער האָט מען איר געגעבן אַ „שטומע שוועסטער". איר ווייסט נאָך נישט, וואָס דאָס איז. עס איז אַ טערמאָמעטער אָן ציפערן. ווען דער דאָקטאָר וויל אים קאָנטראָלירן, לייגט ער צו אַ מאָס און צייכנט אַליין די דיאַגראַמע. ווײַזט זיך אַרויס, אַז אָטיליע, מיין הער, האָט 9,36, האָט נישט קיין היץ. אָבער יענע האָט זיך

ספּעצעל געבאָרן אין דער אָזערע, ס'איז דעמאָלט געווען אָנ־הייב מאַי, ביינאַכט זיינען געווען פרעסט, די אָזערע איז נישט געווען דווקא אייז־קאַלט, ס'איז געווען עטלעכע גראַד איבער נול, גענוי גענומען. זי איז אַ היפּשע ווילע געזעסן אין וואַסער, אַבי עפּעס צו קריגן. וואָס, מיינט איר, איז אַרויסגעקומען? — זי איז געבליבן געזונט, ווי געווען. זי איז אַוועק אַ פאַרצרהטע און אַ פאַרצווייפלטע, און זיך גאָרנישט געלאָזט טרייסטן פון אירע על־טערן. וואָס וועל איך טאָן אונטן? — האָט זי געהאַלטן אין איין טענהן — דאָ איז מיין היים. — כ'ווייס נישט, וואָס ס'איז פון איר געוואָרן... דאַכט זיך, אַז איר הערט מיך גאָרנישט, אינזשי־ניער? ס'קומט אייך אָן שווער צו האַלטן זיך אויף די פיס, אויב כ'האָב נישט קיין טעות. לייטענאַנט, דאָ האָט איר אייער קוזין! — ווענדט ער זיך צו יאָאַכימען, וואָס קומט גראָד צו. — לייגט אים אין בעט אַריין. אין אים פאַראייניקן זיך שכל און מוט, אָבער היינט אינאָוונט איז ער אַ ביסל אָפּגעשוואַכט.

— ניין, באמת, כ'האָב אַלץ פאַרשטאַנען — פאַרזיכערט האַנס קאַסטאָרפּ. — די „שטומע שוועסטער" איז בלויז אַ קוועקזילבער־רערל, אינגאַנצן אָן ציפערן. איר זעט, כ'האָב עס אינגאַנצן פאַר־שטאַנען. באַלד דערנאָך זעצט ער זיך אַריין אין דער ווינדע מיט יאָאַכימען און מיט נאָך אַ סך אַנדערע פּאַציענטן. דער צונויפקום איז געענדיקט פאַרן היינטיקן טאָג, מ'צעגייט זיך, ווער אין די האַ־לעס און ווער אין די לאָזשעס אויף אָוונטיקער ליג־קוראַציע. האַנס קאַסטאָרפּ גייט אַריין צו יאָאַכימען אין צימער. דער דיל פון קאָרי־דאָר מיטן קאָקאָס־דיוואַן פאַליעווען זיך לייכט אונטער די טריט, אָבער ס'איז נישט געווען באַזונדערס אומאָנגענעם. ער זעצט זיך אַוועק אויף יאָאַכימס גרויסער געבלימלטער לען־שטול — ביי אים אין צימער איז אויך געשטאַנען אַזאַ שטול — און פאַררויכערט אַ מאַריאַ מאַנציני. ער פילט אין איר אַ טעם פון קלעי, קוילן און נאָך אַנ־דערע ריחות, בלויז נישט דעם, וואָס מ'דאַרף שפּירן. פונדעסט־וועגן רויכערט ער אים ווייטער. בשעת־מעשה קוקט ער זיך צו, ווי יאָ־אַכים פּאָרעט זיך ביים לייגן זיך, טוט אָן זיין שטוב־קורטקע, וואָס איז ווי פון אַ אוניפאָרם, איבער איר — אַן אַלטן פּאַלטאָ, נעמט זיין

נאַכטלעמפּל מיט דעם רוסישן לערנבוך און גייט אַרויס אויפֿן באַל־קאָן. דאָרטן צינדט ער אָן דאָס לעמפּל, שטעקט אַריין דעם טעדמאָ־מעטער אין מויל, זעצט זיך אַוועק אויף דער ליג־שטול און נעמט מיט אַן אויסטערלישער פֿלינקייט זיך אַרומוויקלען מיט די צוויי גרויסע דעקעס — פֿון קעמל־האָר, וועלכע זיינען שוין געלעגן אויס־געשפּרייט אויף דער ליג־שטול פֿון פֿריער. האַנס קאַסטאָרפּ קוקט זיך צו מיט אמתדיקער באַוואונדערונג, ווי פֿלינק יענער מאַכט עס. ער פֿאַרוואַרפֿט איבער זיך די דעקעס, איינע נאָך דער אַנדערער, פֿריער אין דער לענג פֿון לינקס ביז אונטערן אַקסל, דערנאָך פֿון אונטן איבער די פֿיס און דערנאָך — פֿון רעכטס, אַזוי, אַז ער שטעלט מיט זיך סוף־כּל־סוף פֿאָר אַ מין גלייכן און גלאַטן פּאַקעט, פֿון וועלכן ס׳שטאַרן אַרויס בלויז דער קאָפּ, די אַקסלען און די הענט.

— דו מאַכסט עס אויסגעצייכנט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— ס׳איז אַ געוווינונג — ענטפֿערט יאָאַכים און בשעת ער רעדט, האַלט ער צו דעם טערמאָמעטער מיט די ציין — דו וועסט עס דיך אויך אויסלערנען. מאָרגן מוזן מיר אומבאַדינגט איינהאַנד־לען אַ פּאָר דעקעס פֿאַר דיר. זיי וועלן דיר אונטן אויך צונוץ קומען. דאָ, ביי אונז, קאָן מען זיך אָן דעם נישט באַגיין, בפֿרט נאָך, אַז דו האָסט נישט קיין פּעלצענעם זאַק.

— איך וועל מיך אָבער ביינאַכט נישט לייגן אויפֿן באַלקאָן — טענהט האַנס קאַסטאָרפּ. — דאָס וועל איך נישט טאָן, איך זאָג עס דיר גלייך. ס׳וואָלט מיר אויסגעקומען משונה. יעדע זאַך האָט איר גרענעץ. כ׳מוז סוף־כּל־סוף ווי עס איז וויזן, אַז כ׳בין בלויז צו־גאַסט ביי אייך אויבן. כ׳וועל נאָך דאָ זיצן אַ ביסל און רויכערן אַ ציגאַר, ווי דער שטייגער איז. אַ געשמאַק האָט ער איצט אַ פֿאַס־קודנעם, אָבער כ׳ווייס, אַז ר׳איז גוט און לעת־עתּה מוז איך מיך באַנוגענען דערמיט. איצט איז שוין באַלד ניין אַ זייגער, ליידער איז נאָך אַפֿילו ניין אויך נישט. אָבער אַרום האַלב צען וועט שוין ווי ס׳איז זיין די צייט, ווען מ׳קאָן גיין שלאָפֿן.

אַ שוידער לויפֿט אים אַדורך די ביינער, פֿריער איינער און דערנאָך איינער נאָכן אַנדערן. האַנס קאַסטאָרפּ שפּרינגט אויף פֿון אָרט און לויפֿט־צו צום וואַנט־טערמאָמעטער, גלייך ווי ער וואָלט אים

געוואָלט כאַפּן בײ דער האַנט. אין צימער איז נײן גראַד רעאָמור. ער טאַפּט אָן די רערן פון דער צענטראַל־באַהײצונג און זעט, אַז זײ זײנען טויט און קאַלט. ער רעדט עפּעס אַ צעטומלטער, מער־װײניקער דאָס, אַז כאָטש ס׳איז אַװגוסט, איז אַ בושה און אַ חרפּה, הלמאי מ׳הײצט נישט, װײל ס׳גײט נישט אין די חדשים פון קאַלענדאַר, נאָר אין דער טעמפּעראַטור, און די טעמפּעראַטור איז אַזעלכע, אַז ער װערט געפרױרן װי אַ הונט. אָבער זײן פּנים ברענט בּונדעסטװעגן. ער זעצט זיך װידער אַװעק, שטײט נאָכאַמאָל אויף, בעט מורמלענדיק יאָאַכימען, ער זאָל אים דערלױבן צו נעמען די קאָלדרע פון זײן בעט און שפּרײט זי אויס — זיצנדיק אויף דער שטול—איבערן אונטערשטן טײל קערפּער. אַזוי זיצט ער, אַ דערהיצטער און אַ שװידערנדיקער, און פּײניקט זיך מיט דעם ציגאַר, װאָס האָט אַ פּאַסקודנעם געשמאַק. ס׳באַפאַלט אים אַ געפיל פון גרױסער עלנט, ס׳דאַכט זיך אים, אַז ס׳איז אים נאָך קײנמאָל אין לעבן נישט געװען אַזוי שלעכט. — דאָס איז אַ צרה — מורמלט ער. פּלוצלונג כאַפּט אים אָן יאַ מאָדנע אויסגעלאַסן געפיל פון פרײד און האָפענונג. באַלד נאָך דעם הערט ער זיך צו צו זיך אַלײן און װאַרט אָפּ, צי דאָס געפיל װעט װידער קומען. אָבער נײן, עס איז נישט געקומען, די מרה־שחורה עסט װײטער. און אַזוי שטײט ער צום סוף אויף, װאַרפט צוריק אַרױף יאָאַכימס קאָלדרע אויפן בעט, מורמלט אַרױס מיט אַן אויסגעקרימט מויל עפּעס אַזוי װי: „אַ גוטע נאַכט", „װער נאָר נישט געפרױרן" און — „קום אַרײן נאָך מיר מאָרגן פאַרן פרישטיק". באַלד דערנאָך טשאַפּעט ער אַװעק דורכן קאָרידאָר אין זײן צימער אַרײן.

בײם אויסטאָן זיך זינגט ער צו, אָבער נישט פון פרײלעכקײט. מעכאַניש און אָן שום כּוונה פּטרט ער אָפּ די קלײנע געװײנקײטן און די קולטורעלע פליכטן פון דער נאַכט־טואַלעט, גיסט אַרײן העלרויט שװענק־װאַסער פון רײזע־פלאַקאָן אין גלאָז אַרײן און גאָרגלט שטילערהײט אין האַלז. ער װאַשט די הענט מיט זײן גוטער און צאַרטער פיאָלקן־זײף און טוט אָן דאָס לאַנגע באַטיסטענע העמד, װאו אויף דער ברוסט־קעשענע זײנען אויסגעהאַפטן די אותיות ה. ק. דערנאָך לײגט ער זיך, לעשט אויס דעם לאָמפּ און װאַרפט אַנידער

זיין הייסן, צעדולטן קאָפּ אויף דעם קישן, וואו די אַמעריקאַנערין איז ערשט נישט לאַנג געשטאָרבן.

ער האָט זיך זיכער געריכט, אַז ער וועט תּיכּף אַנטשלאָפן ווערן. אָבער ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות און זיינע ווייעס, וואָס זיינען פריער צוגעפאַלן פון מידקייט, ווילן זיך איצט בשום־אופן נישט צומאַכן. תּיכּף ווי ער מאַכט זיי צו, עפענען זיי זיך אומרויק און פינטלענדיק. ס'איז נאָך נישט זיין געוויינלעכע שלאָף־צייט, טראַכט ער, אַחוץ דעם איז ער אין משך פון טאָג צופיל געלעגן. דערצו קלאַפּט מען נאָך אינדרויסן אויס אַ טעפּעך. דאָס קאָן אַפילו נישט געמאָלט זיין. פאַקטיש האָט זיך עס נישט אָנגעהויבן. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס קלאַפּן פון זיין אייגן האַרץ הערט ער, ווי עס וואָלט געקומען פון ערגעץ ווייט, אַקוראַט אַזוי ווי מ'וואָלט אינדרויסן אויסגעקלאַפּט אַ טעפּיך מיט אַ געבלאָכטענעם רוּיר־קלאַפּער.

אין צימער איז נאָך נישט אינגאַנצן פינסטער. די שיין פון די לעמפלעך אין די לאָזשעס ביי יאָאַכימען און ביים פאָרפּאָלק פון שלעכטן רוסן־טיש, פאַלט אַריין דורך דער אָפענער באַלקאָן־טיר. ליגנדיק אַזוי אויפן רוקן מיט צעפינטלטע ווייעס, ווערט פון דער העלער הייט אויפגעפרישט אין קאַסטאָרפן אַן איינדרוק, איין איינציקער אין משך פון טאָג, אַ בילד, וואָס ער האָט מיט שרעק און צוליב סובטעלקייט תּיכּף זיך באַמיט צו פאַרגעסן. ס'איז דער אויסדרוק, וועלכן יאָאַכימס פּנים האָט אָנגענומען, ווען מ'האָט גערעדט וועגן מאַדושיאַ און אירע קערפּערלעכע אייגנשאַפטן. יאָאַכים האָט בשעת־מעשה אַזוי מאָדנע נעבעכדיק אויסגעקרימט דאָס מויל און זיין ברוין פּנים איז אַזוי פלעקיק־בלאַס געוואָרן. האַנס קאַסטאָרפּ פאַרשטייט עס איצט און דערזעט עס אויף אַזאַ נייעם, גענויעם און אינטימען אופן, אַז דער רויר־קלאַפּער אינדרויסן נעמט קלאַפּן טאָפּלט אַזוי שטאַרק און טאָפּלט אַזוי גיך און ער פאַרטויבט כמעט די קלאַנגען פון דער אָוונט־מוזיק אין „פּלאַץ". וואָרעם אונטן איז ווידער אַ קאָנצערט אין יענעם האָטעל. אַ ס'מעטרישע און באַנאַלע מעלאָדיע פון אַן אָפּערעטקע טראָגט זיך אין דער טונקלקייט און האַנס קאַסטאָרפּ האָט צוגעפייפט שעפּטשענדיק (מ'קאָן שעפּטשענדיק פייפן

אויך), בשעת=מעשה האָט ער מיט זיינע קאַלטע פיס אונטער דער קאָלדרע צוגעקלאַפּט צום טאַקט.

דאָס איז, נאַטירלעך, דאָס בעסטע מיטל נישט אַנטשלאָפן צו ווערן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט איצט אויך נישט קיין חשק דערצו. זינט ער האָט אויף אַזאַ מאָדנעם און לעבעדיקן אופן דערשנאַפּט, פאַרוואָס יאָאַכים האָט געקריגן אַזעלכע קאָלירן, זעט אים אויס די וועלט ניי און ווידער כאַפּט אים אַרום ביז דער סאַמע טיפעניש יענץ געפיל פון אויסגעלאַסענער פרייד און האָפענונג. אגב, ריכט ער זיך אויף עפּעס, כאָטש ער ווייסט אַליין נישט אויף וואָס. דערהערנדיק, אַז די שכנים פון רעכטס און פון לינקס שטייען=אויף פון דער ליג=קוראַציע און גייען אַריין אין זייערע צימערן, כדי צו פאַרבייטן די „האָריזאָנטאַלע לאַגע" פון דרויסן אויף פונקט אַזאַ לאַגע אין שטוב, פרוווט ער זיך אַליין צו איבערצייגן, אַז דאָס באַרבאַרישע פאָרפאָלק וועט זיך דאָסמאָל האַלטן רויק. כ'קאָן רויק אַיינשלאָפן, טראַכט ער. זיי וועלן זיך היינט אינאָוונט האַלטן רויק, איך בין זיכער דערין! ס'ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז ער האָט נישט געטראָפן, און האַנס קאַסטאָרפּ האָט אַפילו נישט אויפריכטיק געמיינט, אַז ס'וועט זיין אַנדערש; יאָ, דעם אמת געזאָגט, וואָלט ער פּערזענלעך און פון זיין זייט אַפילו זיי נישט פאַרשטאַנען, ווען זיי וואָלטן זיך געהאַלטן רויק. פונדעסטוועגן דערשטוינט אים דאָס, וואָס ער דערהערט אַזוי שטאַרק, אַז ער ביזערט זיך: אומערהערט! דאָס איז שרעקלעך! ווער וואָלט זיך דערויף געקאָנט ריכטן! ער הערט די דאָזיקע ווערטער אָן אַ קול. דערביי שעפּטשעט ער ווידער צו דער באַנאַלער אָפּערעטקע=מעלאָדיע, וואָס שטראָמט אַהער עקשנותדיק.

שפּעטער נעמט ער דרעמלען. אָבער צוזאַמען דערמיט קומען אָן אויסטערלישע חלומות, נאָך אויסטערלישערע, ווי אין דער ערשטער נאַכט. צוליב דעם וועקט ער זיך אַלעמאָל אויף אַ דערשראָקענער, אָדער אין גאַנצן נאָך עפּעס אַ צעטומלטן רעיון. ס'חלומט זיך אים, אַז ער זעט דעם הויפראַט בערענס אַרומגיין אויף דער סטעזשקע פון גאָרטן מיט קרומע קניען און מיט הענט, וואָס הענגען אַראָפּ שטייפע פון פאָרנט. ער פּאַסט צו זיינע לאַנגע און

אַזוי צו זאָגן וויסטע טריט צו אַ ווייטער מאַרש־מעלאָדיע. ווען דער הויפראַט בלייבט שטיין פאַר קאַסטאָרפן, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער טראָגט ברילן מיט דיקע קיילעכיקע גלעזער. ער רעדט עפּעס נישט צו דער זאַך. אַ ציוויליסט, נאַטירלעך — זאָגט ער און, נישט בעטנדיק קיין דערלויבעניש, ציט ער אים אַראָפּ די אונטערשטע וויע מיטן מיטלסטן און ווייזפינגער פון זיין ריזיקער האַנט. — אַן אָרנטלעכער ציוויליסט, ווי איך דערקען תּיכּף. אָבער נישט אָן טאַלענט, לחלוטין נישט אָן טאַלענט צו פאַרגרעסערטער שטאָף־פאַרברענונג. וועט נישט קאַרגן מיט די יאָרן, מיט די פלינקע דינסט־יאָרן ביי אונז דאָ אויבן! נאַ, האָפּליאַ, מיינע הערן, אַרויס שפּאַצירן! — רופט ער, שטעקט אַריין זיינע ביידע ריזיקע ווייזפינגער אין מויל און לאָזט אַרויס אַזאַ מאָדנע שיינעם פייף, אַז פון צוויי פאַרשיידענע זייטן קומען אָנצופליען אין דער לופט די לערערין און מיס ראָבינזאָן אין פאַרקלענערטער גרייס. זיי זיצן זיך אויף בערענסעס רעכטן און לינקן אַקסל אין אַזאַ פּאָזיציע, ווי זיי זיצן אין עס־זאַל רעכטס און לינקס פון האַנס קאַסטאָרפּ. אַזוי־אַרום גייט דער הויפראַט אַוועק צוהינקענדיק, דערביי פאַרקריכט ער מיט אַ סערוועט הינטער די ברילן, כּדי זיך אויסצווישן די אויגן, און מ'ווייסט אַליין נישט, וואָס ער וויל אָפּווישן — שווייס אָדער טרערן.

דערנאָך דאַכט זיך אים אין חלום, אַז ער געפינט זיך אין גימנאַזיע־הויף, וואו ער האָט אין משך פון אַזויפיל יאָרן פאַרבראַכט די פּויזעס צווישן די לעקציעס, און ער גרייט זיך צו באָרגן אַ בלייפעדער ביי דער מאַדאַם שאָשאַ, וואָס איז אויך דאָרטן דאָ. זי גיט אים אַ רויטע, האַלב־אויסגעשריבענע בלייפעדער, וואָס שטעקט אין אַ זילבערן בלעכל, און זי דערמאָנט קאַסטאָרפּן מיט אַן אָנגענעם הייזעריקער שטים, ער זאָל איר אומבאַדינגט צוריקגעבן די בלייפעדער נאָך דער לעקציע. בעת זי גיט אויף אים אַ קוק מיט אירע שמאָלע בלוי־גרוי־גרינע אויגן איבער די ברייטע באַקנביינער, — גיט ער זיך געוואַלדיק אַ רייס אויף פון חלום, ווייל איצט האָט ער עס געפּאַקט אין וואָס און אין וועמען זי דערמאָנט אים אַזוי לעבעדיק. ער מוז עס אָבער אינדערגיך באַהאַלטן אויף

מאָרגן, ווייל ער פילט, אַז דער שלאָף און די חלומות באַפאַלן אים פונסניי. באַלד דאַכט זיך אים אויס, אַז ער אַנטלויפט פאַרן ד״ר קראָקאָווסקי, וועלכער יאָגט אים נאָך, כדי צו פּראָווען מיט אים פּסיכאָ-אַנאַליז און האַנס קאַסטאָרפּ פילט פאַר דעם אַ משוגענע און באמת-אומזיניקע שרעק. ער אַנטלויפט פאַרן דאָקטאָר דורך די באַלקאָן-לאָזשעס לענגס די גלעזערנע ווענט, פאַרטשעפּעט מיט אַ פוס, שפּרינגט אַראָפּ מיט סכנת-נפשות אין גאָרטן אַריין, וויל פון גרויס פּחד אַרויפקלעטערן אויף דעם רויט-ברוינעם פאָנען-שטעקן און ער כאַפּט זיך אויף אַ באַגאָסענער מיט שוויס אין דער רגע, ווען דער נאָכיאָגער כאַפּט אים אָן ביי אַ הויז.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט און איז ווידער איינגעדרעמלט, האָט זיך די זאַך אַוועקגעשטעלט אַזויערנאָך: ער באַמיט זיך מיטן אַקסל אָפּצושטופּן סעטעמברינין פון אָרט, יענער אָבער שטייט אויף אַן אָרט און שמייכלט — פיין, טרוקן און חוזק-דיק, אונטער דער פולער, שוואַרצער וואָנס, דאָרט, וואו ער דרייט זיך אַרויף קיילעכיק און שיין. דער דאָזיקער שמייכל איז טאַקע געווען דאָס, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ האָט אָפּגעפילט פאַר אַ באַליידיקונג. — איר שטערט! — האָט ער זיך אַליין געהערט זאָגן — אַוועק פון דאַנען! איר זענט בלויז אַ קאָטערינאַזש און איר שטערט דאָ! אָבער סעטעמבריני לאָזט זיך נישט רירן פון אָרט און האַנס קאַסטאָרפּ בלייבט שטיין, כדי זיך מיישב צו זיין, וואָס מ׳דאַרף דאָ טאָן. אָבער פּלוצלונג און אומגעריכט ווערט אים אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן קלאָר, וואָס אַזוינס ס׳איז די צייט: נישט עפּעס אַנדערש, ווי גאַנץ פּשוט אַ „שטומע שוועסטער“, אַ קוועקזילבער-רערל אינגאַנצן אָן ציפערן, פאַר אַזעלכע, וואָס ווילן אָפּנאַרן. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך מיט דער פעסטער דעה מאָרגן צו דערציילן זיין קוזין יאָאַכים וועגן אָט דער המצאה.

מיט אַזעלכע אַוואַנטורעס און אַנטדעקונגען גייט אַריבער די נאַכט. ס׳האָבן זיך אויך אויף אַ ווילדן אופן אַריינגעפּלאָנטערט הערמינע קלעפעלד און הער אַלבין. אויך דער הויפּטמאַן מוקאָלאָזיק, וועלכער האָט אַוועקגעטראָגן די פרוי שטער אין זיין גרויסן פּיסק און דער פּראָקוראָר פאַראַוואַנט האָט אים דערפאַר דורכגעשטאָכן

מיט אַ שפּיז. איין חלום האָט זיך אַפילו האַנס קאַסטאָרפּן אין יענער נאַכט געחלומט אַזש צוויי מאָל און ביידע מאָל גענוי אין דער זעלבער פאָרם, צום צווייטן מאָל — שוין פאַרטאָג. ער איז געזעסן אין זאַל מיט די זיבן טישן. פּלוצלונג איז די גלעזערנע טיר פאַרקלאַפּט געוואָרן מיט אַ געוואַלדיקן רעש און ס'איז אַריינגעקומען מאַדאַם שאָשאַ, אין אַ ווייסן סוועטער, איין האַנט אין קעשענע, די צווייטע — ביים גרעק. אָבער אָנשטאָט צוצוגיין צום גוטן רוסן־טיש, איז די נישט־דערצויגענע פרוי שטיל צו צו האַנס קאַסטאָרפּן און שווייגנדיק אים דערלאַנגט די האַנט צום קושן. אָבער נישט די אייבערשטע זייט פון דער האַנט האָט זי אים דערלאַנגט, נאָר די אינעווייניקסטע, און האַנס קאַסטאָרפּ מוז זי דאָרטן קושן, אין דער נישט־צאַרטער, אַ ביסל ברייטער און קורצפינגערדיקער האַנט מיט דער אויסגעריבענער הויט אין די זייטן פון די נעגל. בשעת־מעשה האָט אים ווידער דורכגענומען פון קאָפּ ביז די פיס דאָס געפיל פון וויסטער זיסקייט, ווי בשעת ער האָט זיך געפרווט פאָרשטעלן, ווי ער ווערט פטור פון דער ערע און געניסט פון די הוילע מעלות, וועלכע ס'ברענגט מיט זיך די שאַנד. דאָסמאָל האָט ער עס ווידער געפילט אין חלום און אומגעהויער שטאַרקער.

פערט קאַפּיטל

נייטיקער אײַנקויף

— אַייער זומער ענדיקט זיך שוין? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ דעם דריטן טאָג איראָניש זיין קוזין...

ס'איז געווען אַ שרעקלעכע זאַווערוכע.

דער צווייטער טאָג, וועלכן דער האָספּיטאַנט האָט אינגאַנצן דאָ דורכגעלעבט, איז געווען אַ פּרעכטיק-זומערדיקער. איבער די שפּיזיקע סאָסנע-שפּיצן האָט דער הימל געלויכטן אַ טיף-בלויער. דער ישוב אין טאָל האָט געגלאַנצט גרעל אין דער היץ. די גלעקלעך פון די קי, וועלכע גייען אַרום און פּליקן דאָס קורצע, וואַרעמע גראָז פון די שיפּועים, האָבן לוסטיק-געמיטלעך אָפּגעקלונגען אין דער לופט. נאָך ביים ערשטן פרישטיק זיינען די דאַמען געווען אָנגעטאָן אין דינע וואַש-בלוזעס, עטלעכע אַפילו אין אַזשורירטע אַרבל, וואָס האָט נישט אַלעמען גלייך געפּאַסט. אויף דער פרוי שטער, למשל, האָט עס אויסגעזען ממש מיאוס, אירע הענט זיינען געווען צו צעגאָסן. זי איז בכלל נישט באַשאַפן געווען פאַר צו-לייכטע מלבושים. אויך די מענער פון דער סאַנאַטאָריע האָבן אויף פאַרשיידענע אופנים צוגעפּאַסט זייערע מלבושים צום שיינעם וועטער. ס'האָבן זיך געוויזן לוסטרינענע רעקלעך און לייוונטענע אָנצוגן. יאָאַכים צימסען האָט אָנגעטאָן עלפאַנטן-ביין-פאַרביקע פלאַנעל-הויזן צו זיין בלויען רעקל. דער דאָזיקער צוזאַמענשטעל האָט צוגעגעבן זיין אויסזען אינגאַנצן אַ מיליטערישן חותם. וואָס ס'איז נוגע סעטעמבריני, האָט ער אַפילו עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז ר'האָט בדעה צו טוישן דעם אָנצוג. — צו אַלדי רוחות — האָט ער געזאָגט, ווען ער איז נאָכן לונש אַראָפּ מיט די קוזינען אין שטעטל אַריין שפּאַצירן. — די זון ברענט געשמאַק! דאַכט זיך, מ'וועט זיך מוזן

אָנטאָן לייכטער. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט עס אַזוי שיין אַרויסגעזאָגט, איז ער פונדעסטוועגן ווייטער אַרומגעגאַנגען, ווי פריער, אין זיין לאַנגן האָריקן אָנצוג מיט די גרויסע לאַצן און געקראַטעוועטע הויזן — ס'איז אַפּנים געווען אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

אָבער אויפן דריטן טאָג האָט זיך געמאַכט אַזוי, גלייך ווי די נאַטור וואָלט זיך איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. האַנס קאַסטאָרפּ האָט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן. ס'איז געווען נאָך מיטאָג און דער עולם איז געהאַט געלעגן אַ צוואַנציק מינוט אויף ליג-קוראַציע. פּלוצלונג האָט זיך די זון איננ-דערגיך באַהאַלטן, מיאוסע טאָרף-ברוינע וואָלקנס זיינען אָנגעלאָפן איבער די דרום-מזרחדיקע בערג-רוקנס און אַ פרעמדער ווינט, אַ קאַלטער, וואָס מאַכט ציטערן די ביינער, גלייך ווי ער וואָלט געקומען פון אומבאַקאַנטע אייזיקע געגנטן, האָט פּלוצלונג גענומען בלאָזן איבערן טאָל. די טעמפּעראַטור איז אויף איינמאָל אַראָפּגעפאַלן און די גאַנצע סביבה אַרום האָט באַקומען אַ שפּאָגל-נײַ פּנים.

— שניי — האָט יאָאַכימס קול אַ זאָג געטאָן הינטער דער גלעזערנער וואַנט.

— וואָס הייסט „שניי“? — פרעגט האַנס קאַסטאָרפּ. — וועסט דאָך נישט גיין זאָגן, אַז ס'נעמט שנייען?

— טאַקע יאָ, — ענטפערט יאָאַכים. — מיר קאָנען שוין אָט-דעם ווינט. ער ברענגט מיט זיך תמיד אַ שליטוועגס.

— נאַרישקייטן — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — אויב כ'האָב נישט קיין טעות, האָבן מיר היינט אָנהייב אַווגוסט.

אָבער יאָאַכים האָט געזאָגט דעם אמת. ער האָט, אַפּנים, געקאָנט די היגע געגנט. ווייל אין משך פון עטלעכע רגעס האָט עטלעכע מאָל אַ דונער געטאָן, און ס'האָט גענומען פאַלן אַ געוואַלדיקער שניי, אַזאַ געדיכט אָנשיטעניש, אַז אַלץ האָט געקריגן אַ פּנים ווי פאַרקנוילט אין ווייסער פּאַרע און מ'האָט מער גאָרנישט געקאָנט אַרויסגיין פון ישוב אין טאָל.

ס'האָט אַזוי אָפּגעשנייט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג. מ'האָט אָנגעצונדן די צענטראַל-באַהייצונג. יאָאַכים האָט זיך אַרומגעדעקט מיט

זיין פעלין־זאַק און נישט איבערגעריסן די ליג־קוראַציע, אָבער האַנס קאַסטאָרפּ איז אַנטלאָפן צו זיך אין צימער אַריין, האָט צוגערוקט אַ שטול צו די דערוואַרעמטע רערן און האָט פון דאָרט, שאָקלענ־דיק מיטן קאָפּ, געקוקט אין דעם תוהו־ובוהו אַריין. צו מאָרגנס אינ־דערפרי האָט נישט געשנייט. אָבער כאָטש דער דרויסנדיקער טערמאָ־מעטער האָט געוויזן עטלעכע גראַד וואַרעמקייט, איז דער שניי פונ־דעסטוועגן געבליבן ליגן אַ פוס הייך, אַזוי אַז פאַר האַנס קאַסטאָרפּס פאַרוואונדערטן בליק האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ אמת־ווינטערדיקע לאַנדשאַפט. איצט האָט מען מער נישט געהייצט. די טעמפּעראַטור אין צימער איז געווען נישט מער, ווי זעקס גראַד איבער נול.

— איער זומער ענדיקט זיך שוין? — האָט האַנס קאַס־טאָרפּ געפרעגט זיין קוזין מיט ביטערער איראָניע...

— דאָס קאָן מען נישט זאָגן — ענטפערט יאָאַכים זאַכלעך.

— מיט גאָטס הילף וועלן נאָך זיין שיינע זומער־טעג. אַפילו אין סעפּטעמבער קאָן זיך עס נאָך טרעפן. אָבער די מעשה איז די, וואָס די צייטן פון יאָר זיינען דאָ נישט אַזוי אָפּגעטיילט, פאַר שטייסטו. זיי מישן זיך אויס, אַזוי צו זאָגן, און האַלטן זיך נישט ביים קאַלענדאַר. אין ווינטער טרעפט זיך אָפט, די זון זאָל אַזוי ברענען, אַז מ׳שוויצט און מ׳מוז אויסטאָן דאָס רעקל ביים שפּאַציר; און זומער ווייטער, — יאָ, זעסטו דאָך אַליין, וואָס ס׳קאָן זיך דאָ מאַכן זומער. ס׳ערגסטע איז מיט דעם שניי — ער צעדרייט אַלץ. ס׳שנייט אין יאַנואַר, אָבער אין מאַי — נישט אַ סך ווייניקער. אין אַווגוסט שנייט אויך, ווי דו זעסט. בכלל קאָן מען זאָגן, אַז ס׳גייט נישט אַוועק קיין חודש, ס׳זאָל נישט שנייען. דאָס איז אַ כלל, אויף וועלכן מ׳קאָן זיך פאַרלאָזן. בקיצור, ס׳זיינען פאַראַן ווינטער־טעג און זומער־טעג, פרילינג־און האַרבסט־טעג, אָבער אַזעלכע פּאַק־טישע צייטן פון יאָר — דאָס איז נישט פאַראַן ביי אונז.

— דאָס איז אַ שיינע בהלה — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. ער גייט אין קאַלאָשן און אין ווינטער־פּאַלטאָ אַראָפּ אין שטעטל אַריין צוזאַמען מיט זיין קוזין, כדי איינצוקויפן דעקעס אויף ליג־קוראַציע, ווייל ס׳איז קלאָר, אַז ביי אַזאַ וועטער קאָן ער מיט זיין פּלעד נישט אויסקו־מען. ער גיט אַפילו כלאַחר־יד אַ קלער, צי ס׳וואָלט נישט כדאי

געווען צו קויפן קיין פעלץ=זאַק, באַלד אָבער האָט ער חרטה, ער דערשרעקט זיך אַפילו פאַר דעם דאָזיקן געדאַנק.

— ניין, ניין — זאָגט ער. — לאָמיר זיך האַלטן בלויז ביי חעקעס. אונטן וועלן זיי מיר שוין צונויף קומען. דעקעס האָט מען אומעטום, ס'איז לחלוטין נישט אַזוי משונהדיק און ווילד. אָבער אַזאַ מין פעלץ=זאַק, דאָס איז שוין אַ גאַנצער עסק. דאַרפסט מיך פאַרשטיין: ווען כ'זאָל מיר קויפן אַ פעלץ=זאַק, וואָלט זיך מיר אַליין אויסגעוויזן, גלייך ווי כ'וואָלט מיך דאָ באַזעצט אויף שטענדיק און געהער אין אַ געוויסער מאָס צו אייך... בקיצור, כ'וויל בלויז זאָגן, אַז ס'לוינט אַבסאָלוט נישט אויף עטלעכע וואָכן צו קויפן אַ פעלץ=זאַק.

יאָאַכים איז מסכים דערמיט און זיי האַנדלען איין אין אַ שיין, גרויס געשעפט אין ענגלישן קוואַרטאַל צוויי אַזעלכע דעקעס פון קעמל=האָר, ווי ס'האָט יאָאַכים, באַזונדערס לאַנגע און ברייטע, פון נאַטורעלן קאָליר. זייער ווייכע און אָנגענעמע. זיי הייסן, מ'זאָל זיי תיכף צושיקן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאַנאַטאָריע „בערגהאָף“, צימער 34. האַנס קאַסטאָרפ וויל זיך מיט זיי באַנוצן היינט נאָכמיטאָג צום ערשטן מאָל.

ס'איז, פאַרשטייט זיך, געווען נאָך דעם צווייטן פרישטיק, שפּעטער לאָזט נישט די אָרדענונג פון טאָג קיין צייט אויף אַראָפּצוגיין אין שטעטל אַריין. ס'רעגנט איצט און פון שניי אויף די גאַסן איז געוואָרן איין שפּריצנדיקע אייז=מאַסע. אַהיימצוגייענס דעריאָגן זיי סעטעמבריניך, וועלכער גייט אויך פון שטעטל צו דער סאַנאַטאָריע, אונטער אַ פּאַראַסאָל, כאָטש אָנעם הוטל. דער איטאַליענער זעט אויס געל און איז, אַפּנים, עלעגיש געשטימט. ער קלאָגט זיך מיט שיינע, פיין=געפאָרמטע ווערטער אויף דער קעלט און דער נעץ, פון וועלכע ער ליידט אַזוי שטאַרק. ווען מ'וואָלט כאָטש געהייצט. אָבער די עלנטע מאַכטהאָבער הערן אויף צו הייצן תיכף, ווי ס'הערט אויף צו שנייען, אַ טעמפּעראַטור כלל, אַ חוזק אויפן שכל! האַנס קאַסטאָרפּ פּרוּווט אַפילו פאַרענטפערן, אַז אַ מעסיקע צימער=טעמפּעראַטור געהער, ווי אים דאַכט זיך, צו די קוראַציע=פּרינציפּן, כדי צו פאַרהאַרטעווען די פּאַציענטן, נאָר סעטעמבריני ענטפערט מיט גרויס חוזק.—

אַיי, באמת, די קוראַציע=פּרינציפּן, די היכע און אומבאַרירלעכע קוראַציע=
פּרינציפּן! האַנס קאַסטאָרפּ רעדט וועגן זיי באמת מיטן ריכטיקן טאָן,
מיט אַ מין פרומקייט און הכנעה. ס'איז נאָר אויפפאַלנדיק — כאָטש
אויפפאַלנדיק אין גוטן זין — וואָס אַמשטאַרקסטן היט מען אָפּ
מיט אַזויפיל דרך=ארץ נאָר יענע פּרינציפּן, וועלכע זיינען אין הסכּם
מיט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די הערשער. אין דער זעלבער
צייט איז מען גענייגט זיך נישט צו מאַכן זעענדיק, ווען ס'גייט
וועגן אַ פּרינציפּ, וואָס שטימט נישט אַזוי אַיין דערמיט... די קוזינען
לאַכן און סעטעמבריני נעמט דערוויל ריידן וועגן זיין געשטאָרבענעם
פאָטער, אין שייכות צו דער וואַרעמקייט, נאָך וועלכער ער בענקט
אַזוי.

— מיין פאָטער — זאָגט ער אויסגעצויגן און פרום — ער איז
געווען אַ מענטש, עמפּינדלעך סיי אין קערפּער, סיי אין דער נשמה!
ווי ער האָט דאָס ליב געהאַט ווינטער זיין קליין וואַרעם שטודיר=שטיבל,
פון גאַנצן האַרץ האָט ער עס ליב געהאַט, שטענדיק האָט דאָרטן
געמוזט הערשן אַ וואַרעמקייט פון צוואַנציק גראַד רעאָמור. ס'איז
דאָרטן געשטאַנען אַ רויט=צעגליט אייוועלע און ווען מ'פלעגט אין
נאַס=קאַלטע טעג, אָדער דעמאָלט, ווען ס'בלאָזט דער שניידנדיקער
טראַמאָנטאַנאַ=ווינט*, עפענען די טיר פון הויז — האָט די וואַרעמקייט
אַרומגעכאַפּט, ווי אַ לייכטער מאַנטל, און די אויגן זיינען אָנגעפילט
געוואָרן מיט פריידיקע טרערן. פול אָנגעפּאַקט איז דאָס שטיבל געווען
מיט ביכער און כתב=ידן, צווישן זיי אַ סך יקר=המציאותן. צווישן די
גייסטיקע אוצרות איז ער געשטאַנען אין זיין בלוי=פלאַנעלענעם שלאָפ=
ראָק ביים שמאָלן פולפּיט און האָט עוסק געווען מיט ליטעראַטור —
אַ קליינער און באַחנטער, זיכער מיט אַ קאָפּ קלענער פון מיר, שטעלט
אייך פאָר! אָבער מיט דיקע לאָקן גרויע האָר ביי די שלייפן און
מיט אַזאַ לאַנגער און פיינער נאָז... וואָס פאַר אַ ראָמאַניסט, מיינע
הערן! איינער פון די בעסטע אין זיין צייט, איינער פון די גע=
ציילטע קענער פון אונזער שפּראַך, אַ לאַטיינישער סטיליסט איינער

---

* סראַמאָנטאַנאַ=ווינט רופן די איטאַליענער דעם צפון=ווינט, ווייל ער
קומט צו זיי איבער די אַלפּן (trans montes).

אין דער וועלט, uomo letterato, צו וועלכן באָקאַטשיאָ האָט געבענקט... פון ווייטע מקומות זיינען געקומען געלערנטע, כדי זיך מיט אים אַדורכצורעדן, איינער פון האַפּאַראַנדאַ*, אַ צווייטער פון קראָקע. זיי זיינען ספּעציעל געקומען קיין פּאַדואַ, אונזער שטאָט, כדי אים אַרויסצוווייזן זייער אַכטונג און ער האָט זיי אויפגענומען מיט פריינדלעכער ווערדיקייט. ר'איז געווען אַן אויסגעצייכנטער דיכטער, און האָט אין זיינע פרייע שעהן געשריבן דערציילונגען אין דער עלעגאַנטסטער טאָסקאַנישער פּראָזע, אַ מייסטער פון idioma gentile — זאָגט סעטעמבריני מיט גרויס הנאה און לאָזט פאַמעלעך צעגיין די היימישע ווערטער אויף דער צונג, דערביי שאָקלט ער צו מיטן קאָפּ אַהין=און=אַהער. זיין גערטנדל האָט ער באַאַרבעט לויט ווערגילס ביישפּיל — רעדט ער ווייטער — און וואָס ער האָט גערעדט, איז געווען געזונט און שיין. אָבער וואַרעם, וואַרעם האָט געמוזט זיין אין זיין שטיבל, ווען נישט האָט ער געציטערט און האָט אַפילו געקאָנט פאַרגיסן טרערן פון פאַרדראָס, הלמאי מ'לאָזט אים פרירן. איצט שטעלט אייך פאָר, אינזשיניער, און איר, לייטענאַנט, וואָס איך, דעם טאַטנס זון, מוז אויסשטיין אין אָט דעם פאַרשאָלטענעם און באַרבאַרישן אָרט, וואו דער קערפער ציטערט פאַר קעלט אין סאַמע זומער און די נשמה ווערט שטענדיק געפייניקט פון דערנידערנדיקע איינדרוקן! אַך, ס'איז אַזוי שווער! ס'אַר אַ טיפּן רינגלען אונז אַרום! אָט דער דאָזיקער נאַרישער מלאך=חבלה, דער הויפּראַט און קראָקאָווסקי — סעטעמבריני מאַכט אַ מינע, גלייך ווי ער וואָלט שיר נישט צעבראָכן די צונג. — קראָקאָווסקי, דער דאָזיקער אומפאַרשעמטער ווידוי=אָפּנעמער, וואָס האָט מיך פיינט דערפאַר, ווייל מיין מענטשלעכע ווערדע דערלויבט מיר נישט, כ'זאָל זיך אונטערגעבן זיינע נאַרישע שטיק... און מיין טיש... מיט וואָס פאַר אַ געזעלשאַפט איך בין געצוואונגען צו עסן צוזאַמען! רעכטס פון מיר זיצט אַ בירברייער פון האַללע — מאַגנוס הייסט ער — מיט אַ פאָר וואָנצעס, וואָס זעען=אויס, ווי אַ בונט היי. לאָזט מיך צו רו מיט דער ליטעראַטור — זאָגט ער — וואָס גיט זי? שיינע

* אַ שטאָט אין צפון שוועדן.

כאַראַקטערן! וואָס טויגן מיר שיינע כאַראַקטערן! איך בין אַ פּראַקטישער מענטש און שיינע כאַראַקטערן טרעפן זיך כמעט נישט אין לעבן. אַזאַ פאָרשטעלונג האָט דער מענטש וועגן ליטעראַטור. שיינע כאַראַקטערן... אָ, הייליקע מאַריאַ! קעגנאיבער אים זיצט זיין פרוי און פאַרלירט איי־ווייס און ווערט אַלץ טעמפּער און טעמפּער. ס'איז אַ פּאַסקודנע צרה...

כאָטש יאָאַכים און האַנס קאַסטאָרפּ האָבן זיך נישט דורכגעשמועסט וועגן דעם, האָבן זיי פונדעסטוועגן דעריבער איין מיינונג: זיי האַלטן עס פאַר פאַרביטערונג און פאַר אומאָנגענעמער בונטאַרישקייט, אמת, אויך פאַר אינטערעסאַנט, אַדאַנק דער דרייסטקייט און שאַרפקייט פון די אויפגערייצטע אויסדרוקן. האַנס קאַסטאָרפּ לאַכט גוטמוטיק פון די „וואָנצעס, ווי די בינטלעך היי“ און איבער די „שיינע כאַראַקטערן“, אפשר נאָך מער פון דעם קאָמיש פאַרצווייפלטן אופן, ווי אַזוי סעטעמבריני רעדט וועגן דעם. דערנאָך זאָגט קאַסטאָרפּ:

— אמת, די געזעלשאַפט איז אַ ביסל אַ געמישטע אין אַזאַ אַנשטאַלט. מ'קאָן זיך נישט צוזוכן קיין טיש־שכנים. ווער ווייסט, צו וואָס דאָס וואָלט פאַרפירט. ביי אונזער טיש זיצט אויך אַזאַ דאַמע... פרוי שטער... כ'קלער, אַז איר קענט זי? זי איז אַ שרעקלעכער עם־הארץ, דאָס מוז מען מודה זיין און טיילמאָל, ווען זי נעמט פּלאַפּלען, ווייסט מען נישט, וואו די אויגן אַהינצוטאָן. דערביי קלאָגט זי זיך אַלעמאָל אויף איר טעמפּעראַטור און אויף איר שלאַפקייט. זי איז פּאַקטיש גאַנץ שווער קראַנק. דאָס איז עפּעס מאָדנע — קראַנק און נאַריש — כ'ווייס נישט, צי כ'דריק מיך ריכטיק אויס, אָבער אויף מיר ווירקט עס מאָדנע, ווען עמעץ איז נאַריש און דערצו נאָך קראַנק. אַזאַ מין צונויפטרעף, דאָס איז אפשר דאָס טרויעריקסטע אין דער וועלט. מ'ווייסט אַבסאָלוט נישט, וואָס פאַר אַ פּנים מ'דאַרף מאַכן דערביי. ווייל אַ קראַנקן וויל מען דאָך אַרויסווייזן ערנסטקייט און דרך־ארץ, נישט אמת? קראַנקהייט איז אין אַ געוויסער מאָס עפּעס בכבודיקס, אויב מ'קאָן אַזוי זאָגן. אָבער ווען ס'מישט זיך דאָ אַריין די טיפּשות מיט „פאָמולוס“, „קאָסמישער אַנשטאַלט“ און נאָך אַזעלכע בלימלעך — ווייסט מען באמת נישט, צי מ'זאָל לאַכן אָדער וויינען. ס'איז אַ דילעמע פאַרן מענטש־

לעכן געפיל און אַזאַ צרה, אַז ס'איז אוממעגלעך איבערצוגעבן. מיר דאַכט זיך, אַז ס'פּאַרט זיך עפּעס נישט, ס'פּאַרט זיך נישט צונויף, מ'איז נישט געוווינט זיך עס פאַרצושטעלן צוזאַמען. געוווינטלעך שטעלט מען זיך פאָר, אַז אַ נאַרישער מענטש דאַרף זיין געזונט און פּשוט, די קראַנקהייט מאַכט דעם מענטשן אַנדערש, סובּטעל און קלוג. בין איך אפשר נישט גערעכט? ס'קאָן זיין, אַז כ'האָב אפשר מער געזאָגט וויפל כ'קאָן באַווייזן — ענדיקט ער. — ס'איז בלויז דערפאַר, ווייל מיר זיינען צופעליק אַרויף אויף דעם שמועס... דערביי נעמט ער זיך פלאָנטערן.

איך יאָאַכים איז אַ ביסל פאַרלעגן און סעטעמבריני שווייגט מיט הויך־פאַרצויגענע ברעמען, בשעת־מעשה מאַכט ער אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט צוליב העפלעכקייט געוואַרט אויפן סוף פון דער רעדע. פאַקטיש האָט ער בלויז אָפּגעוואַרט די רגע, אַז האַנס קאַסטאָרפּ זאָל זיך לחלוטין פאַרלירן. איצט האָט ער געענטפערט:

— כאַפּריסטי, אינזשיניער, איר ווייזט אַרויס פילאָסאָפישע פעיקייטן, וואָס איך האָב לחלוטין זיך נישט געריכט פון אייך! לויט אייער טעאָריע מוזט איר זיין ווייניקער געזונט, ווי איר ווייזט אויס, ווייל איר האָט ממש גייסט. דערלויבט מיר אָבער אייך צו באַמערקן, אַז איך קאָן נישט מסכים זיין מיט אייערע אויספירן, איך מוז זיי איבערשפּאַרן און בין אַפילו צו זיי פיינדלעך געשטימט. איך בין, ווי איר זעט מיך, אַ ביסל נישט טאָלעראַנט בנוגע גייסטיקע ענינים און וויל גלייכער, מ'זאָל מיך האַלטן פאַר אַ פּעדאַנט, איידער כ'זאָל נישט באַקעמפן אַזעלכע געדאַנקען, וואָס מוזן לויט מיין מיינונג באַקעמפט ווערן, ווי די, וועלכע איר אַנטוויקלט...

— אָבער, הער סעטעמבריני...

— דערלויבט מיר... איך ווייס, וואָס איר ווילט זאָגן. איר ווילט זאָגן, אַז איר האָט עס נישט געמיינט ערנסט, אַז די מיינונג, וועלכע איר פאַרטרעט, איז נישט פּשוט אייער אייגענע, נאָר איר האָט אויפגעכאַפּט איינע פון די מעגלעכע מיינונגען, וואָס שוועבן אין דער לופט, און איר האָט אומפאַראַנטוואָרטלעך זיך מיט איר אַ שפּיל געטאָן. דאָס שטימט מיט אייער עלטער, בעת מ'האָט נאָך

נישט קיין מענלעכע אַנטשלאָסנקייט און מ׳פּרוּווט זיך דערווייל מיט אַלערליי שטאַנדפּונקטן "Placet experiri" * — זאָגט ער און און רעדט אויס די C פון "Placet" ווייך, לויט דעם איטאַליענישן אַקצענט. דאָס איז אַ גוטער פּרינציפּ. שטיינען מאַכט מיך בלויז דער פאַקט, וואָס אַייער עקספּערימענט גייט גראָד אין אָט דער ריכטונג. איך בין מסופּק, צי דאָס איז בלויז אַ צופאַל. איך האָב מורא, אַז דאָס שטאַמט פון אַ נייגונג, וועלכע קאָן אַמאָל פעסט אַריין אין כאַראַקטער, אויב מ׳וועט זיך איר נישט קעגנשטעלן. דערפאַר האַלט איך פאַר מיין חוב אַייך צו קאָרעגירן. איר האָט אַייך אויסגעדריקט, אַז דער צונויפפּאָר פון קראַנקהייט מיט נאַרישקייט איז דאָס טרויעריקסטע אויף דער וועלט. איך בין מיט אַייך מסכים. מיר איז אויך ליבער אַ גייסטרייכער קראַנקער, ווי אַ שווינדזיכטיקער טיפּש. אָבער מיין פּראָטעסט הייבט זיך אָן, בעת איר באַטראַכט די פּאַראייניקונג פון קראַנקהייט מיט נאַרישקייט פאַר אַ מין סטיל-פעלער, פאַר אַ געשמאַקלאָזיקייט מצד דער נאַטור און פאַר אַ דילעמע פאַרן מענטשלעכן געפיל, ווי איר האָט באַוויליקט זיך אויסצודריקן; בעת איר האַלט קראַנקהייט פאַר אַזוי נאָבל און — ווי זאָגט איר? — אַזוי בכבודיק, אַז זי זאָל זיך בשום-אופן נישט קאָנען צונויפפּאָרן מיט טיפּשות. אַזוי האָט איר זיך טאַקע אויסגעדריקט. אָבער — ניין! קראַנקהייט איז לחלוטין נישט נאָבל, לחלוטין נישט בכבודיק! די דאָזיקע אויפפאַסונג איז אַליין אַ קראַנקהייט, אָדער זי דערפירט דערצו. אפשר וועל איך ביי אַייך אַרויסרופן אַן עקל צו דער דאָזיקער אויפפאַסונג, ווען כ׳וועל אַייך זאָגן, אַז זי איז אַן אָפּגענוצטע און אַ אַלטע. זי שטאַמט פון צייטן פול אָבערגלויבן און חרטה-שטימונגען, ווען די אידעע פון מענטשלעכקייט איז געוואָרן פאַרגרעבט און פאַראומווערדיקט, צייטן פול פחד, ווען האַרמאָניע און גליק האָבן געגאָלטן פאַר חשדיש און מעשה-שטן, דערפאַר אָבער האָט דעמאָלט יעדע צעבראָכנקייט געגעבן אַ פרייען אַריינטריט אין מלכות-שמים. אָבער שכל און אויפקלערונג האָבן פאַרטריבן די דאָזיקע פינסטערע שאָטנס, וועלכע האָבן געשוועבט

---

* עס געפעלט אייך צו עקספּערימענטירן.

אויף דער מענטשלעכער נשמה — וואָס אמת, נאָך נישט אינגאַנצן, דער קאַמף דויערט נאָך ביז היינט. דער דאָזיקער קאַמף רופט זיך אַרבעט, מיין הער, ערדישע אַרבעט, אַרבעט פאַר דער ערד, פאַר דעם כבוד און די אינטערעסן פון דער מענטשהייט. טאָג־טעגלעך פון דאָסניי געשטאַרקט אין דעם דאָזיקן קאַמף, וועלן אָט־די כּוחות סוף־כּל־סוף אינגאַנצן באַפרייען דעם מענטשן און וועלן אים אויפן וועג פון פּראָגרעס און ציוויליזאַציע דערפירן צו אַלץ אַ העלערע, מילדערער און ריינערער ליכט.

צו אַלדי רוחות — טראַכט האַנס קאַסטאָרפּ אַ דערשטוינטער און פאַרשעמטער — נאַ־דיר אַ מזמור! ווי אַזוי האָב איך דאָס אַרויסגערופן? עפּעס זעט עס מיר אויס צו־טרוקן. און וואָס האָט ער דאָס כּסדר צו טאָן מיט אַרבעט. כּסדר רעדט ער וועגן אַרבעט, כאָטש ס'פּאַסט זיך גאָרנישט אַריין. און האַנס קאַסטאָרפּ זאָגט:

— זייער שיין, הער סעטעמבריני. ס'איז כּדאי צו הערן, ווי שיין איר זאָגט דאָס אַלץ אַרויס. מ'קאָן עס גאָרנישט... גאָר־נישט פּלאַסטישער אויסדריקן, מיין איך.

— די נייגונג צוריקצוגיין — נעמט סעטעמבריני ווייטער ריידן און הייבט דערביי אויף זיין רעגנשירעם איבער דעם קאָפּ פון אַ פאַרבייגייענדיקן — דער גייסטיקער צוריקגאַנג צו די אידעען פון יענע פינסטערע, געפּייניקטע צייטן — גלויבט מיר, אינזשעניער, אַז דאָס איז אַ קראַנקהייט, אַ געניוג אויסגעפאָרשטע קראַנקהייט, פאַר וועלכער די ווייסנשאַפט האָט פאַרשיידענע נעמען, איין נאָמען פון דער עסטעטיק און פּסיכאָלאָגיע, דער צווייטער — פון דער פּאָליטיק — עס זיינען שול־טערמינען, וואָס גיבן גאָרנישט צו און אָן וועלכע איר קאָנט אייך גאַנץ גוט באַגיין. אָבער היות אין גייסטיקן לעבן האָט יעדע זאַך אַ שייכות צו דער אַנדערער און איינס איז אַ פּועל־יוצא פון צווייטן, היות מ'טאָר נישט ווייזן דעם טייוול קיין פינגער, ער זאָל דערביי נישט אַריינכאַפּן די גאַנצע האַנט און דעם גאַנצן מענטש דערצו... היות יעדער געזונטער פּרינציפּ, ווייטער, ברענגט מיט זיך בלויז געזונטע רעזולטאַטן אַלץ איינס, וואָס פאַר

אַ ציל מ'שטעלט זיך אין אָנהייב — צוליב דעם אַלעם, נעמט אייך אַריין אין זינען, אַז קראַנקהייט איז זייער ווייט צו זיין אַזוי גאָבל, און אַזוי בכבודיק, זי זאָל זיך נישט קאָנען פּאָרן מיט קיין טיפּשות. פּאַרקערט, קראַנקהייט איז אַ ד ע ר נ י ד ע ר י ק ו נ ג, אַפילו אַ ווייטאָגדיקע דערנידעריקונג פון מענטש, וואָס מאַכט אַ תּל פון דער אידעע. מ'קאָן קראַנקהייט אין איינצלנע פאַלן שוינען און זיך זאָרגן וועגן איר, אָבער זי שעצן גייסטיק — דאָס איז אַ שיגעון— נעמט דאָס אין זינען אַריין. ס'איז אַ שיגעון און דער אָנהייב פון אַלע גייסטיקע שיגעונות. נישט די פרוי, וועלכע איר האָט דער־מאָנט — ס'איז מיר נישט כּדאי צו דערמאָנען זיך איר נאָמען — יאָ, די פרוי שטער, אַדאַנק — בקיצור, אָט די קאָמישע פרוי, נישט איר קרענק שטעלט אַוועק דאָס מענטשלעכע געפיל פאַר אַ דילע־מע, ווי איר האָט געזאָגט. גאָט אין הימל, קראַנק און נאַריש — דאָס איז דאָס עלנט אַליין, דער עניין איז גאָר פשוט, מ'קאָן בלויז האָבן רחמנות און אַ צי טאָן מיט די אַקסלען. די דילעמע, מיין הער, די טראַגיק הייבט זיך אָן דאָרטן, וואו די נאַטור איז גע־ווען געננוג אַכזריותדיק, כּדי צו צעברעכן די האַרמאָניע פון דער פּערזענלעכקייט, אָדער זי באַלד נישט געלאָזט אַנטוויקלען זיך: ווען זי גיט אַן אײדעלן און לעבעדיקן גייסט, אַ קערפּער, וואָס טויג נישט צום לעבן. איר האָט געהערט פון לעאָפּאַרדי, אינזשיניער, אָדער איר, לייטענאַנט? — אַן אומגליקלעכער דיכטער פון אונזער לאַנד, אַ הויקער, אַ קרענקלעכער מענטש מיט אַ נשמה, וואָס איז לכתחילה גרויס געווען, אָבער צוליב דער קערפּערלעכער צעבראָכנקייט איז זי שטענדיק געטרעטן געוואָרן און איז אַראָפּגעזונקען אין די טיפע־נישן פון איראָניע. דער יאָמער פון אָט דער נשמה צערייסט דאָס האַרץ. הערט נאָר אויס!

און סעטעמבריני נעמט רעציטירן אויף איטאַליעניש. די שיינע קלאַנגען צעגייען ביי אים אויף דער צונג, ער שאָקלט דעם קאָפּ אַהין און אַהער און טיילמאָל מאַכט ער צו די אויגן, ער מאַכט זיך, אַפּנים, גאָרנישט דערפון, וואָס זיינע באַגלייטער פאַרשטייען נישט קיין וואָרט. ער איז, ווי מ'זעט, אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער הנאה, וואָס ס'פאַרשאַפט אים דער גוטער זיכּרון און די אויס־

שפּראַך, אויך דאָס באַווייזן זיך פּאַר זיינע צוהערער. צום סוף זאָגט ער:

— אָבער איר פאַרשטייט דאָך נישט. איר הערט, אָבער איר קאָנט נישט פילן דעם ווייטאָגדיקן אינהאַלט. דער פאַרקריפּלטער לעאָפּאַרדי, מיינע הערן, פאַרשטייט עס גוט, מוז זיך אָפּזאָגן פון יעדער פרויען־ליבע און דאָס, אייגנטלעך, מאַכט אים אומפּעיק גובר צו זיין די דערשלאָגנקייט פון זיין נשמה. דער גלאַנץ פון באַרימט־קייט און פון גוטע מעשים ווערט פאַרטונקלט פאַר אים, די נאַ־טור זעט אים אויס שלעכט — אַגב, איז זי טאַקע שלעכט, נאַריש און שלעכט, דערין בין איך מיט אים מסכּים. — און ער זיך מייאש. ס׳איז אַ מורא אַרויסצוזאָגן, ער איז זיך מייאש אין וויסנשאַפט און אין פּראָגרעס. אָט דאָס איז טראַגיק, אינזשיניער. אָט דאָס איז אַ „דילעמע פאַרן מענטשלעכן געפיל“, נישט ביי יענער פרוי דאָרט, ס׳איז מיר נישט כּדאַי אָנצושטרענגען דעם זיכּרון צו דערמאָנען זיך, ווי זי הייסט דאָרטן... רעדט מיר נישט, וועגן דער „פּאַרגייסטיקונג“, וועלכע קאָן אַרויסגעבּרענגט ווערן דורך קראַנקהייט, טוט עס נישט, ווי גאָט איז אייך ליב! אַ נשמה אָן אַ קערפּער איז אַקוראַט אַזוי אוממענטשלעך און שרעקלעך, ווי אַ קערפּער אָן אַ נשמה. אַגב, איז דער ערשטער פאַל אַ זעלטענער אויסנאַם און דער צווייטער — אַ כּלל. בּכלל איז דער קערפּער דער, וואָס וואַקסט אַריבּער, וואָס נעמט אַוועק אַלדאָס וויכטיקע, אַלדאָס לעבּעדיקע און עמאַנציפּירט זיך אויפן עקלדיקסטן אופן. אַ מענטש אַ קראַנקער איז בּלויז גוף, דאָס איז עקלדיקסטע פאַרן מענטש און דערנידעריקנדיקסטע — ער איז אין ס׳רוב פאַלן גאָרנישט בּעסער פון אַ בּר־מינן...

— קאָמיש — זאָגט פּלוצלונג יאָאַכים און בּויגט זיך בּשעת־מעשה אויס, כּדי אָנצוקוקן זיין קוזין, וואָס גייט אין סעטעמבּריניס זייט. — דו האָסט דאָך אויך געזאָגט נישט־לאַנג עפּעס ענלעכס.

— אַזוי — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — ס׳קאָן אפשר מעג־לעך זיין, אַז ס׳איז מיר אויך אַיינגעפאַלן עפּעס ענלעכס.

עטלעכע טריט וועגס האָט סעטעמבּריני געשוויגן. צום סוף זאָגט ער: איז נאָך בּעסער, מיינע הערן, אויבּ אַזוי, איז נאָך בּע־סער. כ׳בּין ווייט פון דער כּוונה צו פּראַווען וועלכע ס׳איז אָריגינעלע

פילאָסאָפיע. דאָס איז נישט מיין זאַך. אויב אונזער אינזשיניער האָט אויך, פון זיין זייט, געזאָגט עפּעס, וואָס שטימט דערמיט, — איז עס נאָר אַ באַשטעטיקונג פאַר מיין השערה, אַז ער פּראָוועט גייסטיקן דילעטאַנטיזם, ווי ס'איז דער שטייגער פון דער באַגאַבטער יוגנט. וואָס פּרוווט לעת-עתּה אויס אַלע מעגלעכע מיינונגען. אַ באַגאַב-טער יונגער מענטש איז נישט קיין ליידיק בלאַט, ער איז גיכער אַ בלאַט, אויף וועלכן ס'איז מיט סימפּאַטעטישער טינט* אַלץ שוין אָנגעשריבן, סיי דאָס גוטע סיי דאָס שלעכטע. דער חוב פונם דער-ציער איז צו אַנטוויקלען מיט זיכערקייט דאָס גוטע, און דאָס פאַלשע, וואָס וויל אַרויסטרעטן — אויסצומעקן אויף אייביק דורך אַ פּאַ-סיקער השפּעה. איר האָט עפּעס איינגעקויפט? — פרעגט ער מיט אַ פאַרענדערטן, לייכטן טאָן...

— ניין, נישט ספּעציעל — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — ס'הייסט...

— מיר האָבן איינגעקויפט אַ פּאָר דעקעס פאַרן קוזין — ענט-פערט יאָאַכים גלייכגילטיק.

— אויף ליג-קוראַציע... בײַ דעם דאָזיקן הינטישן וועטער... איך האָב בדעה דאָס מיטצומאַכן די פּאָר וואָכן — זאָגט האַנס קאַס-טאָרפּ לאַכנדיק און קוקט אַראָפּ.

— אַ, דעקעס, ליג-קוראַציע — זאָגט סעטעמבריני. — אַסוי, אַסוי, אַסוי, אַיי, אַיי, אַיי, באמת: „Placet experiri" — חזרט ער איבער מיט אַ איטאַליענישן אַקצענט און געזעגנט זיך, ווייל זיי זיינען שוין אַריינגעגאַנגען אין סאַנאַטאָריע אַריין. דער הינקעדיקער משרת האָט זיך געגריסט.. אין דער האַלע איז סעטעמבריני אַוועק אין קאָנווערזאַציע-זאַל, כּדי פאַרן עסן צו לייענען די צייטונגען, ווי ער האָט געזאָגט. די צווייטע ליג-קוראַציע האָט ער, אַפּנים, געהאַט בדעה דורכצולאָזן.

— זאָל גאָט אויסהיטן — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ, בעת ר'איז געשטאַנען מיט יאָאַכימען אין דער ווינדע — ער איז באמת אַ פּע-דאַגאָג, ער האָט לעצטנס שוין אַליין געזאָגט, אַז ער האָט אין זיך

* אַ טינט, וואָס מען קאָן זי איבערלייענען ערשט נאָך אַ געוויסער צייט און אַ געוויסער באַהאַנדלונג.

אַזאַ אָדער. מ'דאַרף זיך שטאַרק היטן נישט אַרויסצוזאָגן פאַר אים קיין איבעריק וואָרט. ווען נישט, נעמט ער פּראַווען תורה. ס'איז פונ־דעסטוועגן כּדאי צו הערן, ווי שיין ער קאָן ריידן. די ווערטער שיטן זיך אים פון מויל פלינק און באַטעמט. ווען כ'הער אים ריידן — מוז איך אַלעמאָל טראַכטן וועגן פרישע זעמל.

יאָאַכים לאַכט.

— זאָג אים דאָס בעסער נישט. כ'בין זיכער, אַז ער וואָלט געווען אַנטטוישט, ווען ער ווערט געוואָר, אַז דו קלערסט גאָר וועגן זעמל, בשעת ער פּראַוועט זיין תורה.

— אַזוי מיינסטו? — יאָ, ס'איז נישט אַזוי זיכער. כ'האָב אַלע־מאָל דעם איינדרוק, אַז ס'גייט אים לחלוטין נישט בלויז וועגן די דרשות — אַלנפאַלס איז דאָס נישט ביי אים דער עיקר. אים גייט קודם־כּל וועגן ריידן גופא, ווי אַזוי ער לאָזט אַרויס יעדעס וואָרט פלינק און קנאַקעדיק... עלאַסטיש, ווי פילקעלעך... ס'איז אים איך, דאַכט זיך, גאַנץ ניחא, ווען מ'באַמערקט עס טאַקע אויך. דער בירברייער מאַגנוס איז טאַקע אַ ביסל נאַריש מיט זיינע „שיינע כאַ־ראַקטערן", אָבער סעטעמבריני וואָלט געדאַרפט זאָגן, וואָס דען איז, אייגנטלעך, אויסן די ליטעראַטור. איך האָב נישט געוואָלט פרעגן, כּדי זיך נישט צו פאַרשיטן, כ'בין, אַגב, נישט קיין גרויסער מבין אין אָט די זאַכן און האָב ביז איצט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין ליטעראַט. אויב ס'גייט נישט וועגן שיינע כאַראַקטערן, גייט אַלנ־פאַלס וועגן שיינע ווערטער, אַזאַ איינדרוק האָב איך, בעת כ'בין אין סעטעמברינינס געזעלשאַפט. וואָס פאַר אַ אויסדריקן ער באַנוצט: ער דשענירט זיך לחלוטין נישט צו ריידן וועגן „גוטע מעשים" — וואָס זאָגסטו דערצו? זינט איך לעב, האָב איך נאָך דאָס וואָרט נישט אַרויס־געזאָגט. אַפילו אין שול האָבן מיר דאָס וואָרט virtus איבער־געזעצט מיט „מוטיקייט". כ'האָב מיך גיך אָפּגעשאָקלט, מוז איך דיר זאָגן. ס'מאַכט מיך אויך אַ ביסל נערוועז, ווען ער הייבט אָן זידלען די קעלט און בערענסן און די פרוי מאַגנוס, הלמאי זי פאַר־לירט איי־ווייס, בקיצור אַלץ און אַלע. ער איז אַן אָפּאָזיציאָנער, דאָס איז ביי מיר תיכף קלאָר געוואָרן. ער שיט פעך און שוועבל

אויף אַלץ, וואָס עקסיסטירט. דאָס אַ מין אָפּגעלאָזנקייט — כ׳קאָן מיר נישט העלפן.

— דו זאָגסט נאָר אַזוי — ענטפערט יאָאַכים נאָך אַ ישוב — אָבער ס׳איז דאָ דערין אויך עפּעס אַזוינס, וואָס דערמאָנט אין שטאָליק, און נישט אין אָפּגעלאָזנקייט. פאַרקערט, ר׳איז דאָך אַ מענטש, וואָס שטעלט אויף זיך, אָדער אויף דער מענטשהייט בכלל. דאָס געפעלט מיר אין אים, דאָס זעט מיר אויס אָנשטענדיק.

— דאָס איז אמת — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — ער האָט אין זיך אַפילו אַ מין שטרענגקייט. ס׳ווערט גאַנץ אָפּט אַ ביסל אומהיימלעך, ווייל מ׳פילט זיך אַ ביסל — לאָמיר זאָגן: קאָנטראָלירט. דאָס איז לחלוטין נישט קיין שלעכטע באַצייכענונג. ווערסט מיר גלויבן, אַז כ׳האָב כסדר געהאַט דעם איינדרוק, אַז ס׳געפעלט אים נישט, הלמאי כ׳האָב מיר געקויפט דעקעס אויף ליג־קוראַציע, אַז אים אַרט עס און ער האָט אויף מיר פאַראיבל?

— ניין, — זאָגט יאָאַכים דערשטוינט און פאַרטראַכט. — ווי איז דאָס מעגלעך? דאָס קאָן איך מיר נישט פאָרשטעלן. — באַלד דערנאָך איז ער אַוועק אויף ליג־קוראַציע, מיטן טערמאָמעטער אין מויל, מיט האַק־און־פּאַק. האַנס קאַסטאָרפּ האָט באַלד דערויף אָנגעהויבן זיך אויסצופּוצן און איבערצוטאָן אויף מיטאָג. איזוי צי אַזוי, איז נאָך געווען אַ קנאַפּע שעה צייט.

אַן עקסקורס איבערן חוש פאַר צייט

ווען זיי זיינען ווידער צוריקגעקומען פון מיטאָג, איז שוין ביי האַנס קאַסטאָרפּן אין צימער געלעגן דאָס פּעקל מיט די דעקעס אויף אַ שטול. יענעם טאָג האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַנוצט מיט זיי. דער געניטער יאָאַכים האָט אים געלערנט די קונץ, ווי אַזוי זיך איינצוּוויקלען, ווי אַלע דאָ, אַן ענין, וואָס יעדער נייער מוז זיך תיכף אויסלערנען. מ׳שפּרייט אויס די דעקעס, צום ערשט איינע און דערנאָך די אַנדערע, איבער דער ליג־שטול, אַזוי, אַז צופוסנס זאָל בלייבן אַראָפּהענגען אַ היפּש שטיק. דערנאָך לייגט מען זיך אַוועק

און מ'נעמט זיך אַרומוויקלען מיט דער אינעווייניקסטער: פריער אין דער לענג, ביז אונטערן אָרעם, דערנאָך פון אונטן איבער די פיס, דערביי בייגט מען זיך אַיין זיצנדיקערהייט און מ'נעמט אָן דעם אַריבערגעוואָרפענעם עק פון איין זייט און פון דער צווייטער און מ'גיט אַכטונג, דער טאָפּלטער פוס-עק זאָלט גוט פּאַסן צו דער לענג, אויב מען וויל זיין אַיינגעוויקלט וואָס גלאַטער און גלייכער. דערנאָך דאַרף מען גענוי נאָכטאָן דאָס אייגענע מיט דער אייבערשטער דעקע. דערמיט זיך אַן עצה צו טאָן איז אַ ביסל שווערער און האַנס קאַסטאָרפּ, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ פּאַרטאַטש און אַן אָנהייבער, האָט גאַנץ היפּש געקרעכצט, בשעת ער האָט, בייגנדיק און אויסגלייכנדיק זיך, געלערנט זיך אָנכאַפּן די עקן קאָלדרעס, ווי מ'האָט אים אָנגעוויזן. נאָר געציילטע אויסגעדינטע, זאָגט יאָאַכים, קאָנען איינצייטיק אַרויפוואַרפן אויף זיך ביידע דעקעס מיט דריי זיכערע באַוועגונגען, אָבער דאָס איז אַ זעלטענע מעלה, וואָס רופט אַרויס קנאה. און צו וועלכער מ'דאַרף האָבן נישט בלויז יאָרנלאַנגע געניטקייט, נאָר אויך אַ נאַטירלעכע אַיינגעבוירנקייט. דערפון האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּ געמוזט צעלאַכן, בעת ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק מיט אַ ווייטאָגדיקן רוקן. יאָאַכים, וואָס האָט נישט גלייך פאַרשטאַנען, אין וואָס ס'באַשטייט דאָס קאָמישע, האָט אים אָנגעקוקט נישט זיכער און ערשט שפּעטער זיך אויך צעלאַכט.

— אַזוי — זאָגט ער. האַנס קאַסטאָרפּ ליגט בשעת-מעשה אויף דער ליג-שטול אַ שטייפער, אַן אויסגעצויגענער, מיט אַ ווייכער קישן אונטערן נאַקן און אַן אויסגעמאַטערטער פון דער גאַנצער גימנאַסטיק. — ס'זאָל אַפילו זיין איצט צוואַנציק גראַד קעלט, וועט דיר אויך גאָרנישט שאַטן. באַלד דערנאָך גייט ער אַוועק הינטערן גלעזערנעם ווענטל, כדי זיך אויך אַיינצוּוויקלען.

וועגן דער געשיכטע מיט די צוואַנציק גראַד קעלט איז קאַסטאָרפּ שטאַרק מסופק, ווייל ער האָט באמת געפרוירן. אַ שוידער איז אים דורכגעלאָפן יעדעס מאָל, ווען ער האָט דורך די האָלין-וועלבונגען אַ קוק געטאָן אין דער קאַפּענדיקער, טריפנדיקער פייכטקייט אינדרויסן, וואָס האָט יעדע רגע אויפסניי געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שניי. אַגב, ווי מאָדנע איז דאָס, וואָס ביי דער גאַנצער

פייכטקייט האָט ער נאָך אַלץ אַזעלכע טרוקן־היציקע באַקן, ווי ער וואָלט געזעסן אין אַ צופיל אָנגעהייצט צימער. ער האָט זיך אויך געפילט נאַריש פאַרמאַטערט פון די אָנשטרענגונגען מיט די דעקעס, באמת „Ocean steamships“, האָט אים גענומען ציטערן אין די הענט, תיכּף ווי ער האָט דערויף אַ קוק געטאָן. אַזוי שטאַרק געזונט איז ער אויך נישט, לחלוטין אַנעמיש, ווי הויפראַט בערענס האָט געזאָגט, און צוליב דעם איז ער אויך אַזאַ געפרוירענער. אָבער שטאַרקער פון דעם אומאָנגענעמען געפיל איז געווען די באַקוועמלעכקייט פון זיין ליגן, יענע כמעט סודותדיקע מעלות פון דער ליג־שטול, וואָס לאָזן זיך נישט אַנאַליזירן און וועלכע האַנס קאַסטאָרפּ האָט דערשפּירט מיט דער גרעסטער התלהבות שוין ביים ערשטן פּרוּוו. איצט האָט זיך עס אויף אַ גליקלעכן אופן כּסדר באַשטעטיקט. צי ס'האָט זיך גענומען פון נעבוי פון מאַטראַץ, צי פון דער ריכטיקער אָנגענייגטקייט פון רוקן־אָנלען, צי פון צוגעפּאַסטער הייך און ברייט פון די אָרעם־אָנלענס אָדער גאָר צוליב דער צוועקמעסיקער פעסטקייט פון קישן, וואָס הינטערן נאַקן — אַ פאַקט איז, אַז מ'האָט בכלל נישט געקאָנט אויסטראַכטן קיין בעסערע און באַקוועמערע זאַך אויף אויסצורוען די אברים, ווי די דאָזיקע אויסגעצייכנטע ליג־שטול. דערפון האָט זיך גענומען, וואָס האַנס קאַסטאָרפּס האַרץ איז פול געווען מיט צופרידנקייט צוליב די צוויי פרייע און שלווהדיקע שעהן, וואָס וואַרטן אויף אים, אָט די הויפּט־שעהן פון ליג־קוראַציע, וואָס זיינען געהייליקט געוואָרן דורכן רעגולאַמין פון דער סאַנאַטאָריע. כאָטש ער איז דאָ נאָר געווען אַ גאַסט, האָט ער דאָס פונדעסטוועגן געהאַלט פאַר אַן איינאָרדענונג, וואָס איז ווי צוגעפּאַסט צו אים. ווייל ר'איז געווען פון דער נאַטור אַ געדולדיקער, האָט געקאָנט לאַנג אויסהאַלטן אין יעדער באַשעפטיקונג און האָט ליב געהאַט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, די פרייע צייט, וואָס ווערט נישט פאַרגעסן, פאַרשלונגען און פאַריאָגט דורך דער פאַרטויבנדיקער אַרבעט. פיר אַ זייגער האָט מען געגעבן אויף פאַרנאַכט־מאָלצייט טיי מיט איינגעמאַכטס, דערנאָך האָט מען זיך אַ ביסל דורכגעלופטערט אינדרויסן, באַלד נאָכדעם האָט מען זיך ווידער אַוועקגעלייגט רוען אויף דער ליג־שטול. זיבן אַ זייגער גייט אָוונטברויט, וואָס ברענגט מיט זיך

ווי אַלעמאָל, אַ ביסל געשפּאַנטקייט און נייסן, וועלכע מ'קוקט אויס מיט הנאה. דערנאָך גיט מען ווי־ס'איז אַ קוק אין סטערעאָסקאָפּישן קוק־קאַסטן, און קאַליידאָסקאָפּישן שפּאַקטיוו, אָדער אין קינעמאַטאָגראַפישן רערל... האַנס קאַסטאָרפּ האָט שוין געקאָנט די אָרדענונג פון אויסנווייניק, כאָטש צו זאָגן, אַז ר'איז שוין געווען „איינגעלעבט“, — ווי מען רופט עס — וואָלט געווען אַ גוזמא.

אין גרונד גענומען, איז עס עפּעס משונהדיק אָט־דאָס איינלעבן זיך אין אַ פרעמד אָרט, אָט־דאָס שווערע צופּאַסן זיך און איינגעוויינען זיך, וואָס ווערט געטאָן כמעט צוליב דעם פּאַקט אַליין און מיט דער באַשטימטער כוונה דאָס אַלץ איבערצודרייסן און צוריקצוקערן צום פריערדיקן מצב תיכּף אָדער באַלד נאָכדעם, ווי די צופּאַסונג ווערט פאַרענדיקט. מ'רעכנט דאָס פאַר אַ מין הפסקה און אַ צווישנשפּיל אין עיקרדיקן לעבן. מ'וויל זיך אַזוי־אַרום פאַרריכטן, דאָס הייסט: באַנייען און דערפרישן דעם אָרגאַניזם, וואָס איז געווען אין דער סכנה און האָט שוין געהאַלטן דערביי, ער זאָל אַריינפאַלן אין שטייפער איינטאָניקייט פון לעבנס־שטייגער, ווערן אָפּגעלאָזן און אָפּגעטעמפּט. פונוואַנען נעמט זיך אָבער די דאָזיקע אָפּגעלאָזנקייט און אָפּגעטעמפּטקייט, אויב מ'ענדערט לאַנג נישט דעם שטייגער פון לעבן?

עס נעמט זיך נישט אַזויפיל פון קערפּערלעך־גייסטיקער פאַרמאַטערטקייט און אָפּגענוצטקייט, וועלכע דאָס לעבן ברענגט מיט זיך (ווייל דערויף וואָלט דאָס בעסטע היילמיטל געווען פשוטע רו). ס'איז גיכער עפּעס נשמהדיקס, ס'איז די איבערלעבעניש פון צייט, וואָס איז אין סכנה — ביי אַ כסדרדיקער איינטאָניקייט — אָפּגענומען צו ווערן. דערביי שטייט די דאָזיקע צייט־איבערלעבעניש אין אַזאַ נאָענטער קרובהשאַפט מיטן לעבנס־געפיל גופא, אַז ס'איז גענוג, איינס זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן, כדי דאָס אַנדערע זאָל אויך גלייך דערפילן אַן אָפּגעשוואַכטקייט. איבער דעם מהות פון לאַנגווייליקייט זיינען פאַרשפרייט אַ סך גרייזיקע פאָרשטעלונגען. מ'גלייבט בכלל, אַז אינטערעסאַנטקייט און נייקייט „פאַרטרייבן“ די צייט, דאָס הייסט: פאַרקירצן זי. מאָנאָטאָניע און פּוסטקייט, ווידער, פאַרהאַלטן איר לויף און האַמעווען זי. דאָס שטימט נישט אינגאַנצן. פּוסטקייט און מאָנאָ־

טאָניע קאָנען טאַקע אויסציען אַ רגע און אַ שעה און זיי מאַכן „לאַנגווייליק“, אָבער גרויסע און גרעסטע צייט־מאָסן פאַרקירצן זיי און פאַרווישן ביז גאָרנישטדיקייט. פון דער צווייטער זייט איז אַ רייכע און אינטערעסאַנטע איבערלעבונג בכוח צו פאַרקירצן און צו באַפליגלען אַ שעה און אַפילו אַ טאָג. אָבער ברייטער גערעכנט גיבן זיי צו דעם גאַנג פון דער צייט רחבות, וואָג און סאָלידקייט, אַזוי אַז יאָרן פול מיט רייכע געשעענישן גייען אַוועק אַ סך פּאַמעלעכער, ווי די אָרעמע, ליידיקע, לייכטע יאָרן, וואָס ווערן אַוועקגעבלאָזן מיטן ווינט און צעפליען זיך. דאָס, וואָס מ׳רופט אָן „לאַנגווייליקייט“, איז פאַקטיש גיכער אַ קרענקלעכע „קורצווייליקייט“ פון דער צייט, וואָס שטאַמט פון מאָנאָטאָניע. גרויסע צייט־שטחים ווערן ביי כסדרדיקער מאָנאָטאָניקייט אײַנגעשרומפּן אַזוי ווייט, אַז דאָס האַרץ ווערט דערשראָקן צום טויט. אויב איין טאָג איז ווי אַלע, זיינען אַלע אויך ווי איינער. ביי אַבסאָלוטער איינטאָניקייט וואָלט דאָס לענגסטע לעבן איבערגעלעבט געוואָרן קורץ און ס׳וואָלט אַוועק, איידער מ׳וואָלט זיך אומגעקוקט. צוגעוווינטקייט איז אַן אײַנגעשלעפערטקייט אָדער אַ פאַרמאַטערטקייט פון חוש פאַר צייט. אויב די יונגע יאָרן ווערן איבערגעלעבט פּאַמעלעך און דאָס שפּעטערדיקע לעבן לויפט אַוועק אין אײַלעניש אַלץ האַסטיקער — נעמט זיך עס אויך בלויז פון צוגעוווינקייט. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז דאָס אָפּ־און צוגעוווינען זיך איז דאָס איינציקע מיטל אײַנצוהאַלטן אונזער לעבן, אָפּצופרישן דעם חוש פאַר צייט, צו דערגרייכן צו דער פאַריינגערונג, פאַרשטאַרקונג, פאַרלאַנגזאַמונג פון אונזער צייט־איבערלעבעניש און דערביי צו דערפרישן אונזער לעבנס־געפיל בכלל. דאָס איז מען אויסן, ווען מען בייט דאָס אָרט און די לופט, ווען מ׳פאָרט אין בעדער, דאָס איז די רפואה, וואָס ס׳ברענגט מיט זיך יעדער אָפּבייט און עפּיזאָד. די ערשטע טעג אויף אַ ניי אָרט האָבן אין זיך אַ יונגטלעכן, דאָס הייסט — אַ שטאַרקן און ברייטן גאַנג. ס׳דויערט בערך זעקס ביז אַכט טאָג. דערנאָך, וואָס מער מ׳לעבט זיך איין, אַלץ מער ווערט ביסלעכווייז בולט די „פאַרקירצונג“. ווער ס׳הענגט שטאַרק אין לעבן, אָדער בעסער געזאָגט: ווער ס׳וויל זיך אָנהענגען אין לעבן, יענער זעט דעמאָלט מיט גרויל, ווי די טעג הייבן ווידער אָן צו ווערן לייכט

און צו אַנטלויפֿן. די לעצטע וואָך, בערך די פֿערטע, לויפֿט אַוועק משונהדיק גיך. אַוודאי ווירקט די דערפֿרישונג פֿון צייט־חוש אויך אויף שפּעטער און ווען מ׳קערט זיך אום צום רעגלמעסיקן לעבן, נעמט זי גילטן פֿונסניי. די ערשטע טעג אין דער היים נאָך דעם אָפּזייט ווערן אויך איבערגעלעבט ניי, ברייט און יונגטלעך, אָבער בלויז געציילטע טעג, ווייל צום רעגלמעסיקן לעבן געוווינט מען זיך אַ סך גיכער צו, ווי צום היפּוך. אויב דער חוש פֿאַר צייט איז צוליב אַלטקייט שוין מיד, אָדער אויב אָט דער חוש איז קיינמאָל נישט געווען צו־שטאַרק אַנטוויקלט (אַ סימן פֿון לכתחילהדיקער לעבנס־שוואַכקייט), דעמאָלט שלאָפֿט ער תיכּף צוריק איין און ס׳גענוג איין מעת־לעת, מ׳זאָל זיך פֿילן, גלייך ווי מ׳וואָלט קיינמאָל אין ערגעץ נישט געווען און גלייך די נסיעה וואָלט געווען אַ חלום פֿון אַ נאַכט.

די דאָזיקע באַמערקונגען ווערן דאָ געברענגט בלויז צוליב דעם, ווייל ,דער יונגער האַנס קאַסטאָרפּ האָט אויך געהאַט עפּעס ענ־לעכס אין זינען, בעת ער האָט אין עטלעכע טעג אַרום געזאָגט צו זיין קוזין (און דערביי זיינע אויגן פֿול געוואָרן מיט רויטע אָדערלעך):

— ס׳איז און ס׳בלייבט מאָדנע, ווי לאַנג די צייט זעט אויס אַ מענטשן אין אָנהייב אויף אַ פֿרעמד אָרט. ס׳הייסט... פֿאַרשטייט זיך, אַז ס׳קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן דעם, איך זאָל מיך לאַנג־ווייליקן. פֿאַרקערט, כ׳מעג זאָגן, אַז כ׳אַמוזיר מיך קיניגלעך. ווען כ׳קוק מיך אַרום, רעטראָספּעקטיוו*, פֿאַרשטייסט, דאַכט זיך מיר אויס, גלייך ווי כ׳וואָלט שוין געווען דאָ אויבן מי־יודע ווי לאַנג. געדענקסט ווי כ׳בין אָנגעקומען און נישט גלייך געוואוסט, אַז כ׳בין שוין דאָ און דו האָסט אַ זאָג געטאָן: שטייג אויס! מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז אַוועק אַ גאַנצע אייביקייט זינט דעמאָלט. מיט מאָס און בכלל מיט פֿאַרשטאַנד האָט אָט דאָס אַבסאָלוט גאָרנישט וואָס צו טאָן. דאָס איז אַ ריינע געפֿיל־זאַך. פֿאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז נאַ־ריש צו זאָגן: ס׳דאַכט זיך מיר, אַז כ׳בין שוין דאָ צוויי חדשים.

---

* אויף צוריק.

דאָס וואָלט געווען אַ שטות. אָבער כ'קאָן דרייסט זאָגן: זייער לאַנג.

— יאָ, — ענטפערט יאָאַכים מיטן טערמאָמעטער אין מויל. — ס'קומט מיר אויך צונוץ, כ'קאָן מיך אין אַ געוויסער מאָס האַלטן אין דיר, זינט דו ביסט דאָ. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך צעלאַכט דערפון, וואָס יאָאַכים זאָגט דאָס אַרויס אַזוי פשוט, אָן שום דערקלערונג.

ער פּרוּווט די כּוחות אויף פראַנצויזיש

ניין, איינגעלעבט איז ער נאָך בשום־אופן נישט געווען, נישט וואָס שייך זיינע קענטענישן בנוגע דעם היגן לעבן מיט אַלע זיינע באַזונדערקייטן — אַ קענטעניש, וועלכע ס'איז אוממעגלעך געווען צו קריגן אין משך פון עטלעכע טעג, ווי ער האָט זיך אַליין געזאָגט (ר'האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דערמיט אויך פאַר יאָאַכימען), און אַפילו אין משך פון דריי וואָכן. אין פונקט אַזוי איז ער נאָך אויך נישט געווען איינגעלעבט וואָס שייך דער צוגעפּאַסטקייט פון זיין אָרגאַניזם צו די זייער מאָדנע אַטמאָספערישע פאַרהעלטנישן „דאָ אינדערהויך". דאָס דאָזיקע צופּאַסונג איז אים אָנגעקומען ביטער, זייער ביטער און זי האָט, ווי ס'האָט זיך אים געדאַכט, בכלל זיך נישט גערירט פון אָרט.

דער נאָרמאַלער טאָג איז געווען קלאָר צעטיילט און זאָרגעוודיק אָרגאַניזירט. ווען מ'דרינגט אַריין אין דער דאָזיקער אָרדענונג, גייט מען גיך אין שפּאַן און מ'ווערט געניט. אָבער אין די ראַמען פון דער וואָך אָדער נאָך גרעסערע צייט־איינטיילונגען קומען פאָר געוויסע רעגלמעסיקע ענדערונגען, וואָס האַלטן זיך אין איינוויקלען, טייל — צום ערשטן מאָל, אַנדערע האָבן זיך שוין באַוויזן איבערצוחזרן. אַפילו וואָס ס'איז נוגע די טאָג־טעגלעכע געשעענישן און פּנימער — האָט האַנס קאַסטאָרפּ נאָך געהאַט אויפטריט און שריט וואָס צו לערנען פון זיי. מ'האָט געדאַרפט גענייער

זיך אַיינקוקן אין דעם שוין אויבּנאויפיק־געוועזענעם און אויפנעמען דאָס נייע מיט יונגטלעכער התמדה.

למשל, יענע בּייכיקע כּלים מיט די קורצע העלזער, וואָס שטייען אין די קאָרידאָרן בּיי איינציקע טירן. בּאַלד בּיי זיין אָנקומען האָט ער געוואָרפן אויף זיי אַן אויג. איצט האָט ער געפרעגט בּיי יאָאַכימען און יענער האָט אים געענטפערט. דאָרטן איז פאַראַן זויער־שטאָף, ריינער זויער־שטאָף, צו זעקס פראַנק אַ בּאַלאָן. דעם דאָזיקן בּאַלעבּנדיקן גאַז לאָזט מען אַריין די מסוכּן־קראַנקע אין די לעצטע רגעים, כּדי זיי צו דערהאַלטן בּיי די כּוחות. הינטער די טירן, וואו ס'שטייען אַזעלכע בּאַלאָנען, ליגן שטאַרבּנדיקע, אָדער „מאָריבּונדי“, ווי הויפראַט בּערענס האָט זיך אויסגעדריקט, בּעת האַנס קאַסטאָרפּ האָט אים אַמאָל בּאַגעגנט אויפן ערשטן שטאָק. דער הויפּראַט האָט דעמאָלט דורכגערודערט דעם קאָרידאָר אין אַ ווייסן קיטל, מיט בּלויע בּאַקן און זיי זיינען צוזאַמען אַרויפגעגאַנגען מיט די טרעפּ.

— נאַ, איר זייטיקער צוקוקער, איר! — האָט בּערענס געזאָגט — וואָס מאַכט איר, געפינען מיר לייטזעליקייט אין אַייערע פאָרשנדיקע בּליקן? ס'פרייט אונז, פרייט אונז. יאָ, דער זומער־סעזאָן האָט אין זיך עפּעס, ער שטאַמט נישט פון קיין שלעכטן מקור. כ'האָבּ מיך אויך אַ בּיסל אָנגעשטרענגט אים אונטערצושטופּן. פונדעסטוועגן איז אַ שאָד, וואָס איר ווילט נישט זיין בּיי אונז ווינטער — איר וועט דאָ בּלייבּן בּלויז אַכט וואָכן, האָבּ איך געהערט? וואָס, דריי? דאָס איז דאָך אַ וויזיט אויף איין פוס, ס'לוינט זיך אַפילו נישט איבּצוטאָן. נאַ, ווי איר פאַרשטייט. פונדעסטוועגן איז אַ שאָד, וואָס איר זענט נישט דאָ ווינטער, ווייל וואָס ס'איז נוגע דער האָטעפאָלעי* — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ שפּאַסיקער, אויסטערלישער אויסשפּראַך — די אינטערנאַציאָנאַלע האָטעפאָלעי אונטן אין „פלאַץ“, — קומט אַהער ערשט אין ווינטער און איר מוזט זיי אָנקוקן, איר וואָלט געקאָנט אַ סך אָפּלערנען. מען קאָן פּלאַצן פאַר געלעכטער, בּעת די יונגען שפּרינגען אויף זייער סקיס. און די דאַמען, גאָטעניו, די

* הויכע אַריסטאָקראַטיע: Haute Volée (האָטוואָלע).

דאַמען! פאַרביק ווי גן-עדן-פייגל, זאָג איך אייך, און גוואַלדיק גאַלאַנט... איצט מוז איך אַריינגיין צו מיין מאָריבונדוס* — זאָגט ער — נומער זיבן-און-צוואַנציק. לעצטער סטאַדיום. אַראָפּ פון דער סצענע. נעכטן און היינט האָט ער נאָך אַריינגעזשלאָקעט פינף טוץ פלעשער זויערשטאָף, דער זולל-וסובא. אָבער ביז מיטאָג וועט ער שוין מסתמא אַוועק** ad penates. נאָ, ליבער הער דייטער — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַריינגייענדיק — מיר וועלן אפשר ווידער אָפּברעכן אַ העלזל פון אַ... זיינע ווערטער האָבן זיך פאַרלוירן הינטער דער טיר, וועלכע ער האָט צוגעמאַכט, אָבער אין משך פון איין רגע האָט האַנס קאַסטאָרפּ אין דער טיף פון צימער דערזען אויף אַ קישן אַ וואַקסענעם פּראָפיל פון אַ יונגן מאַן מיט אַ שיטער בערדל, וואָס האָט פאַמעלעך אָנגעשטעלט זיינע גרויסע אויגאַפּלען אויף דער טיר.

ס'איז געווען דער ערשטער „מאָריבונדוס", וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט געזען אין זיין לעבן. ווייל סיי זיינע עלטערן, סיי זיין זיידע זיינען בשעתּם געשטאָרבן אַזוי צו זאָגן הינטער זיינע פּלייצעס. מיט וויפל ווערדע ס'איז געלעגן אויפן קישן דעם יונגנמאַנס קאָפּ מיטן פאַרריסענעם בערדל! ווי חשיבותדיק ס'איז געווען דער בליק פון זיינע משונה-גרויסע אויגן, בשעת ער האָט אַ קוק געטאָן צו דער טיר! האַנס קאַסטאָרפּ איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין דעם, וואָס ער האָט דערזען אינדערגיך, אַז ער האָט נישט ווילנדיק אויך געפּרוּווט מאַכן אַזעלכע גרויסע, חשיבותדיקע און געלאַסענע אויגן, ווי ביים „מאָריבונדוס". אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, האָט ער טאַקע מיט אַזאַ פּאָר אויגן אַ קוק געטאָן אויף אַ דאַמע, וואָס איז הינטער אים אַרויס פון אַ טיר און אים דעריאָגט ביי די טרעפּ. ער האָט נישט תּיכּף דערקענט, אַז ס'איז מאַדאַם שאָשאַ. זי האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן פון די אויגן, וואָס ער שטעלט אָן, דערנאָך האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן ביים גרעק און איז אַראָפּ פאַר אים פון די טרעפּ שטיל, בויגעוודיק און אַ ביסל מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ.

---

* שטאַרבנדיקער.

** צו די געטער פון הויז.

קיין בּאַקאַנטשאַפטן האָט ער נישט געמאַכט ניט אין יענע ערשטע טעג און אויך נישט לאַנג דערנאָך. דער גאַנצער סדר פון טאָג האָט נישט צוגעלאָזט דערצו. האַנס קאַסטאָרפּ איז אויך בּטבע אַ צוריקגעהאַלטענער מענטש; אַחוץ דעם פילט ער זיך דאָ איבּן בּלויז ווי אַ גאַסט און „זייטיקער צוקוקער“, ווי הויפראַט בּערענס האָט זיך אויסגעדריקט און האָט זיך דער עיקר בּאַנוגנט פאַרבּרענגענדיק און שמועסנדיק מיט יאָאַכימען. די קראַנקן־שוועסטער אין קאָרידאָר האָט, וואָס אמת, אַזוי לאַנג אויסגעשטרעקט צו זיי דעם האַלז און זיי נאָכגעקוקט, בּיז יאָאַכים, וואָס האָט שוין פריער אַמאָל מיט איר געהאַט אַ בּיסל געפּלוידערט, האָט זי בּאַקאַנט מיט זיין קוזין. מיטן בּינאָקל־שנירל הינטערן אויער האָט זי גערעדט נישט בּלויז אַפעקטירט, נאָר ממש פאַרפּייניקט, און אַז מ׳האָט זיך נעענטער צוגעקוקט, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק, גלייך זי וואָלט פון גרויס לאַנגווייליקייט געווען אַ בּיסל צעמישט. ס׳איז זייער שווער געווען פון איר פּטור צו ווערן, ווייל זי האָט אַרויסגעוויזן אַ קרענקלעכע מורא יעדעס מאָל, ווען דער שמועס האָט זיך געהאַלטן בּיי ענדיקן און וויפיל מאָל די יונגעלייט האָבּן זיך געגרייט אַוועקצוגיין, אַזוי אַז זיי זיינען פון רחמנות ווייטער געבּליבּן שטיין. זי האָט זיך בּרייט צערעדט וועגן איר פּאַפּאַ, דעם יוריסט, און פון איר קוזין, דעם דאָקטאָר — אַפּנים, — כּדי שטאַרקער אויסצונעמען און צו ווייזן, אַז זי קומט אַרויס פון אַ געבּילדעטן קלאַס. וואָס ס׳איז נוגע דעם קראַנקן איהן פון יענער זייט טיר, איז עס אַ זון פון אַ לאַלקעס־פאַבּריקאַנט פון קאָבּורג, הייסט ראָטבּיין, און לעצטנס האָט דער יונגער פריץ געקריגן דאָס עסק אין די געדערים. דאָס איז אַ צרה פאַר אַלע נאָענטע, די הערן קאָנען זיך עס אַליין פאָרשטעלן. בּפּרט, ווען מ׳קומט אַרויס פון אַן אַקאַדעמיש הויז און מ׳האָט אין זיך די סובּטעלקייט פון די העכערע קלאַסן, איז עס גאָר אַ צרה. מ׳טאָר זיך אויף אַ רגע נישט אַוועקדרייען... דאָ נישט לאַנג, שטעלט אייך פאָר, איז זי אַרויסגעגאַנגען אויף אַ ווײַלע, בּלויז כּדי צו קויפן אַ פּראָשעק צו די ציין. מ׳גיט אַ קוק: דער קראַנקער זיצט אין בּעט, לעבּן אים שטייט אַ גלאָז געדיכט שוואַרץ בּיר, אַ סאַלאַמי־וואורשט, אַ האַרט שטיק ראָזאָווע בּרויט און אַן אוגערקע. אָט די

היימישע גוטע זאַכן האָט מען אים צוגעשיקט פון שטוב, ער זאָל קומען צו זיך. צומאָרגנס איז ער, פאַרשטייט זיך, געווען מער טויט ווי לעבעדיק. ער אַליין אַיילט־צו זיין סוף. ס'וועט אָבער זיין א טובה נאָר פאַר אים, נישט פאַר איר — שוועסטער בערטאַ רופט מען זי, פאַקטיש הייסט זי אַלפּרעדאַ שילדקנעכט — ווייל זי וועט דעמאָלט אָנקומען צו אַן אַנדערן קראַנקן, אין א פריערדיקן אָדער שפּעטערדיקן סטאַדיום, דאָ אָדער אין אַן אַנדער סאַנאַטאָריע, דאָס איז איר פּערספּעקטיוו, קיין אַנדערע ווייזט זיך נישט.

— יאָ, — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — אַייער פּראָפעסיע איז אַוודאי אַ שווערע, אָבער זי גיט מסתּמא באַפרידיקונג אייך.

— אַוודאי — ענטפערט זי — באַפרידיקונג גיט זי — זי איז באַפרידקנדיק, אָבער זייער שווער.

— נו, אַלדאָס גוטס פאַרן הער ראָטביין — און די קוזינען האָבן שוין געוואָלט גיין.

אָבער זי האָט זיך ווידער גענומען קלאַמערן צו זיי מיט ווערטער און בליקן און ס'איז געווען אַזאַ רחמנות צוצוקוקן, ווי זי שטרענגט זיך אָן אַיינצוהאַלטן די יונגעלייט, אַז ס'וואָלט געווען אַן אַכזריות, איר נישט צו שענקען נאָך אַ ווײַלע.

— ער שלאָפט — זאָגט זי. — ער דאַרף מיך נישט האָבן. בין איך אויף עטלעכע מינוט אַרויס אין קאָרידאָר... און זי נעמט זיך קלאָגן אויפן הויפראַט בערענס, אויף דעם טאָן, וועלכן ער באַנוצט לגבי איר און וואָס איז צו פריי און דערפאַר לחלוטין נישט פאַסיק פאַר איר אָפּשטאַם. ד"ר קראָקאָווסקי געפעלט איר אַ סך מער און זי האַלט, אַז ער איז פול מיט נשמה. דערנאָך נעמט זי ווידער ריידן וועגן איר פּאַפּאַ און איר קוזין. מער קאָן פון זיך איר מוח נישט אַרויסגעבן. איצט האָט זי ווידער געוואָלט איינהאַלטן די קוזינען. זי האָט זיך אַפילו אומגעריכט צעלאָזט, אויפגעהויבן דאָס קול און שיר זיך נישט צעשריגן, בעת זיי האָבן געוואָלט אַוועקגיין. ס'האָט איר אָבער גאָרנישט געפּועלט. זיי האָבן זיך סוף־כּל־סוף אַרויסגעריסן און אַוועקגעגאַנגען. אָבער די שוועסטער האָט זיי נאָך אַ ווײַלע נאָכגעקוקט מיט אַ פאַרזויסגעבויגענעם קערפּער און מיט דאָרשטיקע בליקן, גלייך ווי זי וואָלט זיי גע־

וואָלט צוריקציען מיט די אויגן. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר ברוסט אַ זיפץ און זי איז צוריק אַוועק צום קראַנקן אין צימער אַריין.

אויסערדעם האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּ אין די טעג ביז באַקאַנט מיט דער בלייכער דאַמע אין שוואַרצן, מיט יענער מעקסיקאַנערין, וועלכע ער האָט געזען אין גאָרטן און וועלכע מ׳רופט „Tout les deux“. ער אַליין האָט אויך ממש געהערט פון איר מויל דעם מרה=שחורהדיקן שפּרוך, וואָס איז געוואָרן איר צונאָמען. אָבער ער איז געווען צוגעגרייט דערצו, דערפאַר האָט ער זיך געהאַלטן גוט און שפּעטער אַליין געהאַט הנאה דערפון. די קוזינען האָבן זי געטראָפן פאַרן הויפּט=פּאָרטאַל, בעת זיי זיינען נאָכן ערשטן פרישטיק אַרויסגעגאַנגען אויף דעם געוויינלעכן פרימאָרגן=שפּאַציר. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אַהין און צוריק, אָן אויפהער געמאַכט גרויסע שפּרייזן מיט אירע קרומע קניען, זי איז געווען אַיינגעהילט אין אַ שוואַרצער קאַשמיר=שאַל. אירע האָר — דורכגעוואָרפן מיט גרויע פעדים — זיינען געווען אַיינגעהילט אין אַ שוואַרצן שלייער, וואָס איז געווען פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע און איר אַלט=ווערנדיק פּנים מיטן גרויסן, פאַרצרהטן מויל האָט קעגן דעם אָפּגעשלאָגן מאַט=ווייס. יאָאַכים איז געווען אָן אַ היטל, ווי געוויינלעך. ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר און זי האָט פּאַמעלעך צוגעשאָקלט. די קנייטשן אויף איר שמאָלן שטערן זיינען דערביי נאָך טיפער געוואָרן. באַמערקנדיק אַ ניי פּנים, איז זי געבליבן שטיין, און ווערטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אָפּגעוואַרט, ביז די יונגעלייט וועלן זיך דערנעענטערן. זי האַלט, אַפּנים, פאַר נייטיק צו הערן, צי דער פרעמדער ווייסט וועגן איר ביטער מזל און אויפצונעמען זיין מיטגעפיל. יאָאַכים שטעלט פאָר זיין קוזין. זי דערלאַנגט דעם יאַכט פון דער מאַנטילע אַרויס איר האַנט, אַ מאָגערע, געלבלעכע האַנט, פול מיט אָדערן און באַצירט מיט רינגען. זי האַלט כסדר אין איין צישאָקלען מיטן קאָפּ און אין איין אָנקוקן אים. צום סוף געשעפט עס:

— * Tous les dé, monsieur — זאָגט זי. Tous les dé ** vous savez...

* טו לע דע (גרייזיק שטאָט deux) מסיע = אלע ביידע, הער.
** טו לע דע וואו סאַווע = אלע ביידע, איר ווייסט.

ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ — * Je le sais, madame —
צוגעדושעט: — ** Et je le regrette beaucoup.

די שלאַפּע טאָרבעס אונטער אירע קרעל־שוואַרצע אויגן זיי־נען געווען אַזעלכע גרויסע און שווערע, אַז האַנס קאַסטאָרפּ האָט נאָך ביז איצט ביי קיינעם דאָס נישט געזען. אַ פאַרבאָרגענער, וועלקנ־דיקער ריח איז זיך צעגאַנגען פון איר. ר'האָט זיך דערפילט אַ מילד, אַ ערנסט.

— *** Merci — האָט זי געזאָגט מיט אַ כאָרכל, וואָס האָט מאָדנע געפּאַסט צו דער גאַנצער געבראָכנקייט אירער און איין ווינקל פון איר גרויס מויל האָט אַראָפּגעהאַנגען טראַגיש טיף. דער־נאָך האָט זי צוריק אַריינגענומען די האַנט אין דער מאַנטיליע אַריין, האָט אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ און זיך ווידער געלאָזט אַרומגיין אַהין און צוריק. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געזאָגט:

— זעסט, ס'האָט מיר גאָרנישט געשאַדט, כ'בין אַרויס פון איר בשלום, איך קאָן מיר בכלל אַן עצה טאָן מיט אַזעלכע מענטשן, דאַכט זיך. איך קאָן בטבע אומגיין מיט זיי, — האַלטסט נישט אַזוי? מיר דאַכט זיך אַפילו, אַז כ'גיב זיך בעסער אַן עצה מיט טרויעריקע מענטשן, ווי מיט לוסטיקע. איין גאָט ווייסט, פונוואַנען ס'נעמט זיך. אפשר דערפון, וואָס כ'בין אַ יתום און האָב אַזוי פרי פאַרלוירן די עלטערן. ווען מענטשן זיינען ערנסט און טרויעריק און האָבן צו טאָן מיטן טויט, דערשלאָגט עס מיך נישט און ברענגט מיך נישט אַריין אין קיין פאַרלעגנהייט, כ'פיל מיך דערביי אין מיין עלעמענט און אַלנפאַלס בעסער, ווי בעת ס'רודערט זיך. דאָס גייט מיך ווייניקער אָן. לעצטנס האָב איך געטראַכט: ס'איז אַ נאַרישקייט פון די היגע דאַמען, וואָס זיי שרעקן זיך אַזוי שטאַרק פאַרן טויט און פאַר אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות דערמיט, אַזוי, אַז מ'דאַרף זיי אָפּהיטן פון יעדן רמז און ברענגען דעם וויאַטיקום בעתן עסן. ניין, פוי, דאָס איז טיפּשות. דו קוקסט נישט אָן גאַנץ גערן

* זשע לע סע, מאדאם = איך ווייס, מאדאם.

** ע זשע לע רעגרעט באָקו = און איך באדויער זייער.

*** אדאנק.

אַ טרומנע? איך קוק עס אָן גאַנץ גערן. איך האַלט, אַז אַ טרומנע איז ממש אַ שיין מעבל־שטיק אַפילו דערמאָלט, ווען קיינער ליגט נישט אינעווייניק. אויב עמעץ ליגט אינעווייניק — דערמאָלט זעט זי אויס ספּעציעל פייערלעך אין מיינע אויגן. יעדע קבורה האָט אין זיך עפּעס אַן אויפריכטונג. איך האָב שוין נישט איינמאָל געטראַכט, אַז איידער צו גיין אין קירך אַריין, איז גלייכער צו גיין צו אַ קבורה, אויב מ'וויל אַ ביסל אויפגעריכט ווערן. דער עולם איז אָנ־געטאָן אין גוטע שוואַרצע מלבושים, מ'נעמט אַראָפּ די היטן, מ'קוקט אָן די טרומנע, מ'האַלט זיך ערנסט און פרום און קיינער טאָר נישט מאַכן קיין פוילע וויצן, ווי אַזוי אין לעבן. איך האָב זייער ליב, ווען דער עולם ווערט אַ ביסל פרום. טיילמאָל האָב איך שוין גע־טראַכט, צי איך האָב נישט באַדאַרפט ווערן אַ פּאַסטאָר. אין אַ געוויסן זין, מיין איך, וואָלט דאָס מיר נישט שלעכט געפּאַסט... כ'האָף, אַז איך האָב נישט געמאַכט קיין פעלער אין פראַנצויזישן, בעת כ'האָב גערעדט?

— ניין, זאָגט יאָאַכים. — Je le regrette beaucoup איז אַלנפאַלס געווען גאַנץ ריכטיק.

פּאָליטיש פאַרדעכטיק

רעגלמעסיקע אָפּבייטונגען פון נאָרמאַלן טאָג זיינען געשעען: קודם־כל אין אַ זונטאָג. ס'איז געווען אַ זונטאָג מיט קור־מוזיק אויף דער טעראַסע, אַ זאַך, וואָס טרעפט זיך איינמאָל אין פערצן טעג. און איז אַ סימן, אַז ס'ענדיקט זיך די טאָפּל־וואָך. קאַסטאָרפּ איז, הייסט עס, אָנגעקומען אין איר צווייטער העלפט. ער איז אָנגעקומען דינסטאָג און ס'איז געווען זיין פינפטער טאָג, אַ טאָג, וואָס שמעקט מיט פרילינג נאָך יענער אַוואַנטוריסטישער זאַווערוכע און צוריק־קער צום ווינטער. איצט איז דער טאָג געווען אַ צאַרטער און פרישער מיט זויבערע וואָלקנס אויפן העל־בלויען הימל און לייכטער זון־שיין איבער די שיפּועים און טאָלן, וואָס זיינען ווידער זומערדיק

גרין געוואָרן, ווייל דער פּריש-אָנגעפּאַלענער שניי איז נאָך גיכער צעשמאָלצן געוואָרן.

מ'האָט בולט געזען, אַז יעדער איינער פּלייסט זיך צו האַלטן בכּבוד דעם זונטאָגדיקן טאָג און אים אויסצוטיילן. די דאָזיקע נייגונג האָבן אַרויסגעוויזן סיי די פּאַרוואַלטונג, סיי די געסט. באַלד ביי דער פּרימאָרגן-טיי האָט מען דערלאַנגט קוכן, באַשיט מיט צוקער, ביי יעדנס אָרט אויפן טיש איז געשטאַנען אַ גלעזל מיט אַ פּאָר בלומען, ווילדע בערג-פּיאָלקעס און אַפילו אַלפּן-רויזן, וועלכע די מענער האָבן אַריינגעשטעקט אין די לעכלעך פון די לאַצן (דער פּראָקוראָר פּאַראַוואַנט פון דאָרטמונד האָט אַפילו אָנגעטאָן אַ שוואַרצן זשאַקעט מיט אַ געפּינטלטער וועסט). די דאַמען-טואַלעטן האָבן אויף זיך געטראָגן דעם חותם פון יום-טובדיקער שמעקעדיקייט. פּרוי שאָשאַ איז אַריינגעקומען צום פּרישטיק אין אַ לייזער מאַטינקע מיט שפּיצן און מיט אָפּענע אַרבל. בשעת די גלעזערנע טיר איז צוגעפאַלן מיט אַ קנאַק, האָט זי זיך ערשט אויסגעדרייט צום עולם און זיך אַזוי צו זאָגן באַוויזן מיטן גאַנצן חן. ערשט דערנאָך איז זי פּאַמעלעך צוגעקראָכן צום טיש. דאָס אַלץ האָט איר אַזוי געפּאַסט, אַז האַנס קאַסטאָרפּס שכנה, די לערערין פון קיניגסבערג, איז געוואָרן אינגאַנצן באַגייסטערט. אַפילו דאָס באַרבאַרישע פּאָרפאָלק פון שלעכטן רוסן-טיש האָט געדענקט אין הייליקן טאָג. דער מאַן האָט פּאַרטוישט זיין לעדערנע קורטקע אויף אַ מין קורצער מאַרינאַרקע און אָנשטאָט פילצענע שטיוול אָנגעטאָן לעדערנע שיך. זי האָט נאָך אַלץ געטראָגן איר נישט ריינעם פעדער-באָאַ, אָבער דערצו אַ גרין-זיידענע בלוזע מיט אַ האַלז-קרויז... ווען האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיי ביידע דערזען, האָט ער פּאַרצויגן די ברעמען און איז רויט געוואָרן, אַ זאַך, צו וועלכער ער איז דאָ אויפפּאַלנדיק געווען גענייגט.

גלייך נאָך דעם צווייטן פרישטיק האָט זיך אויף דער טעראַסע אָנגעהויבן די קור-מוזיק. ס'האָבן דאָ גענומען אָנטייל אַלערליי בלעכענע און הילצערנע בלאָז-אינסטרומענטן. זיי האָבן געשפּילט באַלד לעבעדיק און באַלד טרויעריק כמעט ביז מיטאָג. בעתן קאָנצערט האָט מען די ליג-קוראַציע נישט שטרענג אָפּגעהיט. אַ טייל האָבן זיך אַפילו געקוויקט מיט דער מוזיק ליגנדיק אויף די באַלקאָנען. אויך

אין דער גאָרטן-האַלע זיינען געווען באַזעצט אַ צוויי אָדער דריי שטולן. אָבער דער רוב געסט איז געזעסן ביי קליינע ווייסע טישלעך אויף דער געדעקטער פּלאַטפאָרם. דער יינגערער לעב-עולם, פאַר וועלכן צו זיצן אויף שטולן זעט אויס צו בכבודיק, איז געווען אויסגעזעצט אויף די שטיינערנע טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ אין גאָרטן אַריין. צווישן זיי איז געווען זייער פריילעך. ס׳זיינען געווען יונגטלעכע קראַנקע פון ביידע מינים, פון וועלכע האַנס קאַסטאָרפּ האָט ס׳רוב געקענט לויט די נעמען אָדער פון זען. דאָ איז געווען הערמינע קלעפעלד, אויך הער אַלביז, וואָס האָט אַרומגעטראָגן אַ גרויס געבלימלט שאַכטל מיט שאָקאָלאַד און האָט אַלע מכבד געווען. ער אַליין האָט נישט געגעסן, נאָר מעשה-מאַנסביל — געראויכערט פּאַפּיראָסן מיט גאָלדענע מונדשטיקן. ס׳איז דאָ אויך געווען דער בחור מיט די אַרויסגעזעצטע ליפּן פון „האַלבע לונגען-פאַראיין“, פריילין לעווי, אַ דינע, מיט אַ קאָליר פון עלפאַנטביין, ווי אַלעמאָל, אַ אַש-בלאָנדער יונגערמאַן, וועלכן מ׳האָט גערופן ראַזומאָוסקי, אין די הענט מיט די שלאַפּע געלענקען האָט ער כסדר געהאַלטן ביי דער ברוסט, ווי פלוספעדערן, פרוי סאַלאָמאָן פון אַמסטערדאַם, אַ רויט-אָנגעטאָנענע פרוי, אַ דיקע, וואָס האָט זיך אויך געהאַלטן צוזאַמען מיט דער יוגנט. סאַמע הינטער איר איז געזעסן יענער לאַנגער פאַרשוין מיט די שיטערע האָר, וואָס האָט געשפּילט דעם חלום פון אַ „זומער-נאַכט“. ער האָט אַרומגענומען מיט די הענט זיינע שפּיציקע קניען און כסדר זיך איינגעקוקט מיט זיינע טריבע אויגן אין איר ברוינלעכן קאַרק. ס׳איז דאָרטן געווען אַ רויט-האָריק מיידל פון גריכנלאַנד, נאָך אַן אַנדערע, אומבאַקאַנט פון וואַנען, מיט אַ פּנים פון אַ טאַפּיר*, דער זולל-וסובאדיקער בחור מיט די דיקע ברילן-גלעזער, נאָך אַ בחור פון אַ יאָר פופצן אָדער זעכצן, וואָס האָט איינגעקוועטשט אַ מאָנאָקל מיט דער ברעם און וויפל מאָל ער האָט אַ הוסט געטאָן, האָט ער צוגעלייגט צום מויל דעם לאַנגן נאָגל פון זיין קליינעם פינגער, אַ נאָגל, וואָס איז געגלעך געווען צו אַ זאַלץ-

* אַ מין וואַלד-חיה, ענלעך צו אַ נאָזהאָרן.

לעפּעלע — אַ געוואַלדיקער טיפּש, אַפּנים, ס'זיינען געווען נאָך אַ סך אַנדערע.

אָט דער בחור מיט דעם נאָגל — דערציילט שטל יאָאַכים — איז כּמעט גאָרנישט קראַנק געווען בעת ר'איז אָנגעקומען. קיין היץ האָט ער נישט געהאַט. בלויז צוליב פּאָרזיכטיקייט האָט אים זיין פּאָטער, אַ דאָקטאָר, אַרויסגעשיקט און דער הויפראַט האָט אים באַשטימט בערך אַ דריי חדשים. איצט, נאָך דריי חדשים, האָט ער 37,8 און 38 און ער איז אויף אַן אמת קראַנק. ער לעבט אַזוי אומשכלדיק, אַז ר'איז ווערט פּעטש.

די קוזינען האָבן אַ טישל פאַר זיך, אַ ביסל אין אַ זייט פון די איבעריקע, ווייל האַנס קאַסטאָרפּ האָט ביים שוואַרצן ביר, וואָס ר'האָט זיך מיטגענומען פון פרישטיק, געריכערט אַ ציגאַר און טיילמאָל פילט ער אין אים אַ שטיקל טעם. באַרוישט פון ביר און מוזיק, וואָס ווירקט, ווי אַלעמאָל, אַזוי, אַז ער עפנט דאָס מויל און לענט אָן דעם קאָפּ אין אַ זייט — באַטראַכט ער מיט אָנגערייטלטע אויגן דאָס לעבן אָן זאָרגן אויף דאַטשע. אין די אַלע מענטשן קומט אינערלעך פאָר אַ פּראָצעס פון צעפאַלונג, וואָס איז שווער איינצוהאַלטן, און אַז דער רוב פון זיי לעבט אין אַ לייכטן פיבער... פונדעסטוועגן שטערט אים אָט דאָס באַוואוסטזיין לחלוטין נישט, פאַרקערט, עס גיט נאָך צו דעם אַלעמען מער אינטערעסאַנטקייט, אַ געוויסן גייסטיקן רייץ. ביי די טישלעך טרינקט מען פערלדיקע קונסט-לעמאָנאַדע, אויף די אָפענע טרעפּ פאָטאָגראַפירט מען. אַ טייל טוישט זיך מיט פּאָסט-מאַרקעס. דאָס רויט-האָריקע מיידל פון גריכנלאַנד צייכנט דעם הער ראָזמוסען אויף אַ בלאָק, אָבער דערנאָך וויל זי אים נישט ווייזן די צייכענונג, נאָר דרייט זיך אַהין און אַהער, לאַכט מיט אירע ברייטע, ווייט-אָפּגערוקטע ציין און ס'דויערט לאַנג, ביז ער רייסט ביי איר אַרויס דעם בלאָק. הערמינע קלעפעלד זיצט מיט האַלב-צוגעזשמורעטע אויגן אויף אַ טרעפּל און קלאַפּט צו צום טאַקט פון דער מוזיק מיט אַן איינגעוויקלטער צייטונג. הער אַלבין שפּילעט איר דערווייל צו צו דער בלוזע אַ בוקעטל לאָנקע-בלומען. דער, מיט די אַרויסגעזעצטע ליפּן, זיצט ביי פרוי סאַ=

לאָמאָנס פּיס, רעדט צו איר אַרויף מיט אַ פּאַרדיסענעם האַלז אין דער פּיאַניסט מיט די שיטערע האָר האַלט איר אין איין קוקן אין אים אַרויף.

ס'קומען אָן די דאָקטוירים און מישן זיך אויס מיט די פּאַציענטן. הויפראַט בערענס אין אַ ווייסן און ד"ר קראָקאָווסקי — אין אַ שוואַרצן קיטל. זיי גייען לענגז־אויס דער שורה טישלעך. דער הויפראַט וואַרפט כמעט אומעטום צו אַ געמיטלעכן וויץ, אַזוי אַז ער לאָזט נאָך זיך איבער פריילעכע פּנימער. דערנאָך גייען זיי אַראָפּ צו דער יוגנט. דער ווייבלעכער טייל נעמט זיך תיכף צונויף אַרום ד"ר קראָקאָווסקי, וויגנדיק זיך און וואַרפנדיק קרומע בליקן. דער הויפראַט ווייזט לכבוד זונטאָג די מענער אַ קונץ מיט זיינע געשנורעוועטע שטיוול. ער שטעלט אַוועק זיין ריזיקן פוס אויף אַ העכער טרעפּל, שנורעוועט אויף, נעמט אָן די בענדלעך אויף אַ ספּעציעלן אויסגעלערנטן אופן מיט איין האַנט און, נישט באַנוצנדיק אינגאַנצן די אַנדערע, פאַרשנורעוועט ער צוריק אין ביידע זייטן אַזוי פלינק, אַז אַלע זיינען פאַרוואונדערט און אַ סך פּרוּוון אים נאָכטאָן, אָבער ס'גראָט נישט.

שפּעטער ווייזט זיך אויך סעטעמבריני אויף דער טעראַסע. ער קומט אַרויס פון עס־זאַל, אָנגעשפּאַרט אויף זיין שפּאַציר־שטעקן, אויך היינט, אין זיין האָריקער מאַרינאַרקע און געלבלעכע הויזן. אַ מינע האָט ער אַ פיינע, אַ פאַרשטייענדיקע און קריטישע. ער קוקט זיך אַרום און גייט צו צום טיש פון די קוזינען. אָ, בראַוואָ! — זאָגט ער, און בעט דערלויבעניש זיך צוצוזעצן צו זיי.

— ביר, טיטון און מוזיק — זאָגט ער. — מיר זיינען אין אייער פאָטערלאַנד! איך זע, איר האָט אַ נאַציאָנאַלן חוש, אינזשיניער. איר זענט אין אייער עלעמענט, ס'טוט מיר אַ הנאה. לאָזט מיך נעמען אָנטייל אין דער האַרמאָניע פון אייערע שטימונגען

האַנס קאַסטאָרפּ מאַכט אַן ערנסט פּנים. ער האָט עס געטאָן תיכף, ווי ר'האָט דערזען דעם איטאַליענער. ער זאָגט:

— איר זענט אָבער צו־שפּעט געקומען צום קאָנצערט, הער סעטעמבריני. ס'ענדיקט זיך מסתמא באַלד. איר הערט נישט גערן קיין מוזיק?

— נישט גערן אויף קאָמאַנדאָ — ענטפערט סעטעמבריני. — נישט לויטן וואָכן־קאַלענדאַר. נישט גערן, ווען ס'שמעקט מיט אַפּטייק און ווען מ'טיילט עס מיר צו פון דער העכערער מאַכט צוליב סאַניטאַרע סיבות. איך היט אָפּ נאָך אַ ביסל מיין פרייהייט, אָדער לפּחות דעם רעשט פרייהייט און מענטשלעכע ווערדע, וואָס ס'בלייבט איבער אונזער־איינעם. ביי אַזעלכע אַיינאָרדענונגען האָספּיטיר איך, אַקוראַט אַזוי, ווי איר האָספּיטירט בכלל ביי אונז. איך קום אויף אַ פערטל שעה און גיי מיר ווייטער מיין וועג. דאָס גיט מיר די אילוזיע פון אומאָפּהענגיקייט... כ'זאָג נישט, אַז ס'איז מער ווי אַן אילוזיע, אָבער וואָס שאַדט עס, אַבי זי גיט מיר אַ געוויסע באַפרידיקונג. מיט אייער קוזין איז דער ענין אַנדערש. פאַר אים איז עס דינסט. נישט אמת, לייטענאַנט, איר באַטראַכט עס, ווי אַ זאַך, וואָס געהער צו מיליטער־דינסט? אָ, איך ווייס, איר קאָנט דאָס פּאָרטל, ווי אַזוי צו בלייבן שטאָלץ אין דער פאַרקנעכטונג. אַ פאַרוויקלט פּאָרטל. נישט יעדער מענטש אין אייראָפּע קאָן דאָס. מוזיק? איר האָט, דאַכט זיך, געפרעגט, צי איך האַלט מיך נישט פאַר קיין ליבהאָבער פון מוזיק? נו, „ליבהאָבער" האָט איר געזאָגט (איינגנטלעך געדענקט נישט האַנס קאַסטאָרפּ, ער זאָל זיך האָבן אַזוי אויסגעדריקט), דער אויסדרוק איז נישט פון די ערגסטע, ער האָט אין זיך אַ ניואַנס פון צערטלעכער לייכטזיניקייט. גוט, איך בין מסכים. יאָ, איך בין אַ ליבהאָבער פון מוזיק. דערמיט איז נאָך נישט געזאָגט, אַז איך האָב פאַר איר אַ ספּעציעלן דרך־ארץ, אַ שטייגער ווי כ'האָב דרך־ארץ און ליבע פאַרן וואָרט, דעם טרעגער פון גייסט, דאָס געצייג, דאָס אַקעראַייזן פון פּראָגרעס... מוזיק... זי איז דאָס האַלב אַרטיקולירטע, דאָס צווייפלהאַפטיקע, דאָס אומפאַראַנטוואָרטלעכע, דאָס אינדיפערענטע. איר וועט אפשר ווען טענהן, אַז זי קאָן זיין קלאָר אויך. אָבער די נאַטור קאָן אויך זיין קלאָר, אַ טייכל קאָן אויך זיין קלאָר און וואָס קומט אַרויס דערפון? ס'איז נישט די אמתע קלאָרקייט, ס'איז אַ פאַנטאַסטישע, גאָרנישט־זאָגנדיקע און צו גאָרנישט פאַרפליכטנדיקע קלאָרקייט, אַ קלאָרקייט אָן קאָנסעקווענצן און געפערלעך בלויז צוליב דעם, ווייל זי באַרויקט... זאָל די מוזיק אָננעמען די מינע פון גרויסהאַרציקייט. גוט. זי קאָן, הייסט עס, מאַכן

אויפפלאַמען אונזערע געפילן. ס'גייט אָבער דערין, מ'זאָל מאַכן אויפ־פלאַמען דעם שכל! די מוזיק איז, קאָן זיך דאַכטן, די באַוועגונג אַליין, אָבער איך בין זי חושד אין קוויעטיזם. לאָזט מיך שטעלן דעם ענין אויף דער סאַמע שאַרף: איך האָב אַ פּאָליטישע אַנטי־פּאַטיע צו מוזיק.

דאַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געמוזט אַ פּאַטש טאָן אין דער קני אַריין און אַ געשריי טאָן פון שטוינונג. עפּעס אַזוינס האָט ער נאָך נישט געהערט זינט ער לעבט.

— פונדעסטוועגן פּרוּווט אַריינטראַכטן! — זאָגט סעטעמברינ'י מיט אַ שמייכל. — די מוזיק איז ממש נישט אָפּצושאַצן, ווי דאָס גרעסטע מיטל פון באַגייסטערונג, ווי אַ מאַכט, וואָס רייסט אַרויף און פאָרויס, אויב זי טרעפט זיך אָן אויף אַ גייסט, וואָס איז צוגעגרייט צו אירע ווירקונגען. אָבער די ליטעראַטור האָט געמוזט זיין פאַר איר. מוזיק אַליין וועט די וועלט נישט פירן פאָרויס. מוזיק אַליין איז געפערלעך. פאַר אייך פּערזענלעך, אינזשעניער, איז זי אומבאַ־דינגט געפערלעך. איך האָב עס תיכף דערקאָנט אין אייער פּנים, בעת כ'בין צוגעגאַנגען.

האַנס קאַסטאָרפּ לאַכט.

-- אַך, מיין פּנים. דאַרפט איר נישט אָנקוקן, הער סעטעמברינ'י. איר קאָנט אייך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי די לופט ביי אייך דאָ, אויבן, דערקוטשעט מיר. ס'קומט מיר אָן צו אַקלימאַטיזירן זיך שווערער, ווי כ'האָב געמיינט.

— כ'האָב מורא, אַז איר האָט אַ טעות.

— ניין, פאַרוואָס! דער רוח זאָל עס נעמען, כ'בין אַזוי מיד און דערהיצט.

— פונדעסטוועגן האַלט איך, אַז מ'דאַרף זיין דער דירעקציע דאַנק־באַר פאַר די קאָנצערטן — זאָגט יאָאַכים מיושבדיק. — איר באַ־טראַכט דעם ענין פון אַ העכערן שטאַנדפּונקט, הער סעטעמברינ'י, אַזוי צו זאָגן — ווי אַ שריפטשטעלער. דאָס וויל איך אייך נישט איבערשפּאַרן. אָבער דאָך האַלט איך, אַז מ'דאַרף זיין דאַנקבאַר פאַרן ביסל מוזיק. איך בין נישט ספּעציעל מוזיקאַליש, און די שטיק, וואָס מ'שפּילט, זיינען אויך נישט אַזעלכע גרויסאַרטיקע — נישט

קיין קלאַסישע, נישט קיין מאָדערנע, אַזוי זיך בלעך־מוזיק. פונדעסטוועגן איז דאָס אַ דערפרייענדיקע אָפּפרישונג. עס פילט אויס עטלעכע שעה גאַנץ פיין, כ'מיין: די מוזיק צעטיילט די שעהן און דערנאָך פילט זי זיי איינציקווייז אויס, אַזוי אַז ס'איז באַרט עפּעס. געוויינלעך לויפן דאָ די טעג און די וואָכן, אַז מ'קלאַפּט זיך שיר נישט קאָפּ אין דער וואַנט... זעט איר, אַזאַ קאָנצערט־נומער אָן פּרעטענזיעס געדויערט אפשר זיבן מינוט, נישט אמת? פונדעסטוועגן איז עס עפּעס, ס'האָט אַן אָנהייב און אַ סוף, די פּאָר מינוט טיילן זיך אויס, זיינען אין אַ געוויסער מאָס געבליבן און נישט אַוועק מיט גאָרנישט אין דער אַלגעמיינער מאָנאָטאָניע. אויסערדעם זיינען זיי אַליין אויך איינגעטיילט געוואָרן דורך די פיגורן פון שטיק, די פיגורן דורך די טאַקטן, אַזוי, אַז עפּעס טוט זיך באַרט און יעדע רגע קריגט אַ געוויסן זין, אין וועלכן מ'קאָן זיך אָנכאַפּן. בשעת אַזוי... כ'ווייס נישט צי כ'האָב מיך ריכטיק...

— בראַוואָ! — רופט אויס סעטעמברינו. — בראַוואָ, לייטענאַנט! איר באַצייכנט זייער גוט אַן אָנספּקדיקן עטישן מאָמענט אינם מהות פון מוזיק, ס'הייסט דאָס, וואָס אַדאַנק איר אייגנטימלעך־לעבעדיקער געמאָסטנקייט גיט זי צו דעם אָפּלויף פון צייט וואַכקייט, גייסט און ווערט. די מוזיק וועקט די צייט, זי וועקט אונז צום פיינסטן געניסן די צייט, זי וועקט... אויף אַזוויפיל איז זי עטיש. די קונסט איז אויף אַזוויפיל עטיש, אויף וויפל זי וועקט. אָבער ווי איז דער דין, אויב זי טוט דעם היפּוך? ווען זי באַטויבט, שלעפערט איין, ווירקט קעגן אַקטיווקייט און פּראָגרעס? די מוזיק קאָן דאָס אויך, זי קאָן זיך גאַנץ גוט אויך אויף נאַרקאָטישע ווירקונגען. אַ טייוולאָנישע ווירקונג, מיינע הערן! יעדער נאַרקאָטיק איז פון טייוול, ווייל ער ברענגט מיט זיך טעמפּקייט, אָפּגעשטאַנענקייט, אומטעטיקייט, קנעכטישן שטילשטאַנד... אין דער מוזיק איז פאַראַן עפּעס, וואָס רופט אַרויס אַ חשד. איך האַלט מיך דערביי, אַז זי איז אַ צווייטייטיקע זאַך. איך דערגיי נישט צו־ווייט, ווען איך דערקלער זי פאַר פּאָליטיש פאַרדעכטיק.

ער רעדט נאָך ווייטער אויף דער דאָזיקער טעמע. האַנס קאַסטאָרפּ הערט זיך צו, אָבער ער איז נישט בכוח אים נאָכצוגיין

מיטן געדאַנק. קודם=כּל צוליב זיין מידקייט, אַחוץ דעם ווערט אָפּגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט, וואָס ס'טוט זיך אָפּ אונטן ביים יונגוואַרג אויף די טרעפּ. צי האָט ער אַ טעות, אָדער וואָס? דאָס פּריילין מיטן טאַפּיר=פּנים נייט=אָן דעם בחור מיטן מאָנאָקל אַ קנעפּל אויף די ספּאָרט=הויזן איבער די קני! זי עטעמט דערביי שווער און הייס פון אַסטמאַ. ער, ווידער, הוסט=אונטער און שטיקט צו דעם נאָגל צום מויל! זיי זיינען, אמת, ביידע קראַנק, פונדעסטוועגן ווייזט עס, וואָס פאַר אַ מאָדנע באַציִונגען ס'הערשן צווישן דעם יונגן עולם דאָ אויבן. די מוזיק שפּילט אַ פּאָלקע...

היפּפּע

אַזוי=אַרום האָט זיך אויסגעטיילט דער זונטאָגדיקער טאָג פון אַלע אַנדערע. דער נאָכמיטאָג האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס פאַרשיידענע גרופּן געסט האָבן געמאַכט נסיעה'לעך מיט פערד=און=וואָגן. נאָך דער טיי זיינען אַ סך צווייפערדיקע בריטשקעס צוגעפאָרן מיט דער סטעזשקע באַרג=אַרויף און זיך אָפּגעשטעלט ביים פּאָרטאַל, כּדי אויפצונעמען זייערע פּאַסאַזשירן, דער עיקר רוסן, ס'הייסט — רוסישע דאַמען.

— רוסן פאָרן אָפּט שפּאַצירן — זאָגט יאָאַכים צו האַנס קאַסטאָרפּן. זיי שטייען ביידע פאַרן פּאָרטאַל און קוקן זיך צו, לשם=פאַרוויילונג, ווי מ'פאָרט אַוועק — זיי וועלן איצט צופאָרן קיין קלאַוואַדעל, אָדער צו דער אָזערע, אָדער צום פליעלאַ=טאָל אָדער גאָר קיין קלאָסטערס — אַהין פאָרט מען אַלעמאָל. מיר קאָנען אויך אַמאָל פאָרן כּל=זמן ביסט דאָ, אויב דו האָסט חשק. אָבער דאַכט זיך, אַז ביסט לעת=עתּה גענוג פאַרנומען מיטן אַיינלעבן זיך דאָ און דאַרפסט נישט קיין נייע אונטערנעמונגען.

האַנס קאַסטאָרפּ איז מסכּים. אין מויל שטעקט ביי אים אַ ציגאַר און די הענט האַלט ער אין קעשענע. אַזוי=אַרום שטייט ער און קוקט זיך צו, ווי די קליינע, פריילעכע אַלטע רוסישע דאַמע מיט איר דאַרער קרובה און נאָך צוויי דאַמען זיצן אין אַ וואָגן. עס

זיינען מאַרושיאַ און מאַדאַם שאָשאַ. די לעצטע איז אָנגעטאָן אין אַ דינעם שטויב=מאַנטל, מיט אַ פּעטל פון הינטן, אָבער אָן אַ הוט. זי זעצט זיך לעבן דער אַלטער אויף דעם הינטערשטן געזעס, די יונגע מיידלעך זיצן קעגנאיבער. אַלע פיר זיינען לוסטיק און האַלטן אין איין מאַכן מיטן מויל און ריידן אויף זייער ווייכער, ווי אָנביינערדיקער שפּראַך. זיי ריידן און לאַכן פון דעם וואָגן=פלעד, מיט וועלכן זיי קאָנען זיך קוים איינטיילן, פון די רוסישע קאָנפעקטן, וועלכע ליגן אין אַ הילצערן קעסטל, איינגעפּאַקט אין וואַטע און פּאַפּירענע שפּיצן. דאָס האָט די אַלטע מיטגענומען אויפן וועג, פונדעסטוועגן איז זי שוין מכבד מיט זיי... האַנס קאַסטאָרפּ דערקאָנט ספּעציעל דער פרוי שאָשאַס צוגעדושעט קול. ווי אַלעמאָל, בעת ער דערזעט די אָפּגעלאָזענע פרוי, ווערט אויך איצט פאַרשטאַרקט אין אים יענע ענלעכקייט, וועלכע ער האָט אַ ווײַלע געזוכט און וועלכע איז אים קלאָר געוואָרן אין חלום... מאַרושיאַס לאַכן, אירע קיילעכיקע, ברוינע אויגן, וואָס קוקן קינדיש אַוועק איבערן טיכל, מיט וועלכן זי דעקט צו דאָס מויל, אויך איר הויכע ברוסט, וואָס איז אינעווייניק גאַנץ היפּש קראַנק, — דאָס אַלץ דערמאָנט אים אין עפּעס אַנדערש, אין עפּעס אַ שוידערלעכער זאַך, וועלכע ער האָט לעצטנס געזען. ער גיט אַ קוק אויף יאָאַכימען זייטיק, פאָרויכטיק, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ. געלויבט איז גאָט, אַזעלכע פלעקן, ווי דעמאָלט, האָט איצט יאָאַכים אין פּנים נישט, אויך זיינע ליפּן זיינען איצט נישט אַזוי נעבעכדיק פאַרקרימט. אָבער ער קוקט אויף מאַרושיען — אויף אַזאַ אופן און מיט אַזאַ אויסדרוק אין די אויגן, וואָס מ'קאָן בשום=אופן נישט אָנרופן מיליטעריש. זיי זעען אויס אַזוי מרה=שחורהדיק און פאַרגאַפּעט, אַז מ'מוז זיי אָנרופן בפירוש ציוויליסטיש. שפּעטער גיט ער זיך אַפילו אַ גלייך אויס און גיט אינדערגיך אַ קוק אויף האַנס קאַסטאָרפן, אַזוי אַז יענער באַווייזט קוים פון אים אָפּצווענדן דעם בליק און אַ קוק צו טאָן ערגעץ אין דער לופט. ער פילט, ווי זיין האַרץ קלאַפּט דערביי, אָן שום סיבה און אויף אייגענער אַחריות, ווי עס געשעט מיט אים דאָ אויבן.

די רעשט פון זונטאָגדיקן טאָג האָט נישט געבראַכט מיט

זיך קיין שום אויסערגעוויינלעכס, סיידן אפשר די מאָלצייטן, וואָס האָבן, וואָס אמת, נישט געקאָנט זיין רייכער, ווי שטענדיק, דערפאַר אָבער — זיינען די מאַכלים געווען פיינערע (צום מיטאָג האָט מען געגעבן „שאָ פרואַ“ פון הינערנס, מיט ראַקעס און פאַרפוצט מיט איינגעלייגטע קירשן. צום געפרוירנס איז צוגעגאַנגען פּאַטיסעריע אין קיישעלעך, געפלאָכטן פון צוקער, דערצו אויך פרישע אַנאַנאַסן). אינאָוונט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען זיין ביר, האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּ דערפילט נאָך מער פאַרמאַטערט, שווידערנדיק און שווערער, ווי ביז איצט. אַרום ניין אַ זייגער האָט ער זיין קוזין געזאָגט אַ גוטע נאַכט, האָט זיך צוגעדעקט אינדערגיך מיט דער איבערבעט ביז דער נאָז און איז איינגעשלאָפן, ווי אַ דערהרגעטער.

אָבער באַלד דער מאָרגנדיקער טאָג, דער ערשטער מאָנטאָג, הייסט עס, פונם האָספּיטאַנט דאָ אויבן, ברענגט מיט זיך ווידער אין סדר פון טאָג אַן אָפּבייט, וואָס געשעט רעגלמעסיק. ס'איז איינער פון ד״ר קראָקאָווסקיס רעפעראַטן, וועלכע ער האַלט יעדע פערצן טעג פאַר דעם פּובליקום פון „בערגהאָף“, ס'הייסט — פאַר די פּוליעריקע, וואָס פאַרשטייען דייטש און זיינען נישט מסוכן קראַנק. ס'האַנדלט זיך, ווי האַנס קאַסטאָרפּ האָט געהערט פון קוזין, וועגן אַ ריי לעקציעס, וואָס האָבן אַ שייכות איינע צו די אַנדערע, ס'איז אַ מין פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכער קורס מיטן גענעראַל-טיטל: „די ליבע ווי אַ קראַנקהייט-בילדנדיקע מאַכט“. דער באַלערנדיקער רעפעראַט קומט פאָר נאָכן צווייטן פרישטיק און ס'איז נישט דערלאָזבאַר, מ'קוקט אַלנפאַלס זייער קרום, עמעץ זאָל זיך אַרויסדרייען דערפון, — זאָגט יאָאַכים. דערפאַר האַלט מען עס טאַקע פאַר אַ געוואַלדיקע חוצפה מצד סעטעמברינען, וואָס, כאָטש ער קאָן אַ סך מער דייטש פון אַלע, פונדעסטוועגן קומט ער קיינמאָל נישט אויף די רעפעראַטן און דריקט זיך נאָך דערצו אויס וועגן זיי מיטן גרעסטן ביטול. וואָס ס'איז נוגע האַנס קאַסטאָרפּן, האָט ער זיך תיכף אַנטשלאָסן אָנטיילצונעמען סיי צוליב העפלעכקייט, סיי צוליב נייגעריקייט, פון וועלכער ער האָט נישט געפרווט מאַכן קיין סוד. אָבער פאַר דעם, האָט ער אָפּגעטאָן לחלוטין אַ קרומע און נישט-געוויינלעכע זאַך: ס'איז אים איינגעפאַלן צו מאַכן אַ לאַנגן שפּאַציר אויף אייגענער

אַחריות, און דאָס האָט אים געשאַדט, נאָך מער וויפל מ'וואָלט זיך געקאָנט משער זיין פריער.

— איצט, הער אויס! — דאָס זיינען געווען זיינע ערשטע ווערטער, בעת יאָאַכים איז היינט אינדערפרי אַריינגעקומען צו אים אין צימער אַריין. — כ'זע, אַז ווייטער קאָן עס אַזוי נישט גיין מיט מיר. דער האָריזאָנטאַלער לעבנסשטייגער איז מיר שוין צוגעגעסן געוואָרן. דאָס בלוט ווערט אַיינגעשלאָפן ביי אַזאַ לעבן. מיט דיר איז, פאַרשטייט זיך, דער ענין אַנדערש. דו ביסט אַ פאַציענט, דיך וויל איך בשום אופן נישט פאַרפירן. אָבער איך וועל נאָכן פרישטיק מאַכן אַן אָרנטלעכן שפּאַציר, אויב וועסט נישט האָבן פאַראיבל אויף מיר, אַזוי אַן עטלעכע שעה אין דער וועלט אַריין, אויף גאָטס באַראָט. איך וועל מיר עפּעס מיטנעמען אין קעשענע אויף פרישטיק, בין איך אַ פרייער מענטש. ווע'מיר זען, צי כ'וועל נישט זיין גאָר אַן אַנדער מענטש, ווען כ'וועל אַהיימקומען.

— מילא, גוט — זאָגט יאָאַכים, זעענדיק, אַז יענער האָט באמת חשק און בדעה עס צו טאָן. — אָבער כאַפּ נישט איבער די מאָס, דאָס איז מיין עצה. דאָ איז נישט ווי אין דער היים. קום אויף פינקטלעך צוריק צום רעפּעראַט.

פאַקטיש זיינען געווען נאָך אַנדערע סיבות, אויסער קעפערלעכע, וואָס האָבן דערוועקט אין יונגן האַנס קאַסטאָרפּ אָט־דעם באַשלוס. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז סיי אין זיין הייסן קאָפּ, סיי אין דעם שלעכטן טעם, וואָס ער שפּירט אַממייסטנס אין מויל, סיי אין דעם הפקרדיקן קלאַפּן פון זיין האַרץ זיינען נישט אַזוי וויט שולדיק די שוועריקייטן ביים אַקלימאַטיזירן זיך, ווי, אַ שטייגער, די מעשיות פון רוסישן פאָרפאָלק, די רייד פון דער קראַנקער און נאַרישער פרוי שטער ביים טיש, דער ווייכער הוסט פונם אַריסטאָקראַט, וועלכן ער הערט טאָג־טעגלעך אין קאָרידאָר, הער אַלבינס טענות, די אַיינדריקן, וואָס ס'האָבן אויף אים געמאַכט די באַציונגען צווישן דער יוגנט, יאָאַכימס אויסדרוק, בעת ער באַטראַכט מאַרושיען און נאָך אַ סך ענלעכע זאַכן, מיט וועלכע מ'זעט זיך דאָ אָן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז גוט איינמאָל זיך אַרויסצוכאַפּן פונם גבול פון „בערגהאָף“, טיף אָפּצוועטעמען אין דער

פריי און זיך פּעסט אַ ריר טאָן, מ׳זאָל כאָטש אינאָוונט וויסן פאַרוואָס מ׳איז מיד. נאָך פרישטיק האָט ער זיך געזעגנט וואוילוינגעריש מיט יאָאַכימען און בעת יענער איז אַוועק אויף דעם שטענדיקן אָפּגעמאָסטענעם שפּאַציר צו דער באַנק ביים וואַסערל, האָט האַנס קאַסטאָרפּ, פּאָכנדיק מיטן שטעקן, אַוועקמאַרשירט מיטן שאָזיי אויף זיין אייגענעם וועג.

ס׳איז געווען אַ קילער, פאַרוואָלקנטער פרימאָרגן — אַרום האַלב ניין אַ זייגער. האַנס קאַסטאָרפּ האָט, ווי ער האָט זיך פאָרגענומען, טיף אַריינגעטעמט די ריינע אינדערפריִקע לופט, אָט־די פרישע און לייכטע אַטמאָספערע, וואָס אָטעמט זיך איין לייכט, האָט נישט קיין ריח פון פייכטקייט, האָט נישט אין זיך קיין שום אינהאַלט, לאָזט נישט איבער קיין רושם... ער גייט אַריבער דעם וואַסערפאַל און די שמאָלע שינעס, דערגייט צו דער נישט גלייך־באַבויטער גאַס, דרייט זיך באַלד פון איר אַוועק אויף אַ סטעזשקע צווישן לאָנקעס, אַ שטעגל, וואָס לויפט בלויז אַ שטיק מיטן גלייכן וועג און באַלד דערנאָך נעמט עס פירן קרומלעך און גאַנץ שאַרף אויף אַ שיפּוע רעכטס. דאָס שטייגן אַרויף דערפרייט האַנס קאַסטאָרפּן, זיין ברוסט ווערט ברייטער, ער רוקט אַרויף מיטן הענטל פון שטעקן זיין היטל. פון אַ געוויסער הייך קוקט ער זיך אום, דערזעט פונדערווייטנס דעם שפּיגל פון דער אָזערע, וועלכע ר׳איז אַדורכגעפאָרן אַהינצוועגס, און הייבט אָן זינגען.

ער זינגט דאָס, וואָס קומט אים אין מויל אַריין, אַלערליי פאָלקסטימלעך־סענטימענטאַלע לידער, וואָס זיינען פאַראַן אין לידערביכער פון סטודענטן און גימנאַסטיקער, צווישן אַנדערע איינס, וואו ס׳זיינען פאַראַן אַזעלכע שורות:

לויבט, איר זינגער, וויין און ליבע,
דאָך צניעות מער פון אַלעם —

אינאָנהייב זינגט ער שטיל און ברומענדיק, דערנאָך הייבט ער אָן — העכער און מיטן גאַנצן כּוח. זיין באַריטאָן איז אַ האַרטער, אָבער היינט האָט ער זיך אים אויסגעוויזן שיין און דאָס זינגען האָט אים באַגייסטערט אַלץ מער און מער. ער נעמט אַפילו טיילמאָל צו־הויך

און פאַלט אַריין אין אַ פאַלסעט, אָבער אויך דאָס וועט אים אויס שיין. דאָרט, וואו די ווערטער זיינען אים אַרויס פון זכרון, גיט ער צו פון זיך וואָס פאַר אַ ס'איז אומזיניקע זילבן און ווערטער, וועלכע ער לאָזט אַרויס מיט אַן אויסגעשפיצט מויל, מעשה־קונסט־זינגער און מיט אַ גומענדיקער „ר“. צום סוף דערגייט ער דערצו, אַז ער טראַכט אויס סיי דעם טעקסט, סיי די טענער און מאַכט נאָך דערביי העוויות מיט די הענט, ווי אַן אָפערע־זינגער. אָבער ס'איז אַ גרויסע אָנשטרענגונג צו שטייגן אַרויף און צו זינגען צוזאַמען. צוליב דעם פעלט אים אויס אָטעם און ער ווערט קירצער. בלויז צוליב אידעאַליזם, צוליב דער שיינקייט פון געזאַנג איז ער זיך גובר און זינגט־אויס דאָס זייניקע, זיפצנדיק און מיט די לעצטע כוחות. צום סוף פאַלט ער אַוועק אונטער אַ דיקער קאָסנע כמעט אָן אָטעם, פאַר די אויגן איז אים פינסטער און ס'ציטערן בלויז קאָלירטע פייערלעך. דער דופק זעצט שטאַרק. נאָך דער גאַנצער דערהויבנקייט פאַלט ער פלוצלונג אַריין אין אַ טיפן אומעט און ער דערגייט צו אַ קאַצניאָמער, וואָס גרענעצט זיך מיט פאַרצווייפלונג.

ווען ר'איז סוף־כל־סוף אויפגעשטאַנען מיט אַ ביסל אויסגערוטע נערוון און זיך געלאָזט גיין ווייטער, האָט זיין נאַקן דערביי אַזוי שטאַרק געציטערט, אַז דער קאָפ האָט זיך ביי אים, ווי יונג ער איז, געטרייסלט פונקט אַזוי, ווי אַמאָל ביים אַלטן האַנס לאָרענצן קאַסטאָרפ. ער האָט זיך טאַקע צוליב דעם מיט ליבשאַפט דערמאָנט אין זיין געשטאָרבענעם זיידן. ער האָט זיך לחלוטין נישט אָפגעשראָקן דערפון און אַפילו געפרוווט נאָכמאַכן, ווי דער זיידע פלעגט בכבודיק אָנלענען זיין גאָמבע, כדי איינצוהאַלטן דאָס ציטערן פון קאָפ. יינגלווייז איז עס אים אַזוי געפעלן!

ער שטייגט נאָך העכער, אויף געשלענגלטע סטעזשקעס. עס ציען אים צו די גלעקלעך פון קי און צום סוף געפינט ער אויך די סטאַדע. זי פאַשעט זיך לעבן אַ הילצערן הייזל, וואו דער דאַך איז באַלייגט מיט שטיינער. צוויי בערדיקע מאַנסלייט קומען אים אַנטקעגן, מיט העק אויף די אַקסלען. צוקומענדיק נאָענט, צעשיידן זיי זיך. — נו, פאַרבלייב געזונט און אַדאַנק — זאָגט איינער צום אַנדערן מיט אַ טיף, גומענדיקן קול. דערנאָך לייגט ער איבער די

האַק אויפֿן צווייטן אַקסל אין נעמט שפּרייזן נישט אויפֿן וועג, נאָר אויף קנאַקנדיקע צווייגן, צווישן די סאָסנעס אַראָפּ אין טאָל אַריין. ס'האָט אַזוי מאָדנע אָפּגעקלונגען אין דער איינזאַמקייט אָט־דער „בלייב געזונט און אַ דאַנק". האַנס קאַסטאָרפּ איז געווען דורכגענומען פֿון זינגען און שטייגן אַרויף און די ווערטער האָבן אויף אים אַ ווייע געטאָן, ווי אין חלום. ער זאָגט עס שטילערהייט איבער און באַמיט זיך נאָכצומאַכן דעם גומענדיקן און פֿייערלעך־אומבאַהאָלפֿענעם דיאַלעקט פֿון די בערג־לייט. דערנאָך איז ער נאָך אַרויף אַ שטיק איבער דעם הייזל. ער וויל אַזוי־אַרום דערגרייכן צו דער ביימער־גרענעץ. באַלד גיט ער אָבער אַ קוק אויפֿן זייגער און זאָגט זיך אָפּ פֿון דעם פּלאַן.

ער גייט לינקס, צום שטעטל צו, מיט אַ שטעג, וואָס גייט גלייך און דערנאָך — באַרג־אַראָפּ. ער פֿאַלט אַריין אין אַ וואַלד מיט הויכע נאָדל־ביימער. גייענדיק דורך אים, הייבט ער אַפֿילו ווידער אָן אַ ביסל צו אונטערזינגען, אָבער שוין פֿאָרזיכטיקער. זיינע קניען ציטערן ביים אַראָפּגיין נאָך משונהדיקער, ווי ביים גיין באַרג־אַרויף. באַלד אָבער קומט ער אַרויס פֿון צווישן די ביימער און בלייבט שטיין פֿאַר אַ פּרעכטיק בילד, וואָס עפֿנט זיך אויף פֿאַר אים: אַ אינטים־געשלאָסענע לאַנדשאַפֿט, אַ בילד, וואָס זעט אויס אי ברידלעך, אי פּרעכטיק.

רעכטס, אויפֿן שיפּוע גייט אַ וואַסער אין דער פֿלאַכער, שטייניקער קאָריטע, גיסט זיך שוימענדיק איבער טעראַסע־פֿאָרמיקע שטיינער און פֿליסט דערנאָך רויִקער צום טאָל צו. ווייטער איבער דעם ליגט מאָלעריש אַ בריקל מיט אַ פּשוט הילצערנער פּאַריערע. דער גרונט איז בלוי פֿון גלעקלעך, אַ שטענגלאַרטיקע פֿלאַנץ וואָס שפּראָצט דאָ אומעטום. בכבודיקע סאָסנעס, ריזיקע און פֿון איין וואוקס, שטייען איינצלנע און אין גרופּעס סיי אויפֿן גרונט פֿון דורכברוך, סיי אויף די שיפּועים. איינע איז אַפֿילו געשטאַנען איבערגעבויגן איבער דעם טייך, פֿאַרוואָרצלט אין שיפּוע און האָט זיך קרום און משונהדיק איינגעשניטן אין דער לאַנדשאַפֿט. אַ רוישיקע אָפּגעזונדערטקייט האָט זיך געטראָגן איבער דעם שיינעם, איינזאַ־

מען אָרט. פון יענער זייט טייך באַמערקט האַנס קאַסטאָרפּ אַ באַנק אויף אָפּצורוען זיך.

ער גייט דורך דאָס בריקל און זעצט זיך צו, כדי זיך צוצוקוקן צום וואַסערפאַל, צו דער לויפנדיקער שוים, זיך צוצוהערן צו די אידיליש-שאָרכנדיקע, איינטאָניקע און דאָך פאַרשיידענע גערוישן. ווייל דעם רויש פון וואַסער האָט האַנס קאַסטאָרפּ ליב אַקוראַט, ווי מוזיק, אפשר אַפילו נאָך מער. אָבער תּיכּף, ווי ר'האָט זיך אַוועקגעזעצט במנוחה, האָט זיך אים אַ לאָז געטאָן דאָס בלוט פון דער נאָז אַזוי פלוצלונג, אַז ר'האָט אַפילו נישט באַוויזן פאַרשטעלן זיין אָנצוג. דאָס בלוט איז געלאָפן האַסטיק, עקשנותדיק און ער האָט אַ האַלבע שעה געמוזט לויפן אַהין-און-צוריק צווישן טייך און דער באַנק, געהאַלטן אין איין שווענקען זיין טיכל, אָנגענומען נאָזלעכער מיט וואַסער און זיך יעדעס מאָל פונסניי אויסגעצויגן גלייך אויף דער באַנק מיטן נאַסן טיכל אויף דער נאָז. אַזוי איז ער געבליבן ליגן, ביז דאָס בלוט איז איינגעשטילט געוואָרן. ער איז געלעגן אַ שטילער, די הענט פאַרלייגט הינטערן קאָפּ, מיט די קניען אינדערהויך. די אויגן האָט ער געהאַלטן צו, די אויערן זיינען פול געווען מיט רויש. ס'איז נישט געווען קיין חלשות, גיכער איז ער געווען מילד-אָפּגעשוואַכט פון שפאָרן בלוט-אָפּלויף און האָט זיך געפונען אין אַ מצב פון מאָדנע פאַרמינערטער לעבנס-טעטיקייט. ווען ר'האָט אויסגעאָטעמט, האָט ער נישט געשפּירט די באַדערפעניש צוריק אַריינצונעמען אין זיך נייע לופט, נאָר האָט, אַ אויסגעהוילטער, געלאָזט זיין האַרץ אַזוי לאַנג קלאַפּן, ביז ער האָט סוף-כל-סוף פויל ווידער אייבערפלאַכלעך אַן אָטעם געטאָן.

פלוצלונג איז ער אַריינגעפאַלן אין אַן אַמאָליקן לעבנס-מצב, וואָס איז געווען דאָס אור-בילד פון אַ חלום, וועלכער איז געקנעטן לויט די לעצטע איינדרוקן און וועלכער האָט זיך אים געחלומט ערשט מיט עטלעכע נעכט צוריק.... ער איז אַזוי שטאַרק, אַזוי אינגאַנצן, אַזוי איבער צייט און רוים אַריבער אין דעם „דאָרט" און „דעמאָלט", אַז מ'וואָלט געקאָנט זאָגן: דאָ איבן ביים טייכל אויף חער באַנק ליגט אַ טויטער קערפּער; דער אמתער האַנס קאַסטאָרפּ איז ערגעץ אין אַן אַמאָליקער צייט און סביבה, אין אַ לאַגע,

האָט איז — בײַ דער גאַנצער פּשוטקייט אירער — ריזיקאַליש און פאַר=
פאַרשיכּורדיק.

ער איז אַלט דרייצן יאָר, אַ שילער פון פערטן קלאַס, אַ ייִנגל
אין קורצע הויזן. ער שטייט אויפן הויף פון דער שול און שמועסט
מיט אַ בחורל, בערך אין זיינע יאָרן, נאָר פון אַן אַנדערן קלאַס.
ס'איז געווען אַ שמועס, אויף וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט במזיד
אַרײַנגעפּירט. כאָטש דער דאָזיקער שמועס האָט, צוליב דער זאַכ=
לעכקייט און קנאַפּקייט פון דער טעמע, נישט געקאָנט לאַנג גע=
דויערן, האָט ער אים פונדעסטוועגן דערפרייט צו דער סאַמע העכס=
טער מדרגה. ס'איז געווען די פויזע צווישן דער פאָרלעצטער און
לעצטער לעקציע, פאַר האַנס קאַסטאָרפּס קלאַס — לעקציעס פון גע=
שיכטע און צייכענונג. דער הויף איז אויסגעפּלאַסטערט מיט רויטע
האָלענדישע ציגעלעך און איז אָפּגעצוימט פון דער גאַס מיט אַ
מויער, וואָס האָט צוויי אַרײַנגאַנגען און איז באַדעקט מיט שינד=
לען. שילערס דרייען זיך דאָרטן אַרום שורותווייז אַהין און צוריק,
שטייען אין רעדלעך, לענען זיך אָן האַלב=זיצנדיק אין די גלאַ=
זירטע שטיקלעך מויער, וואָס שטאַרן אַרויס. ס'איז אַ געמיש פון
קולות. אַ לערער אין אַ ברייטן קאַפּעלוש גיט אַכטונג און עסט
דערבײַ אַ זעמל מיט שינקע.

דאָס ייִנגל, מיט וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ רעדט, הייסט היפּפּע
און זיין פאָרנאָמען איז — פּריבּיסלאַוו. דאָס אינטערעסאַנטסטע דערבײַ
איז, וואָס די „ר" פון פאָרנאָמען רעדט זיך אַרויס, ווי אַ „זש": ער
הייסט: פּזשיבּיסלאַוו. דער דאָזיקער משונהדיקער נאָמען פּאַסט גאָר
נישקשה צו זיין צורה, וואָס איז נישט אינגאַנצן דורכשניטלעך און
האָט אין זיך באַשטימט עפּעס פרעמדס. היפּפּע, דער זון פון אַ
היסטאָריקער, אַ גימנאַזיע=פּראָפעסאָר, אַ נאָטאָרישער מוסטער=שילער,
וואָס איז דעריבער מיט אַ קלאַס העכער פון האַנס קאַסטאָרפּ, כאָטש
ר'איז כמעט נישט עלטער. ער שטאַמט פון דער פּראָווינץ מעק=
לענבורג און זיין פּערזאָן זאָגט עדות, אַז ר'איז אַ פּראָדוקט פון אַן
אַלטער ראַסן=מישונג, אַ צומיש פון ווענדיש=סלאַוויש בלוט צו גער=
מאַנישן, אָדער — אפשר פאַרקערט. ער איז אַפילו געווען אַ בלאָנ=
דער. זיינע האָר זיינען געווען קורץ אָפּגעשוירן אויפן קיילעכיקן שאַרבן.

אָבער זיינע אויגן האָבן געהאַט אַ בלײַ־גרויען אָדער גרוי־בלויען קאָליר, ס׳איז געווען אַן אומבאַשטימטער און פֿאַרשיידנאַרטיקער קאָליר, עפּעס ווי דער קאָליר פֿון ווייטע בערג. זייער שניט איז געווען אַ מאָדנער, עפּעס אַ שמאָלער און — גענוי גענומען — אַפֿילו אַ קרומלעכער. באַלד אונטער זיי האָבן אַפּערגעשטאַרט די באַקנביינער, שטאַרק בולטע. די דאָזיקע צורה האָט לחלוטין נישט מיאוס געמאַכט אים, נאָר פֿאַרקערט, אים געמאַכט באַחנטער. פֿונדעסטוועגן איז עס געווען גענוג, זיינע חברים זאָלן אים צוליב דעם געבן אַ צונאָמען „קירגיז“. אַגב, האָט היפּפּע שוין געטראָגן לאַנגע הויזן און דערצו אַ בלויע קורטקע, אַ פֿאַרקנעפּלטע ביז אַרויף און אַן אײַנגעצויגענע אַרום דער טאַליע. אויף דעם קאָלנער זיינען אַלעמאָל געלעגן עטלעכע שופּן פֿון זיין קאָפּ.

איז אָבער די מעשה געווען די, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ האָט שוין זינט לאַנג געוואָרפֿן אַן אויג אויף דעם דאָזיקן פּריבּיסלאַוו. צווישן גאַנצן באַקאַנטן און אומבאַקאַנטן געזינדל פֿון שול־הויף האָט ער אים אויסגעקליבן, זיך מיט אים אינטערעסירט, אים נאָכגעקוקט. מ׳וואָלט אפשר אַפֿילו געקאָנט זאָגן — אים באַוואונדערט?... אַלנפֿאַלס האָט ער אים באַטראַכט מיט נישט־געוויינלעכן אינטערעס. אויפֿן וועג אין שול אַריין האָט ער זיך שוין געפֿרייט צוליב דעם, וואָס ער וועט זיך קאָנען צוקוקן צו אים, ווי ער האָט צו טאָן מיט זיינע חברים, זען אים, ווי ער רעדט און לאַכט און פֿונדערווייטנס אונטערשיידן זיין קול, וואָס איז אָנגענעם־פֿאַרלייגט, מאַט און אַ ביסל הייזעריק. ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז דער דאָזיקער אינטערעס האָט נישט געהאַט קיין שום גענוגנדיקע סיבה, סיידן מ׳זאָל נעמען אין חשבון דעם געצנדינערישן פֿאַרנאָמען, דעם פֿאַקט, וואָס ר׳איז געווען אַ מוסטער־שילער (דאָס האָט אָבער בשום אופֿן נישט געקענט איבערזויגן), אָדער גאָר קירגיזישע אויגן. די דאָזיקע פֿלעגן טיילמאָל אַ קוק טאָן זייטיק, אַ קוק — נישט כּדי עפּעס צו דערזען, דערביי פֿלעגן זיי, צעגאָסענע, ווערן מאָדנע פֿאַרטונקלט און נאַכטיש־פֿאַרנעפּלט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט, אַלנפֿאַלס, זיך ווייניק געדאַגהט וועגן דער גייסטיקער באַרעכטיקונג פֿון זיינע געפֿילן און אַפֿילו נישט געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי מ׳וואָלט

זיי געדאַרפט אָנרופן. וועגן פריינדשאַפט האָט דאָ לחלוטין נישט געקאָנט זיין קיין רייד; ער האָט היפּפּען גאָרנישט „געקענט". אָבער קודם=כל איז אים קיינמאָל נישט אויסגעקומען אויסצוזוכן אַ נאָמען דערפאַר. ס'האָט גאָרנישט געקאָנט קומען אויפן רעיון אָטדאָס צו ברענגען פאַרן מויל. דערצו האָט ער נישט געטויגט און אַפילו עס נישט פאַרלאַנגט. צווייטנס, איז דער מהות פון אַ נאָמען — אויב נישט קריטיק — על=כל=פנים: באַשטימונג, דאָס הייסט, אים געבן אַן אָרט צווישן די באַקאַנטע און קלאָר=געוואָרענע באַגריפן. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ איז געווען אומבאַוואוסטזיניק דורכגעדרונגען מיט דער איבערצייגונג, אַז יעדעס אינעווייניקסטע באַרמעג טאָר קיינמאָל נישט ווערן — נישט קלאָר און נישט באַשטימט.

גוט מאָטיווירט, אָדער שלעכט, — אַ פאַקט איז, אַז די געפילן זיינע, וועלכע זיינען געווען אַזוי ווייט פון יעדן נאָמען און אויסדרוק, האָבן אין זיך געהאַט אַזאַ לעבנס=כוח, אַז האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך שוין מיט זיי שטילערהייט אַרומגעטראָגן אַ יאָר צייט (בערך אַ יאָר, ווייל אויסצוגעפינען גענוי, ווען אָט=די געפילן האָבן זיך אָנגעהויבן, איז אוממעגלעך געווען). דאָס האָט על=כל=פנים באַוויזן, וואָס פאַר אַן אויסגעהאַלטענעם און פעסטן כאַראַקטער ער האָט, אויב מ'געדענקט, וואָס פאַר אַ גרויסע מאָסע צייט אַ יאָר איז אין אָט=דעם עלטער. ליידער באַהאַלט זיך שטענדיק הינטער יעדער באַצייכענונג פון כאַראַקטער אַ מאָראַלישער אורטייל, לשבח צי לגנאַי. אין אמתן האָבן זיי תמיד זייערע צוויי זייטן. האַנס קאַסטאָרפּס „טרייקייט", מיט וועלכער ער האָט זיך, אַגב, גאָרנישט איבערגענומען, האָט זיך געשטיצט — אויב מען וועט נישט וועלן אָפּשאַצן — אויף אַ געוויסער שווערקייט, פאַמעלעכדיקייט און עקשנותדיקייט פון זיין געמיט. ס'איז געווען ביי אים אַן איינגעבוירענע זאַך, אַז וואָס לענגער געשעענישן און לעבנס=פאַרהעלטענישן געדויערן, זאָלן זיי פאַרדינען אַלץ מער צוגעבונדנקייט און באַשטענדיקייט. ער איז אויך געווען גענייגט צו גלויבן, אַז די לאַגע און דער צושטאַנד, אין וועלכע ער געפינט זיך גראָד איצט, וועלן דויערן אייביק. צוליב דעם האָט ער זיי געקאָנט שעצן און איז

נישט געווען להוט אויף קיין שום פאַרענדערונגען. אַזוי־אַרום האָט ער זיך צוגעוויינט אין האַרצן צו זיינע שטילע און ווייטע באַציִונגען צו היפּפּען און זיי, אין גרונד גענומען, געהאַלטן פאַר אַ בלייבנדיקע זאַך אין זיין לעבן. ער האָט ליב געהאַט די שטימונגען, וועלכע יענער האָט דערוועקט אין אים, די געשפּאַנטקייט, צי ער וועט יענעם באַגעגענען, צי יענער וועט נאָענט פאַרבייגיין לעבן אים, אָדער אפשר אים אָנקוקן. ער האָט ליב געהאַט די שטילע, סובטעלע דערפילונגען, וועלכע זיין סוד האָט געבּרענגט מיט זיך און אַפילו ליב געהאַט די אַנטטוישונגען. דאָס האָט געהערט צו דער זאַך. די גרעסטע אַנטטוישונג איז געווען בשעת פּריביסלאַוו איז נישט געקומען אין שול אַריין: דעמאָלט איז דער שול־הויף געווען וויסט, דער טאָג האָט נישט געהאַט קיין שום טעם, געבליבן איז בלויז די כּסדרידיקע האָפענונג.

אַ יאָר האָט געדויערט, ביז ס׳איז דערגאַנגען צו יענעם אַוואַנטוריסטישן קולמינאַציע־פּונקט. דערנאָך האָט עס געדויערט נאָך אַ יאָר אַדאַנק האַנס קאַסטאָרפּס טרייקייט. ערשט דערנאָך האָט עס אויפגעהערט, דערביי האָט ער נישט באַמערקט, ווי די פעדים, וואָס האָבן אים אַמאָל געקניפּט מיט פּריביסלאַוו היפּפּע, ווערן לויזער און אויפגעבונדן, אַקוראַט, ווי ר׳האָט אַמאָל נישט געפילט, ווי אַזוי ער ווערט צוגעבונדן. היפּפּעס פאָטער איז אויך אַריבערגעשיקט געוואָרן אין אַן אַנדער אָרט און פּריביסלאַוו היפּפּע האָט צוזאַמען מיט אים פאַרלאָזט די שול און די שטאָט. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט דאָס כּמעט נישט באַמערקט. ער האָט אים שוין געהאַט פאַרגעסן פון פריער. מ׳קאָן זאָגן, אַז די געשטאַלט פון „קירגיז" האָט זיך אומבאַמערקט אַלץ מער אויסגעשיילט פון דער פאַרנעפּלטקייט, באַקומען אַלץ מער בּולטקייט און אָנגעמבאַרקייט ביז צו דער רגע פון גרעסטער נאָענטקייט און קערפּערלעכקייט, אויפן שול־הויף. אַ ווילע איז די געשטאַלט אַזוי געשטאַנען אויפן ערשטן פּלאַן און דערנאָך איז זי ביסלעכווייז אָפּגעטרעטן צוריק און ווידער פאַרווישט געוואָרן אין נעפּל, אָן שום אָפּשיידס־ווייען.

יענער אויגנבליק, אָט־די געוואַגטע אין ריזיקאַלישע סיטואַציע, אין וועלכער האַנס קאַסטאָרפּ איז איצט, ליגנדיק אויף דער באַנק,

יידער אַריינגעפאַלן — איז געווען אַ שמועס, ממש אַ שמועס מיט פריביסלאַוו היפּפּע און איז פאָרגעקומען אַזוי: די לעקציע פון צייכענען האָט זיך געזאָלט אָנהייבן. פלוצלונג האָט האַנס קאַסטאָרפּ באַמערקט, אַז ר'האָט נייטש בײַ זיך קיין בלײַפעדער. די שילער פון זיין קלאַס האָבן אַליין, יעדער איינער, געדאַרפט האָבן די בלײַפעדערס. ער האָט, אמת, געהאַט דאָ און דאָרט אַ באַקאַנטן צווישן די שילער פון אַנדערע קלאַסן, בײַ וועמען ער וואָלט געקאָנט באָרגן אַ בלײַפעדער. פונדעסטוועגן האָט ער איינגעפינען, אַז אַממיינסטן באַקאַנט איז אים פריביסלאַוו, אַמנאָענטסטן איז אים געווען יענער, מיט וועלכן ער איז שטילערהייט געווען אַזוי פאַרנומען. אינגאַנצן אַ באַגייסטערטער פון פרייד, האָט ער באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט — ס'האָט פאַר אים געהייסן אַ געלעגנהייט — און בעטן פריביסלאַוון, ער זאָל אים באָרגן אַ בלײַפעדער. דאָס איז אַפילו געווען אַ מאָדנער אײַנפאַל, ווייל ער האָט היפּפּען נישט געקאָנט. אָבער ר'האָט דערין פאַרגעסן, אָדער ס'איז אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען, אַזוי פאַרבלענדט איז ער געווען פון דער מאָדנער הפקרות. אַזוי־אַרום איז ער געשטאַנען אין אויסגעפלאַסטערטן הויף צווישן גאַנצן טומל לעבן פריביסלאַוו היפּפּע און געזאָגט צו אים:

— אַנטשולדיק, קאָנסט מיר אפשר באָרגן אַ בלײַפעדער?

און פריביסלאַוו האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט זיינע קירגיזישע אויגן איבער די בולטע באַקנביינער און געענטפערט צו אים מיט זיין אָנגענעמער הייזעריקער שטים. ר'איז דערביי נישט געווען פאַרוואונדערט, אָדער על־כּל־פּנים — האָט ער נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַרוואונדערונג.

— אַדרבא — האָט ער געזאָגט. — אָבער זאָלסט זי מיר נאָך דער לעקציע זיכער צוריקגעבן. דערביי האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע זיין „קראַיאָן“*, אַ פאַרזילבערטן קראַיאָן מיט אַ רינגל, וואָס דאַרף ווערן אַרויפגעדרייט, כּדי די רויט־לאַקירטע בלײַפעדער זאָל אַרויסקומען פונם בלעכל. ער האָט אים איבערגעגעבן,

* בלייפעדער צום צייכענען.

ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט דעם פּשוטן מעכאַניזם, און ביידע קעפּ האָבן זיך בשעת־מעשה איבערגעבויגן איבער דער בלייפעדער.

— מאַך זי נאָר נישט קאַליע — האָט ער נאָך אַ זאָג געטאָן.

וואָס פעלט אים איין? האַנס קאַסטאָרפּן האָט לחלוטין נישט בדעה צוצונעמען די בלייפעדער אָדער זי קאַליע צו מאַכן.

דערנאָך האָבן זיי זיך נאָך אָנגעקוקט שמייכלענדיק. מער איז נישט געווען, וואָס צו זאָגן. האָבן זיי זיך אויסגעדרייט איינער צום אַנדערן פריער מיט די אַקסלען, דערנאָך מיט די פּלייצעס און זיינען זיך צעגאַנגען.

דאָס איז געווען אַלץ. אָבער קיין גרעסערן פאַרגעניגן האָט האַנס קאַסטאָרפּ נישט געהאַט זינט ער לעבט. ער איז געזעסן און געצייכנט מיט פּריבּיסלאַווס בלייפעדער און זי נאָך דערצו גע־דאַרפט שפּעטער צוריק אָפּגעבן. דאָס איז געווען אַ צוגאָב און איז פריי און זעלבסטפאַרשטענדלעך אַרויסגעדרונגען פונם פריערדיקן. ער האָט זי דאַפילו מתיר געווען אַ ביסל צוצושניצן די בלייפעדער. די רויט־לאַקירטע שניצלעך, וואָס זיינען אָפּגעפאַלן, בערך אַ דריי אָדער פיר, האָט ער דערנאָך כמעט אין משך פון אַ יאָר צייט גע־האַלטן אין דעם אינעווייניקסטן פאַכל פון זיין טישל. קיינעם, וואָס וואָלט זיי געזען, וואָלט נישט איינגעפאַלן, וואָס פאַר אַ ווערט זיי האָבן פאַר אים. אַגב, איז דאָס צוריקגעבן די בלייפעדער פאַר־געקומען גאָר פּשוט. דאָס איז אָבער געווען לויט האַנס קאַסטאָרפּס געשמאַק, ער האָט זיך אַפילו אַ ביסל איבערגענומען דערמיט, אַן אָפּגעטעמפּטער און צעפּיעשטשעטער דורך דער אינטימער באַציִונג צו היפּפּען.

— אָט איז — האָט ער געזאָגט — אַדאַנק.

און פּריבּיסלאַוו האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט בלויז נאָכ־געקוקט אינדערגיך, צי דער מעכאַניזם איז גאַנץ און אַריינגעלייגט דעם קראַיאָן אין קעשענע...

פון דעמאָלט אָן האָבן זיי מער קיינמאָל נישט גערעדט צווישן זיך. אָבער דאָס איינע מאָל איז עס געשען אַדאַנק האַנס קאַס־טאָרפּס דרייסטקייט...

קאַסטאָרף רייסט אויף די אויגן, אינגאַנצן צעטומלט פון זיין טיפער פאַרזונקענקייט. — ס׳האָט זיך מיר געמוזט חלומען — טראַכט ער. — יאָ, דאָס איז געווען פּריבּיסלאַוו. שוין לאַנג נישט געקלערט וועגן אים, וואו זיינען אַהינגעקומען די שניצלעך? דאָס שולטישל ליגט אויפן בוידעם, ביים פעטער טינאַפעל. זיי מוזן נאָך ליגן אין אינעווייניקסטן קליינעם שופלעדל לינקס. כ׳האָב זיי קיינמאָל נישט אַרויסגענומען. ס׳האָט מיר אַפילו נישט געלוינט זיי אַרויסצוּוואַרפן... ס׳איז געווען דער גאַנצער פּריבּיסלאַוו, מיט די ביינער. כ׳וואָלט מיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז כ׳זאָל אים זען אַזוי דייטלעך. ווי מאָדנע ענלעך ער איז צו איר — צו יענער אויבן! צוליב דעם, הייסט עס, אינטערעסיר איך מיך אַזוי מיט איר? אָדער אפשר: האָב איך מיך אַזוי אינטערעסירט מיט אים? נאַרישקייטן! שיינע נאַרישקייטן! כ׳מוז, אַגב, גיין און אַפילו גיך. — פונדעסטוועגן בלייבט ער נאָך ליגן, אַ פאַרטראַכטער און פאַרקלערט אין אַמאָל. דערנאָך הייבט ער זיך אויף. — נו, פאַרבלייב געזונט און אַ דאַנק — זאָגט ער און נעמט שמייכלען מיט טרערן אין די אויגן. ער וויל שוין נעמען גיין. אָבער ער גיט זיך אינדערגיך צוריק אַ זעץ אַנידער, מיטן הוט און דעם שטעקן אין דער האַנט. די פיס ווילן נישט טראָגן. — האָפּלאַ — טראַכט ער — דאַכט זיך, ס׳וועט נישט גיין! דערביי דאַרף איך נאָך פונקט עלף אַ זייגער זיין אין עס-זאַל אויפן רעפעראַט. אַ שפּאַציר איז טאָ טאַקע אַ שיינע זאַך, אָבער ער האָט אויך שוועריקייטן, דאַכט זיך. יאָ, יאָ, אָבער בלייבן דאָ קאָן איך נישט. פון ליגן זיינען מיר בלויז די פיס אַ ביסל אָפּגענומען געוואָרן. זיי וועלן זיך שוין צעגיין. — איצט פּרוּווט ער זיך ווידער אויפשטעלן. ער שטרענגט זיך שטאַרק אָן און ס׳גייט.

דער וועג אַהיים איז געווען אַ נעבעכדיקער אין פאַרגלייך מיט אַזאַ געהויבענעם אַרויסגאַנג. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געמוזט אָפּרוען אויפן וועג, ווייל ר׳האָט געפילט, אַז זיין פּנים ווערט פּלוצלונג ווייס, קאַלטער שווייס טרעט אים אַרויס אויפן שטערן און דאָס נישט רעגלמעסיקע קלאַפּן פון זיין האַרץ פאַרשטיקט אים אַזש דעם אָטעם. מיט צרות איז ער אַראָפּ דעם געשלענגלטן

וועג, אָבער ווען ער איז סוף־כּל־סוף דערגאַנגען צום טאָל ניט ווייט פון קור־הויז, האָט ער זיך איבערצייגט קלאָר און דייטלעך, אַז ער וועט מיט די אייגענע כּוחות בשום־אופן ניט קאָנען דערגיין דאָס שטיק וועגס צו „בערגהאָף". היות קיין טראַמוויי גייט ניט און מ'זעט אויך ניט קיין דראָשקע, האָט ער געבעטן אַ פורמאַן, וואָס פירט אַ פלאַטפאָרמע מיט ליידיקע קאַסטנס צו „דאָרף" צו, ער זאָל אים לאָזן אַרויפזעצן. ער איז געזעסן רוקן בײַם רוקן מיטן בעל־עגלה, מיט אַראָפּגעהאַנגענע פיס פון וואָגן; די פאַרבייגייער האָבן אים באַטראַכט מיט פאַרוואונדערונג און רחמנות. ער האָט זיך געוואַקלט און צעשאָקלט זיך אַ דרעמלענדיקער, דער וואָגן האָט מיט אים געוואָרפן — אַזוי האָט ער זיך דערשלעפּט ביז צום באַן־איבערגאַנג. דאָרטן איז ער אויסגעשטיגן, דערלאַנגט דעם בעל־עגלה געלט, ניט איבערציילנדיק אַפילו וויפל ער גיט. פון דאָרטן איז ער מיט די לעצטע כּוחות אַוועק מיטן וועג צום טאָל.

— Dépêches-vous, monsieur! — זאָגט דער פראַנצויזישער שווייצאַר — La conférence de M. Krokowski vient de commencer * און הנס קאַסטאָרפּ וואַרפט אַוועק דעם הוט מיטן שטעקן אין גאַרדעראָב און שטופּט זיך אַרײַן האַסטיק־פאָרזיכטיק, מיט דער צונג צווישן די ציין, דורך דער קוים־געעפנטער טיר פון עס־זאַל. דער עולם איז שוין דאָרטן געווען אויסגעזעצט שורות־ווײַז אויף שטולן. אויבן רעכטס איז געשטאַנען ד״ר קראָקאָווסקי, אין אַ זשאַקעט, בײַ אַ געדעקטן טיש מיט אַ קאַראַפינקע וואַסער און ער האָט גערעדט....

אַ נ אַ ל י ז

לעבן דער טיר, האָט, צום גליק, געוואונקען אַ ליידיק אָרט. ער האָט זיך זײַטיק צוגעשאַרט דערצו און געטאַפּט דערבײַ

* איילט אײַך, הער, די פאָרלעזונג פון הער קראָקאָווסקי הייבט זיך אָקאָרשט אָן.

אַ מינע, גלייך ווי ער וואָלט שוין דאָ געזעסן פון אָנהייב אָן. דאָס פובליקום איז אַזוי געווען פאַרנומען מיט ד״ר קראָקאָווסקיס רעדע, אַז מ׳האָט אים קיים באַמערקט. ס׳איז געזען פאַר אים אַ טובה, ווייל ר׳האָט אויסגעזען שרעקלעך. זיין פנים איז געווען ווייס, ווי לייוונט, און זיין אָנצוג — באַפלעקט מיט בלוט, אַזוי אַז ר׳האָט אויסגעזען, ווי אַ מערדער, וואָס קומט ערשט וואָס פון אַ פרישער רציחה. די דאַמע פאַר אים האָט, וואָס אמת, אויסגעדרייט דעם קאָפּ, בעת ר׳האָט זיך אַוועקגעזעצט און אים אָפּגעמאָסטן מיט צוגעזשמורעטע אויגן. ס׳איז געווען מאַדאַם שאָשאַ. ער האָט זי דערקאָנט מיט אַ מין פאַרביטערטקייט. צו אַלדי רוחות! וועט ער שוין היינט נישט האָבן קיין מנוחה? ער האָט געהאַט בדעה דאָ צו בלייבן זיצן רויק און אַ ביסל צו קומען צו זיך, צום סוף מוז ער זי גראָד האָבן פאַר דער נאָז. אין אַן אַנדערן פאַל וואָלט ער זיך אפשר געפרייט מיט דעם צופאַל, אָבער איצט — אַ מידער און אויסגעמאַטערטער — צו וואָס טויג עס אים? עס צערודערט אים בלויז און וועט אים האַלטן געשפּאַנט אין משך פון גאַנצן רעפעראַט. אַקוראַט מיט פּריבּיסלאַווס אויגן האָט זי אים אָנגעקוקט, געקוקט אויף זיין פנים און אויף די בלוט-פלעקן, אַגב — היפש צודרינגלעך און ברוטאַל, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ פרוי, וואָס טראַסקעט מיט טירן. ווי שלעכט זי האַלט זיך! נישט ווי די פרויען פון קאַסטאָרפּס היימישער סביבה, וואָס דרייען אויס די קעפּ צו זייערע טיש-שכנים ווענדיק אויסגעגלייכט, און רעדן בלויז מיט די שפּיצן ליפּן. מדאַם שאָשאַ איז געזעסן איינגעקאָרטשעט און אָפּגעלאָזן, איר רוקן איז געווען פאַרקייקלעכדיקט און די אַקסלען האָבן אַראָפּגעהאַנגען נאָך פאָרויס. אויסער דעם, האָט זי נאָך אַזוי אַרויסגערוקט דעם קאָפּ, אַז מ׳האָט אַרויסגעזען פון איר ווייסער בלוזע דעם שדרה-ביין אינם נאַקן-אויסשניט. פּריבּיסלאַוו פלעגט אויך אַזוי האַלטן דעם קאָפּ. אָבער יענער איז געווען אַ מוסטער-שילער, וואָס האָט געלעבט בכבודיק (כאָטש נישט דאָס איז געווען די סיבה, הלמאַי האַנס קאַסטאָרפּ האָט ביי אים געבאָרגט די בלייפעדער). פון דער אַנדערער זייט איז זיכער און קלאָר, אַז דער פרייע שאָשאַס אָפּגעלאָזענע האַלטונג, איר וואַרפן מיט די טירן, די ברוטאַלקייט פון איר בליק האָבן אַ

שייכות מיט איר קרענק. יאָ, עס דריקט זיך אַפֿילו דערין אויס יענע אומבאַהערשטקייט, יענע אומבכבודיק אָבער ממש אומגאַרעגעצטע מעלות, מיט וועלכע הער אַלבין האָט זיך געריימט...

ביי האַנס קאַסטאָרפּן זיינען די געדאַנקען צעמישט געוואָרן, בעת ער האָט געקוקט אויף פֿרוי שאָשאַס איינגעקאַרטשעטן רוקן. זיי זיינען געוואָרן אויס געדאַנקען און איבערגעגאַנגען אין אַ מין חלום, אין וועלכן ד״ר קראָקאָווסקיס שלעפֿנדיקער באַריטאָן און זיין ווייך־אַרויסגערעדטע „ר" האָבן אָפּגעקלונגען ווי פֿון זייער ווייט. אָבער די שטילקייט אין זאַל, די טיפֿע פֿאַראינטערעסירונג, וואָס האָט אַלע אַרום געהאַלטן אין שפּאַן, האָט סוף־כל־סוף אויף אים גענומען ווירקן און אים ממש אויפֿגעוועקט פֿון זיין דרעמל. ער האָט זיך אומגעקוקט... לעבן אים איז געזעסן דער פּיאַניסט מיט די שיטערע האָר. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן פֿאַרוואָרפֿן, די הענט פֿאַרלייגט און ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַן אָפֿן מויל. די לערערין, פֿריילין ענגלהאַרט, וואָס איז געזעסן אַ ביסל ווייטער, האָט געהאַט אַ פּאָר גיריקע אויגן און רויט־פּוכיקע פֿלעקן אויף ביידע באַקן — אַ היץ, וואָס האָט זיך אויך אָפּגעשלאָגן אויף די פּנימער פֿון אַנדערע דאַמען, וועלכע האַנס קאַסטאָרפּ האָט גראָד באַמערקט, אויך אויף די פּנימער פֿון דער פֿרוי מאַגנס, יענע וואָס פֿאַר־אַלבין און פֿון ביר־ברייערס ווייב, פֿרוי מאַגנוס, יענע, וואָס פֿאַרלירט איי־ווייס. אויף פֿרוי שטערס פּנים, אַ ביסל אַהינצוצו, האָט זיך אָפּגעמאָלט אַזאַ עם־האָרצישע באַגייסטערונג, אַז ס׳איז געווען אַ שרעק. די פֿריילין לעווי מיטן עלפֿאַנטביינערנעם פּנים איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף דער אָנלען פֿון דער שטול מיט האַלב־פֿאַרשלאָסענע אויגן און מיט די פֿלאַכע הענט אויף דער שויס. זי וואָלט אינגאַנצן אויסגעזען, ווי אַ טויטע, ווען איר ברוסט זאָל זיך נישט כסדר געווען אַזוי אויפֿהייבן און אָפּפֿאַלן צום טאַקט. אינגאַנצן האָט זי האַנס קאַסטאָרפּן מער דערמאָנט אין אַ וואַקס־פֿיגור מיט אַ מעכאַניזם אין דער ברוסט, וועלכע ער האָט אַמאָל געזען אין אַ פּאַנאָפּטיקום. אַ סך געסט האָבן געהאַלטן די האַנט ביי די אויערן, אָדער נישט ווייט פֿון אויער און ס׳האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אויפֿגעהויבן די האַנט צום אויער און אינמיטן אַזוי פֿאַר־

גליווערט געבליבן פון גרויס געשפּאַנטקייט. דער פּראָקוראָר פּאַראַוואַנט, אַ ברוינער און, אַפּנים, אַ מענטש אַ גבֿרן, האָט אַפֿילו עטלעכע מאָל אַ פּויק געטאָן מיטן ווייז=פֿינגער אויפֿן אויער, ווי כּדי עס צו מאַכן מער הערנדיק און עס דערנאָך אינגאַנצן געווענדט אין ד״ר קראָקאָווסקיס זייט.

וואָס=זשע האָט גערעדט ד״ר קראָקאָווסקי? און וואָס פֿאַר אַ געדאַנקען=גאַנג האָט ער זיך געפֿונען? האַנס קאַסטאָרפּ האָט צונויפֿגענומען זיין גאַנצן פֿאַרשטאַנד, כּדי צו כאַפּן זיך, וועגן וואָס ס׳גייט. ס׳האָט זיך אים אָבער נישט תּיכּף איינגעגעבן, ווייל ר׳האָט נישט געהערט דעם אָנהייב און דערצו איז ער נאָך אַ צייט פֿאַרנומען געווען מיט די רעיונות וועגן פֿרוי שאָשאַס איינגעקאָרטשעטן רוקן — ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ מאַכט... יענע מאַכט... בקיצור, וועגן דער מאַכט פֿון ליבע גייט עס דאָ. פֿאַרשטייט זיך! די טעמע איז דאָך אָנגעגעבן אין גענעראַל=טיטל פֿון ציקל רעפֿעראַטן. פֿון וואָס=זשע דען זאָל ד״ר קראָקאָווסקי ריידן, אויב דאָס איז זיין געביט! משונה איז האַנס קאַסטאָרפּן בלויז אַ ביסל געווען אויף איינמאָל צו הערן אַ לעקציע וועגן ליבע, בשעת אַזוי געוויינלעך האָט ער זיך תּמיד אָנגעהערט בלויז וועגן אַזעלכע זאַכן, ווי איבערטראָגן מאַשינען אין שיף=בוי. ווי אַזוי קאָן מען דאָס נעמען אַן ענין, וואָס איז בטבע אַזוי שעמעוודיק=דיסקרעט, און ריידן וועגן דעם אין אַ פּשוטן פֿרימאָרגן פֿאַר מענער און פֿרויען? ד״ר קראָקאָווסקי האָט זיך באַנוצט מיט געמישטע אויסדריקן, אי פּאָעטישע, אי וויסנשאַפֿטלעכע, שטרענג וויסנשאַפֿטלעכע. דער טאָן איז דערביי געווען אַ זינגענדיקער און באַפֿליגלטער. דאָס איז דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ אַ ביסל נישט געפֿעלן, הגם צוליב דעם, קאָן זיין, פֿלאַמען אַזוי ביי די דאַמען די באַקן און די מענער שאָקלען אויס מיט די אויערן. ספּעציעל האָט דער רעדנער כּסדר באַנוצט דאָס וואָרט „ליבע" אין אַ ביסל אַ נישט קלאָרן זין, אַזוי אַז מ׳האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, וואָס ער מיינט דערמיט: עפּעס צניעותדיקס, אָדער ליידנשאַפֿטלעך=קערפּערלעכס. מ׳האָט בשעת=מעשה באַקומען אַ מין לייכט געפֿיל פֿון ים=קראַנקהייט. זינט האַנס קאַסטאָרפּ לעבט, האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהערט דאָס וואָרט באַנוצן אַזוי

געדיכט איינס נאָכן אַנדערן, ווי איצט, דאָ. יאָ, ווען ר׳האָט זיך אַריינגעטראַכט, האָט זיך אים אַפילו אויסגעדאַכט, אַז ער האָט עס אַליין נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט און עס נישט געהערט אויך פון אַ צווייטן. קאָן זיין, אַז ער איז זיך טועה, אַלנפאַלס האָט ער געהאַלטן, אַז די פריִערדיקע איבערחזרונג איז נישט קיין טובה פאַר'ן וואָרט. פאַרקערט, די דאָזיקע גליטשיקע אָנגעריט-האַלבע זילבן מיט צונג-קאָנסאָנאַנט*, ליפּן-קאָנסאָנאַנט** און מיטן דינעם וואָקאַל*** אינמיטן האָבן אים אָנגעהויבן נמאס ווערן. עס האָט זיך פּיי אים אַסאָצייִרט מיט וואַסערדיקער מילך, מיט עפּעס וויס-בלויליכעם גלאַרעט-אַרטיקל, און דווקא בײַ אַלע שטאַרקע מעלות, וואָס ד״ר קראַקאָווסקי האָט, איינגעטלעך, אויסגערעכנט. איינס איז געווען קלאָר: אַז אַזוי ווי ער טוט עס, קאָן מען אַרויסזאָגן די שאַרפסטע זאַכן און דערבײַ נישט פאַרטרייבן די אידיטאָריע. ער האָט זיך נישט באַנוגנט בלויז דערמיט, וואָס ער האָט מיט אַ מין פאַרשיפּורדיקן טאַקט געערדט וועגן אַלגעמיין-באַקאַנטע זאַכן, וועגן וועלכע מישוויגט געוויינלעך. ער האָט אויך צעשטערט אילוזיעס, האָט אומברחמנות אַלץ אַנאַליזירט, האָט נישט געלאָזט קיין פּיצל אָרט פאַר סענטימענטאַלן גלויבן אין דער ווערדיקייט פון אַלטן מאַן און אין דער מלאָכישער ריינקייט פון צאַרטן קינד. אַגב, האָט ער גם זשאַקעט אויך געטראָגן זיין ווייכן איבערגעוואָרפענעם קאָלנער און די מאַנדאַלן מיט די גרויע זאָקן. דאָס האָט געמאַכט אַ פּרינציפּיעלן און אידעאַליסטישן אײַנדרוק, הגם האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך אַ ביסל געשראָקן דערפאַר. ער האָט אַרויסגעלייענט פון ביכער און לויזע בלעטער, וואָס זיינען געלעגן פאַר אים אויפן טיש, אַלערליי ביישפּילן און אַנעקדאָטן, וואָס שטיצן אונטער זיינע מיינונגען און ער האָט אַפילו אַ סך מאָל רעציטירט פערזן. דערביי האָט ד״ר קראָקאָווסקי באַהאַנדלט שרעקלעכע פאָרמען פון ליבע, דעם כוח פון די וואַנדערלעכע, פיינלעכע און אומהיימלעכע אָפּנייגונגען אירע. צווישן אַלע נאַטור-דראַנגען איז די ליבע — האַלט ער — אַממיינסטן וואַקלדיק און סכנהדיק, פון באַזע גרונט גענייגט צו בלאָנדזשעניש

* ל. ** ב. *** י.

און אומגליקלעכע פּאַרקערטקייטן, און עס איז נאָרנישט קיין וואונדער, ווייל דער דאָזיקער מעכטיקער אימפּולס איז נישט קיין פּשוטער, ער איז בטבע אַ סכום פון אַ סך חלקים. ווי נאָרמאַל ער זאָל נישט אויסזען אַלס גאַנצקייט — אָבער באַשטייט ער פון הילע פּאַרקערטקייטן. הויות מ׳קאָן נישט און מ׳טאָר — רעדט ד״ר קראָ-קאָווסקי ווייטער — דרינגען פון דער פּאַרקערטקייט פון די טיילן אויף דער פּאַרקערטקייט פון גאַנצן, איז מען אָבער אומבאַדינגט געצוואונגען איבערצוטראָגן אַ טייל פון דער פּאַרפעקטקייט פון גאַנצן (אויב אַפילו נישט -- די גאַנצע פּאַרפעקטקייט) אויך אויף די איינצלנע פּאַרקערטקייטן. דאָס איז אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ און ער בעט די צוהערער זיך צו האַלטן דערין. גייסטיקע ווידערשטאַנדן און קאָרעקטורן, אָנשטענדיקע און אָרדענטלעכע (ער האַלט כמעט זיך אויסגעדריקט: בירגערלעכע) אינסטינקטן גלייכן אויס און צווינגען אַז די פּאַרקערטקייטן און גיסן זיי צונויף אין אַ נאָרמאַלער און נוצלעכער גאַנצקייט. עס איז אַן אָפטער און דער השגחה באַרואי-קנעם, אָבער די רעזולטאַטן זיינען (ד״ר קראָקאָווסקי זאָגט עס מיט אַ געוויסן ביטול) דאַרפן נאָרנישט אָנגיין דאָקטוירים און דעקער. סטרעפּט זיך אָבער, אַז ער געלינגט נישט, דער דאָזיקער פּראָ-צעס. ער וויל נישט און דאַרף נישט געלינגען. ווער ווייסט אויף געוויס — אַזוי פרעגט ד״ר קראָקאָווסקי — צי דער דאָזיקער פאַל איז נישט אַמאָל דער איידעלערער און גייסטיק-העכערער? אין אָט-דעם פאַל שאַפן ביידע כוחות-גרופּעס — דער דראַנג צו ליבע און די פּאַרקערטע אימפּולסן, צווישן זיי באַזונדערס עקל און בושה — אַן אויסערגעוויינלעכן שפּאַנונג און אַ ליידנשאַפט, וואָס שטייען אַרי-בער די בירגערלעכע מאָס. דער דאָזיקער קאַמף, וואָס גייט זיך אָפּ אין דער סאַמע טיפעניש פון דער נשמה, לאָזט נישט צו צו דער איינגעשטילטקייט, באַפרידיקונג און אָרדענונג פון די בלאָנדזשענדיקע דראַנ-גען און ממילא קאָן מען נישט דערגיין צו דער געוויינלעכער האַר-מאָניע און צו דעם נאָרמאַלן ליבע-לעבן. דער דאָזיקער קאַמף צווישן די כוחות פון צניעות און פון ליבע — ווייל אין דעם גייט עס דאָך — מיט וואָס לאָזט ער זיך אויס? לפּנים ענדיקט ער זיך דער-מיט, וואָס די צניעות איז מנצח. מורא, אָנשטענדיקייט, ציכטיקער עקל,

ציטערנדיקע ריינהייט=באַדערפעניש, — דאָס אַלץ דריקט אונטער די ליבע, האַלט זי אין דער טונקעלער צוים, לאָזט=צו צום באַוואוסטזיין און במעשה העכסטנס בלויז אַ טייל פון אירע מטושטשע שטרעבונגען, אָבער ווייט נישט איר גאַנצע קראַפט אין פילגעשטאַלטיקייט. אָבער דער דאָזיקער נצחון פון דער צניעות איז בלויז אַ לפנימדיקער נצחון, אַ פירהוס=נצחון*. ווייל דער דראַנג נאָך ליבע לאָזט זיך נישט אײַנצוימען, נישט פאַרגוואַלדיקן. די אונטערגעדריקטע ליבע ווערט נישט אָפגעטויט. זי לעבט און שטרעבט אויך אין דער טונקלהייט בסוד=סודות צו איר דערפילונג. זי ברעכט דורך די מחיצה פון צניעות און קומט ווידער אַרויס, כאָטש אין אַן אַנדערע, נישט=קענטיקער געשטאַלט... אָבער אין וואָס פאַר אַ געשטאַלט, און אונטער וועלכער מאַסקע דערשיינט די נישט=צוגעלאָזענע און אונטערגעדריקטע ליבע? — אַזוי פרעגט ד״ר קראָקאָווסקי און גיט אַ קוק איבער אַלע רייען, גלייך ווי ער וואָלט באמת, געוואַרט אויף אַן ענטפער פון זיינע צוהערער. יאָ, אָבער ער וועט עס מוזן אַליין זאָגן, נאָכדעם ווי ער האָט שוין נישט איין זאַך געזאָגט. קיינער אויסער אים ווייסט עס נישט, אָבער ער וועט זיכער דאָס אויך וויסן. דאָס דערקענט מען אָן אים. זיינע גליענדיקע אויגן, דאָס וואַקס=בלאַסע פנים מיט דער שוואַרצער באָרד, דערצו נאָך די מאָנאַכישע סאַנדאַלן מיט די גרוי=וואָלענע זאָקן — דאָס אַלץ גיט אים אַן אויסזען, גלייך ווי ער אַליין וואָלט אין זיין אייגענער פערזאָן סימבאָליזירט דעם קאַמף צווישן צניעות און ליידנשאַפט, וועגן וועלכן ער רעדט. אַזאַ אײַנדרוק, אַלנפאַלס, האָט האַנס קאַסטאָרפ געהאַט, בעת ער האָט, גלייך ווי אַלע אַנדערע, מיט דער גרעסטער שפּאַנונג געוואַרט אויף דער תשובה, אין וואָס פאַר אַ געשטאַלט די פאַרשטיקטע ליבע קערט זיך אום. די פרויען האָבן קוים געאָטעמט פון אומגעדולדיקייט. דער פּראָקוראָר פאַראַוואַנט האָט נאָכאַמאָל איינגעריך גענומען טרייסלען מיטן אויער, כדי ס׳זאָל אין אַנטשיידנעם מאָמענט בלייבן אָפן און אָנגע-

---

* אַ נצחון מיט זייער גרויסע קרבנות, — נאָך דעם קיניג פון עפּיר, פּירהוס, וואָס האָט אין דריטן יאָרה. פאַר קר. מנצח געווען די רוימער און פאַרלאָרן אַ גרויס חלק פון זיינע חיילות.

ברייט צום הערץ. דעמאָלט האָט ד״ר קראָקאָווסקי אַ זאָג געטאָן: אין געשטאַלט פון קראַנקהייטן! דער קראַנקהייט-סימפּטאָם איז פאַרמאַסקירטע טעטיקייט פון ליבע און יעדע קראַנקהייט איז פאַרוואַנדלטע ליבע!

איצט האָט מען שוין געוואוסט, הגם נישט יעדער האָט עס פאַרשטאַנען גענוג אָפּצושאַצן. אַ זיפץ איז אַריבער איבער'ן זאַל און פראָקוראָר פאַראַוואַנט האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פון גרויס התפעלות, בשעת ד״ר קראָקאָווסקי האָט ווייטער גענומען אַנטוויקלען זיין טעזע. וואָס ס'איז נוגע האַנס קאַסטאָרפּן — האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, כדי איבערצוטראַכטן וועגן דעם, וואָס ר'האָט געהערט, און צו זען, צי ער פאַרשטייט עס. ר'איז אָבער געווען נישט גענוג צוגעוויינט צו אַזאַ מין געדאַנקען-גאַנג און דערצו גייסטיק אָפּגעשוואַכט פון זיין פאַרמאַטערנדיקן שפּאַציר, אַזוי אַז די רעיונות זיינען לייכט אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג. דערצו האָט ער נאָך געהאַט פאַר זיך מאַדאַם שאָשאַס רוקן און האַנט. די האַנט האָט זיך, אַגב, אַלעמאָל אַ הייב געטאָן, אויסגעדרייט זיך און סאַמע פאַר האַנס קאַסטאָרפּס אויגן פאַרראָכטן דעם גרעק.

ס'איז געווען פיינלעך צו האָבן די האַנט אַזוי נאָענט פאַר די אויגן. מ'האָט זי געמוזט באַטראַכטן, צי מ'האָט געוואָלט, צי נישט, פאַרקוקן זיך אויף אַלע חסרונות אירע און פגימות, גלייך ווי מ'וואָלט זי באַקוקט דורך אַ פאַרגרעסער-גלאָז. ניין, זי האָט נישט קיין שום אַריסטאָקראַטיש אין זיך, אָט-די קערנדיקע גימנאַזיסטן-האַנט, מיט די געווינלעך-אַרומגעשניטענע נעגל. מ'האָט אַפילו נישט געקאָנט זיין זיכער, צי די פינגער-גלעקן זיינען פון אויסנווייניק אינגאַנצן ריין. די הויט אַרום די נעגל איז געווען צעביסן — דערין איז נישט געווען קיין שום ספק. האַנס קאַסטאָרפּס מויל האָט זיך אַזש פאַרקרימט, זיינע אויגן זיינען פונדעסטוועגן געבליבן קלעפּן אויף מאַדאַם שאָשאַס האַנט און ס'איז אים דורכגעלאָפן דורכן רעיון אַ האַלבע, אומבאַשטימטע דערמאָנונג וועגן דעם, וואָס ד״ר קראָקאָווסקי האָט געזאָגט וועגן די בירגערלעכע אימפּולסן, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן דער ליבע.... דער אָרעם איז געווען שענער, דער אָרעם, וואָס האָט זיך אונטערגעבויגן הינטערן קאָפּ. ר'איז כמעט געווען נאַקעט,

ווייל דער שטאָף פון די אַרבל איז געווען דינער, ווי די בלוזע. ס'איז געווען ווייער לייכטע גאַזע, אַזוי אַז דער אָרעם איז צוליב דעם געוואָרן בלויז פאַרצערטלטער און איז איצט זיכער שענער געווען, ווי ווען ער וואָלט געווען אינגאַנצן אַנטבלויזט. ס'איז געווען אַ אידל, אַ פול — און דערצו נאָך קיל, ווי מ'האָט זיך געקאָנט מיטער זיין. אין דעם פאַל האָט קיין שום רייד נישט געקאָנט זיין וועגן בירגערלעכע אימפולסן.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט פאַנטאַזירט און נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון פרוי שאָשאַס אָרעם. ווי די פרויען טוען זיך דאָס אָן! זי ווייזן טיילן פון זייער נאַקן, און ברוסט, הילן־איין די אָרעמס אין דורכזיכטיקער גאַזע... זיי טוען דאָס איבער דער גאַנצער וועלט, כדי צו דערוועקן אונזערע בענקענדיקע פאַרלאַנגען. מיין גאָט, ווי שיין דאָס לעבן איז! עס איז שיין גראָד צוליב אַזעלכע זעלבספאַרשטענדלעכע זאַכן ווי אַ שטייגער דאָס, וואָס די פרויען טוען זיך אָן אַזוי. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך און אַזוי געוויינלעך און אָנערקענט ביי אַלע, אַז ס'פאַלט כמעט נישט איין אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם און ס'געפעלט, כאָטש מ'גיט זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון, אונטערבאַוואוסטזיניק. מ'וואָלט זיך אָבער געדאַרפט פאַרטראַכטן וועגן דעם — האָלט האַנס קאַסטאָרפּ אינעווייניק ביי זיך — ערשט דעמאָלט וואָלט מען זיך, באמת, געקאָנט פרייען מיטן לעבן און דערגיין דערצו, אַז דאָס איז אַ גליקלעכע און כמעט וואונדערלעכע איינאָרדענונג. פאַרשטייט זיך, ס'איז דאָ אַ צוועק דערביי, צוליב וועלכן די פרויען טוען זיך אָן אַזוי וואונדערלעך און אַנטציקנדיק און דערביי זינדיקן זיי נישט עובר אויף די כללים פון אָנשטענדיקייט. עס גייט וועגן קומענדיקן דור, וועגן דער דערהאַלטונג פון מענטשלעכן מין, אמת. אָבער ווי איז, ווען די פרוי איז אינערלעך קראַנק, אַזוי, אַז זי טויג גאָרנישט צו קיין מוטערשאַפט — ווי איז דעמאָלט? צי אויך אין אַזאַ פאַל האָט עס אַ זין, וואָס זי טראָגט גאַזע־אַרבל, כדי צו דערוועקן ביי די מענער די נייגעריקייט צו איר קערפּער — צו איר אינערלעך־קראַנקן קערפּער? דאָס האָט, ווייזט אויס, קיין שום זין נישט און מ'וואָלט עס, אייגנטלעך, געדאַרפט באַטראַכטן פאַר נישט־אָרנטלעך און פאַרווערן עס. ווייל, אויב אַ מאַנסביל פאַר־

אינטערעסירט זיך מיט אַ קראַנקער פרוי, ליגט דערין נישט מער שכל, ווי... לאָמיר זאָגן, ווי אין האַנס קאַסטאָרפס אַמאָליקן שטילן אינטערעס צו פּריבּיסלאַווס הויפּט. אַ נאַרישער פאַרגלייך, אַ ביסל אַ פיינלעכע דערמאָנונג. אָבער דער פאַרגלייך איז אים געקומען אויפן רעיון פון דער העלער הויט און איינגעצן אויגען. אַגב, זיינען זיינע פאַרחלומטע רעיונות אָפּגעהאַקט געוואָרן ביי דעם דאָזיקן פּונקט, קודם-כל דערפאַר, ווייל ער האָט זיך ווידער גענומען צוהערן צום ד"ר קראָקאָווסקי, וועלכער האָט גענומען ריידן אויפפאַלנדיק הויך. יאָ, ר'איז געשטאַנען הינטער זיין טיש מיט אַ פּאָר אויסגעשפּרייטע אָרעמס, מיט אַ קרום-איינגעבויגענעם קאָפּ און, נישט געקוקט אויף זיין זשאַקעט, האָט ער אויסגעזען כמעט, ווי יעזוס אויפן צלם.

ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז ד"ר קראָקאָווסקי מאַכט ביים סוף פון זיין רעדע שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר פּסיכאָאַנאַליז און גייט צו ווייזן, אַז ער וועט יעדן אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס. קומט צו מיר, איר אַלע פאַרזאָרגטע און איר מיט שווערע געמיטער! כמעט אַזוי קלינגט זיין אויפפאָדערונג. ער איז, ווי מ'זעט, לחלוטין נישט מסופק, אַז אַלע אָן אויסנאַם זיינען פאַרזאָרגט און האָבן שווערע געמיטער. ער רעדט פון פאַרבאָרגענע ליידן, פון בושה און עגמת-נפש, וועגן דער דערלייזנדיקער ווירקונג פון פּסיכאָ-אַנאַליז. ער לויבט די דורכלייכטונג פון אונטערבאַוואוסטזיניקן, לערנט, ווי אַזוי צו דערפירן צוריק די קראַנקהייט צו איר ערשטן שורש, צו דעם אַפעקט, וואָס איז קלאָר געוואָרן, הייסט האָבן צוטרוי, זאָגט צו אַ רפואה. דערנאָך לאָזט ער אַראָפּ די הענט, גלייכט צוריק אויס דעם קאָפּ, נעמט צונויף די געדרוקטע פּאַפּירן, מיט וועלכע ר'האָט זיך באַנוצט ביים רעפעראַט. ער נעמט אַרונטער דאָס פעקל אונטערן אָרעם, ממש ווי אַ לערער, און גייט אַרויס מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ דורך דעם קאָרידאָר.

אַלע שטייען אויף, מ'רוקט אָפּ די שטולן און מ'הייבט אָן ביסלעכווייז אַרויסצוגיין דורך דעם איינענעם אַרויסגאַנג, דורך וועלכן דער דאָקטאָר איז אַרויס פון זאַל. ס'זעט אויס, ווי מ'וואָלט אים קאָנצענטריש נאָכגעגאַנגען, פון אַלע זייטן, קווענקלענדיק זיך אָן

שום ווילן און מיט דער גלייכער אָפּגענומענקייט, ווי שטשורעס נאָך אַ כאַפּער אין דעם באַקאַנטן מעשהלע. האַנס קאַסטאָרפּ בלייבט שטיין אין שטראָם, אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אויפן אָנלען פון דער שטול. איך בין דאָ בלויז צו גאַסט — טראַכט ער — איך בין געזונט און ווער דאָ, גאָט צו דאַנקען, נישט גענומען אין חשבון. צו דעם צווייטן רעפעראַט וועל איך שוין נישט זיין דאָ. ער זעט אַרויסגיין די פרוי שאָשאַ, קריכנדיק, מיט אַן אַרויסגערוקטן קאָפּ. צי זי לאָזט איך צעגלידערן איר נשמה? — טראַכט ער — און זיין האַרץ נעמט קלאַפּן... דערביי באַמערקט ער נישט, ווי יאָאַכים קומט צו צו אים פון צווישן די שטולן און ווען יענער נעמט צו אים ריידן, ציטערט ער אַזש אויף.

— ביסט געקומען אין דער לעצטער רגע — זאָגט יאָאַכים — ביסט געווען ווייט? ווי איז עס צוגעגאַנגען?

— אַזוי, נישקשה — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ. — יאָ, כ'בין געווען גאַנץ ווייט. אָבער כ'מוז דיר מודה זיין, אַז ס'איז מיר נישט אַזוי גוט באַקומען, ווי כ'האָב מיך גערעכנט. ס'קאָן זיין, אַז ס'איז געווען צו־פרי, אָדער כ'האָב עס בכלל נישט געדאַרפט טאָן. לעת־עתה וועל איך עס נישט טאָן מער.

יאָאַכים פרעגט נישט, צי דער רעפעראַט איז אים געפעלן, און האַנס קאַסטאָרפּ אַליין רעדט אויך נישט וועגן דעם. ווי אָפּ־געשמועסט — האָבן זיי שפּעטער נישט דערמאָנט דעם רעפעראַט מיט קיין איין וואָרט.

ספקות און איבערטראַכטענישן

דינסטאָג איז געוואָרן אַ וואָך, אַז אונזער העלד איז דאָ אויבן. ווען ר'איז אינדערפרי צוריקגעקומען פון שפּאַציר, האָט ער דערפאַר אין זיין צימער געטראָפן אַ רעכענונג, זיין ערשטע רעכענונג פון דער וואָך, אַ זויבער, סוחריש פאַפּיר, אין אַ גרינלעכן קאָנווערט, מיט אַן אילוסטרירט קעפּל (די געביידע פון „בערגהאָף" איז דאָרטן געווען אויסגעמאָלט אין איר גאַנצער פּראַכט). פון דער לינקער

זייט איז אויפן פּאַפּיר געווען אַ שמאָלע קאָלאָנע מיט אויסצוגן פון פּראָספּעקט; אין שפּאַציאָנירטע שריפט איז דאָרטן אויך געווען דער-מאָנט די „פּסיכישע קוראַציע לויט די מאָדערנסטע פּרינציפּן“. די קאַליגראַפיש-אויסגעשריבענע ציפערן האָבן אָנגעטראָפן פּונקט 180 פראַנק. עסן מיט מעדיצינישער באַהאַנדלונג האָבן אויסגעמאַכט 12 פראַנק אַ טאָג, דאָס צימער — 8 פראַנק. ווייטער איז געווען 20 פראַנק „אַריינגאַנג-געלט“ און די דיזענפעקציע פון צימער — 10. צו-זאַמען מיט די קליינע חשבונות פאַר וועש, ביר און וויין, וואָס מ'האָט גענומען צום ערשטן אָוונט-עסן — איז עס דערגאַנגען צו אַ קיי-לעכיקער סומע פון 180.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט דערנאָך איבערגעקוקט דעם רעכענונג צוזאַמען מיט יאָאַכימען און האָט אַלץ געפונען אין אָרדענונג. יאָ, מיט דער „מעדיצינישער באַהאַנדלונג“ האָב איך זיך נישט באַ-נוצט — זאָגט ער — אָבער דאָס איז מיין זאַך. עס איז אַריינגע-רעכנט אין פּרייז און כ'קאָן נישט פאַרלאַנגען, מ'זאָל דאָס אָפּרעכענען. ווי אַזוי וואָלט דאָס מעגלעך געווען? ביי דער דיזענ-פעקציע האָבן זיי איבערגעריסן, ווייל ס'איז אוממעגלעך, זיי זאָלן האָבן אויסגענוצט פאַר צען פראַנק H_2CO ביים אויסרויכערן די אַמעריקאַנערין. אָבער אין סך-הכל, מוז איך דיר זאָגן, אַז ס'איז גאָר-נישט טייער, אויב מ'זאָל נעמען אין אַכט דאָס אַלץ, וואָס מ'גיט דאָ. פאַרן צווייטן פרישטיק זיינען זיי אַריינגעגאַנגען צו דער „פאַר-וואַלטונג“, כדי צו דעקן דעם חוב.

די „פאַרוואַלטונג“ האָט זיך געפונען אין פּאַרטער. בעת מ'איז געגאַנגען מיטן קאָרידאָר אין יענער זייט האָלע און מ'איז פאַרביי-געגאַנגען די גאַרדעראָב און אויך די קיכן און די צוגרייט-צימערן, האָט מען נישט געקאָנט פאַרזען די טיר, בפרט נאָך, אַז ס'הענגט אי-בער איר אַ פּאָרצעלאַנענע שילד. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך מיט אַ געוויסן אינטערעס צוגעקוקט צו דער סוחרישער זייט פון אַנ-שטאַלט. ס'איז געווען אויך אַן אמת אַ קליין קאָנטאָר: אַ פריי-לין איז געזעסן ביי אַ שרייב-מאַשין, דריי אָנגעשטעלטע — מענער — זיינען געזעסן איבערגעבויגן איבער שרייב-שטענדערס. אין צווייטן

צימער איז געזעסן אַ הער מיט דעם בכבודיקן אויסזען פֿון אַ שעף אָדער דירעקטאָר. ער איז געזעסן הינטער אַ שרייבטיש און האָט איבער זיינע אויגן־גלעזער געוואָרפֿן קאַלטע און זאַכלעך־מבינישע בליקן אויף די קליענטן. בעת מען האָט ביי זיי ביים פֿענסטערל צוגענומען געלט, געגעבן אַ רעשט, פֿאַרשריבן, האָבן זיי זיך געהאַלטן ערנסט־באַשיידן, שווייגנדיק, אַפֿילו אונטערטעניק, ווי ס'איז דער שטייגער פֿון יונגע דייטשן, וואָס טראָגן איבער דעם דרך־ארץ פֿאַר דער מאַכט און אַמט־הויז אויף יעדן שרייב־און אַרבעטס־לאָקאַל. ערשט אינדרויסן, אויפֿן וועג צו פֿרישטיק און שפּעטער אין משך פֿון טאָג האָבן זיי געשמועסט וועגן דער אָרדענונג פֿון בערגהאָף־אינסטיטוט. יאָאַכים האָט דערביי, מעשה־תּושב און וויי־טער, געענטפֿערט אויף זיין קוזינס פֿראַגן.

הויפּראַט בערענס איז לחלוטין נישט דער אייגנטימער און באַלעבאָס פֿון אַנשטאַלט — הגם מ'קאָן באַקומען אַזאַ איינדרוק. איבער און הינטער אים שטייען פֿאַרבאַהאַלטענע כּוחות, וואָס מאַניפֿעסטירן זיך ביז אַ געוויסער מאָס אין דער געשטאַלט פֿון דער ביוראָ: אַן אויפֿזיכט־ראַט, אַן אַקציע־געזעלשאַפֿט, צו וועלכער ס'איז גאָרנישט שלעכט צו געהערן. יאָאַכים פֿאַרזיכערט אַז מ'קאָן אים גלייבן, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס די דאָקטוירים נעמען גרויסע פֿענסטערעס אין די ווירטשאַפֿט ווערט געפֿירט לויט די ליבעראַלסטע פּרינציפּן, קאָן מען נאָך יעדעס יאָר צעטיילן פֿעטע דיווידענדעס צווישן די מיטגלידער. דער הויפּראַט איז, הייסט עס, נישט קיין זעלבשטענדיקער מענטש, ער איז נישט מער, ווי אַן אַגענט, אַ פֿונקציאָנער, אַ קרוב פֿון די מאַכטהאָבער, אמת, דער סאַמע ערשטער און וויכטיקסטער, די נשמה פֿון דער אונטערנעמונג. ער האָט אַ דעצידירנדיקן איינפֿלוס אויף דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע, אַפֿילו אויף דער אינטענדאַנטור, כאָטש ער האָט נישט געדאַרפֿט — ווי דער אָנפֿירנדיקער דאָקטאָר — פֿאַרשטייט זיך, האָבן צו טאָן מיט דער ריין־סוחרישער זייט פֿון אַנשטאַלט. אַ געבוירענער אין צפֿון־מערב־דייטשלאַנד — איז ער, ווי מ'האָט געוואוסט, אָנגעקומען אַהער, כאָטש דאָס איז נישט געווען זיין כּוונה און ציל. אַרויפֿגעקומען איז ער צוליב זיין פֿרוי, וואָס אירע ביינער ליגן שוין לאַנג אויפֿן בית־עולם אין „דאָרף". ס'איז דער

טאָלערישער בית־עולם פון דאָרף דאַוואָס, אויבן אויפן שיפוע רעכטס, נישט ווייט פון דאָרטן, וואו ס'הייבט זיך אָן דער טאָל. זי איז געווען זייער אַ ליבלעכע, כאָטש אַ שוואַכלעכע, מיט צו־גרויסע אויגן, אויב מ'זאָל זיך פאַרלאָזן אויף די פאָטאָגראַפיעס, וואָס שטייען אימעטום אין הויפראַטס דינסטלעכער דירה און אויף די איילבילדער, וועלכע ער, אַן אַמאַטאָר, האָט אַליין געמאָלט און וועלכע הענגען דאָרט אויף די ווענט. זי האָט געבוירן צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער. דערפון איז זי געוואָרן שטאַרק אויסגעמאָגערט און כסדר געהאַט היץ. מ'האָט זי אַרויפגענומען אַהער און אין משך פון עטלעכע חדשים האָט גענומען אַ סוף. מ'שמועסט, אַז בערענס האָט זי פאַרגעטערט און ר'איז פון דעם קלאַפּ געווען אַזוי שטאַרק דערשלאָגן, אַז ר'איז אויף אַ שטיק צייט אַריינגעפאַלן אין רעיונות, געוואָרן משונהדיק. אין גאַס האָט ער געלאַכט, געמאַכט העוויות און גערעדט צו זיך אַליין, אַזוי, אַז מ'האָט אים נאָכגעקוקט. פון דעמאָלט אָן איז ער מער נישט צוריק צו זיין פריערדיקער סביבה, נאָר געבליבן דאָ אויפן אָרט: אַוודאי אויך צוליב דעם, ווייל ר'האָט זיך נישט געוואָלט שיידן פונם קבר. אָבער דער עיקר האָט דאָ געווירקט אַ ווייניקער סענטימענטאַלע סיבה, דאָס, וואָס ער אַליין האָט זיך אויך אַ ביסל אָנגעשטעקט און לויט זיין אייגענעם וויסנשאַפטלעכן אײַנזען געהאַלטן, אַז ער דאַרף זיין אַ היגער. אַזוי־אַרום האָט ער זיך איינגעבירגערט, ווי איינער פון יענע דאָקטוירים, וואָס זיינען אַחים־לצרה פאַר יענע, אויף וועלכע זיי גיבן דאָ אַכטונג; איינער פון יענע, וואָס באַקעמפן נישט די קראַנקהייט פון דעם פרייען שטאַנד פון פערזענלעכער אומבאַרירטקייט, נאָר טראָגן אַליין איר חותם. דער דאָזיקער פאַל איז אַ ביסל אַן אויסטערלישער, אָבער ער טרעפט זיך אָפט און האָט אָן שום־ספק אי זיינע מעלות, אי זיינע חסרונות. די חברשאַפט צווישן דאָקטאָר און פאַציענט איז זיכער אַ גוטע זאַך און עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז נאָר איין ליידנדיקער קאָן זיין דער פירער און אויסלייזער פון דעם אַנדערן. אָבער צי איז מעגלעך באמת גייסטיק צו באַהערשן אַ קראַפט, ווען מ'איז אַליין איינער פון אירע שקלאַפן? צי קאָן זיין אַ באַפרייער דער, וואָס איז אַ געבונדענער? פאַרן פשוטן מענטש איז אַ קראַנקער דאָקטאָר אַ פּאַראַ־

דאָקס, אַ פּראָבלעמאַטישע דערשיינונג. צי ווערט נישט אַמאָל זיין גייסטיק וויסן וועגן אַ קראַנקהייט צוליב זיין אייגענער דערפאַרונג מער צעטומלט און צעמישט, ווי פאַרשטאַרקט און באַרייכערט? ער קאָן נישט אָנקוקן די קראַנקהייט אויג אויף אויג, ווי אַ קענער. ער איז אַליין אויך איבערגענומען און ער איז נישט אויף איין זייט, ווי אַ צד. מיט דער גאַנצער פאָרזיכטיקייט מוז מען פרעגן: צי קאָן אַ אַ מענטש, וואָס געהער אַליין צו דער וועלט פון קראַנקע, זיין אַזוי פאַראינטערעסירט אויסצוהיילן און אַפילו בלויז אָפּצוהיטן אַ צווייטן, אַקוראַט אַזוי ווי אַ געזונטער?...

וועגן די דאָזיקע ספקות און איבערטראַכטענישן האָט האַנס קאַסטאָרפּ אויף זיין שטייגער גערעדט בעת ער האָט געשמועסט מיט יאָאַכימען וועגן „בערגהאָף" און וועגן דעם אָנפירנדיקן דאָקטאָר. אָבער יאָאַכים האָט דערויף געענטפערט, אַז מ'ווייסט נישט, צי הויפראַט בערענס איז נאָך אַ פאַציענט עד-היום. ר'איז מסתמא שוין אויסגעהיילט פון לאַנג. ס'איז שוין אַ לאַנגע צייט, זינט ר'האָט דאָ אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן. אַ שטיקל צייט האָט ער פּראַקטיצירט פּריוואַט פאַר זיך און גיך געקריגן אַ שם פאַר אַ אַאוסקולטאַטאָר מיט אַ שאַרפן געהער און אויך פאַר אַ פלינקן פּנעומאָטאָם. דערנאָך האָט אים דער „בערגהאָף" אַריינגעקריגן צו זיך און שוין אַ יאָר צען, ווי ער איז מיט אָט-דעם אינסטיטוט אַזוי ענג צוזאַמענגעוואַקסן... דאָרט, הינטן, ביים סוף פון צפון-מערבדיקן פליגל, געפינט זיך זיין וואוינונג (נישט ווייט פון אים וואוינט ד"ר קראָקאָווסקי). די אַלטע אַדעליקע דאַמע, די שוועסטער-אייבערין, וועגן וועלכער סעטעמבריני האָט גערעדט מיט אַזוי-פיל חוזק און וועלכע האַנס קאַסטאָרפּ האָט געזען בלויז פאַריבערגייענדיק, — זי פירט די באַלעבאַטישקייט ביי דעם אַלמן. דער הויפראַט איז, אַגב, איינער אַליין, ווייל זיין זון שטודירט אין אַ אוניווערסיטעט אין דייטשלאַנד און זיין טאָכטער האָט שוין אַ מאַן — אַן אַדוואָקאַט אין דער פּראַנצויזישער שווייץ. דער יונגער בערענס קומט טיילמאָל צו גאַסט בשעת די פעריען. זינט יאָאַכים איז דאָ, האָט זיך עס שוין געטראָפן איין מאָל. ער דערציילט, אַז די דאַמען פון דער סאַנאַטאָריע זיינען דעמאָלט שטאַרק צערודערט, זיי קריגן היץ, פון אייפערזוכט קריגט מען זיך אַרום אין די ליג-האַלעס און בעת

ד״ר קראָקאָווסקיס ספּעציעלער אויפנעם־שעה איז אַ גרויס געדרענג...

פאַר דער פּריוואַטער אָרדינאַציע פון אַסיסטענט איז באַשטימט אַ באַזונדער צימער, וואָס ליגט אין דער ליכטיקער סוטערינע פון דער געביידע, דאָרט, וואו ס׳געפינט זיך דער גרויסער אונטערזוכנג־זאַל, די לאַבאָראַטאָריע און דורכשטראַלונג־אַטעליע. מ׳רופט עס סוטערינע, ווייל צוליב די שטיינערנע טרעפּ, וואָס פירן אַהין פון פּאַרטער, קאָן מען באמת מיינען, אַז מ׳גייט אַראָפּ אין אַ קעלער אַריין. אָבער ס׳דאַכט זיך בלויז אַזוי. ווייל קודם־כל איז דער פּאַרטער אַ גאַנץ הויכער, צווייטנס שטייט די געביידע פון בערגהאָף אויף אַ משופּעדיקן גרונט, באַרג־אַרויף, און די פענסטער פון די „קעלערס" גייען אַרויס גלייך אין גאָרטן אַריין אין צום טאָל צו. דורך דעם ווערט די ווירקונג און דער זין פון די טרעפּ אין אַ געוויסער מאָס בטל. ווייל מ׳מיינט, אַז מ׳גייט פון דער גלייכער ערד אַראָפּ מיט טרעפּ, אָבער פאַקטיש געפינט מען זיך אונטן גאָר גלייך מיט דער ערד, אָדער בלויז עטלעכע טריט נידעריקער. איינמאָל נאָכמיטאָג האָט האַנס קאַסטאָרפּ אַראָפּבאַגלייט אַהין זיין קוזין, וועלכער איז געגאַנגען זיך וועגן. און דאָס האָט אויף אים געמאַכט אַ קאָמישן איינדרוק. ס׳האָט דאָרטן געהערשט אַ קלינישע ליכטיקייט און אַ זויבערקייט. אַלץ איז דאָרטן געווען ווייס, די טירן זיינען געווען ווייס לאַקירט. ווייס איז אויך געווען די טיר, וואָס האָט געפירט אין ד״ר קראָקאָווסקיס אויפנעם־צימער. דעם געלערנטנס וויזיט־קאַרטע איז דאָרט געווען צוגעשלאָגן מיט אַ שטיפט און פון קאָרידאָר האָבן אַהין אַראָפּגעפירט נאָך צוויי טרעפּ, אַזוי אַז דאָס צימער וואָס הינטער דער טיר האָט געהאַט אַ כאַראַקטער פון אַ קאַמער. זי איז געלעגן רעכטס פון די טרעפּ, אָט־די טיר, ביים סוף קאָרידאָר. בעת האַנס קאַסטאָרפּ האָט געוואַרט אויף יאָאַכימען, האָט ער זיך געדרייט אין קאָרידאָר אַהין־און־צוריק און באַזונדערס געהאַלטן אויפן אויג אָט־דער טיר. עמעצער איז פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען, ס׳איז געווען אַ דאַמע, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אָנגעקומען און ער האָט נאָך נישט געוואוסט איר נאָמען — אַ קליינע, אַ באַחנטע, מיט לעקעלעך אַרום שטערן און מיט גאָלדענע

אױרינגלעך. אַרױפֿגײענדיק אױף די טרעפּלעך, האָט זי זיך שטאַרק אײַנגעבױגן און האָט צוגעהאַלטן דאָס קלײד. מיט דער אַנדערער קלײנער האַנט — אַ באַזעצטע מיט רינגלעך — האָט זי צוגעדריקט דאָס טיכל צום מױל. אירע גרױסע, בלאַסע, איבערגעשראָקענע אױגן האָבן אַרױפֿגעקוקט פֿון איר אײַנגעבױגענער האַלטונג אין דער לײדיקײט אַרײַן. זי האָט געמאַכט קלײנע אײַליקע טריט צו די טרעפּ, איר אונטערקלײד האָט גערױשט, פּלוצלונג איז זי געבליבן שטײן, גלײַך זי װאָלט זיך מיישב געװען װעגן עפּעס, באַלד האָט זי װידער גענומען אונטערלױפֿן און איז פֿאַרשװאונדן איבער די טרעפּ. די גאַנצע צײַט איז זי געװען אײַנגעבױגן און נישט אַװעקגענומען דאָס טיכל פֿון מױל.

בעת די טיר האָט זיך געעפֿנט, האָט קאַסטאָרפּ באַמערקט, אַז אינעװײניק איז אַ סך טונקעלער, װי אױפֿן װײַסן קאָרידאָר. די קלינישע ליכטיקײט דאָ אונטן איז אַפּנים נישט דערגאַנגען ביז אַהין. אין ד״ר קראָקאָװסקיס אַנאַליטישן קאַבינעט האָט געהערשט אַ האַלבליכט פֿון פֿאַרשטעלטע פֿענצטער, אַ בין־השמשות.

שמועסן בײַם טיש

בעת די מאָלצײַטן אין פֿאַרביקן עס־זאַל איז האַנס קאַסטאָרפּ עטלעכע מאָל אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פֿאַרלעגנהײט. זינט דעם שפּאַציר זײַנעם, װאָס ער האָט געמאַכט אױף אײגענער אַחריות, פֿלעגט בײַ אים דער קאָפּ ציטערן, ממש װי בײַם זײדן. גראָד בײַם טיש האָט זיך עס כמעט שטענדיק גענומען איבערחזרן. ס׳איז אוממעגלעך געװען עס אָפּצושטעלן און אױסצובאַהאַלטן. אױף אַ װײַלע פֿלעגט ער אָנשפּאַרן די גאָמבע, אָבער לאַנג זי האַלטן האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט אױסגעזוכט נאָך אַנדערע מיטלען, װי אַזױ צו פֿאַרמאַסקירן זײַן שװאַכקײט. ער האָט, למשל, געפּרוּװט כּסדר באַװעגן מיטן קאָפּ און צוליב דעם גערעדט אױף רעכטס און אױף לינקס. בעת ער פֿלעגט אױפֿהײבן דעם לעפֿל צום מױל, האָט ער מיטן לינקן אָרעם זיך פֿעסט אָנגעשפּאַרט אין טיש. ער האָט אױך

טיילמאָל אָנגעשפּאַרט דעם עלנבויגן אויפן טיש און אָנגעלעגט דעם קאָפּ אויף דער האַנט, כאָטש ער אַליין האָט עס געהאַלטן פאַר אַ אומטאַקט און פאַר אַ זאַך, וועלכע קאָן נאָר דורכגיין גלאַטיק צווישן אַ פרייען עולם קראַנקע. אָבער דאָס אַליץ איז געווען געגוג פּיגלעך. ס'האָט מער נישט געפעלט אַ סך, ס'זאָלן אים לחלוטין פּאַרמיאוסט ווערן די מאָלצייטן, וועלכע ער האָט ביז איצט אַזוי געשעצט צוליב דער געשפּאַנטקייט און אינטערעסאַנטקייט, וואָס זיי ברענגען מיט זיך.

די מעשה איז אָבער געווען די — און האַנס קאַסטאָרפּ האָט עס אויך גאַנץ גענוי געוואוסט — וואָס די בלאַמירנדיקע רגילות, מיט וועלכער ער האָט געקעמפט, האָט זיך נישט גענומען בלויז פון קערפּערלעכע סיבות. ס'זיינען דאָ נישט בלויז שולדיק געווען די הינע לופט און די אָנשטרענגונג ביים אַקלימאַטיזירן זיך. דאָס האָט גיכער אויסגעדריקט אַן אינערלעכע אויפגערעגטקייט און האָט אַן אוממיטלבאַרע שייכות מיט יענער געשפּאַנטקייט און אינטערעסאַנטקייט גופא.

מאַדאַם שאָשאַ האָט זיך כמעט שטענדיק פאַרשפּעטיקט צום טיש. די גאַנצע צייט, ביז זי איז געקומען, פלעגט האַנס קאַסטאָרפּ זיצן און נישט קאָנען איינרוען מיט די פיס. ער האָט געוואַרט אויף דעם קנאַק מיט דער גלעזערנער טיר, וואָס איז געווען אַ סימן מובהק, אַז זי קומט. ער האָט שוין פאָרויס געוואוסט, אַז דערביי וועט ער אויפציטערן און זיין פּנים וועט דערפילן אַ קעלט — אַ זאַך, וואָס איז געשען אָן אויסנאַם. אינאָנהויב פלעגט ער יעדעס מאָל מיט כעס זיך נעמען אומקוקן אין אַלע זייטן און האָט מיט צאָרניקע אויגן באַגלייט די אָפּגעלאָזענע פאַרשפּעטיקטע ביז צו איר פּלאַץ ביים „גוטן רוסן-טיש". ער פלעגט איר אויך נאָכשיקן שטיי-לערהייט און פון צווישן די ציין אַ זידל-וואָרט, אַן אויסרוף פון אויפגעבראַכטער אומצופרידנקייט. איצט האָט ער עס מער נישט געטאָן: ער האָט בלויז טיפער צוגעבויגן דעם קאָפּ צום טעלער און האָט פאַרביסן די ליפּן, אָדער ער האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים בכיוון אין אַן אַנדערער זייט. ווייל ר'האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ס'באַ-פאַלט אים מער נישט אַזוי דער צאָרן און אַז ר'האָט מער נישט

די פולע רעכט זי צו באַשולדיקן. פאַרקערט, ער אַליין טראָגט אויך אַ טייל שולד און אַחריות צוליב דעם פּאַר אַנדערע, בקיצור, ער האָט זיך געשעמט. זאָגן, אַז ר'האָט זיך געשעמט פאַר פרוי שאָשאַ, וואָלט געווען נישט אינגאַנצן ריכטיק. ער האָט זיך פשוט פערזענלעך געשעמט דערמיט פאַר מענטשן. פאַקטיש, האָט ער זיך עס געקאָנט פאַרשפּאָרן, ווייל קיינער אין זאַל האָט נישט געהאַט אין זינען, נישט מאַדאַם שאָשאַס שלעכטע מידה און נישט האַנס קאַסטאָרפּס בושה. אַן אויסנאַם איז אפשר געווען די לערערין, פריילין ענגלהאַרט, וואָס איז געזעסן צו זיין רעכטער האַנט.

אָט דאָס נעבעכדיקע באַשעפעניש האָט פאַרשטאַנען, אַז צוליב דעם, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ קאָן נישט פאַרטראָגן קיין קנאַקן מיט דער טיר, איז אַנטשטאַנען אַ געוויסע אַפעקטלעכע באַציִונג צווישן איר יונגן טיש-שכן און דער רוסין. זי האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז ס'גייט נישט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער ס'האָט אַזאַ מין באַציִונג, אַבי זי עקסיסטירט נאָר בכלל, און אַפילו דאָס האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זיין געמאַכטע (צוליב מאַנגל אין אַקטיאָרישער געניטקייט און פעיִקייטן — שלעכט געמאַכטע) גלייכגילטיקייט שוואַכט נישט אָפּ אָט-די באַציִונג, נאָר פאַרשטאַרקט זי און דערפירט זי צו אַ העכערער פאַזע. נישט האָבנדיק קיין שום פרעטענזיִע אין האָפענונג בנוגע איר אייגענער פערזאָן — האָט די פריילין ענגלהאַרט נישט אויפגעהערט כסדר צו שיטן תהילות ותשבחות אויף פרוי שאָשאַ. דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ האָט — אויב נישט באַלד, איז שפּעטער — אינגאַנצן קלאָר דערקאָנט און פאַרשטאַנען איר העצערישע ראָל. ס'האָט אים אַפילו געעקלט, אָבער דאָס האָט אים, פונדעסטוועגן, נישט געשטערט, ער זאָל זיך לאָזן באַאיינפלוסן דערפון און פאַרטומלען.

— טראַך — זאָגט די לערערין — אָט איז זי. מ'דאַרף זיך לחלוטין נישט אומקוקן, כדי צו וויסן, אַז זי קומט אַריין. פאַרשטייט זיך, זי גייט — און ווי רייצנדיק זי גייט! אינגאַנצן, ווי אַ קעצל צו דער פוטער! ס'וואָלט כדאַי געווען, מיר זאָלן טוישן די פלעצער. איר וואָלט דעמאָלט געקאָנט זיך צוקוקן צו איר נישט-געצוואונגען און באַקוועם, ווי איך. איך פאַרשטיי גאַנץ גוט,

אַז איר קאָנט נישט יעדעס מאָל אויסדרייען צו איר דעם קאָפּ, גאָט ווייסט, וואָס זי וואָלט זיך אײַנגערעדט, ווען זי באַמערקט דאָס... איצט זאָגט זי אירע שכנים גוט־מאָרגן... גיט פּונדעסט־וועגן אַ קוק, ס'איז אַ מחיה צוצוקוקן. בעת זי שמייכלט אַזוי און רעדט, ווי איצט, מאַכט זיך איר אַ גריבל אין איין באַק, אָבער נישט שטענדיק, נאָר דעמאָלט, ווען זי וויל. יאָ, דאָס איז אַן אוצר פון אַ פרוי, אַ צעפּיעשטשעטע באַשעפעניש, דערפאַר איז זי אַזוי אָפּגעלאָזן. אַזעלכע מענטשן מוז מען ליב האָבן, צי מ'וויל, צי נישט. אויב זיי טוען עמעצן אָן אַ פאַרדראָס צוליב זייער אָפּגעלאָזנקייט, שטייסט דער דאָזיקער פאַרדראָס נאָך מער דערצו, מ'זאָל זיי ווערן איבערגעגעבן. ס'איז אַזוי גוט, צו האָבן פאַרדראָס און דערביי נאָך מוזן ליב האָבן...

אַזוי האָט זי געמורמלט פון הינטער דער האַנט אַפּער, אַז קיין אַנדערער זאָל זי נישט קאָנען הערן. די פוכיק־רויטע פלעקן, וואָס זיינען דערביי אַרויסגעטרעטן אויף אירע אַלט־מיידלשע באַקן, האָבן דערמאָנט אין איר איבערנאָרמאַלער טעמפּעראַטור. אירע גלוס־טיקע רעדערייען זיינען, נעבעך, אַריין האַנס קאַסטאָרפּן אין מאַרך פון די ביינער. צוליב אַ געוויסער אומזעלבשטענדיקייט האָט ער געקריגן די באַדאַרפעניש, אַ דריטער צד זאָל כסדר באַשטעטיקן, אַז מאַדאַם שאָשאַ איז אַ אַנטציקנדיקע פרוי. דער יונגערמאַן האָט אויך געוואָלט, אַז עמעצער פונדרויסן זאָל אים טרייבן זיך אָפּצו־געבן מיט די געפילן, וועלכע האָבן אָנגעטראָפן אין זיין שכל און און אין זיין געוויסן אויף מניעות.

אַגב, האָבן זיך אָט־די שמועסן פּראַקטיש אַרויסגעוויזן פאַר ווייניק נוצלעך. ווייל פרײַלין ענגלהאַרט האָט סוף־כל־סוף ביים בעסטן ווילן נישט געוואוסט צו דערציילן וועגן פרוי שאָשאַ אויף קיין האָר מער, ווי יעדער איינער אין דער סאַנאַטאָריע. זי האָט זי נישט געקאָנט, האָט אַפילו נישט געקאָנט רימען זיך, אַז זי האָט מיט איר בשותפותדיקע באַקאַנטע. דאָס איינציקע, מיט וועלכן זי האָט געקאָנט אויסנעמען ביי האַנס קאַסטאָרפּן, איז געווען דאָס, וואָס זי איז פון קיניגסבערג — נישט אַזוי ווייט, הייסט עס, פון דער רוסישער גרענעץ — און קאָן אַרייַנבראָקן עטלעכע רוסישע ווער־

מער. ס'זיינען גאַנץ קנאַפּע מעלות, אָבער האַנס קאַסטאָרפּ איז גרייט געווען צו זען דערין אַ שטיקל פערזענלעכע באַציִונג מיט דער פרוי שאָשאַ.

— זי טראָגט נישט קיין רינג — זאָגט ער — איך זע נישט קיין קידושין־רינג. וואָס איז דאָס? איר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז זי האָט אַ מאַן.

די לערערין פאַלט אַריין אין אַ פאַרלעגנהייט, גלייך זי וואָלט געווען אין אַ קלעם און איז געצוואונגען עפּעס אויסצוזאָגן. אַזוי פאַראַנטוואָרטלעך פילט זי זיך בנוגע דער פרוי שאָשאַ פאַר האַנס קאַסטאָרפּן.

— דערויף דאַרפט איר נישט קוקן — זאָגט זי. — זי האָט זיכער אַ מאַן. דערין איז נישטאָ קיין שום ספק. זי רופט זיך מאַדאַם נישט בלויז, כדי זיך צוצוגעבן מער וויכטיקייט, ווי ס'טוען עס אויסלענדישע פרײלינס, ווען זיי ווערן אַ ביסל עלטער. מיר אַלע ווייסן, אַז זי האָט פאַקטיש אַ מאַן ערגעץ אין רוסלאַנד, דאָס איז דאָ אומעטום באַקאַנט. אַ מיידלשן נאָמען האָט זי אַן אַנדערן, אַ רוסישן און נישט קיין פראַנצויזישן, אַ נאָמען, וואָס ענדיקט זיך אויף ־אַנאָוו אָדער ־אוקאָוו. כ'האָב שוין אַמאָל געוואוסט און ווידער פאַרגעסן. אויב איר ווילט, קאָן איך מיך דערוויסן. ס'זיינען דאָ זיכער פאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס קענען דעם נאָמען. אַ רינג? ניין, זי טראָגט עס נישט, ס'איז שוין מיר אַליין אויך געווען אויפפאַלנדיק. גאָט מיינער, אפשר קליידט עס איר נישט, אפשר קריגט זי צוליב דעם אַ ברייטע האַנט. קאָן אפשר זיין, אַז זי האַלט פאַר קליינבירגערלעך צו טראָגן אַ קידושין־רינג, אַזאַ גלאַטע רייף... ס'וואָלט נאָך געפעלט דער בונט שליסלען... ניין, דערויף האָט זי אַ צו־ברייטע נאַטור... איך קאָן דאָס. די רוסישע פרויען האָבן אַלע עפּעס אַ פרייקייט און אַ ברייטקייט אין זיך. אויסערדעם האָט אַזאַ מין רינג אין זיך עפּעס אָפּשטויסנדיקס און דערמאָנענדיקס. ס'איז דאָך אַ סימבאָל פון אָפּהענגיקייט, מיין איך, אַ רינג גיט צו דער פרוי עפּעס פון אַ נאָנע, ווי ער וואָלט זאָגן: ריר מיך נישט אָן. ס'איז מיר גאָרנישט קיין וואונדער, אויב דאָס איז פרוי שאָשאַ נישט צום האַרצן... אַזאַ רייצנדיקע פרוי אין די בליענדיקסטע יאָרן...

זי האָט מסתמא נישט קיין חשק און נישט קיין סיבה דערצו יעדן מאַן, וואָס זי גיט אים די האַנט, תיכּף צו געבן צו פֿילן איר געבונדנקייט...

גרויסער גאָט, ווי די לערערין רעדט דאָס אַ ביסל! האַנס קאַסטאָרפּ גיט איר אַ קוק אין פּנים אינגאַנצן דערשראָקן, אָבער זי שפּאַרט איבער זיין בליק מיט אַ מין ווילדער פֿאַרלעגנהייט. דער־נאָך שווייגן ביידע אַ ווילע, כּדי זיך אָפּצורוען. האַנס קאַסטאָרפּ עסט און האַלט איין דאָס ציטערן פֿון קאָפּ. צום סוף זאָגט ער:

— און דער מאַן? זי גייט אים גאָרנישט אָן? ער קומט קיינ־מאָל נישט צו איר אַהער? וואָס איז ער, אייגנטלעך?

— אַ באַאַמטער. אַ רוסישער אַדמיניסטראַציע־באַאַמטער אין אַ גאַנץ ווייטער גובערניע, אין דאַגעסטאַן. איר ווייסט, דאָס ליגט ווייט אויף מזרח, הינטער קאַווקאַז. אַהין האָט מען אים געשיקט. ניין, כ׳האָב אייך דאָך געזאָגט, אַז ר׳איז נאָך דאָ קיינמאָל נישט גע־ווען. דערביי איז זי שוין דאָ ווידער דעם דריטן חודש.

— זי איז, הייסט עס, דאָ נישט צום ערשטן מאָל?

— אָ, ניין, שוין דאָס דריטע מאָל. און אין דער צווישנצייט איז זי געווען ערגעץ אַנדערש, אויך אין אַזאַ מין אַנשטאַלט. פֿאַר־קערט זי פֿאָרט צו אים טיילמאָל, אפשר איינמאָל אין יאָר אויף אַ שטיקל צייט. זיי לעבן אָפּגעזונדערט, קאָן מען זאָגן, און זי פֿאָרט צו אים אַמאָל צו־גאַסט.

— נו, יאָ, אַז זי איז קראַנק...

— אַוודאי, קראַנק איז זי. אָבער נישט אַזוי ווייט. נישט אַזוי־ווייט קראַנק, זי זאָל מוזן כּסדר זיצן אין סאַנאַטאָריעס און זיין אָפּגעזונדערט פֿון מאַן. דערין מוזן שוין זיין אַנדערע און טיפֿערע סיבות. דאָ האַלטן אַלע, אַז ס׳זיינען דאָ אַנדערע סיבות. אפשר וויל זי נישט וואוינען אין דאַגעסטאַן הינטער קאַווקאַז, אין אַזאַ ווילדער, ווייטער געגנט. ס׳וואָלט גאָרנישט געווען קיין וואונדער. אָבער אַ ביסל מוז אויך שולדיק זיין דער מאַן, אויב זי האָט נישט קיין חשק צו זיין מיט אים צוזאַמען. ער האָט טאַקע אַ פֿראַנצויזישן נאָמען, אָבער פֿונדעסטוועגן איז ער פֿאָרט אַ רוסישער באַאַמטער. און דאָס

איז אַ רויער שיכט מענטשן, מעגט איר מיר גלויבן. איך האָב אַמאָל געזען אַזאַ איינעם. ער האָט געהאַט אַזאַ אייזן־פאַרביקע באַקן־באָרד און אַזאַ רויט פּנים... זיי זיינען כאַבאַרניקעס פון דער העכסטער מדרגה און דערצו האָבן זיי אַלע צו טאָן מיט דער וואָדקע, בראָנפן, פאַרשטייט איר... זיי הייסן זיך דערלאַנגען עפּעס אַ קלייניקייט צום עסן בלויז פאַר יוצא־וועגן, אַ פּאָר מאַרינירטע שוואָמען אָדער אַ שטיקל פיש. דערצו טרינקט מען צו — ממש אָן אַ שיעור. דאָס הייסט ביי זיי אַן איבערבייס...

— איר לייגט אַליין אַרויף אויף אים — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — מ'ווייסט דאָך נאָך אָבער נישט, אפשר איז זי שולדיק דערין, וואָס זיי לעבן נישט גוט צווישן זיך. מ'דאַרף זיין גערעכט. ווען איך קוק זי אָן און איר שלעכטע מידה צו קלאַפּן מיט דער טיר... איך האַלט זי נישט פאַר קיין מלאך, האָט נישט אויך מיר קיין פאַראיבל; איך האָב צו איר אַ קנאַפּן צוטרוי. אָבער איר זענט נישט אומפּאַרטייִש. איר זענט פאַרבלענדט אין איר...

אַזוי פלעגט ער עס טיילמאָל אַוועקשטעלן. מיט אַ דורכגעטריבנקייט, וואָס איז אים אייגנטלעך בטבע פרעמד געווען, האָט ער עס אַוועקגעשטעלט אַזוי, גלייך ווי פריילין ענגלהאַרטס ליב־ווערטער פאַר פרוי שאָשאַ זאָלן נישט האָבן די אמתע באַדייטונג, פון וועלכער ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, נאָר גלייך אירע ליבווערטער זאָלן זיין אַ זעלבשטענדיקער, קאָמישער פאַקט, מיט וועלכן ער, דער אומאָפּהענגיקער האַנס קאַסטאָרפּ, רייצט זיך קאַלט און חוזקדיק מיט דעם אַלטן מיידל. אַזוי ווי ער האָט געוואוסט, אַז זיין אונטערהעלפערין וועט איינגיין אויף אָט־דער דרייסטער פאַרדרייונג און אַז ס'וועט איר געפעלן, האָט ער דאָ, ממילא גאָרנישט ריזיקירט.

— גוט־מאָרגן — זאָגט ער — איר זענט גוט געשלאָפן? איך האָף, אַז איר האָט געחלומט וועגן אייער שיינער מינקאַ?... זעט נאָר, ווי רויט איר ווערט תיכּף, ווען מ'דערמאָנט נאָר איר נאָמען! איר זענט אינגאַנצן פאַרקאָכט אין איר, פרווט עס מיר נישט אָפּלייקענען!

די לערערין איז פּאַקטיש רויט געוואָרן, האָט זיך טיפער צוגעבויגן צו איר טעפּל און האָט אַרויסגעשעפּטשעט פון איר לינקן מויל־ווינקל:

— אָבער ניין, פוי, הער קאַסטאָרפּ! ס'איז נישט שיין פון אײַער זײַט, וואָס איר ברענגט מיך אַרײַן אין אַזאַ פאַרלעגנהייט מיט אײַערע אָנצוהערענישן. אַלע דערקענען, אַז ס'רעדט זיך דאָ וועגן איר און אַז איר זאָגט מיר זאַכן, פון וועלכע איך מוז רויט ווערן...

ביידע טיש־שכנים האָבן געטריבן אַ מאָדנע שפּיל. ביידע האָבן געוואוסט, אַז זיי לייגן אָן איין ליגן אויפן אַנדערן; אַז האַנס קאַסטאָרפּ רייצט די לערערין מיט פרוי שאָשאַס נאָמען בלויז, כּדי צו קאָנען ריידן וועגן איר. דערביי האָט ער אַ אומגעזונטע און אומדירעקטע הנאה געהאַט דערפון, וואָס ער טשעפּעט זיך מיטן אַלטן מיידל. זי פון איר זייט האָט מסכים געווען דערויף — קודם־כל: צוליב דער ווייבערישער טבע צו שדכענען, צווייטנס, האָט זי זיך, כּדי צו געפעלן דעם יונגנמאַן, אַ ביסל פאַרקאָכט אין פרוי שאָשאַ, דריטנס, ווייל זי האָט געהאַט אַ נעבעכדיקע הנאה דערפון, וואָס ער האָט זיך געריצט מיט איר און זי דערפירט, זי זאָל רויט ווערן. זיי האָבן ביידע געוואוסט סײַ וואָס זיי אַליין פילן, סײַ וואָס ס'פילט דער אַנדערער צד. זיי האָבן אויך יעדער איינער געוואוסט, אַז דער אַנדערער צד ווייסט. דאָס אַלץ צוזאַמען איז געווען מאָדנע פאַרוויקלט און נישט ריין. האַנס קאַסטאָרפּ האָט בטבע געפילט אַן עקל צו פאַרוויקלטע און נישט־ריינע עסקים. אויך אין דעם פאַל איז עס אים געווען דערווידער. פונדעסטוועגן האָט ער זיך ווייטער געפּאַטשקעט אין דער בלאָטע און זיך באַרויקט דערמיט, וואָס ר'איז דאָ בלויז צו־גאַסט און וועט בקרוב אַוועקפאָרן. מיט אַ געקינסטלטער זאַכלעכקייט האָט ער מעשה־מבין באַטראַכט די אויסערלעכע זייט פון דער „אָפּגעלאָזענער“ פרוי, איז געקומען צום באַשלוס, אַז אַנפאַס זעט זי אויס אַ סך שענער און יינגער, ווי אין פּראָפיל, אַז אירע אויגן זיינען צו־ווייט אָפּגערוקט און אַז איר האַלטונג איז נישט עלעגאַנט, ווי ס'דאַרף צו זיין. דערפאַר, אָבער, זיינען אירע אָרעמס שיין און „ווייך געפאָרעמט“. בשעת ר'האָט דאָס געזאָגט, האָט ער זיך גלייכצייטיק באַמיט אײַנצוהאַלטן דאָס ציטערן

פון קאָפּ. דערביי האָט ער נישט בלויז דערקאָנט, אַז די לערערין זעט זיין אומזיסטע אָנשטרענגונג, נאָר האָט אַפילו מיט דעם גרעסטן פאַרדראָס באַמערקט, אַז ביי איר אַליין ציטערט אויך דער קאָפּ. דאָס, וואָס ער האָט די פרוי שאָשאַ אָנגערופן די „שיינע מינקאַ", איז נישט געווען מער, ווי אַ פּאָליטיש שפּיצל. ממילא האָט ער ווייטער געקאָנט זאָגן:

— איך רוף זי „מינקאַ". אָבער ווי הייסט זי, אייגנטלעך, באמת? כ'מיין דעם פאָרנאָמען. לויט דעם, ווי איר זענט פאַרקאָכט אין איר, וואָלט איר דאָך כאָטש געדאַרפט וויסן איר נאָמען.

די לערערין האָט זיך פאַרטראַכט.

— וואַרט נאָר, כ'ווייס — זאָגט זי. — כ'האָב אים געוואוסט. הייסט זי נישט אַמאָל טאַטיאַנאַ? ניין, נישט דאָס, אויך נישט נאַטאַשאַ. נאַטאַשאַ שאָשאַ? ניין, אַזוי האָב איך עס נישט געהערט. וואַרט, כ'ווייס שוין! אַוודאָטיאַ הייסט זי. אָדער עפעס פון דעם מין. ווייל קאַטיענקאַ אָדער נינאָטשקאַ הייסט זי זיכער נישט. ס'איז מיר, באמת, אַרויס פון קאָפּ. אָבער כ'קאָן עס לייכט געוואָר ווערן, אויב ס'גייט אייך אין דעם.

צומאָרגנס האָט זי פּאַקטיש שוין געוואוסט דעם נאָמען. זי האָט אים אַרויסגעזאָגט בעתן מיטאָג, בשעת די גלעזערנע טיר האָט אַ זעץ געטאָן. פרוי שאָשאַ הייסט קלאַוודיאַ, קלאַוודיאַ שאָשאַ.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט עס תיכף נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געמוזט לאָזן דעם נאָמען איבערחזרן, אויסרעכענען די אותיות, ביז ער האָט אים סוף־כל־סוף פאַרשטאַנען. דערנאָך האָט ער אים עטלעכע מאָל איבערגעזאָגט. דערביי האָט ער אַריבערגעקוקט צו פרוי שאָשאַ מיט רויט־אָנגעלאָפענע אייגן און אים, ווי אָנגעמאָסטן איר.

— קלאַוודיאַ — זאָגט ער. — אַזוי דאַרף זי טאַקע הייסן, ס'שטימט גאַנץ גוט. ער מאַכט אַפילו נישט קיין סוד פון זיין הנאה, וואָס ער איז געוואָר געוואָרן אַזאַ אינטימע זאַך און פון איצט אָן זאָגט ער „קלאַוודיאַ" אָנשטאָט „פרוי שאָשאַ". — אייער קלאַוודיאַ מאַכט ברויט־קייקעלעך, האָב איך געזען. פיין איז עס נישט. —

— ס'ווענדט זיך, ווער עס 'טוט דאָס — ענטפערט די לערערין. — קלאַוודיען פּאַסט עס.

יאָ, די מאָלצייטן אין זאַל מיט די זיבן טישן האָבן דעם גרעסטן חן אין האַנס קאַסטאָרפּס אויגן. ער באַדויערט, בעת אַ מאָלצייט ענדיקט זיך און טרייסט זיך דערמיט, וואָס גאָר באַלד, אין אַ צוויי אָדער דריטהאַלבן שעה אַרום, וועט ער ווידער דאָ זיצן. און ווען ער זיצט דאָ, פילט ער זיך אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט גאָר־נישט געווען אויפגעשטאַנען פון אָרט. וואָס איז צווישן איין מאָלצייט און דער אַנדערער? גאָר־נישט. אַ קורצער שפּאַציר צום וואַסערל אָדער אין ענגלישן קוואַרטאַל, אַ ביסל רו אויף דער ליג־שטול. דאָס איז נישט קיין ערנסטער איבעררייס אָדער אַ מניעה, וועלכע מ'דאַרף נעמען ערנסט. עפּעס אַנדערש וואָלט געווען, ווען צווישן דעם וואָלט אָפּגעטאָן געוואָרן עפּעס אַן אַרבעט, אַ זאָרג אָדער אַ באַמיונג, וועלכע ס'איז אוממעגלעך גייסטיק צו איגנאָרירן און אַריבערצוגיין דעריבער. אָבער דאָס טרעפט זיך נישט אין דעם קלוג־און גליקלעך־איינגעאָרדנטן לעבן פון „בערגהאָף". אויפשטייענדיק פון איין בשותּפותדיקער מאָלצייט, האָט האַנס קאַסטאָרפּ געקאָנט שוין קוויקן זיך מיט דער צווייטער. אַ פראַגע איז בלויז, צי דאָס וואָרט „קוויקן זיך" פּאַסט פאַר דער געשפּאַנטקייט, מיט וועלכער ער האָט אויסגעקוקט דאָס צונויפטרעפן זיך מיט דער קראַנקער פרוי קלאַוודיאַ שאָשאַ; צי דאָס וואָרט איז נישט אַמאָל צו לייכט, הנאהדיק, תּמימותדיק און געוויינלעך. ס'קאָן זיין, אַז דער לייענער איז גראָד יאָ גענייגט צו האַלטן אַזעלכע הנאהדיקע און געוויינלעכע אויסדריקן פאַר פּאַסיק בנוגע האַנס קאַסטאָרפּס פּערזאָן און זיין אינערלעך לעבן. אָבער מיר דערמאָנען דערין, אַז האַנס קאַסטאָרפּ — אַ יונגערמאַן מיט שכל און געוויסן — האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט גאַנץ פּשוט „קוויקן", אָנקוקנדיק פרוי שאָשאַ. מיר מוזן עס וויסן, און שטעלן עס פעסט, אַז ווען מ'וואָלט אים פאָרגעלייגט אַזאַ וואָרט, וואָלט ער עס מיט אַ צי פון די אַקסלען אָפּגעוואָרפן.

יאָ, ער פלעגט פאַררייסן די נאָז לגבי געוויסע אויסדריקן — עס איז אַ פּרט, וועלכן ס'איז כדאי צו דערמאָנען. ער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט טרוקענער היץ אין די באַקן און צוגעזונגען, אין זיך אַריינגעזונגען. ווייל ער איז איצט געווען מוזיקאַליש און סענסיטיוו.

ער האָט אונטערגעברומט אַ לידל, וואָס ער האָט געהערט זינגען אַ קליינע סאָפּראַן־שטים, איין גאָט ווייסט וואו, ביי עמעצן צו גאַסט, אָדער ערגעץ אויף אַ פילאַנטראָפּישן קאָנצערט. איצט האָט ער זיך דערמאָנט דערין — אַ נאַריש און ליב שטיקל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן:

וויִ עס רירט מיך וואונדערלעך
אָפט אַ וואָרט פון דיר

און ער האָט אַפילו געוואָלט צוגעבן פון זיך אַליין:

וואָס פון דיינע ליפּן קומט
גלייך אין האַרץ צו מיר.

אָבער פלוצלונג האָט ער אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען. לעכערלעך — האָט ער אַ זאָג געטאָן, תיכף אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם צאַרטן לידל, אַז ס'איז נאַריש, געשמאַקלאָז סענטימענטאַל און עס אָפּגעוואָרפן — אָפּגעוואָרפן פון זיך מיט אַ געוויסער מדה־שחורה און שטרענגקייט. אַזעלכע לידלעך טויגן און קאָנען געפעלן אַ יונגמאַן, וועלכער האָט „זיין האַרץ", ווי מ'פלעגט זאָגן, אויף אַ לעגאַלן, פרידלעכן און פּערספּעקטיוו־רייכן אופן „געשאָנקען" עמעצן אַ געזונט געגנזל אין טאָל, און ס'איז אים געבליבן זיין לעגאַלע, פּערספּעקטיוו־רייכע, שכלדיקע הנאה. פאַר אים און פאַר זיין באַציונג צו מאַדאַם שאָשאַ — דאָס וואָרט „באַציונג" גייט אויף זיין חשבון, מיר נעמען נישט די אַחריות דערפאַר — פּאַסט לחלוטין נישט אַזאַ לידל. ליגנדיק אויף זיין שטול, האָט ער געפילט די באַדערפעניש אַרויסצוגעבן אויף אָט־דעם לידל די עסטעטישע באַצייכענונג „נאַריש". אינדערמיט האָט ער אָפּגעהאַקט און פאַרצויגן די נאָז, כאָטש ער האָט נישט אויסגעפונען קיין שום פּאַסיקערן לידל.

בלויז איין זאַך האָט אים הנאה געטאָן, בעת ער איז דאָ געלעגן: דאָס צוהערן זיך צו זיין האַרץ, דאָס קערפּערלעכע האַרץ, וואָס האָט גיך און בולט געקלאַפּט אין דער שטילקייט — אין דער פאַרשריפטלעכער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין גאַנצן „בערגהאָף" בעת דער הויפּט־ און שלאָף־ליג־קוראַציע. עס האָט גע־

קלאַפּט עקשנותדיק און האַסטיק, זיין האַרץ, ווי אַלעמאָל זינט ער
איז דאָ אויבן. אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך איצט ווייניקער
געמאַכט דערפון, ווי אין די ערשטע טעג. מ'האָט איצט מער נישט
געקאָנט זאָגן, אַז עס קלאַפּט אָן שום סיבה, אויף דער אייגענער
אַחריות און אָן אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער נשמה. אַזאַ צוזאַמענ-
האַנג האָט עקסיסטירט, מ'האָט אים אַלנפאַלס לייכט געקאָנט באַשאַפן.
די אויפרעגונג פון געמיט האָט פשוט געקאָנט באַרעכטיקן די עקזאַל-
טירטע קערפּערלעכע אויפרעגונג. ס'איז גענוג געווען, האַנס קאַסטאָרפּ
זאָל אַ קלער טאָן וועגן פרוי שאָשאַ — און ער האָט אָפּט געטראַכט
וועגן איר — אַז דאָס האַרץ זאָל אָנהייבן קלאַפּן און צוזאַמען דער-
מיט זאָל אָנקומען דאָס צוגעהעריקע געפיל.

שטייגנדיקע שרעק. וועגן ביידע זיידעס און וועגן דער נסיעה מיט אַ שיפל אין בין-השמשות.

דאָס וועטער איז געווען פאַסקודנע — בנוגע דעם האָט האַנס
קאַסטאָרפּ נישט געהאַט קיין מזל בשעת זיין אייליקן באַזוך אין
אָט-דער געגנט. געשנייט האָט אַפילו נישט, אָבער טעג לאַנג האָט
גערעגנט שווער און מיאוס, דאָס טאָל איז פול געווען מיט גע-
דיכטע נעפּלען. דערצו זיינען נאָך געווען שטורמען אינגאַנצן אי-
בעריקע — ס'איז אָן זיי אויך געווען גענוג קאַלט, אַזוי, אַז מ'האָט
אַפילו געהייצט אין עס-זאַל — שטורמען, וועלכע האָבן זיך אויסגע-
לאָדן מיט אַ ברייטלעך-קייקלענדיקן עכאָ.

— אַ שאָד — האָט יאָאַכים געזאָגט — אַבי איך האָב גע-
קלערט, אַז מיר וועלן קענען אויך אַמאָל אויף אַ פרישטיק אַרויף
אויף דעם שאַצאַלפּ אָדער מאַכן עפּעס אַן אַנדערן שפּאַציר. דאַכט
זיך, אַז ס'וועט גאָרנישט ווערן דערפון. לאָמיר האָפן, אַז דיין לעצ-
טע וואָך וועט זיין אַ בעסערע.

אָבער האַנס קאַסטאָרפּ האָט געענטפערט:

— לאָז אָפּ, איך ברען גאָרנישט אַזוי נאָך קיין ווייטע שפּאַצירן. מיין ערשטער איז מיר נישט איבעריק געראָטן. איך פאַרריכט זיך צום בעסטן, ווען איך לעב אַזוי אין טאָג אַריין, אָן אַן אָפּבייט. אַן אָפּבייט דאַרפן האָבן די שטענדיקע דאָ. איך מיט מיינע דריי וואָכן, — צו־וואָס דאַרף איך עס האָבן?

און באמת, ער האָט זיך געשפּירט אויסגעפּילט און גענוג פאַרנומען דאָ אויפן אָרט. אויב ער האָט אַ האָפענונג אויף עפּעס, קאָן ער וואַרטן אויף דערפילונג אָדער אַנטטוישונג דאָ און נישט ערגעץ אויפן שאַצאַלפּ. נישט קיין לאַנגווייליקייט האָט אים געפּלאָגט. פאַרקערט, ער האָט אָנגעהויבן מורא האָבן, אַז דער סוף פון זיין זיצן דאָ זאָל נישט אַ קים טאָן אומגעריכט גיך. ס'איז שוין געווען די צווייטע וואָך, באַלד וועלן זיך ענדיקן צוויי דריטל פון זיין צייט. תּיכּף, ווי ס'וועט זיך אָנהייבן די דריטע, וועט מען שוין מוזן אַ טראַכט טאָן וועגן פּאַקן זיך. די ערשטע אָפּפרישונג פון האַנס קאַסטאָרפּס חוש פאַר דער צייט איז שוין לאַנג פאַרביי. שוין איצט האָבן די טעג אָנגעהויבן יאָגן, נישט געקוקט דערויף, וואָס יעדער איינציקער פון זיי איז אויסגעצויגן געוואָרן פון אַלץ נייער דערוואַרטונג און איז איבערגעפּלאָסן פון שטילע, פאַרשוויגענע געפילן... יאָ, די צייט איז אַ משונהדיקע זאַך, ס'איז זייער שווער צו דערגיין מיט איר צו אַ טאָלק!

צי איז נייטיק נעענטער צו באַצייכענען יענע פאַרשוויגענע געפילן, וועלכע האָבן סיי באַשווערט, סיי באַפליגלט האַנס קאַסטאָרפּס טעג? זיי זיינען יעדן באַקאַנט. עס זיינען געווען די סאַמע געוויינלעכסטע אין זייער סענסיבלער נישטיקייט. אַפילו ווען דער פאַל וואָלט געווען אַ מער שכלדיקער און געהאַט בעסערע פּערספּעקטיוון, אַזוי אַז מ'וואָלט געקאָנט אָנווענדן אויף אים דאָס נישט־געשמאַקע לידל „ווי עס רירט מיך וואונדערלעך“ — אַפילו דעמאָלט וואָלטן די געפילן אויך נישט געווען קיין אַנדערע.

ס'איז אוממעגלעך, אַז די מאַדאַם שאָשאַ זאָל נישט האָבן ווי־ס'איז באַמערקט די פעדים, וואָס ציען זיך פון איינעם אַ טיש צו איר. האַנס קאַסטאָרפּ האָט אַפילו בפירוש און אומגעצוימט געשטרעבט דערצו, אַז זי זאָל עפּעס און טאַקע וואָס מער באַמערקן.

מיר זאָגן „אומגעצוימט“, ווייל קאַסטאָרפּ האָט געהאַט דאָס פֿולע קלאָרע באַוואוסטזיין, אַז זיין געפֿיל איז קעגן דעם שכל. אָבער מיט וועמען עס האַלט, אָדער עס הייבט־אָן צו האַלטן אַזוי, ווי מיט קאַסטאָרפּן, יענער וויל, אַז דער צווייטער זאָל וויסן דערפֿון, מעג די זאַך נישט האָבן קיין שום זין און זיין קעגן שכל. אַזוי איז דער מענטש.

אַ צוויי אָדער דריי מאָל האָט פֿרוי שאָשאַ צוליב אַ צופֿאַל אָדער אונטער דער מאַגנעטישער ווירקונג זיך אומגעקוקט צו יענעם טיש און יעדעס מאָל האָט זי דאָרטן באַגעגנט האַנס קאַסטאָרפּס בליק. צום פֿערטן מאָל האָט זי שוין אַ קוק געטאָן אַהין בכּוונה און ווידער זיך באַגעגנט מיט זיינע אויגן. דאָס פֿינפֿטע מאָל האָט זי אים נישט דירעקט געכאַפּט דערביי. ער איז גראָד נישט געווען אויף דער וואַך. אָבער ער האָט תּיכּף דערפֿילט, אַז זי קוקט אויף אים און ער האָט מיט ברען גענומען צוריקקוקן צו איר אַזוי, אַז זי האָט אַוועקגעדרייט דאָס פּנים מיט אַ שמייכל. דער דאָזיקער שמייכל האָט אים אָנגעפֿילט מיט חשד און אַנטציקונג. אויב זי האַלט אים פֿאַר קינדיש, האָט זי אַ טעות. זיין באַדערפֿעניש אַליין אין לעבן צו פֿאַרפֿיינערן איז געווען שטאַרק. ביים זעקסטן מאָל, ווען ער האָט געאַנט, דערשפּירט, געקריגן אַ אינערלעך געפֿיל, אַז זי קוקט אויף אים, האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַטראַכט דורכדרינגלעך און מיט ביטול אַ פֿרוי מיט קרעצלעך אין פּנים, וואָס איז גראָד צוגעגאַנגען צו זיין טיש, כּדי צו ריידן מיט דער עלטער־מומע. ער האָט עס אויסגעהאַלטן מיט אַן אייזערנער עקשנות אַ מינוט צוויי אָדער דריי, ביז ער איז זיכער געווען, אַז די קירגיזישע אויגן האָבן אים אויפֿגעהערט דורכנעמען. די דאָזיקע שפּיל האָט די פֿרוי שאָשאַ נישט בלויז ג ע ק אָ נ ט פֿאַרשטיין, נאָר ער האָט אַפֿילו ג ע װ אָ ל ט, זי זאָל עס פֿאַרשטיין און זיך פֿאַרטראַכטן וועגן זיין סובטעלקייט און באַהערשונג... ס'איז איינמאָל דערגאַנגען צו אַזאַ זאַך: בעת אַ פּויזע ביים עסן האָט זיך פֿרוי שאָשאַ פֿויל אויסגעדרייט און זיך אומגעקוקט איבערן זאַל. האַנס איז גראָד געווען אויף דער וואַך. זייערע בליקן האָבן זיך צונויפֿ-

געטראָפן. בשעת זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, זי — אומבאַשטימט פאָרשנ=
דיק און מיט חוזק, האַנס קאַסטאָרפּ — מיט אויפגערעגטער עקשנות
(ער האָט אַפילו פאַרביסן די ציין, בשעת ר'האָט אויסגעהאַלטן איר
בליק) — איז גראָד איר סערוועט אַראָפּגעפאַלן, אָדער שיר נישט
אַראָפּגעפאַלן פון איר שויס אויף דער ערד. זי האָט אָנגעכאַפּט
דעם סערוועט מיט אַ נערוועזן ציטער. אָבער איך איבער אים איז
אַדורך אַ ציטער. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער שטול און
ער האָט בלינד געוואָלט אַ לויף טאָן אַכט מעטער איבערן זאַל אַרום
אַ טיש, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן, כדי זיך אַ וואָרף צו טאָן איר
העלפן, אַ שטייגער, ווי ס'וואָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפע, ווען דער
סערוועט זאָל אַראָפּפאַלן... האַרט איבערן דיל האָט זי אים נאָך
דערכאַפּט. אַן אײַנגעבויגענע, האַלטנדיק דעם סערוועט בײַם עק, מיט
אַ פינסטערער מינע, בייז, אַפּנים, צוליב דער נאַרישער, קליינער פּאַ=
ניק, וואָס זי האָט אַרויסגערופן און אין וועלכער זי האָט, דאַכט
זיך, באַשולדיקט קאַסטאָרפּן — האָט זי נאָך איינמאָל אויף אים אַ
קוק געטאָן, באַמערקט, ווי ער שפּרינגט אויף, געזען זיינע פאַר=
ריסענע ברעמען און זיך אויסגעדרייט מיט אַ שמייכל.

צוליב דער דאָזיקער געשעעניש האָט האַנס קאַסטאָרפּ טר.ומ=
פירט ביז צו צעלאָזנקייט. אָבער זי האָט זיך נוקם געווען. גאַנצע
צוויי טעג לאַנג, אין משך פון צען מאָלציַיטן, האָט זיך מאַדאַם
שאָשאַ בכלל נישט אויסגעדרייט צום זאַל, זי האָט אַפילו אויף
דער צייט אויפגעהערט, אַריינקומענדיק, זיך צו „פּרעזענטירן” פאַרן עולם,
ווי ס'איז געווען איר שטייגער. דאָס איז געווען אַן האַרבע שטראָף.
אָבער היות זי האָט דערמיט אָן שום-ספק געמיינט צו טרעפן אים,
הייסט עס, אַז אַ באַציִונג איז דאָך שוין בולט געווען, כאָטש אין
אַ נעגאַטיווער פאָרם. דאָס איז גענוג געווען.

ער זעט איין, אַז יאָאַכים איז גערעכט געווען: ס'איז דאָ
גאָרנישט לייכט צו שליסן קאַנטשאַפט, סיידן מיט די טיש-שכנים.
ווייל די איינציקע קנאַפּע שעה נאָך מיטאָג, אין וועלכער ס'איז רעגו=
לער פאָרגעקומען אַ מין געזעלשאַפטלעכער צונויפקום (פאַקטיש האָט
עס אָפט געדויערט נישט מער, ווי אַ צוואַנציק מינוט), איז מאַ=
דאַם שאָשאַ אָן אויסנאַם געזעסן אין איר סביבה. ס'איז דאָ גע=

ווען דער מאַנסביל מיט דער אײַנגעפֿאַלענער ברוסט, די פֿרײלעכע וואָל־האָריקע פֿרוי, דער שטילער ד״ר בלומענקאָל און די בחורים מיט די אַראָפּהענגענדיקע אַקסלען. זיי זיינען געזעסן אין הינטערגרונד פֿון קלײנעם סאַלאָן, וואָס איז, אַפּנים, געווען באַשטימט פֿאַרן „גוטן רוסן־טיש“. יאָאַכים האָט אויך כּסדר געיאָגט, מ׳זאָל אַהיימגײן, כּדי נישט צו פֿאַרקירצן די אָוונטלעכע ליג־קוראַציע, ווי ר׳האָט געזאָגט. אפשר האָט ער געהאַט אַנדערע דיעטעטישע סיבות, וועלכע ער האָט נישט אָנגעגעבן, אָבער קאַסטאָרפּ האָט זיי געאַנט און האָט זיי געשעצט. מיר האָבן אים פֿאָרגעוואָרפֿן אומגעצוימטקייט. אָבער וואָס ער האָט אַלץ נישט געקענט וועלן — אַ פֿאַקט איז, אַז צו דער געזעלשאַפֿטלעכער באַקאַנטשאַפֿט מיט פֿרוי שאָשאַ האָט ער זיך נישט געיאָגט און אין גרונד האָט ער מסכּים געווען מיט די מניעות, וואָס האָבן נישט צוגעלאָזט דערצו. די אומבאַשטימטע, געשפּאַנטע באַציִונגען, וועלכע האָבן זיך געשאַפֿן צוליב זיין קוקן צווישן אים און דער רוסין, זיינען געווען אויסערגעזעלשאַפֿטלעכע. זיי האָבן צו גאָרנישט מחייב געווען און נישט געקאָנט מחייב זיין. ווייל אין זייער באַציִונג איז געווען אַ היפּשע מאָס פֿון געזעלשאַפֿטלעכער אָפּגעזונדערטקייט, אַלנפֿאַלס פֿון זיין זייט. דער פֿאַקט, אַז דאָס קלאַפּן פֿון זיין האַרץ ווערט אויסגעטייטשט צוליב זיינע געדאַנקען וועגן קלאַוודיען, איז נאָך ווייט נישט גענוג געווען, אַז האַנס לאָרענץ קאַסטאָרפּס אייניקל זאָל ווערן וואַקלדיק אין דער איבערצייגונג, אַז ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין שום שייכות צווישן אים און דער פֿרעמדער, וועלכע לעבט נישט מיטן מאַן, טראָגט נישט קיין קידושין־רינג, פֿאַרברענגט אין כּלערליי קורערטער, האַלט זיך שלעכט, זעצט מיט די טירן, דרייט ברויט־קיילעכלעך און בייסט אָן ספק די נעגל; קיין שום שייכות אין דער ווירקלעכקייט, ס׳הייסט איבער יענע פֿאַרבאָרגענע באַציִונגען; אַ טיפֿער תּהום שיידט אָפּ אים פֿון איר און אַזאַ שייכות וואָלט נישט אויסגעהאַלטן קיין שום קריטיק, וועלכע ווערט פֿון אים אָנערקענט. פֿערזענלעך איז האַנס קאַסטאָרפּ נישט געווען קיין בעל־גאווה, אָבער אויפֿן שטערן און אַרום די שלעפֿעריקע אויגן איז אים געשטאַנען אָנגעשריבן אַ אַלגעמיינער, פֿון דורות געירשנטער שטאָלץ, כון וועלכן ער האָט נישט

געוואָלט און זיך נישט געקאָנט באַפרייען צונויפטרעפנדיק זיך
מיט פרוי שאָשאַ און איר גאַנצער פירונג. מאָדנע, באַזונדערס לע=
בעדיק, און אפשר בכלל צום ערשטן מאָל, איז ער געקומען צום
באַוואוסטזיין, אַז אַזאַ שטאָלץ עקסיסטירט אין אים, בעת ער האָט
אין איינעם אַ טאָג געהערט פרוי שאָשאַ ריידן דייטש. זי איז
געשטאַנען אין זאַל, מיט ביידע הענט אין די קעשענעס פון איר
סוועטער. ס'איז געווען נאָך אַ מאָלצייט. פאַרבײַגייענדיק, האָט האַנס
קאַסטאָרפּ דערהערט, ווי זי מיט זיך אין אַ שמועס מיט אַ פּאַ=
ציענטין, אַפּנים, אַ שכנטע פון דער ליג=האַלע, אויף אַ ספּעציעל=
באַחנטן אופן צו ריידן דייטש, האַנס קאַסטאָרפּס מוטער=שפּראַך. ער
האָט עס דערפילט מיט אַ פלוצלונגן און אומבאַקאַנטן שטאָלץ, כאָטש
ער האָט גלײַכצייטיק דערשפירט אַ נייגונג, מקריב צו זיין דעם דאָ=
זיקן שטאָלץ פאַר דער אַנטציקונג, מיט וועלכער ר'איז פול גע=
וואָרן, בעת ער האָט געהערט, ווי זי צעברעכט און מאַכט קאַליע
אַ לשון אויף איר באַחנטן שטייגער.

בקיצור, האַנס קאַסטאָרפּ האָט אין זיין שטילער באַציִונג צו
דער אָפּגעלאָזענער פרוי דאָ אייבן געווען אַ מין וואַקאַציע=באַגע=
געניש, וואָס וועט אינם טריבונאַל פון שכל — פון זיין אייגן שכלדיק
געוויסן — נישט אָנטרעפן אויף דער מינדסטער הסכמה. קודם=כל
דערפאַר, ווייל פרוי שאָשאַ איז אַ קראַנקע, אַן אָפּגעלאָזענע, מיט
היץ און אינערלעך דורכגעפוילט. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַ
נאָענטע שייכות דערמיט, וואָס זי איז בכלל אַ פאַרדעכטיקע פאַר=
שוינטע. און דאָס האָט אויך אין אַ געוויסער מאָס גורם געווען ביי
האַנס קאַסטאָרפּן אַ געפיל פאַר פאָרזיכטיקייט און דיסטאַנץ. ניין,
ס'איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן צו פרווון באַקענען זיך מיט
איר. וואָס ס'איז נוגע אַלעם אַנדערן — וועט עס סיי=ווי=סיי אַזוי
אָדער אַנדערש פאַרגעסן ווערן נאָך אָנדערהאַלבן וואָכן, ווען ער וועט
אַריין צו טונדור און ווילמס.

בינו=לבינו איז די לאַגע זיינע געווען אַזעלכע, אַז ער האָט
אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די אַלע שטימונגען, די געשפּאַנטקייט,
דערפילונגען און אַנטוישונגען, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען צוליב זיי=
נע סובטעלע באַציִונגען צו דער קראַנקער, פאַר דעם איינגטלעכן זין

און אינהאַלט פֿון אַ פֿרוי דאָ אויבן. ער האָט אָנגעהויבן איננאַנצן צו לעבן דערמיט און זײַן שטימונג בכלל האָט גענומען אָפּהענגיק ווערן פֿון זייער אויסוואוקס. אַלײן אַרום האָט אויפֿן בעסטן אופֿן צוגעדינט צו דער אַנטוויקלונג דערפֿון. מ'האָט געלעבט צוזאַמען אויף אַ באַגרענעצטן שטח, לויט אַ פֿעסטער טאָג־אָרדענונג, וואָס איז חל געווען אויף יעדן איינעם. פֿרוי שאָשאַ האָט אַפֿילו געוואוינט אויף אַן אַנדער שטאָק, אויפֿן ערשטן (אַגב, האָט זי געמאַכט איר ליגקוראַציע, ווי האַנס קאַסטאָרפּ האָט געהערט פֿון דער לערערין, אין אַן אַלגעמיינער ליג־האַלע, אויפֿן דאַך, דאָרטן, וואו דער הויפּטמאַן מיקלאָזיך האָט לעצטנס אַראָפּגעדרייט דאָס ליכט), פֿונדעסטוועגן האָט מען פֿון אינדערפֿרי ביז בײַנאַכט, סײַ בײַ די פֿינף מאָלצײַטן און אַזוי אויך אויף טריט און שריט, געקאָנט און אַפֿילו געמוזט באַגעגענען זיך. דאָס איז שטאַרק געפֿעלן האַנס קאַסטאָרפּן, פּונקט ווי דאָס, וואָס קיין שום מי און זאָרגן האָבן נישט פֿאַרשטערט די האָפֿענונג. כאָטש, צוריקגעשמועסט, האָט אַזאַ מין פֿאַרשפּאַרט־זײַן מיט דעם נישט זיכערן גליק אין זיך עפּעס פֿײַנלעכס.

פֿונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַ ביסל צוגעהאָלפֿן צו דער זאַך, האָט געמאַכט חשבונות און אַרײַנגעלייגט קאָפּ דערין, צוצוהעלפֿן אַ ביסל דעם מזל. פֿרוי שאָשאַ האָט אַ מנהג, אַז זי פֿאַרשפּעטיקט זיך צום טיש — האָט ער זיך גענומען אָנשטרענגען אויך צו קומען שפּעט, כּדי זיך צו טרעפֿן מיט איר אויפֿן וועג. ער האָט לענגער געפּאָרעט זיך בײַ זײַן טואַלעט. וויפֿל מאָל דער קוזין פֿלעגט קומען נאָך אים, איז ער קיינמאָל נישט געווען גרייט, געלאָזט יענעם אַליין גיין און געזאָגט, אַז ער וועט באַלד קומען. לויט דער אָנווײַזונג פֿון אינסטינקט האָט ער אָפּגעוואַרט ביז אַ געוויסן מאָמענט, וועלכער האָט אים אויסגעוויזן צו זײַן דער ריכטיקער, און איז אינדערגיך אַראָפּ אויפֿן ערשטן שטאָק. פֿון דאָרטן אָן איז ער נישט געגאַנגען ווײַטער מיט די טרעפּ, מיט וועלכע ר'איז אַראָפּגעגאַנגען, נאָר איז אַדורך כּמעט דעם גאַנצן קאָרידאָר און איז אַרויס אויף אַנדערע טרעפּ, וועלכע זײַנען געלעגן נאָענט צו אַ לאַנג־באַקאַנטער טיר — נומער 7. אויף דעם דאָזיקן וועג — לענג־אויס דעם קאָרידאָר, פֿון די ערשטע טרעפּ צו די אַנדערע —

איז אויף יעדן טריט געווען אַ שאַנס, אַז אָט־די באַקאַנטע טיר זאָל זיך עפענען, ווי דאָס איז שוין געשען עטלעכע מאָל. זי פלעגט צופאַלן הינטער פרוי שאָשאַ מיט אַ קראַך. פרוי שאָשאַ אַליין פלעגט זיך אַרויסגליטשן שטילערהייט און אַזוי שטילערהייט צושאַרן זיך צו די טרעפ... זי פלעגט גיין פאַר אים און האָט צוגעהאַלטן דעם גרעק מיט דער האַנט, אָדער האַנט קאַסטאָרף איז געגאַנגען פאַר איר און געפילט אויפן רוקן איר בליק. דערביי האָט ער געשפירט אַ רייסעניש אין די אברים און מוראַשקעס זײַנען אים אַזש אַדורך די פלייצעס. אָבער ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, צו האַלטן זיך אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט פון גאָרנישט געוואוסט און טוט זיך דאָס זייניקע מיט דער גאַנצער פרייקייט. צוליב דעם פלעגט ער באַהאַלטן די הענט אין די קעשענעס און האָט פאַרצויגן די אַקסלען. אַן אַנדערש מאָל האָט ער גאָר שטאַ־ק געשנייצט די נאָז און זיך געקלאַפּט מיט דער פויסט אין דער ברוסט — אַלץ כּדי אַרויסצו־ווייזן, אַז ר׳איז לחלוטין נישט אין קיין פאַרלעגנהייט.

צוויי מאָל איז ער דערגאַנגען אין זײַן ראַפינירטקייט נאָך ווייטער. נאָכדעם, ווי ער האָט זיך שוין אַוועקגעזעצט אין עס־זאַל, האָט ער כלומרשט גענומען זיך טאַפּן מיט די הענט בײַ די קעשענעס און מיט עגמת־נפש אַ זאָג געטאָן: אַ מבין, כ׳האָב פאַרגעסן מײַן טאַשנ־טיכל! מ׳וועט זיך, הייסט עס, דאַרפן מטריח זײַן נאָכאַמאָל אַרויף. און ער איז צוריק אַרויף, כּדי זיך צו באַגעגענען מיט קלאַוודיען. דאָס איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. עס איז געווען נאָך געפער־לעכער און האָט מער געדרייצט, ווי צו גיין פאַר איר אָדער הינטער איר. ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אָפּגעטאָן אָט־דאָס שפּיצל, האָט זי אים פון גאַנץ נאָענט אַ מעסט געטאָן מיט די אויגן, ברוטאַל און אָן שום בושה, פון קאָפּ ביז די פיס. צוקומענדיק נענ־טער, האָט זי אָבער גלייכגילטיק אויסגעדרייט דאָס פּנים און איז אַזוי־אַרום פאַרבײַגעגאַנגען. דער רעזולטאַט איז, הייסט עס, סוף־כּל־סוף נישט געווען אַזאַ געוואַלדיקער. אָבער צום צווייטן מאָל האָט זי אים שוין שטאַרק אָנגעקוקט און נישט בלויז פונדערווייטנס. זי האָט אים אָנגעקוקט די גאַנצע צייט, ביז זי איז פאַרבײַגעגאַנגען. זי האָט אים געקוקט אין פּנים אַרײַן פעסט און אַפילו אַ ביסל

פֿינסטער און האָט אַפֿילו דורכגייענדיק צוריק אויסגעדרייט צו איִם דעם קאָפּ. דעם אָרעמען האַנס קאַסטאָרפּ האָט עס אַזש דורכגענומען דורך־און־דורך. אַגב, דאַרף מען אים נישט באַדויערן. ער האָט דאָך עס אַליין געוואָלט און אַליין צוגעפֿירט דערצו. אָבער די באַגעגעניש האָט אים געוואַלדיק אויפֿגערעגט, סיי בשעת־מעשה, סיי שפּעטער. ערשט נאָך אַלעמען, האָט ער רעכט דערפֿילט, וואָס ס'איז דאָ געשען. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט פֿאַר זיך פֿרוי שאָשאַס פּנים אַזוי נאָענט, אַזוי מיט אַלע קלייניקייטן. ער האָט אַפֿילו דערזען די הערעלעך אַרום איר בלאָנדן געפֿלאָכטענעם צאָפּ, וואָס איז אַריינגעפֿאַלן אין מעטאַלן־רויט און איז געווען פּשוט אַרומגעדרייט אַרום קאָפּ. בלויז אַ צוויי טריט זיינען געווען צווישן זיין פּנים און אירן מיט דעם לאַנג־באַקאַנטן אויסזען, וואָס איז אים נעפֿעלן מער, ווי אַלץ אין דער וועלט. ס'איז געווען אַ פֿרעמד און כאַראַקטערפֿול אויסזען (ווייל נאָר דאָס פֿרעמדע זעט אונז אויס צו האָבן כאַראַקטער), צפֿונדיק־עקזאָטיש און סודותדיק, אַ צרה, וואָס פֿאָדערט אַרויס, מ'זאָל זי וועלן דערגיין, ווייל ס'איז שווער אויפֿצוכאַפּן אירע שטריכן און פּראָפּאָרציע. אַמשטאַרקסטן האָבן דאָ געווירקט די הויך־אַרויסגעזעצטע באַקן־ביינער. די אויגן, וואָס זיינען געלעגן נישט־געוויינלעך פֿלאַך און משונה־ווייט אָפּגערוקטע, זיינען צוליב דעם געזעסן אַ ביסל אינדערקרום. דאָס האָט אויך גורם געווען, די באַקן זאָלן אויסזען ווייך־אַריינגעפֿאַלן און ממילא זיינען געווען מער בולט די פֿולע ליפּן. דער עיקר זיינען אָבער געווען די אויגן, די שמאָל און פּשוט כישופֿדיק געשניטענע קירגיזישע אויגן (אַזוי האָט געהאַלטן האַנס קאַסטאָרפּ), וואָס זייער בלוי־גרויער אָדער גרוי־בלויער קאָליר האָט דערמאָנט אין ווייטע בערג. טיילמאָל, ביי זייטיקע בליקן, וואָס האָבן אין ערגעץ נישט געקוקט, פֿלעגן אָט־די אויגן אינגאַנצן ווערן צעשמאָלצן, פֿאַרטונקלט און נעפּלדיק־נאַכטיש. קלאַוודיעס אויגן האָבן דאָס אים פֿון דער סאַמע נאָענט באַטראַכט אַזוי שאַרף און אַ ביסל פֿינסטער. מיט זייער גאַנצן שניט, קאָליר, אויסדרוק זיינען זיי אַזוי אויפֿפֿאַלנדיק און דערשרעקנדיק ענלעך געווען צו פּריבּיסלאַוו היפּפּעס אויגן! „ענלעך“ איז גאָרנישט דאָס ריכטיקע וואָרט. ס'זיינען געווען ממש די אייגענע

אויגן. אויך די ברייט פון דער איבערשטער העלפט פנים, די אײַנגעקװעטשטע נאָז, אַליך, אַפילו די גרויטלטע װײסקייט פון דער הויט, דער געזונטער קאָליר פון די באַקן (בײַ פרוי שאָשאַ האָבן זיי בלויז אויסגעזען געזונט, װי בכלל בײַ אַלע דאָ אויבן, בלויז אַן אויבנאויפיקער רעזולטאַט פון דער ליג־קוראַציע אויף דער פרייער לופט) — אַליץ איז געװען אַקוראַט, װי בײַ פּריבּיסלאַװן. פּונקט אַזוי פלעגט אים יענער אָנקוקן, בעת זיי פלעגן פאַרבײַגיין איינער פאַרן אַנדערן אויפן הויף פון דער שול.

דאָס האָט אים אינגאַנצן אויפגעטרייסלט. האַנס קאַסטאָרפּ איז געװען באַגייסטערט פון דעם צונויפטרעפעניש. ער האָט אָבער גלייכצײַטיק געשפּירט אַ װאַקסנדיקע מורא, כמעט די זעלבע פײַנלעכקייט, װאָס איז אַנטשטאַנען צוליב דעם, װאָס ער איז פאַרשפּאַרט אין ענגן שטח צוזאַמען מיט דעם נישט־זיכערן גליק. אויך דאָס, װאָס ער האָט זיך דאָ צונויפגעטראָפן מיט דעם לאַנג־פאַרגעסענעם פּריבּיסלאַװן אין געשטאַלט פון פרוי שאָשאַ און װאָס זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ פּאָר קירגיזישע אויגן, — אויך דאָס איז געװען אַ מין פאַרשפּאַרט־זײַן מיט עפּעס אומפאַרמײַדלעכס, אָדער מיט עפּעס, פאַרװאָס מ'קאָן נישט אַנטלויפן. דאָס דאָזיקע אומפאַרמײַדלעכע האָט אים גליקלעך געמאַכט, אי געשראָקן. עס האָט אָנגעפילט מיט האָפענונגען און ס'איז דערבײַ געװען אומהיימלעך, אַפילו סכנהדיק. דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ איז באַפאַלן אַ געפיל פון הילפלאָזיקייט. טיף אין אים האָט זיך עפּעס גערירט אינסטינקטיװ און אומבאַשטימט. מ'װאָלט עס געקאָנט אָנרופן: אַ אומקוקן זיך, אַ זוכן אָנשפּאַרעניש און הילף, אַן עצה און אַ אָנלען. ער האָט כסדר געטראַכט װעגן פאַרשיידענע מענטשן, װאָס דער געדאַנק װעגן זיי איז בכוח אַ ביסל צו באַרויקן.

קודם־כל — װעגן יאָאַכימען, װעגן גוטן און פײַנעם יאָאַכימען, בײַ װעמען די אויגן האָבן איצט געהאַט אַזאַ טרויעריקן אויסדרוק. טײלמאָל פלעגט ער מיט אַזאַ ביטול אַ האַסטיקן צי טאָן מיט די אַקסלען. פריער פלעגט ער עס קיינמאָל נישט טאָן. יאָ, יאָאַכים מיט דעם „בלויען היינריך" אין קעשענע, װי פרוי שטער פלעגט עס אָנרופן. דערבײַ פלעגט זי מאַכן אַזאַ חוצפּהדיק־נאַרישע צורה, אַז

האַנס קאַסטאָרפּ פלעגט אַזש דערציטערט ווערן... ס'איז, הייסט עס, דאָ פאַראַן דער אָרנטלעכער יאָאַכים, וועלכער מוטשעט אין פיינט דעם הויפראַט בערענס, ער זאָל אים אָפּלאָזן צוריק אין „טאָל" אַריין, אָדער — אין „פלאַכלאַנד", ווי מ'פלעגט דאָ מיט אַ שטילן, אָבער בולטן אַקצענט פון ביטול אָנרופן די וועלט פון געזונטע. יאָאַכים בענקט צוריק צו מיליטער-דינסט. כדי ער זאָל וואָס גיכער דערגרייכן דערצו און פאַרשפּאָרן צייט, מיט וועלכער מ'באַגייט זיך דאָ אַזוי פאַרשווענדעריש, פירט ער קודם-כל אויס די קוראַציע-דינסט מיט דער גאַנצער געוויסנהאַפטיקייט. אמת, ער טוט עס, כדי וואָס גיכער צו האָבן אַ רפואה. אָבער האַנס קאַסטאָרפּן הייבט זיך טיילמאָל אָן דאַכטן, אַז ער טוט עס אויך אַ ביסל לשם קוראַציע-דינסט אַליין, וואָס ווערט סוף-כל-סוף אַ דינסט, ווי יעדער מין דינסט. פליכט בלייבט פליכט. אינאָוונט הייבט יאָאַכים אָן שוין נאָך אַ פערטל שעה פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט אונטערצוטרייבן אויף ליג-קוראַציע. דאָס איז גוט. ווייל זיין מיליטערישע פינקטלעכקייט קומט צונויף האַנס קאַסטאָרפּן, דעם ציוויליסט, וואָס וואָלט אַזוי אָן שום זין און צוועק נאָך היפּש לאַנג געזעסן צווישן עולם מיט אַן אויג אויפן קליינעם רוסישן סאַלאָנדל. אָבער דאָס, וואָס ס'איז יאָאַכימען אַזוי געגאַנגען אין לעבן צו פאַרקירצערן דעם אָוונט-צינויפקום, האָט געהאַט נאָך אַן אַנדערע סיבה, אַ פאַרבאָרגענע. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דערויף, זינט ער האָט גענומען אַזוי גענוי באַגרייפן, פאַרוואָס יאָאַכים ווערט טיילמאָל אַזוי פלעקיק-בלאַס און פאַרוואָס זיין מויל ווערט אין אַ געוויסן מאָמענט אַזוי מאָרנע נעבעכדיק פאַרקרימט. ווייל אויפן צונויפקום איז ס'רוב אויך געווען מאַרושיאַ, די אייביק-לאַכנדיקע מאַרושיאַ, מיט דעם קליינעם רובין אויף איר שיינעם פינגער, מיט דער הויכער דורכגעפרעסענער ברוסט און מיט דעם ריח פון פּאָמעראַנצן-פּערפום. האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז צוליב דעם אַנטלויפט יאָאַכים, ווייל ער ווערט דעמאָלט צו-שטאַרק און אויף אַ שרעקלעכן אופן צוגעצויגן. איז, הייסט עס, יאָאַכים אויך פאַרשפּאַרט, נאָך ענגער און פיינלעכער ווי ער אַליין; ווייל צו אַלע צרות זיצט נאָך מאַרושיאַ מיטן פּערפומירטן טיכל פינף מאָל אין טאָג צוזאַמען מיט אים ביים טיש? יאָאַכים האָט,

אַלנפאַלס, איבערגעגוג צו טאָן מיט זיך אַליין, אַז ער זאָל אינערלעך קאָנען זיין אַ אָנשפּאַר פאַר האַנס קאַסטאָרפּן. זיין כּסדרדיק אַנטלויפן פון צונויפקום באַווייזט אַפילו, אַז ר'איז אַן ערן־מענטש, אָבער באַרויִקנדיק האָט עס אויף האַנס קאַסטאָרפּן נישט געווירקט. טיילמאָל האָט זיך אים אַפילו גענומען דאַכטן, אַז דאָס, וואָס יאָאַכים איז אַזאַ מוסטער בנוגע דער קוראַציע־דינסט און אויך די אָנווייזונגען, וועלכע ער האַלט אים אין איין געבן, אַז דאָס אַליין גיט נאָך אַ סך צו טראַכטן.

האַנס קאַסטאָרפּ איז נאָך דאָ נישט געווען קיין גאַנצע צוויי וואָכן, אָבער ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז — לענגער. דער היגער טאָג־אָרדענונג, וועלכן יאָאַכים האָט אַזוי פרום אָפּגעהיט, האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען אין האַנס קאַסטאָרפּס אויגן דעם תּוֹתם פון אַ הייליקן חוק, אַזוי, אַז דאָס לעבן אונטען אין טאָל האָט זיך אים, פונדאַנען געזען, געגומען אויסווייזן כּמעט משונהדיק און אויסטערליש. ער האָט שוין באַקומען גרויס רגילות, ווי אַזוי צו באַנוצן זיך מיט די ביידע דעקעס, מיט וועלכע מ'פּאַקט זיך איין בעת אַ שלעכט וועטער, ווי אַ פּאַקעט, און מ'מאַכט פון זיך אַן אמתע מומיע. ס'האָט נישט געפעלט קיין סך, ער זאָל זיך אָנהייבן איינוויקלען לויטן גאַנצן רעגולאַמין, פונקט אַזוי זיכער און קונציק, ווי יאָאַכים. טראַכטנדיק, אַז אונטן אין טאָל קאָן קיינער נישט באַווייזן אָט־די קונץ־שטיק, האָט ער זיך כּמעט געוואונדערט. יאָ, ס'איז וואונדערלעך. פונדעסטוועגן איז אים געווען אַ וואונדער, הלמאַי ער האַלט עס פאַר וואונדערלעך. די אומרויִקייט, וואָס האָט פריער אינעווייניק געהאַלטן אין איין זוכן אַן עצה און אַ ראָט, האָט זיך אין אים דערוועקט פונסניי.

ער האָט זיך דערמאָנט אין הויפראַט בערענס און אין זיין עצה, סינע פעקוניאַ, צו לעבן אינגאַנצן אַזוי ווי די פּאַציענטן און אַפילו זיך צו מעסטן די היץ. ער האָט זיך אויך דערמאָנט אין סעטעמברינין, וועלכער האָט אַזוי הויך געלאַכט פאַר זיך פון אָט־דער עצה און דערנאָך עפּעס ציטירט פון „צויבער־פלעט". יאָ, אויך וועגן זיי ביידע האָט ער געטראַכט, כּדי אויסצופרוּוון, צי עס וועט אים נישט בעסער ווערן דערפון. הויפראַט בערענס איז אַ מענטש

מיט ווייסע האָר, ער וואָלט געקאָנט זיין האַנס קאַסטאָרפּס פאָטער. דערצו איז ער דער אָנפירער פון דעם אַנשטאַלט, די העכסטע אויטאָריטעט. טאַקע נאָך פאָטערלעכער אויטאָריטעט האָט דער יונגער האַנס קאַסטאָרפּ געבענקט מיט זיין גאַנץ אומרויִק האַרץ. פונדעסטוועגן, וויפל מאָל ר'האָט געטראַכט וועגן הויפראַט, האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו קלערן וועגן אים מיט קינדישן צוטרוי. יענער האָט דאָ באַגראָבן זיין פרוי. פון דער דאָזיקער צרה איז ער אויף אַ שטיקל צייט געוואָרן אַ ביסל אַ משונהדיקער. צום סוף איז ער געבליבן דאָ זיצן, ווייל ער איז געווען צוגעבונדן צום קבר, אויך צוליב דעם, ווייל ער אַליין האָט זיך אויך אָנגעשטעקט אַ ביסל. צי איז דאָס שוין אַריבער? צי איז ער געזונט און וויל מיטן גאַנצן האַרצן, אַז זיינע פּאַציענטן זאָלן געזונט ווערן, כדי זיי זאָלן קאָנען וואָס גיכער צוריק אין טאָל און קאָנען זיך נעמען צו זייער אַרבעט? זיינע באַקן זיינען שטענדיק בלוי און ער זעט, אייגנטלעך, אויס, ווי ער וואָלט געהאַט אַ געהעכערטע טעמפּעראַטור. אָבער ס'קאָן זיין, אַז ס'איז אַ טעות און אַז די לופט איז בלויז שולדיק דערין, וואָס זיין פּנים האָט אַזאַ קאָליר. האַנס קאַסטאָרפּ אַליין שפּירט אויך דאָ טאָג-איין טאָג-אויס אַ טרוקענע היסקייט, כאָטש ער האָט נישט קיין היץ. אַזוי, אַלנפאַלס, דאַכט זיך אים, ווייל מעסטן מעסט ער נישט. ווען מ'הערט, וואָס אמת, ריידן דעם הויפראַט, נעמט זיך ווידער דאַכטן, אַז ער האָט אַ געהעכערטע טעמפּעראַטור. זיין אופן פון ריידן איז עפּעס נישט ווי ס'דאַרף צו זיין. זיין ריידן איז אַזוי ענערגיש, לוסטיק און געמיטלעך. אָבער ס'הערט זיך דערין עפּעס משונהדיקס און עקזאַלטירטס, דער עיקר — בשעת מ'נעמט אויך אין חשבון די בלויע באַקן און די טרערנדיקע אויגן; ס'זעט אויס, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געוויינט אויף זיין פרוי. האַנס קאַסטאָרפּ דערמאָנט זיך דערין, וואָס סעטעמבריני האָט געזאָגט וועגן הויפראַטס מרה-שחורה און חסרונים און אַז ר'האָט אים אָנגערופן — צעמישטע נשמה. ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז בלויז צולהכעיסדיקייט און פּלוידעריי. אָבער פונדעסטוועגן האַלט ער, אַז דאָס טראַכטן וועגן הויפראַט בערענס קאָן וויניק מחזק זיין.

עס בלייבט נאָך, וואָס אמת, סעטעמבריני אַליין, דער אָפּאָזי=

ציאָנער, פלוידערער „האָמאָ הומאַנוס“, ווי ער אַליין רופט זיך. טאַקע ער האָט אים מיט אַזויפיל רייד באַוויזן, אַז קראַנקהייט און נאַרישקייט קאָנען בשום אופן נישט באַטראַכט ווערן פאַר קיין סתירה און פאַר קיין דילעמאַ פאַר מענטשלעך געפיל. ווי האַלט עס מיט אים? צי האָט אַ זין צו טראַכטן וועגן אים? האַנס קאַסטאָרפ דערמאָנט זיך, ווי אַ סך פון זיינע זייער לעבעדיקע חלומות, וואָס האָבן אָנגעפילט זיינע נעכט דאָ אויבן, זיינען פאַרשטערט געוואָרן צוליב דעם איטאַליענערס פיינעם, טרוקענעם שמייכל, וואָס קרייזלט זיך אונטער די שיינע פאַרקיילעכדיקטע וואָנצעס זיינע. ער געדענקט, ווי ער האָט אים אין חלום אָנגערופן קאַטאַרינאַזש און געפּרוווט אים אָפּצושטופּן פון זיך, ווייל ער האָט געשטערט. אָבער דאָס אַלץ איז געווען אַ חלום. דער וואַכנדיקער האַנס קאַסטאָרפ איז אַן אַנדערער. ער איז נישט אַזוי אומגעצוימט, ווי דער קאַסטאָרפ פון חלום. אויף דער וואַך זעט ער אים אַנדערש. ס'קאָן זיין, אַז ער וועט האָבן אַ טובה דערפון, וואָס ער וועט אינערלעך פּרווון זיך פאַרבינדן מיט סעטעמברינים מאָדערן וועזן, מיט זיין פאַרביטערטקייט און קריטיק, הגם זי איז פּילדערנדיק און פּלוידעריש. ער אַליין האָט זיך אָנגערופן פּעדאַגאָג. ער וויל, אַפּנים, האָבן איינפלוס. און דער יונגער האַנס קאַסטאָרפ האָט מיטן גאַנצן האַרץ געוואָלט ווערן באַאיינפלוסט. פאַרשטייט זיך, אַז ס'דאַרף נישט דערגיין אַזוי ווייט, סעטעמבריני זאָל ביי אים פועלן, ער זאָל זיך איינפּאַקן און אַוועקפאָרן פאַר דער צייט, ווי יענער האָט דאָ נישט לאַנג פאָרגעלייגט מיט דער גאַנצער ערנסטקייט.

„Placet experiri“ — טראַכט ער ביי זיך מיט אַ שמייכל, ווייל אויף אַזויפיל לאַטיין האָט ער נאָך פאַרשטאַנען, כאָטש ער רופט זיך נישט „האָמאָ הומאַנוס“. איצט האָט ער אַן אויג אויף סעטעמבריני און הערט זיך צו גערן און מיט וואַכיקער אינטערעסירטקייט צו אַלץ, וואָס יענער זאָגט ביי די באַגעגענישן, ווען זיי טרעפן זיך אויף די אָפּגעמאָסטענע שפּאַצירן צו דער באַנק ביי דער באַרגוואַנט, אויף גייענדיק קיין „פּלאַץ“, אָדער ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט, צום ביישפּיל, ווען סעטעמבריני ענדיקט פריער זיין מאָלצייט, הייבט זיך אויף אין זיינע געקראַטעוועטע הויזן, מיט אַ צאָן-

שטעכער צווישן די ליפּן און נישט געקוקט דערויף, וואָס ס׳פּירט זיך נישט אַזוי און דער רעגולאַמין דערלויבט עס נישט, גייט ער אַ ביסל צום טיש, וואו ס׳זיצן די קוזינען. ער שטעלט זיך אַוועק אין אַ שיינער פּאָזע, מיט געקרייצטע פיס און הייבט אָן פּלוידערן, זשעסטיקולירנדיק מיט דעם צאָן=שטעכער. טיילמאָל שטעלט ער אויך צו אַ שטול, זעצט זיך אויך ביי אַן עק צווישן האַנס קאַסטאָרפּ און דער לערערין, אָדער צווישן האַנס קאַסטאָרפּ און מרס. ראָבינזאָן. ער קוקט זיך צו, ווי די ניין טיש=שכנים עסן=אויף די לעצטע שפּייז, פון וועלכער ער האָט זיך, אַפּנים, אָפּגעזאָגט.

— דערלויבט מיר אַ צוטריט צו דעם דאָזיקן איידעלן קרייז — זאָגט ער, בשעת=מעשה דריקט ער די קוזינען די הענט און די איבעריקע מענטשן פּטרט ער אָבער מיט איין פאַרנייגונג. — דער דאָזיקער ביר=ברייער דאָרטן... וועגן דעם, ווי שרעקלעך עס האָט אויסגעזען די ביר=ברייערין — אָפּגערעדט. אָבער, אָט דער הער מאַגנוס — ער האָט נאָר=וואָס געהאַלטן אַ פעלקער=פּסיכאָלאָגישן רעפעראַט. איר ווילט הערן? — „אונזער ליב דייטשלאַנד איז אַ גרויסע קאַזאַרמע, אַוודאי. אָבער ס׳שטעקט דערין אַ סך טיכטיקייט און כ׳וואָלט נישט פאַרטוישט אונזער טיכטיקייט מיט דער העפלעכקייט פון אַנדערע. צו=וואָס טויג מיר די גאַנצע העפלעכקייט, ווען מ׳נאַרט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס?" אָט אין דעם נוסח דרשנט דער ביר=ברייער. כ׳האָב שוין מער קיין כּוח נישט. קעגנאיבער מיר זיצט אַ נעבעכדיק באַשעפעניש, מיט קברות=רויזן אויף די באַקן, אַן אַלט מיידל פון זיבנבירגן, וואָס רעדט אָן אויפהער וועגן איר שוואָגער, אַ מענטש, פון וועלכן קיינער ווייס גאָרנישט, און מ׳וויל גאָרנישט וויסן. בקיצור, כ׳קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן, כ׳בין אַנטלאָפן.

— איר זענט אַנטלאָפן מיט דער פאָן אין האַנט — זאָגט פרוי שטער — כ׳שטעל עס מיר פאָר.

— עקזאַקט! — ענטפערט סעטעמבריני — די פאָן! איך זע, אַז דאָ וויעט אַן אַנדער ווינטל. קיין ספק נישט, אַז איך בין איצט אויפן אמתדיקן אָרט. כ׳בין, הייסט עס, אַנטלאָפן מיט דער פאָן... אַך, צו קענען דערלאַנגען אַזעלכע דיבורים! קאָן איך פרעגן, ווי ס׳האַלט מיט אייער געזונט, פרוי שטער?

ס'איז געווען אַ שרעק צו קוקן, ווי פרוי שטער האָט זיך געהנדלט. — גרויסער גאָט — זאָגט זי — ס'איז אַלץ דאָס אייגענע, איר ווייסט דאָך אַליין. מ'טוט צוויי טריט פאָרויס און דריי אויף צוריק. נאָכדעם ווי מ'זיצט אָפּ פינף חדשים, קומט דער אַלטער און ליגט צו נאָך אַ האַלב יאָר. אַך, דאָס איז אַ טאַנטאַלוס*-פּיין. מ'שטופּט און מ'שטופּט און ווען מ'מיינט שוין, אַז מ'איז אויבן...

— אָ, דאָס איז שיין פון אייער זייט! איר פאַרגינט סוף-כל-סוף דעם אָרעמען טאַנטאַלאָסן אַ קליינעם אָפּבייט: איר הייסט אים אַפילו, אָנשטאָט אַן אַנדערן, שטופּן דעם באַרימטן מאַרמאָר-שטיין. דאָס, האַלט איך, איז אמתדיקע גוט-האַרציקייט. אָבער וואָס טוט זיך דאָ, מאַדאַם? סודותדיקע זאַכן טוען זיך אָפּ מיט אייך. מ'דערציילט געשיכטעס וועגן טאָפּל-גייערן און אַסטראַל-קערפּער**.... ביז איצט האָב איך דערין נישט געגלויבט, אָבער דאָס, וואָס ס'קומט פאָר מיט אייך, צעטומלט מיך שוין אינגאַנצן...

— דאַכט זיך מיר, אַז איר ווילט חוזק מאַכן פון מיר.

— חס-ושלום! ס'פאַלט מיר גאָרנישט איין! קודם-כל מוזט איר מיר אַ ביסל קלאָר מאַכן געוויסע טונקעלע זייטן פון אייער עקסיסטענץ, דערנאָך וועט ערשט קאָנען זיין אַ רייד וועגן חוזק! נעכטן אינאָוונט, צווישן האַלב צען און צען אַ זייגער, האָב איך זיך אַ ביסל אַרומגעדרייט אין גאָרטן. איך האָב דערביי אַרויפגעקוקט לענגאויס צו די באַלקאָנען. אויף אייער באַלקאָן האָט דאָס עלעקטרישע לעמפּל געברענט אין דער פינסטערניש. איר האָט, הייסט עס, געמאַכט ליג-קוראַציע, ווי ס'פאָדערט די פליכט, דער שכל און דער

* טאַנטאַלאָס — אַ מיטאָלאָגישע געשטאַלט, איז פאַרמישפּט אייביק צו שטיין אַ דאָרשטיקער אין וואַסער און ווען ער בייגט זיך אָן אַ טרונק צו טאָן, אַנטלויפט דאָס וואַסער. איבער זיין קאָפּ הענגען פרעכטיקע פירות, וואָס בייגן זיך אַוועק, ווען ער שטרעקט אויס די האַנט. פרוי שטער פאַרבייט אים מיט אַן אַנדערער מיטאָלאָגישער געשטאַלט סיזיפאָס, וואָס איז פאַרמשפּט אייביק צו שטופּן אַ גרויסן שטיין באַרג-אַרויף און ווען דער שטיין איז שוין אויפן שפּיץ-באַרג, פאַלט ער ווידער אַראָפּ. אויף דעם בייט באַציען זיך סעטעמברינים ווייטערדיקע ווערטער.

** לויטן אָקולטיזם — דער צווייטער, עטערישער קערפּער פון מענטש.

רעגולאַמין. אַט ליגט זיך אונזער שיינע פּאַציענטין — האָב איך מיר געטראַכט — און פירט אויס בשלמות די פאַראָרדענונגען, כדי בקרוב אומצוקערן זיך אַהיים אין הער שטערס אָרעמס. אָבער מיט עטלעכע מינוט צוריק ווער איך געוואָרן אַזאַ מעשה: אַז אין דער זעלבער צייט זענט איר גאָר געווען אין קינעמאַטאָגראַפּאָ (סעטעמבריני רעדט דאָס וואָרט אַרויס איטאַליעניש, מיטן אַקצענט אויף דעם פערטן טראַף), מ׳האָט אייך גאָר געזען אין קינעמאַטאָגראַף פון קור-הויז און דערנאָך אין דער קאָנדיטעריי ביי אַ גלעזל זיסן וויין און פאַרשיידענע קיכלעך, דערצו נאָך...

די שטערן נעמט זיך וויגן אויף די אַקסלען, כיכעט אַריין אין איר סערוועט, שטויסט יאָאַכים צימסען און דעם שטילן ד״ר בלומענקויל מיט די עלנבויגנס אין די זייטן, בלינצלט לוסטיק-היימישלעך און וויזט אַרויס אַ געוואַלדיקן נאַרישע הנאה. זי פלעגט טאַקע אינאָוונט, כדי אָפּצונאַרן די אָרדענונג-היטער, אַרויסשטעלן דאָס ברענענדיקע טיש-לעמפּל אויפן באַלקאָן, שטילערהייט זיך אַרויסכאַפּן אין ענגלישן קוואַרטאַל אַריין און זיך ווילן. אין קאָנשטאַט האָט אויף איר געוואַרט דער מאַן. אַגב, איז זי נישט געווען דער איינציקער פּאַציענט, וואָס האָט זיך אַזוי געפירט.

.... — דערצו נאָך — זאָגט סעטעמבריני ווייטער — אין וואָס פאַר אַ געזעלשאַפט האָט איר געגעסן אָט די קיכלעך? צוזאַמען מיט דעם הויפּטמאַן מיקלאָזיך פון בוקאַרעשט! מ׳פאַרזיכערט מיך, אַז ער טראָגט אַ גאָרסעט, אָבער גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט עס דאָ! איך באַשווער אייך, מאַדאַם, זאָגט מיר, וואו איר זענט געווען? זענט איר טאַקע אַ טאָפּל-געשטאַלט? אַלנפאַלס זענט איר דעמאָלט געשלאָפן. בשעת דער ערדישער טייל פון אייער וועזן האָט איינזאַם געמאַכט ליג-קוראַציע, האָט זיך דער ספּיריטועלער טייל געוויילט צוזאַמען מיטן הויפּטמאַן מיקלאָזיך און געגעסן זיינע קיכלעך...

פרוי שטער דרייט זיך און רוקט זיך, ווי מ׳וואָלט זי געקיצלט.

— ווער ווייסט, אפשר וואָלט אַמאָל בעסער געווען, ס׳זאָל זיין

פֿאַרקערט — זאָגט סעטעמבריני. — איר זאָלט גלייכער געניסן פֿון די קיכלעך אַליין און ליג-קוראַציע מאַכן מיטן הויפּטמאַן מיקלאָזיך...

— הי-הי-הי...

— צי איז אײַך באַקאַנט די אײַערנעכטיקע געשיכטע? — פֿרעגט דער איטאַליענער פּלוצלונג — מ'האָט עמעצן צוגענומען פֿון דאַנען. צי דער רוח האָט אים גענומען, אָדער גאָר זײַן מוטער, אַ גאַנץ ענערגישע דאַמע, זי איז מיר געפֿעלן. ס'איז דער יונגער שנייערמאַן, אַנטאָן שנייערמאַן, וואָס איז געזעסן דאָרט בײַ פֿרײַלין קלעפֿעלדס טיש. איר זעט איר, זײַן פּלאַץ איז ליידיק, באַלד וועט מען אים ווידער באַזעצן. כ'זאָרג מיך ווייניק, אָבער אַנטאָן איז אַוועק ווי אויף די פֿליגלען פֿון ווינט, פּלוצלינג, און אײדער ר'האָט זיך אומגעקוקט. אָנדערטהאַלבן יאָר איז ער דאָ געזעסן און סך-הכל איז ער אַלט געווען אַ יאָר זעכצן. מ'האָט אים ערשט ניט לאַנג געהאַט צוגעלייגט נאָך זעקס חדשים. וואָס-זשע איז געשען? כ'ווייס ניט, ווער ס'האָט געלאָזט בסוד וויסן דער מאַדאַם שנייערמאַן, אַלנפֿאַלס האָט זי געקריגן אַ ידיעה, ווי אַזוי עס פֿירט זיך איר זינדל בײַ ווײַן און נאָך אַנדערע זאַכן. פּלוצלונג האָט זי זיך באַוויזן, אַ גאַנצע מאַטראָנע — דרײַ קעפּ העכער פֿון מיר, מיט ווײַסע האָר און מלא-חמה. נישט אַרויסרײדנדיק קיין וואָרט, האָט זי אַראָפּגעלאָזט אַנטאָנען עטלעכע פּעטש, אים אָנגענומען בײַם קאָלנער און אַוועקגעפֿירט צו דער באַן. — אַ תּל ווערן — האָט זי געזאָגט — קאָן פֿון אים אונטן אויך. און אַוועק אַהיים.

אַלע, וואָס האָבן נאָר געהערט די מעשה, האָבן געלאַכט, ווײַל סעטעמבריני דערציילט וויציק. ער האָט געקאָנט אַלע לעצטע נײַסן, הגם ער קוקט אַזוי קריטיש און חוזקדיק אויף דעם גאַנצן לעבן דאָ. ער ווייסט אַלץ. ער קאָן אַפֿילו די נעמען פֿון די נײַאָנגעקומענע און ווייסט מער-ווייניקער, ווער יעדער איז. ער דערציילט, אַז נעכטן האָט מען בײַ דעם אין דעם אָדער בײַ דער אין דער געמאַכט אַ ריפּן-רעסעקציע* און ער ווייסט אויך פֿון דער

* דאָס אויסשנײַדן אַ ריפּ.

בעסטער קוועלע, אַז פון האַרבסט אָן וועט מען נישט אָננעמען קיין קראַנקע, וואָס האָבן איבער 38,5. אין דער לעצטער נאַכט — דערציילט ער — האָט זיך דאָס הינטל פון מאַדאַם קאַפּאַטסוליאַס פון מיטעלענע* אַוועקגעשטעלט אויף דעם עלעקטרישן סיגנאַל־קנעפּל פון זיין באַלעבאָסטעס נאַכט־טיש. צוליב דעם איז אַנטשטאַנען אַ געוויסער טומל און בהלה, בפרט, ווען מען האָט מאַדאַם קאַפּאַטסוליאַס נישט געטראָפן אַליין, נאָר צוזאַמען מיטן אַסעסאָר דיסטמונד פון פרידריכסהאַגן. אַפילו ד״ר בלומענקויל אַליין האָט אויך געמוזט אַ שמייכל טאָן ביי אָט־דער געשיכטע. די שיינע מאַרושיאַ האָט זיך שיער נישט דערשטיקט מיט איר פּערפומירט טיכל און פרוי שטער האָט אַזש גענומען קוויטשען, צוהאַלטנדיק די לינקע ברוסט מיט ביידע הענט.

אָבער מיט די קוזינען האָט לאָדאָוויקאָ סעטעמברינו גערעדט אויך וועגן זיך אַליין און פון זיין אָפּשטאַם. ס'פלעגט געשען ביי אַ שפּאַצירגאַנג, אַמאָל אויפן צונויפקום אינאָוונט אָדער נאָך מיטאָג, ווען ס'רוב פּאַציענטן איז שוין אַוועק פון עס־זאַל. דעמאָלט האָבן זיך אַלע דריי צוגעזעצט צוזאַמען אויף אַ ווייַלע ביים עק טיש. בשעת־מעשה האָבן די זאַל־טעכטער אָפּגערוימט פון די טישן און האַנס קאַסטאָרפּ האָט גערויכערט זיינע ציגאַרן מאַריאַ מאַנציני. אין דער דריטער וואָך האָט זייער ריח אים ווידער אָנגעהויבן אַ ביסל שמעקן. מיט פאַרשנדיקער פאַראינטערעסירטקייט און פאַרוואונדערונג, אָבער גרייט באַאיינפלוסט צו ווערן, האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם איטאַליענערס מעשיות, וואָס האָבן פאַר אים געעפנט אַ וואונדערלעכע, אינגאַנצן נייע וועלט.

סעטעמברינו האָט גערעדט וועגן זיין זיידן, וואָס איז געווען אַן אַדוואָקאַט אין מיילאַנד, אָבער דער עיקר איז ער געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט און אַ מין פּאָליטישער אַגיטאַטאָר, רעדנער און מיטאַרבעטער פון צייטשריפטן. אויך ער איז געווען אַן אָפּאָזיציאָנער, גלייך ווי דאָס אייניקל. אָבער ער האָט עס געפירט אין אַ גרעסערן, דרייסטערן סטיל. ווייל אין דער צייט, וואָס ער, לאָדאָוויקאָ — ווי

* הויפּטשטאָט פון אינזל לעסבאָס.

ער אַליין באַמערקט וועגן זיך מיט ביטערקייט — איז אָנגעוויזן דערויף, צו קריטיקירן דאָס לעבן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאַנאַטאָריע „בערגהאָף“, ביטער חוזק צו מאַכן פון אים און אין נאָמען פון אַ שיינער און טעטיקער מענטשלעכקייט צו פּראָטעסטירן קעגן דעם אַלעם, — האָט יענער פאַרזאָרגט מיט אַרבעט די רעגירונגען, קאָנספּירירט קעגן עסטרייך און דער הייליקער אַליאַנץ, וואָס האָבן דעמאָלט געהאַלטן זיין צעבראָכן פאָטערלאַנד אין יאָך פון קנעכשאַפט; ער איז געווען אַ הייסער מיטגליד פון געוויסע געהיימע געזעלשאַפטן, וואָס זיינען געווען ברייט פאַרשפּרייט איבער איטאַליע — ר'איז געווען אַ קאַרבאָנאַראָ, ווי סעטעמבריני דערקלערט מיט אַ פלוצלונג שטיל-געוואָרן קול, גלייך ס'וואָלט נאָך איצט אויך געווען געפערלעך צו ריידן וועגן דעם. בקיצור, לויט דעם איניקלס מעשיות, האָט אָט-דער דזשאָוזעפע סעטעמבריני זיך פאָרגעשטעלט אין ביידע צוהערערס פאַנטאַזיע, ווי אַ טונקעלער, ליידנשאַפטלעכער און אומרויִקער אינדיווידום, אַ רעדל-פירער און אַ רעוואָלוציאָנער. ביי דעם גאַנצן דרך-ארץ, וועלכן זיי האָבן זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצווייזן צוליב העפלעכקייט, איז זיי פונדעסטוועגן נישט אינגאַנצן געלונגען צו פאַרטרייבן פון זייערע פּנימער אַן אויסדרוק פון אומצוטרוי און אַפילו פון ווידערווילן. אַוודאי איז דער ענין גאָר אַן אַנדערער. דאָס, וואָס זיי האָבן איצט געהערט, איז געשען גאָר לאַנג, כמעט מיט הונדערט יאָר צוריק. ס'איז איצט שוין געשיכטע, און פון דער געשיכטע, דער עיקר פון דער אַלטער, זיינען פאַר זיי טעאָרעטיש גאַנץ גוט באַקאַנט געווען אַזעלכע טיפּן, ווי דער, פון וועלכן זיי האָבן איצט געהערט: מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך פאַרצווייפלטן באַגער צו פרייהייט און אַ פאַרעקשנטע שנאה צו טיראַנען. זיי האָבן זיך בלויז נישט פאָרגעשטעלט אַזוי אוממיטלבאַר און פערזענלעך זיך צונויפטרעפן דערמיט. צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציאָנערישקייט און קאָנספּיראַטיווקייט פון אָט-דעם זיידן, האָט זיך אויך, ווי זיי הערן, פאַרבונדן אַ גרויסע ליבע צום פאָטערלאַנד. ער האָט געשטרעבט, עס זאָל זיין פאַראייניקט און פריי. יאָ, זיין צעשטערערישע טעטיקייט איז געווען אַ פּראָדוקט און דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער בכבודיקער צונויפפאָרונג. די מישונג פון רעוואָלוציאָנעריש-

קייט און פּאַטריאָטיזם האָט מאָדנע געווירקט אויף די קוזינען, סיי אויף איינעם, סיי אויפן צווייטן, ווייל זיי זיינען געוויינט געווען צו אידענטיפיצירן דעם חוש פאַר פּאַטריאָטיזם מיט דער נייגונג צו דערהאַלטן די אַלטע אָרדענונג. פונדעסטוועגן האָבן זיי געמוזט מודה זיין בײַ זיך אַליין, אַז אַזוי ווי די לאַגע איז געווען דאָרטן אין דעמאָלט, האָט מרידה געקאָנט זיין אַ בירגערלעכע מעלה, בעת לאָיאַלע געזעצטקייט איז געווען געגליכן צו פוילער גלייכגילטיקייט לגבי דעם פּאָליטישן לעבן.

אָבער סעטעמברינים זיידע איז נישט בלויז געווען אַ איטאַליענישער פּאַטריאָט, נאָר אַ מיטבירגער און מיטקעמפער פון אַלע פעלקער, וואָס האָבן געשטרעבט צו פרייהייט. ווייל נאָכדעם ווי עס איז דורכגעפאַלן אַ געוויסער פּרווו פון אַ מלוכה-איבערקערעניש אין טורין, אין וועלכן דער זיידע האָט זיך באַטייליקט מיט וואָרט און טאַט און בײַ וועלכן ער איז קוים מיט צרות ניצול געוואָרן פון פירשט מעטערניכס כאַפּערס — האָט ער באַנוצט זיין גלות-צייט אויף צו קעמפן און צו בלוטיקן פאַר דער קאָנסטיטוציע אין שפּאַניע און פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון העלענישן פאָלק אין גריכנלאַנד. דאָ איז געבוירן געוואָרן סעטעמברינים פאָטער — צוליב דעם איז ער טאַקע געוואָרן אַזאַ גרויסער הומאַניסט און ליבהאָבער פון קלאַסישן אַלטערטום. די מוטער איז, אַגב, געווען פון דייטש בלוט, ווייל דער זיידע האָט חתונה געהאַט מיט דעם מיידל אין דער שווייץ און זי מיטגעפירט אויף זיין אַוואַנטוריסטישן וועג. שפּעטער, נאָך צען יאָר אָפּריכטן גלות, האָט ער געקאָנט צוריק אַהיימקומען אין לאַנד אַריין. ער איז אין מיילאַנד טעטיק געווען, ווי אַן אַדוואָקאַט. ער האָט אָבער לחלוטין נישט אויפגעהערט דורך גערעדטן און געשריבענעם וואָרט, אין פּערזן און אין פּראָזע אויפצופאָדערן דאָס פאָלק צו פרייהייט און צו דעם שאַפן אַן איינהייטלעכע רעפּובליק. מיט ליידנשאַפטלעכן, דיקטאַטאָרישן שוואונג האָט ער געשאַפן מלוכה-איבערקערערישע פּראָגראַמען און האָט מיט אַ קלאָרן סטיל גערופן צו אַ פאַראייניקונג פון די באַפרייטע פעלקער צוליב דער אַלגעמיינער טובה. איין פּרט, וועלכן ס'האָט דערמאָנט סעטעמבריני דאָס אייניקל, האָט אויף דעם יונגן האַנס קאַסטאָרפּ געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק: אַז דער זיידע

דזשאָזעפּע האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געוויזן פאַר זיינע לאַנדסלייט תמיד בלויז אין שוואַרצע טרויער־מלבושים. ער טרויערט — האָט ער געזאָגט — ווייל זיין פאָטערלאַנד איטאַליע ווערט פאַרפייניקט אין עלנט און אין קנעכטשאַפט. דערהערנדיק דאָס, האָט האַנס קאַסטאָרפּ געמוזט, אַגב נישט צום ערשטן מאָל, אַ טראַכט טאָן וועגן זיין אייגענעם זיידן, וואָס האָט אויך, אַזוי לאַנג, ווי דאָס אייניקל האָט אים געקאָנט, געטראָגן שוואַרצע מלבושים, כאָטש צוליב גאָר אַנדערע סיבות, ווי סעטעמבריניס זיידע. ער האָט געטראַכט וועגן דער אַלטמאָדישער הלבשה, דורך וועלכער האַנס לאָרענץ קאַסטאָרפּ האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז ר'איז אַ מענטש פון דער פאַרגאַנגענער צייט און אַז ער האָט זיך בלית־ברירה צוגעפּאַסט צו דער איצטיקייט, אונטערשטרייכנדיק, אַז ער האָט נישט קיין שייכות צו איר. ביז ער האָט ערשט טויטערהייט אויף אַ פייערלעכן אופן געקריגן זיין אמתע און צוגעפּאַסטע געשטאַלט (מיט דער טעלער־קרויז). דאָס זיינען באמת געווען צוויי אינגאַנצן פאַרשיידענע זיידעס. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געטראַכט וועגן דעם, קוקנדיק קעגן זיך שטייף און שאָקלענדיק פאָרזיכטיק מיטן קאָפּ, אַזוי, אַז ס'האָט געקאָנט זיין אי אַ סימן פון באַוואונדערונג פאַר דזשאָזעפּע סעטעמבריני, אי ווי אַ סימן פון נישט פאַרשטיין און נישט מסכים זיין. ער האָט זיך אויך געהיטן נישט צו משפּטן שלעכט דאָס פרעמדע און האָט זיך באַגרענעצט בלויז צו פאַרגלייכן און פעסטצושטעלן. ער האָט געזען דעם אַלטן האַנס לאָרענצעס שמאָלן קאָפּ, ווי ער בויגט זיך איבער פאַרטראַכט, איבער דער בלייך־גאָלדיקער טויף־שאָל, נייגט זיך צו צו דעם שטייענדיק־איבערגייענדיקן ירושה־חפץ, מיט אַ קיילעכיק מויל. וואָרעם זיינע ליפּן האָבן כסדר אַרויסגעזאָגט „עלטער־עלטער", אָט דער פאַרדומפּענער און פרומער קלאַנג, וואָס האָט דערמאָנט אין ערטער, וואו מ'גייט צוליב יראת־הכבוד זיך וויגנדיק פאָראויס. ער האָט געזען דזשאָזעפּע סעטעמבריני מיט דער דרייקאָלירקער פאָן אין דער האַנט, מיט אַן אַרויסגענומענער שווערד און מיט די שוואַרצע אויגן געווענדט צום הימל מיט אַ נדר. ער גייט פאָראויס פאַר אַ מחנה פרייהייט־קעמפער, כדי צו שטורמען די פעסטונגען פון דעספּאָטיזם. ביידע האָבן געהאַט זייער שיינקייט און כבוד —

האָט ער געטראַכט, און דערפאַר, ווייל ר'איז געווען פּערזענלעך אָדער האַלב=פּערזענלעך פאַר איין צד — האָט ער זיך טאַקע דערפאַר שטאַרק באַמיט צו זיין גערעכט. סעטעמברינים זיידע האָט געקעמפט פאַר פּאָליטישע רעכט. אָבער זיין זיידע אָדער נאָך יענעמס אָבות האָבן לכתחילה געהאַט אַלע רעכט. בלויז דער המון האָט זיי אַרויסגעריסן אין משך פון פיר יאָר=הונדערטער מיט געוואַלד און אויסנאַרעריי... ביידע זיינען געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצן, סיי דער זיידע פון צפון און סיי דער זיידע פון דרום. ביידע זיינען אויך דאָס אייגענע אויסן געווען: צו שאַפן אַ פעסטע מחיצה צווישן זיך און דער שלעכטער געגנוואַרט. אָבער איינער האָט עס געטאָן צוליב פרומקייט, כדי אָנצוטאָן כבוד דעם עבר און דעם טויט, צו וועלכע ער האָט, לויט זיין מהות, געהערט. דער צווייטער, פאַרקערט, האָט עס געטאָן צוליב מרידה און לכבוד דעם רעליגיע=פיינטלעכן פּראָגרעס. יאָ, דאָס זיינען געווען צוויי וועלטן, אָדער צוויי ספערעס -- האָט האַנס קאַסטאָרפּ געטראַכט. בשעת סעטעמבריני האָט דערציילט, האָט זיך האַנס קאַסטאָרפּן אויסגעוויזן, גלייך ער וואָלט געשטאַנען צווישן ביידע און פאָרשנדיק זיך אַיינגעקוקט דאָ אין דער איינער, דאָ אין דער אַנדערער און דערביי האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט שוין אַמאָל איבערגעלעבט עפּעס אַזוינס. ער דערמאָנט זיך אין אַן איינזאַמער נסיעה אויף אַ לאָדקע אין בין=השמשות, אויף אַ האָלשטיינישער אָזערע, אין שפּעט=זומער, מיט עטלעכע יאָר צוריק. ס'איז געווען אַרום זיבן אַ זייגער, די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען, איבער דעם געדיכט=באַוואַקסענעם ברעג. אין מזרח איז שוין געהאַט אויפגעגאַנגען די כמעט פולע לבנה. אין משך פון צען מינוט, בעת האַנס קאַסטאָרפּ האָט גערודערט אויפן שטילן וואַסער, האָט געהערשט עפּעס אַ מבולבלדיקע און פאַרחלומטע קאָנסטעלאַציע. אין מערב איז געווען העלער טאָג, אַ גלאָזיק=קלאָר און שאַרף טאָגליכט. אָבער תיכף, ווי ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָט ער דערזען פאַר זיך אַ בולטע, ממש פאַרכישופטע לבנה=נאַכט מיט פייכטע נעפּלען. דער דאָזיקער משונהדיקער אָנבליק האָט אַזוי געדויערט אַ קנאַפּע פערטל שעה, ביז די נאַכט און די לבנה האָבן גובר געווען. אָבער ביז דעמאָלט האָבן האַנס קאַסטאָרפּס פאַרבלענדטע

און פאַרכישופטע אויגן מיט לוסטיקער שטוינונג געקוקט פון איין באַלויכטונג צו דער אַנדערער, פון איין לאַנדשאַפט צו דער אַנדערער, פון טאָג צו דער נאַכט און פון דער נאַכט צוריק צום טאָג. איצט האָט ער געמוזט טראַכטן וועגן דעם.

קיין גרויסער יוריסט — טראַכט ער ווייטער — האָט אַדוואָקאַט סעטעמבריני נישט געקאָנט ווערן ביי זיין לעבנס־שטייגער און ביי זיינע פאַרשיידענע עסקים. אָבער דער אַלגעמיינער פרינציפּ פון רעכט האָט אים, ווי דאָס אייניקל דערציילט איבערצייגנדיק, באַגייסטערט פון דער יוגנט אָן, ביז צום סוף פון זיין לעבן. און נישט געקוקט דערויף, וואָס האַנס קאַסטאָרפּ האָט גראָד געהאַט אַ פאַרהאַקטן קאָפּ און איז געווען שטאַרק איבערגעגעסן פון אַ בערגהאָפישער זעקס־שפייזיקער מאָלצייט, האָט ער זיך פונדעסטוועגן באַמיט צו פאַרשטיין, וואָס סעטעמבריני מיינט מיט דעם פרינציפּ, ווען ער רופט אָן: „דער מקור פון פרייהייט און פראָגרעס". אונטערן וואָרט פראָגרעס האָט האַנס קאַסטאָרפּ ביז איצט פאַרשטאַנען עפּעס אַזוינס, ווי די אַנטוויקלונג פון די הייבמאַשינען אין ניינצנטן יאָרהונדערט. סעטעמבריני, וואָס אמת, שאַצט דאָס נישט אונטער, ווי קאַסטאָרפּ זעט. זיין זיידע האָט עס, אַפּנים, אויך נישט געטאָן. דער איטאַליענער האָט גרויס דרך־ארץ פאַר דעם פאָטערלאַנד פון זיינע ביידע צוהערער דערפאַר, וואָס מ'האָט דאָרטן אויסגעפונען שיס־פולווער, צוליב וועלכן דער פעאָדאַליזם פון פאַנצער איז געוואָרן אַ אַלט שטיק בלעך. דאָס אייגענע איז אויך — בנוגע דער דרוק־מאַשין: ווייל זי האָט מעגלעך געמאַכט די דעמאָקראַטישע פאַרשפרייטונג פון אידעען, ד"ה די פאַרשפרייטונג פון דעמאָקראַטישע אידעען. ער האַלט צוליב דעם פון דייטשלאַנד, אויף ווי ווייט ס'גייט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, כאָטש ער האַלט, אַז זיין אייגן לאַנד האָט על־פי יושר די בכורה. ווייל בשעת אַנדערע פעלקער זיינען נאָך געווען פאַרזונקען אין פאַנאַטיזם און קנעכטשאַפט, האָט איטאַליע די ערשטע שוין איינגעהויבן די פאָן פון אויפקלערונג, בילדונג און פרייהייט. אָבער אויב ער ווייזט אַרויס דרך־ארץ פאַר דער טעכניק און דער קאָמוניקאַציע, וואָס איז האַנס קאַסטאָרפּס פערזענלעך אַרבעטס־געביט (ער האָט עס געטאָן שוין ביי זיין ערשטער

באַגעגעניש מיט די קוזינען ביים באַנק לעבן שיפּיע), טוט ער נישט צוליב אָט־די כּוחות גופא, נאָר צוליב זייער באַטייט פאַר דער מאָראַלישער פאַרפולקומונג פון דער מענטשהייט. ווייל ער האַלט צו זיין גרויסער פרייד, אַז זיי האָבן טאַקע אַזאַ באַטייט. וואָס מער די טעכניק — זאָגט ער — איז משעבּד די נאַטור צו זיך דורך די פאַרבינדונגען, וועלכע זי שאַפט, בויענדיק וועגן און טעלעגראַפן און באַזיגנדיק די קלימאַטישע אונטערשיידן — אַלץ מער ווייזט זיך אַרויס, אַז זי איז דאָס זיכערסטע מיטל צו דערנענטערן די פעלקער צווישן זיך, צו אַנטוויקלען זייער קעגנזייטיקע באַקאַנטשאַפט, צו שאַפן בריקן פאַר מענטשלעכן אויסגלייך, אויסצוואָרצלען זייערע פאָראורטיילן און סוף־כּל־סוף צו דערפירן צו דער אַלגעמיינער פאַראייניקונג. דאָס מענטשלעכע געשלעכט קומט אַרויס פון חשכות, מורא און שנאה, אָבער עס גייט אויפן גלענצנדיקן וועג פאָרויס און באַרג־אַרויף און שטרעבט צו דעם ענדגילטיקן מצב פון פריינטשאַפט, אינערלעכער הייליקייט, גוטסקייט און גליק. און אויף דעם דאָזיקן וועג — זאָגט ער — איז די טעכניק דער בעסטער וועהיקול. אָבער רײדנדיק אַזוי, בינדט ער מיט איין אָטעם צונויף אַזעלכע קאַטעגאָריעס, וועלכע האַנס קאַסטאָרפּ איז ביז איצט געווען געוווינט צו האַלטן פאַר פאַרשיידענע זאַכן. טעכניק און עטיק! — זאָגט ער. דערנאָך נעמט ער גאַנץ ערנסט רײדן וועגן אויסלייזער, וואָס האָט דער ערשטער מגלה געווען דעם פּרינציפּ פון גלייכהייט און אחדות. ווייטער קומט די דרוק־מאַשין און פאַרשפּרייט ווייט דעם דאָזיקן פּרינציפּ, ביז די פראַנצויזישע מלוכה־איבערקערעניש דערהייבט אים צו אַ געזעץ. דאָס האָט דעם יונגען האַנס קאַסטאָרפּ אינגאַנצן צעטומלט, כאָטש הער סעטעמבריני האָט דאָס אַלץ אַרויסגעזאָגט אין אַזעלכע קלאָרע שיינע ווערטער. איינמאָל — דערציילט ער — בלויז איינמאָל אין זיין לעבן, אינאָנהייב פון זיינע בעסטע מענלעכע יאָרן, האָט זיך זיין זיידע געפילט גליקלעך מיטן גאַנצן האַרץ, ס׳איז געווען אין דער צייט פון דער פּאַריזער יולי־רעוואָלוציע. ער האָט דעמאָלט הויך און עפנטלעך געזאָגט, אַז אַלע מענטשן וועלן אַמאָל יענע דריי טעג אין פּאַריז אַוועקשטעלן לעבן די זעקס טעג פון דער וועלט־באַשאַפונג. ביי אָט־די ווערטער האָט

האַנס קאַסטאָרפּ זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, נישט אַ קלאַפּ צו טאָן מיט דער פויסט אין טיש און נישט נבהל ונשתומם צו ווערן. מ׳זאָל נעמען די דריי זומער-טעג פון יאָר 1830, אין וועלכע די פּאַריזער האָבן זיך געשאַפן אַ נייע קאָנסטיטוציע און זיי אַוועקשטעלן לעבן די זעקס טעג, אין וועלכע גאָט האָט אָפּגעשיידט די יבשה פון וואַסער און געשאַפן די שטערן אין הימל צוזאַמען מיט בלומען, ביימער, פייגל, פיש און אַלדאָס לעבעדיקע — דאָס איז צו-שטאַרק געזאָגט. אַפילו שפּעטער, נאָכדעם, ווי ער האָט דעם ענין ברייט אַרומגערעדט מיט יאָאַכימען, איז ער נאָך אַלין געבליבן ביי דער מיינונג, אַז דאָס איז צו שאַרף און אַפילו שאָקירנדיק.

אָבער ער האָט זייער געוואָלט באַאיינפלוסט ווערן. דאָס דאַרף מען אַזוי פאַרשטיין, אַז ר׳האָט געהאַלטן פאַר אָנגענעם צו מאַכן פּרוּוון. צוליב דעם האָט ער געצוימט אין זיך דעם פּראָטעסט, וועלכער איז אַנטשטאַנען אין אים אַדאַנק זיין פּיעטעט און גוטן געשמאַק קעגן סעטעמברינים קוק אויף די ענינים: ר׳האָט געפּרוּווט פאַרשטיין, אַז דאָס, וואָס ס׳זעט אים אויס זינדיק, קאָן געהאַלטן ווערן פאַר דרייסטקייט, און דאָס, וואָס זעט אים אויס צו זיין געשמאַקלאָז, האָט, לכל-הפּחות אַמאָל און ערגעץ-אַנדערש, געקאָנט זיין גרויסהאַרציקייט און איידעלע געהויבנקייט. אַזוי, למשל, האָט סעטעמברינים זיידע גערופן די באַריקאַדן „פאָלקס-טראָן“ און געטענהט, אַז „די שפּיז פון בירגער דאַרף געהייליקט ווערן אויפן מזבח פון דער מענטשהייט“.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט געוואוסט, פאַרוואָס ער הערט זיך צו צו סעטעמבריני, נישט בולט, אָבער דאָך געוואוסט. ס׳איז דערין געווען אַ מין געפיל פון חוב. אַחוץ יענער פעריען-אַחריותלאָזיקייט פון אַ פאָרנדיקן מענטש און אַ האָספּיטאַנט, וואָס באַהאַלט זיך נישט פאַר קיין שום איינדרוק און לאָזט אַלץ ווירקן אויף זיך, פול מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער וועט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן ווידער נעמען וועג און זיך אומקערן צו דער אַלטער אָרדענונג — אַחוץ דעם איז נאָך געווען אַ מין געפיל פון פליכט. עס איז געווען אַ מין פאָדערונג פון געוויסן, אָדער נאָך גענויער — די פאָדערונג

און מאָנונג פון אַ שלעכט געוויסן האָט אים דערפירט דערצו, ער זאָל זיך צוהערן צום איטאַליענער. ער האָט עס געטאָן ויצנדיק מיט איין פוס איבערן אַנדערן און פאַפּענדיק זיין מאַריאַ מאַנציני, אָדער בעת זיי זיינען אין דרייען געגאַנגען פון ענגלישן קוואַרטאַל צוריק אויף דעם „בערגהאָף“.

לויט סעטעמבריניס קוק און פאָרשטעלונג ראַנגלען זיך צוויי פרינציפּן אין קאַמף אַרום דער וועלט: די מאַכט און דאָס רעכט, די טיראַנעריי און די פרייהייט, דער אָבערגלויבן און דאָס וויסן, דער פרינציפּ פון אָפּגעשטאַנענקייט און פון אייביקער באַוועגונג, פון פּראָגרעס. דעם ערשטן פרינציפּ קאָן מען אָנרופן דעם אַזיאַטישן, דעם אַנדערן — דעם אייראָפּעישן. ווייל אייראָפּע איז שוין געווען דאָס לאַנד פון מרידה, פון קריטיק און פון רעפאָרמען, בעת דער מזרח־דיקער וועלט־טייל האָט נאָך אַלץ פאַרקערפּערט מיט זיך די אומבאַוועגלעכקייט און די פאַרגליווערטקייט. ס'איז גאָר קיין ספק נישט דערין, וועלכער כוח פון די ביידע ס'וועט סוף־כל־סוף מנצח זיין. מנצח זיין וועט די אויפקלערונג, די שכלדיקע פאַרבולקומונג. ווייל די מענטשלעכקייט רייסט מיט מיט זיך אַלץ מער פעלקער אויף דעם גלענצנדיקן וועג, אַלץ מער שטח נעמט זי אַרום אין אייראָפּע אַליין און זי הייבט זיך שוין אָן אַריינצורייסן קיין אַזיע. ביז צום פולן נצחון פעלט נאָך אַ סך; נאָך גרויסע און איידעלע אָנשטרענגונגען דאַרפן געמאַכט ווערן פון יענע אויפגעקלערטע, וועלכע האָבן ביז איצט דערהאַלטן די ליכטיקייט, ביז ס'וועט קומען דער טאָג, ווען אויך אין יענע לענדער פון אייראָפּע, וועלכע האָבן נאָך באמת נישט געהאַט נישט קיין 18טן יאָרהונדערט און נישט קיין יאָר 1798, וועלן סוף־כל־סוף צעפאַלן די מאָנאַרכיעס און די רעליגיעס. אָבער אָט־דער טאָג וועט קומען — זאָגט סעטעמבריני און שמייכלט שוין אונטער זיין וואָנסע. ער וועט קומען, אויב נישט אויף טויבן־פיסלעך, איז אויף אָדלער־פליגל. ער וועט אויפשיינען, ווי די מאָרגן־רויטקייט פון דער אַלגעמיינער פעלקער־פאַרברידערונג אונטערן צייכן פון שכל, וויסנשאַפט און רעכט. די הייליקע אַליאַנץ פון דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע וועט ער ברענגען מיט זיך, דעם ליכטיקן היפוך פון יענער דריי־מאָל־פאַרשאָלטענער אַליאַנץ פון פירשטן און קאַבינעטן,

וועמענס פערזענלעכער דם-שונא ס'איז געווען דער זיידע דזשאָזעפע. בקיצור, ס'וועט זיין די וועלט-רעפובליק, אָבער כדי צו דערגיין צו דעם דאָזיקן ציל, איז קודם-כל נייטיק, אַז מ'זאָל דערלאַנגען אַ קלאַפּ דעם אַזיאַטישן, קנעכטישן פּרינציפּ פון אָפּגעשטאַנענקייט אין זיין מיטלפּונקט און לעבנס-נערוו — אין ווין. דער עיקר דאַרף מען צעשטערן און צעשלאָגן, קודם-כל צוליב נקמה פאַר אַמאָל, צווייטנס, כדי צו מאַכן אַ וועג פאַר דער הערשאַפט פון רעכט און גליק אויף דער ערד.

די דאָזיקע לעצטע ווענדונג און קאָנסעקווענץ פון סעטעמברינים שיינע דרשות האָט האַנס קאַסטאָרפּן שוין גאָרנישט אינטערעסירט, ס'איז אים נישט געפעלן, עס האָט אויף אים אַפילו געווירקט פּיינלעך, ווי אַ פערזענלעכע אָדער נאַציאָנאַלע פאַרביסנקייט. דאָס איז געשען יעדעס מאָל מיט האַנס קאַסטאָרפּן, שוין נישט ריידנדיק וועגן יאָאַכים צימסען. יעדעס מאָל, ווען דער איטאַליענער דער-גייט דערצו, דרייט ער אים דעם קאָפּ מיט פינסטער-פאַרצויגענע ברעמען און הערט מער נישט אים, אָדער פּרוּווט דערמאָנען וועגן קוראַציע אָדער אַרויספירן דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש. אויך האַנס קאַסטאָרפּ האַלט, אַז ער איז נישט מחוייב זיך צו לאָזן אויף אַזעלכע אָפּוועגן — עס איז, אַפּנים, נישט געלעגן אין דער גרע-נעץ פון דעם, פון וואָס ער האָט געדאַרפט באַאיינפלוסט ווערן לויט די פאָדערונגען פון זיין געוויסן. אַגב, זיינען די דאָזיקע פאָ-דערונגען געווען אַזעלכע שטאַרקע, אַז ער אַליין האָט אָנגעהויבן סעטעמברינען צו מאָנען, ער זאָל אַרויסזאָגן זיינע אידעען, תיכף ווי יענער האָט זיך צוגעזעצט צו זיי, אָדער בעת זיי האָבן זיך גע-טראָפן אינדרויסן.

די דאָזיקע אידעען, אידעאַלן און שטרעבונגען — באַמערקט סעטעמבריני — זיינען ירושה-זאַכן אין זיין משפּחה. ווייל אַלע דריי האָבן זיי אָפּגעגעבן דערפאַר זייער לעבן און גייסטיקע כוחות — סיי דער זיידע, סיי דער פאָטער, סיי דאָס איינקל, יעדער אויף זיין שטייגער. דער פאָטער האָט עס געטאָן נישט ווייניקער פון זיידן דזשאָזעפע, כאָטש ר'איז נישט געווען קיין פּאָליטישער אַגיטאַטאָר און פרייהייטס-קעמפער, ווי יענער, נאָר אַ שטילער און צאַרטער

געלערנטער, אַ הומאַניסט ביי זיין שטענדער. אָבער וואָס איז הומאַניזם? — ליבע צום מענטש איז עס, נישט אַנדערש און ממילא איז הומאַניזם אויך פּאָליטיק, איז ער אויך מרידה קעגן אַלץ, וואָס ברענגט אומכבוד און איז מבזה די אידעע פון מענטש. מ'האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער שעצט צופיל אין איבערגעטריבן די פאָרם. אָבער אויך די שיינע פאָרם ווערט סוף־כל־סוף פון הומאַניזם געפלעגט בלויז צוליב דעם כבוד פון מענטש, אין גלענצנדיקן היפוך צום מיטלאַלטער, וואָס איז געווען פאַרזונקען נישט בלויז אין מענטשן־שנאה און פאַנאַטיזם, נאָר אויך אין פאַסקודנער פאָרמלאָזיקייט. פון סאַמע אָנהייב האָט דער הומאַניזם געקעמפט פאַר די אינטערעסן פון מענטש. פאַר די ערדישע ענינים; פאַר געדאַנקען־פרייהייט און לעבנס־פרייד. ער האָט געהאַלטן, אַז דעם הימל קאָן מען פאַרגינען די פייגעלעך. פראָמעטעוס! ער איז געווען דער ערשטער הומאַניסט און ער איז אידענטיש מיט יענעם שטן, צו וועלכן קאַרדוטשי האָט געזונגען זיינע הימנען... אַך, מיין גאָט, די קוזינען וואָלטן געדאַרפט הערן דעם אַלטן קירכן־פיינד פון באָלאָנאַ, ווי ער שטעכט און זידלט די קריסטלעכע סענטימענטאַלקייט פון די ראָמאַנטיקער! מאַנצאָנים הייליקע געזאַנגען! די שאָטן־און לבנה־פּאָעזיע פון „ראָמאַנטיציזמאָ", וועלכן ער האָט פאַרגליכן צו דער „בלייכער הימלישער נאָנע, לונאַ*"! פער באַקראָ**, וואָס פאַר אַ תענוג ס'איז געווען! איר וואָלט אויך געדאַרפט הערן ווי ער, קאַרדוטשי, האָט אויסגעטייטשט דאַנטען, ער האָט אים אָפּגעגעבן כבוד, ווי אַ בירגער פון דער גרויסער שטאָט, וואָס האָט פאַרטיידיקט די איבערקערערישע און וועלט־פאַרבעסערנדיקע שטרעבונגען קעגן אַסקעטיזם און וועלט־פאַרניינונג. ווייל נישט דעם קרענקלעכן און מיסטאַגאָגישן*** שאָטן פון בעאַטריטשע האָט דער דיכטער באַערט מיט דעם נאָמען „דאָננאַ דזשענטילע עפּיעטאָסאַ"****. אַזוי האָט גיכער געהייסן זיין ווייב, וועלכע פאַרקערפּערט אין דער פּאָעמע דעם פּרינציפּ פון דער וועלטישער דערקענטניש, פון פּראַקטישער לעבנס־אַרבעט....

---

* לאטייניש: לבנה. ** אן איטאליעניש פאָלקס־שבועה: אויף באקכוס (גאָט פון וויין). *** רעליגיעז־סודותפול. **** ליבע און בארמהארציקע פרוי.

אַזוי אַרום האָט האַנס קאַסטאָרפּ געהערט אויך דאָס און יענץ וועגן דאַנטען און נאָך פון דער בעסטער קוועלע. איינגאַנצן פאַרלאָזט זיך דערויף האָט ער אויך נישט, געמענדיק אין אַכט, אַז דער איבערגעבער איז אַ שטיקל פלוט. אָבער אַלנפאַלס איז כּדאַי געווען דאָס צו הערן, אַז דאַנטע איז געווען אַן אויפגעקלערטער שטאָט־מענטש. ער הערט אויך ווייטער, ווי סעטעמברייני רעדט וועגן זיך אַליין און דערקלערט, אַז אין זיין פּערזאָן, אין אייניקל לאָדאָוויקאָ סעטעמברייני, האָבן זיך מסתּמא פאַראייניקט די טענדענצן פון זיינע צוויי אָבות, די פּאָליטישע טענדענצן פון זיידן און די הומאַניסטישע — פון פאָטער. דערפאַר איז ער געוואָרן אַ ליטעראַט, אַ פרייער שריפטשטעלער, ווייל די ליטעראַטור איז טאַקע דאָס: זי איז די פאַראייניקונג פון הומאַניזם מיט פּאָליטיק. די דאָזיקע צונויפשמעלצונג איז אַ נאַטירלעכע, ווייל הומאַניזם אַליין איז פּאָליטיק און פּאָליטיק איז הומאַניזם. דאָ הערט זיך האַנס קאַסטאָרפּ צו מיט קאָפּ און באַמיט זיך גוט צו פאַרשטיין. ער וויל אַזוי־אַרום דערגיין, פאַרוואָס דער ביר־ברייער מאַגנוס איז אַן עם־האָרץ און אויף ווי ווייט ליטעראַטור איז נאָך עפּעס מער, ווי „שיינע כאַראַקטערן". צי האָבן זיי — פרעגט סעטעמברייני זיינע צוהערער — געהערט וועגן ברונעטטאָ, ברונעטטאָ לאַטיני, שטאָט־שרייבער פון פלאָרענץ בערך אין 1250, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך וועגן גוטע און שלעכטע מידות? דער דאָזיקער מייסטער האָט דער ערשטער אויסגעשליפן די פלאָרענציאַנער, האָט זיי געלערנט ריידן און אויך די קונסט, ווי אַזוי צו פירן זייער רעפּובליק לויט די כּללים פון פּאָליטיק. אָט דאָס איז עס, מיינע הערן! — רופט אויס סעטעמברייני — דאָ האָט איר עס! און ער נעמט ריידן וועגן „וואָרט", וועגן קולט פון וואָרט, וועגן דער עלאָקווענץ*, וועלכע ער רופט אָן — דער נצחון פון מענטשלעכקייט. ווייל דאָס וואָרט איז דער כּבוד פון מענטש און נאָר צוליב דעם האָט דאָס לעבן אַ ווערט פאַרן מענטש. נישט בלויז הומאַניזם, נאָר הומאַניטעט בכלל, מענטשן־כּבוד, דרך־ארץ פאַרן מענטש און דרך־ארץ פאַר זיך אַליין — דאָס אַלץ איז אומצוטיילבאַר פאַר־

---

* רעדנער־קונסט.

בונדן מיטן װאָרט, מיט דער ליטעראַטור (זעסט שױן — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ שפּעטער צו זײַן קוזין — זעסט שױן, אַז אין דער ליטע־ראַטור זײַנען דער עיקר שײנע װערטער? איך האָב עס גלײך פאַר־שטאַנען). ממילא איז אױך פּאָליטיק פאַרבונדן מיט ליטעראַטור, אָדער בעסער געזאָגט: זי שטאַמט פון דער צונױפגעבונדנקײט, פון דער צונױפגעזאַמקײט, פון הומאַניטעט מיט ליטעראַטור. װײל פון שײנעם װאָרט קומט אַרױס אַ שײנער טאַט. מיט צװײ הונדערט יאָר צוריק — זאָגט סעטעמבריני — איז אין אײער לאַנד געװען אַ דיכטער, אַ פּרעכטיקער אַלטער דערצײלער, װאָס האָט געלײגט גרױס געװיכט אױף אַ שײן כתב, װײל ר'האָט געמײנט, אַז דאָס ברענגט דערצו, מ'זאָל קריגן אַ שײנעם סטיל. ער װאָלט אָבער געקאָנט גײן נאָך װײטער און זאָגן, אַז אַ שײנער סטיל ברענגט צו שײנע מעשים. שײן שרײבן, דאָס איז שױן כמעט דאָס אײגענע, װאָס שײן דענקען, און פונדאַנען איז שױן נישט װײט צו שײנע מעשים. יעדע עטיש־קײט און עטישע שלמות שטאַמט פון גײסט פון ליטעראַטור, יע־נער גײסט פון מענטשן־ערע, װאָס איז גלײכצײטיק אױך דער גײסט פון הומאַניטעט און פון פּאָליטיק. יאָ, דאָס אַלץ איז אײנס, ס'איז דער זעלביקער כוח און די זעלביקע אידעע און מ'קאָן עס אַרומנעמען מיט אײן נאָמען. װאָס פאַר אַ נאָמען דאָס איז? אָט דער נאָמען װערט צונױפגעשטעלט פון הײמישע זילבן, אָבער ז'יער זין און מאַיעס־טעטישקײט האָבן די קוזינען מסתּמא נאָך קײנמאָל נישט באַנומען, װי עס דאַרף צו זײַן. דער נאָמען איז: ציװיליזאַציע! און בשעת סע־טעמבריני לאָזט אַרױס פון מױל אָט־דאָס װאָרט, גיט ער אַ הײב אױף אינדערהױך זײַן קלײנע, געלע רעכטע האַנט, װי עמעץ װאָס האַלט אַ טאָאַסט.

דאָס אַלץ — האַלט האַנס קאַסטאָרפּ — איז כדאַי אױסצוהערן. אמת, אָן אַ באַזונדערער התחייבות, גיכער — אױף אַ פּרוּװ, אָבער דאָך האַלט ער, אַז ס'איז אױף יעדן פאַל כדאַי מ'זאָל עס אױס־הערן. דאָס אײגענע זאָגט ער אױך צו יאָאַכים ציִמסען. אָבער יע־נער האָט גראָד געהאַלטן דעם טערמאָמעטער אין מױל און האָט בלױז געקאָנט ענטפערן נישט דײטלעך. דערנאָך איז ער געװען צו־שטאַרק פאַרנומען בײם איבערלײענען די ציפערן און פאַרשרײבן אין

דער טאַבעלע, אַז ר'זאָל גיין אַרויסזאָגן מיינונגען וועגן סעטעמבריניס קוק. האַנס קאַסטאָרפּ, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, האָט מיטן גוטן ווילן אין זיך דאָס אַלץ איינגעזאַפּט און האָט געפּרווט עפּענען דאָס האַרץ פאַר דעם. דערפון ווערט קודם־כל קלאָר, אויף וויפל דער וואַכנדיקער מענטש איז בעסער פון דעם נאַריש־חלומענדיקן. ווייל אין חלום האָט האַנס קאַסטאָרפּ שוין נישט איינמאָל געזידלט סעטעמברינין, גערופן אים אין די אויגן אַריין קאַטאַרינאַזש און האָט זיך מיט אַלע כּוחות אָנגעשטרענגט פּטור צו ווערן פון אים דערפאַר, ווייל ער „שטערט דאָ". אָבער וואַכנדיקערהייט האָט ער זיך צוגעהערט צו אים העפלעך און מיט אינטערעס און האָט אַפילו געפּרווט, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ לאָיאַלן מענטש, אויסצוגלייכן און איינצוהאַלטן די פּראָטעסטן, וואָס האָבן זיך דערוועקט אין אים קעגן דעם מענטאָרס מיינונגען און פאַרשטעלונגען. ווייל מ'קאָן נישט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז אין זיין נשמה אַנטשטייען געוויסע פּראָטעסטן. אייניקע זיינען שוין געווען אין אים פון פריער, לכתחילה און פון שטענדיק אָן. אַנדערע זיינען אויפגעקומען ביים איצטיקן מצב, צוליב זיינע איבערלעבענישן דאָ אויבן, פון וועלכע טייל זיינען געווען אומדירעקטע, טייל — פאַרשוויגענע.

וואָס איז אַזוינס דער מענטש אין ווי לייכט זיין געוויסן נאַרט זיך אָפּ! ווי ער קאָן דאָס אַריינלייגן די שמד אין דער יראה! כּלומרשט צוליב פליכט, יושר און שטרעבונג צו גלייכגעוויכט האָט האַנס קאַסטאָרפּ זיך צוגעהערט צו סעטעמברינין און האָט מיט אַ גוטער כּוונה געפּרווט זיינע מיינונגען וועגן שכל, רעפּובליק און שיינעם סטיל; ער איז געווען גרייט באַאיינפלוסט צו ווערן פון זיי. אָבער דערביי האָט ער געהאַלטן, אַז עס איז אַ יושר, זיינע געדאַנקען און חלומות זאָלן זיך באַוועגן פריי אין אַן אַנדערער ריכטונג, אין אַ הפקרדיקער. יאָ, לאָמיר סוף־כּל־סוף אויסזאָגן אונזער גאַנצן חשד און מיינונג: ער האָט זיך צוגעהערט צו סעטעמברינין, בלויז צוליב דעם צוועק, כּדי ער זאָל קריגן רשות פון זיין געוויסן, אַ זאַך, וואָס האָט זיך לכתחילה נישט איינגעגעבן. אָבער, וואָס און ווער האָט זיך געפינען אויף דער אַנדערער, פאַרקערטער זייט פון פּאַטריאָטיזם, מענטשלעכן כּבוד און דער שיינער

ליטעראַטור, וואוהין האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך איצט דערלויבט צו ווענדן זיינע געדאַנקען? — דאָרטן האָט זיך געפֿונען... קלאַוודיאַ שאָשאַ — אַן אָפּגעלאָזענע, אַ דורכגעפּרעסענע, מיט קירגיזישע אויגן. בשעת האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דערמאָנט אָן איר (אַגב, איז דאָס וואָרט „דערמאָנען“ אַ צו־געצוימטער אויסדרוק, כּדי צו באַצייכענען זיין אופֿן טראַכטן וועגן איר), האָט ער ווידער געהאַט דאָס געפֿיל, ווי ער וואָלט געזעסן אין דעם שיפֿל אין דער האָלשטיינישער אָזערע און געקוקט מיט פֿאַרבלענדטע און פֿאַרכּישופֿטע אויגן פֿון דער גלאָזיקער טאָג־העלקייט אין מערב צו דער פֿאַרנעפּלטער לבֿנה־נאַכט אין מזרח־זייט הימל.

דער טערמאָמעטער

האַנס קאַסטאָרפּס וואָך האָט זיך דאָ געצויגן פֿון דינסטאָג צו דינסטאָג, ווייל ר'איז אָנגעקומען דינסטאָג. ש'זין עטלעכע טעג, ווי ער האָט אין ביוראָ באַצאָלט זיין צווייטן רעכענונג, דער באַשיי־דענער רעכענונג פֿון דער וואָך פֿון קיילעכיקע 160 פֿראַנק. ער האָט עס געהאַלטן פֿאַר באַשיידן און ביליק, אַפֿילו מ'נעמט נישט אין חשבון די אומצאָלבאַרקייטן פֿון היגן אָרט, טאַקע דערפֿאַר, ווייל זיי זיינען אומצאָלבאַרקייטן און אויך נישט געוויסע זאַכן, וועלכע וואָלטן יאָ געקאָנט גערעכנט ווערן, ווען מ'וואָלט געוואָלט — אַ שטייגער די מוזיק אַלע צוויי וואָכן און ד"ר קראָקאָווסקיס רעפֿעראַטן. ס'איז געווען באַשיידן און ביליק, אַפֿילו ווען מ'רעכנט בלויז דאָס וואוינען און די קעסט, די באַקוועמע דירה, און די פֿינף ריזיקע מאָל־צייטן.

— ס'איז נישט טייער, ס'איז גיכער ביליק. דו קאָנסט נישט האָבן קיין טענה, אַז מ'באַרייסט דיך דאָ אויבן — זאָגט דער האָספּי־טאַנט קאַסטאָרפּ צו דעם תּושבֿ יאָאַכים. — דו דאַרפֿסט, הייסט עס, האָבן קיילעכיקע 650 פֿראַנק אַ חודש פֿאַר וואוינונג מיט עסן,

דערביי זיינען שוין אַריינגערעכנט דאָקטוירים. גוט, לאָמיר אָננעמען, אַז אין משך פון חודש וואַרפסטו נאָך אַרויס דרייסיק פראַנק אויף טרינק־געלט, אויב דו ביסט אַן אָרנטלעכער מענטש און ווילסט, מ׳זאָל צו דיר מאַכן זאַ פריילעכע מינע. צוזאַמען איז דאָס 680 מאַרק. גוט. וועסט אפשר זאָגן, אַז ס׳גייען נאָך אַנדערע הוצאות. מ׳האָט אויסגעגעבן פאַר געטראַנקען, פאַר קאָסמעטיק, ציגאַרן, מ׳מאַכט אַמאָל אַ שפאַציר, אַ נסיעה מיט אַ וואָגן, אויב דו ווילסט. טיילמאָל דאַרף מען עפעס צאָלן אַ שניידער, אָדער אַ שוסטער. גוט, אָבער ביי דעם אַלעם וועסטו נאָך ביים בעסטן ווילן נישט פאַרטאַכלעווען קיין טויזנט פראַנק אַ חודש! קיין אַכט הונדערט אייך נישט! דאָס טרעפט אַפילו נישט אָן קיין 10,000 מאַרק אַ יאָר. מער אויף זיכער נישט. אין דערפון לעבסטו.

— אַ טייערער בעל־חשבון! — זאָגט יאָאַכים. — כ׳האָב גאָר נישט געוואוסט, אַז דו ביסט אַזוי פלינק דערצו. און דאָס, וואָס דו טוסט גלייך אַ מאַך אַ יאָר־קאַלקולאַציע — דאָס איז פשוט ברייטקייט פון דיין זייט. מ׳זעט, אַז האָסט דיך שוין עפעס אויסגעלערנט דאָ אויבן. אַגב, רעכנסטו צופיל. איך רויכער נישט קיין ציגאַרן און קיין אָנצוגן האָב איך אויך נישט בדעה מיר צו מאַכן דאָ. אַ שיינעם דאַנק.

— הייסט עס, נאָך צופיל — זאָגט האַנס קאַסטאָרפ אַ ביסל צעמישט.

לאָמיר שוין נישט ריידן דערפון, פונוואַנען ס׳נעמט זיך, וואָס ער האָט אַריינגעשטעלט זיין קוזין אין חשבון ציגאַרן און נייע אָנצוגן; נאָר וואָס איז נוגע זיין פלינק רעכענען אויפן קאָפ, איז עס זיכער געווען נישט מער, ווי אַן אָפגעגאַרטע זאַך און אַן ענין נישט פאַר זיינע פעיִקייטן. ווי אין אַלע אַנדערע ענינים, איז ער אויך אויף דעם געביט געווען גיכער אַ פאַמעלעכער און אָן פייער. זיין פלוצלונגע אָריענטאַציע אין דעם פאַל איז נישט געווען קיין אימפראָוויזאַציע, נאָר האָט זיך געשטיצט אויף צוגעגרייטקייט, און דווקא אויף שריפטלעכער צוגעגרייטקייט. ווייל אין איינעם אַן אָוונט איז האַנס קאַסטאָרפ בעת דער ליג־קוראַציע (ער האָט זיך אינאָוונט אויך געלייגט אינדרויסן, ווייל אַלע האָבן געטאָן דאָס אייגענע)

אויפגעשטאַנען ספּעציעל פון זיין וואוילער שטול, באַפאַלן פון עפּעס אַ רעיון, און איז אַריין אין צימער, כדי פון דאָרטן צו נעמען אַ בלייפעדער און פּאַפּיר צום רעכענען. דעמאָלט איז ער געקומען צום רעזולטאַט, אַז זיין קוזין דאַרף, אָדער מ'דאַרף בכלל דאָ האָבן בסך=הכל 12000 פראַנק אַ יאָר און ער האָט, סתם אַזוי אויף אַ שפּאַס אויסגערעכנט, אַז ער פאַר זיין פּערזאָן קאָן זיך פאַרגינען צו לעבן דאָ אויבן און עס וועט אים נאָך בלייבן אַן עודף. זיין יערלעכע הכנסה פון די צינזן האָט אויסגעמאַכט אַ 18—19,000 פראַנק אַ יאָר.

זיין צווייטע וואָך=רעכענונג איז, הייסט עס, געדעקט געוואָרן מיט דריי טעג צוריק. מ'האָט אים געדאַנקט און אַרויסגעגעבן אַ קוויט. דערפון איז געדרונגען אויף אַזויפיל, אַז ס'איז שוין געווען די דריטע — און לויטן פּלאַן די לעצטע — וואָך פון זיין זיצן דאָ אויבן. איבערמאָרגן זונטאָג וועט ער נאָך הערן דעם קאָנצערט, און מאָנטאָג — ד"ר קראָקאָווסקיס רעפעראַט. ביידע חזרן זיך איבער יעדע צוויי וואָכן. ער טראַכט עס ביי זיך און זאָגט עס אויך דעם קוזין. דינסטאָג אָדער מיטוואָך וועט ער אַוועקפאָרן און יאָאַכים וועט דאָ ווידער בלייבן אַליין. דער אָרעמער יאָאַכים! ווער ווייסט, וויפל חדשים ראַדאַמאַנט וועט אים נאָך צוטיילן. זיינע מילדע, שוואַרצע אויגן ווערן מיט בענקשאַפט פאַרהויכט יעדעס מאָל, ווען ס'קומט אויס צו ריידן וועגן האַנס קאַסטאָרפס גיכער נסיעה. יאָ, גרויסער גאָט, וואו איז אַהינגעקומען אָט די פעריען=צייט! צערונען געוואָרן, אַוועקגעפלויגן, אַנטלאָפן — מ'ווייסט אַליין נישט רעכט וואוהין. זיי האָבן דאָך סוף=כל=סוף געזאָלט אָפּלעבן צוזאַמען איין=און=צוואַנציק טאָג, אַ לאַנגע ריי טעג, ווי ס'האָט אויסגעוויזן אין אָנהייב. איצט זיינען געבליבן דערפון בסך=הכל אַ דריי=פיר מעת=לעת, אַ נישטיק רעשטל, וואָס וועט, וואָס אמת, האָבן מער וואָג צוליב צוויי פּעריאָדישע טעג, וואָס טיילן זיך אויס פון די איבעריקע, אָבער פונדעסטוועגן איז עס שוין פול מיט פּאַקן זיך און מיט געזעגענונג=שטימונגען. דריי וואָכן זיינען כמעט ווי גאָרנישט דאָ אויבן — אַלע האָבן עס אים גלייך געזאָגט. די קלענסטע צייט=מאָס איז דאָ אַ חודש — האָט סעטעמבריני גע=

זאָגט. היות האַנס קאַסטאָרפּ איז דאָ געווען נאָך וויניקער — קומט אויס, אַז ר'איז דאָ געווען כּמעט גאָרנישט, אָדער ר'האָט געמאַכט אַ וויזיט אויף איין פוס, ווי הויפראַט בערענס האָט זיך אויסגעדריקט. אפשר איז אַמאָל די געהעכערטע אַלגעמיינע פאַרברענונג ביים אָטעמען געווען די סיבה דערפון, וואָס די צייט איז אַוועק, איידער מ'האָט זיך אומגעקוקט? אַזאַ מין פאַרגיכערונג פון לעבן איז געווען פאַר יאָאַכימען אַ טרייסט צוליב די פינף חדשים, וואָס זיינען אים נאָך געבליבן — אויב ער וועט יוצא-זיין מיט די פינף. אָבער אין משך פון אָט-די דריי וואָכן האָבן זיי געדאַרפט מער זיך אומקוקן אויף דער צייט, ווי למשל, בעתּ מעסטן די היץ, ווען די באַשטימטע זיבן מינוט זעען-אויס צו זיין אַזוי געוואַלדיק לאַנג... האַנס קאַסטאָרפּ האָט מיטן גאַנצן האַרץ געהאַט רחמנות אויף זיין קוזין, ביי וועלכן מ'האָט געקאָנט אַרויסלערנען פון די אויגן די עגמת-נפש, הלמאַי ער פאַרלירט זיין נאָענטן גאַסט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט באמת געהאַט דעם גרעסטן רחמנות אויף אים, טראַכטנדיק, אַז דער אָרעמער בחור בלייבט שוין כסדר אָן אים, בעת ער אַליין וועט ווידער אָנהייבן לעבן אונטן און נעמען אַרבעטן ביי דער פעלקער-דערנענטערנדיקער קאָמוניקאַציע-טעכניק. ס'איז געווען אַ רחמנות, וואָס ברענט אַזש, קאָרטשעט טיילמאָל צונויף דאָס האַרץ און איז, מיט איין וואָרט, אַזוי שטאַרק, אַז ער ווערט גאַנץ אָפט ערנסט מסופק דערין, צי ער וועט קאָנען פועלן ביי זיך צו לאָזן יאָאַכימען אַליין דאָ אויבן. אַזוי ווייט פלעגט אים טיילמאָל ברענגען דאָס רחמנות, אַז צוליב דעם טאַקע האָט ער פון זיך אַליין, אַלץ וויניקער און וויניקער גערעדט וועגן זיין נסיעה. גיכער פלעגט יאָאַכים פון צייט-צו-צייט אַרויספירן אויף דעם שמועס. האַנס קאַסטאָרפּ האָט, ווי מיר האָבן געזאָגט, צוליב נאַטירלעכן טאַקט און פיינקייט ביז צו דער לעצטער רגע נישט געוואָלט טראַכטן דערוועגן.

— לאָמיר, לכל-הפחות, האָפן, — זאָגט יאָאַכים — אַז דו האָסט דיך אַ ביסל פאַרריכט ביי אונז און אַז וועסט צוריק אַהיימקומען, וועסטו פילן די דערפרישונג.

— יאָ, כ'וועל אַלעמען אָפגעבן גרוסן — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ — און וועל זאָגן, אַז קומסט אַהיים לענגסטנס אין פינף

חדשים אַרום. פאַרריכט זיך? דו מיינסט, צי כ'האָב מיך פאַרריכט
אין די פּאָר טעג? מ'דאַרף אָננעמען, אַז יאָ. נישט אַנדערש, איך
האָב זיך אַ ביסל פאַרריכט, אַפילו אין אַט־דער קורצער צייט. אַלנ־
פאַלס האָב איך דאָ געהאַט אַ סך נייע איינדריקן, נייע אין יעדן
פרט, זייער אינטערעסאַנטע, אָבער אויך אָנשטרענגענדיקע סיי גייסטיק,
סיי קערפּערלעך. כ'זע נאָך נישט, כ'זאָל שוין זיין פאַרטיק דער־
מיט און כ'זאָל זיך האָבן אַקלימאַטיזירט — אָן דעם קאָן מען זיך
בשום־אופן נישט פאַרריכטן. מאַריאַ איז גאָט צו דאַנקען ווי גע־
ווען. ערשט עטלעכע טעג, ווי כ'בין ווידער געקומען צום טיש.
אָבער פון צייט־צו־צייט ווערט נאָך אַלץ מיין טאַשנטיכל רויט, בשעת
כ'באַנוץ מיך דערמיט און פון דער נאַרישער היץ אין פּנים מיט
דעם אומזיניקן האַרץ־קלאַפּעניש וועל איך אויך שוין מסתמא נישט
פּטור ווערן ביז צום סאַמע סוף. ניין, ניין, וועגן אַקלימאַטיזאַציע
קאָן נאָך לגבי מיר קיין רייד נישט זיין, ס'איז אויך נישט מעגלעך
אין אַזאַ קורצער צייט. ס'דאַרף געדויערן לענגער, ביז מ'אַקלימאַטי־
זירט זיך און ביז מ'ווערט פאַרטיק מיט די אַלע איינדריקן. ערשט
דעמאָלט קאָן מען זיך אָנהייבן פאַרריכטן און צוקריגן איי־וויים. אַ
שאָד. כ'זאָג „אַ שאָד", ווייל כ'האַלט עס פאַר אַ שטאַרקן חסרון,
הלמאַי כ'האָב מיר נישט גענומען מער צייט אויף צו זיין דאָ.
מ'וואָלט געוווען געקאָנט געפינען מער. כ'האָב דאָס געפיל, אַז אונטן
וועל איך מיך קודם־כל דאַרפן פאַרריכטן נאָך דער היגער דאַטשע
און אָפּשלאָפן דריי וואָכן. אַזוי פאַרמאַטערט, דאַכט זיך, מיר טייל־
מאָל, בין איך. דערביי קומט נאָך צו דער פאַסקודנער קאַטאַר ...
ווייל ס'זעט אויס, אַז האַנס קאַסטאָרפּ וועט אַראָפּקומען אונטן
מיט אַן ערשט־קלאַסיקן קאַטאַר. ער האָט זיך, פאַרקילט, אַפּנים, אויף
ליג־קוראַציע און מסתמא אויף דער אָוונטיקער ליג־קוראַציע, וועלכע
ער מאַכט מיט ערשט, זינט אַ וואָך, נישט געקוקט אויפן קאַלטן,
נאַסן וועטער, וואָס וועט, ווי ס'זעט אויס, שוין נישט שענער ווערן,
ביז ער וועט אַוועקפאָרן. ער האָט זיך אָבער איבערגעצייגט, אַז
מ'האַלט עס נישט פאַר שלעכט. דער באַגריף פון שלעכטן וועטער
האָט על־פּי־דין דאָ בכלל נישט עקסיסטירט. מ'האָט דאָ נישט קיין
מורא געהאַט פאַר קיין שום וועטער, מ'האָט זיך כמעט נישט גע־

רעכנט דערמיט. מיט דעם גאַנצן כּוח פֿון דער יוגנט צוצופּאַסן זיך צו די געדאַנקען און מנהגים פֿון דער סבֿיבֿה, וואו מ'איז — האָט האַנס קאַסטאָרף אויך אָנגעהויבן איבערצונעמען אָט־די גלייכגילטיקייט. בשעת ס'גיסט, ווי פֿון צעבֿערס, איז נאָך נישט קיין באַווייז, אַז די לופֿט איז ווייניקער טרוקן צוליב דעם. זי איז באמת נישט געווען פֿייכט, ווייל מ'האָט נאָך אַליין דערפֿון אַ הייסן קאָפּ, ווי מ'זאָל זיצן אין אַן איבערגעהייצטער שטובֿ, אָדער ווי מ'וואָלט זיך אָנגעטרונקען מיט אַ סך ווין. וואָס ס'איז ווידער נוגע דער שטאַרקער קעלט, איז נישט געווען קיין שכל צו אַנטלויפֿן פֿאַר איר אין צימער אַריין. ווייל אויב ס'האָט נישט געשנייט, האָט מען נישט געהייצט און צו זיצן אין צימער איז לחלוטין נישט געווען באַקוועמער, ווי צו ליגן אויפֿן באַלקאָן אין ווינטער־פּאַלטאָ און קונציק פֿאַרפּאַקט אין די צוויי גוטע קעמלהאָר־דעקעס. להיפּוך אין פֿאַרקערט, דאָס לעצטע איז געווען אומפֿאַרגלייכלעך באַקוועמער, ס'איז געווען — פּשוט געזאָגט — די אָנגענעמסטע פּאָזיציע, וועלכע האַנס קאַסטאָרף האָט נאָך ווען ס'איז אויסגעפּרוּווט, אויף וויפֿל ער געדענקט. עס האָט אים אַפֿילו נישט אַראָפּגעפֿירט פֿון וועדאָס, וואָס אַ געוויסער שריפֿטשטעלער און קאַרבאָנאַרע האָט עס מיט אַ חוזקדיקער זייטיקער און הינטער־כּוונה אָנגערופֿן די „האָריזאָנטאַלע" לעבנס־פּאָזיציע. דער עיקר האָט ער געהאַט אַ הנאה דערפֿון אינאָווענט, ווען לעבן אים האָט דאָס עלעקטרישע לעמפּל געברענט אויפֿן טישל. ער פֿלעגט דעמאָלט ליגן וואַרעם איינגעהילט אין די דעקעס, מיט דער מאַריאַ, וואָס האָט צוריק אָנגעהויבן שמעקן צווישן די ליפּן, פֿול מיט דער הנאה, וואָס ס'גיט די היגע ליגשטול, אַ שטול, וואָס אירע מעלות איז שווער צו באַשטימען. דער שפּיץ־נאָז אַפֿילו איז געווען געפֿרוירן, אין די הענט, וואָס זיינען געווען שטייף, און רויט־אָנגעלאָפֿן, האָט ער געהאַלטן אַ בוך — ס'איז נאָך אַליין געווען „Ocean Steamships". דערבײַ האָט ער דורך די וועלבונגען פֿון באַלקאָן געקוקט צום טונקלווערנדיקן טאָל, וואָס איז געווען דאָ געדיכט און דאַ שיטער באַפּוצט מיט לאָמפּן. כמעט יעדן אָוונט האָט זיך לכל־הפּחות אַ גאַנצע שעה פֿון דאָרטן געהערט מוזיק, אָנגענעם פֿאַרשטילטע, היי־

מיש=מעלאָדישע טענער. ס'זיינען געווען פראַגמענטן פון אָפּערעס, שטיקער פון „קאַרמען“, פון „טראָבאַדור“, אָדער פון „פרייען שיסער“, האַרמאָנישע, פּאָפּולערע וואַלצן, אויך מאַרשן, ביי וועלכע מ'שאָקלט צו שטאָלץ מיטן קאָפּ צום טאַקט, און פריילעכע מאַזורקעס. מאַזורקאַ? מאַרושיאַ, הייסט זי אייגנטלעך יענע מיטן קליינעם רובין. און אין דער שכנותדיקער לאָזשע הינטער דער דיקער מילך=גלאָז=וואַנט ליגט יאָאַכים. טיילמאָל רופט זיך האַנס קאַסטאָרפּ פאָרזיכטיק אָן צו אים מיט אַ וואָרט, דערביי גיט ער אַכטונג, ס'זאָל נישט שטערן די איבעריקע „האָריזאָנטאַלע“. יאָאַכים ליגט זיך אין לאָזשע אַקוראַט, ווי האַנס קאַסטאָרפּ, כאָטש ר'איז נישט מוזיקאַליש און האָט נישט אַזאַ הנאה פון די אָוונט=קאָנצערטן. אַ רחמנות אויף אים. אָנשטאָט דעם לייענט ער זיין רוסישע גראַמאַטיק. האַנס קאַסטאָרפּ, אָבער, לאָזט ליגן זיין Ocean steamships אויף דער דעקע און הערט זיך צו, איינגאַנצן דורכגענומען, צו דער מוזיק, דרינגט אַריין מיט תענוג אין דער דורכזיכטיקער טיפעניש פון איר פאַקטור און האָט אַזאַ גרויס פאַרגעניגן פון איינעם אַ כאַראַקטער=און שטימונג=פולן מעלאָדישן איינפאַל, אַז ער דערמאַנט זיך מיט פיינטשאַפט אין סעטעמברינים מיינונגען וועגן מוזיק — אַזעלכע פאַראַדאָקסיקע מיינונגען, ווי למשל, אַז די מוזיק איז פּאָליטיש פאַרדעכטיק. פאַקטיש זיינען אַזעלכע אויסדריקן נישט בעסער, ווי זיין זיידע דזשאָזעפּעס לשון, וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט וועגן דער יולי=רעוואָלוציע און די זעקס טעג פון וועלט=באַשאַפונג.

יאָאַכים האָט זיך, הייסט, נישט אַזוי שטאַרק געקוויקט מיט דער מוזיק. אויך דער געשמאַק פון רויכערן איז אים פרעמד. אָבער אויסער דעם, איז ער געלעגן פּונקט אַזוי באַקוועם אין זיין לאָזשע, באַקוועם און מנוחהדיק. דער טאָג האָט זיך געענדיקט, פאַר היינט האָט זיך, הייסט עס, אַלץ געענדיקט. מ'איז זיכער געווען, אַז היינט וועט מער גאָרנישט געשען, קיין שום אומגעריכטע איבערעגונגען, קיין שום אָנשטרענגונגען פון דער האַרץ=מוסקולאַטור וועלן מער נישט פאָרקומען. דערביי איז מען אָבער זיכער געווען, אַז *מאָרגן* וועט דאָס אַלץ כמעט פּונקט אַזוי זיך איבערחזרן פונסניי און פון אָנהייב אָן. דאָס האָט מחייב געווען די באַגרענעצטקייט

און רעגלמעסיקייט פון לעבן. די דאָזיקע טאָפּלטע זיכערקייט און געשיצטקייט זיינען געווען אויסערגעוויינלעך באַקוועם. צוזאַמען מיט דער מוזיק און מיט דעם צוריקגעקומענעם געשמאַק פון מאַריאַ מאַנציני האָט אויך אָט־די זיכערקייט גורם געווען, אַז האַנס קאַסטאָרפּ זאָלן זיך פילן באמת גליקלעך ביי דער אָונטיקער ליג־קוראַציע.

פונדעסטוועגן האָט דאָס אַלץ נישט געשטערט, אַז דער האָספּיטאַנט און צעפּיעשטשעטער גאַסט זאָל זיך האָבן איבער דער ליג־קוראַציע (אָדער ווי אַזוי ס'איז נישט געשען) שטאַרק פאַרקילט. אַ שווערער קאַטאַר האָט זיך אָנגערוקט אויף אים, געדריקט די שלייפן, דאָס צינגל אין האַלז האָט גוט וויי געטאָן. די לופט איז נישט געגאַנגען, ווי געוויינלעך, דורך דעם קאַנאַל, וואָס איז באַשטימט דערצו פון דער נאַטור, נאָר האָט זיך דורכגעריסן קאַלט, פאַרהאַלטן און אַרויסגערופן כסדר אַ הוסט. זיין קול האָט אין משך פון איין נאַכט באַקומען דעם קלאַנג פון אַ פאַרדומפּענעם באַס, ווי דורכגעברענט פון שאַרפע משקאות. ווי ר'האָט דערציילט, האָט ער אין דער נאַכט נישט צוגעטאָן קיין אויג. אין דער שלונג איז אים געווען אַזוי טרוקן, אַז ר'האָט זיך אַלעמאָל געמוזט אויפזעצן אין בעט.

— דאָס איז זייער פאַסקודנע — זאָגט יאָאַכים — אין כמעט אַ צרה. פאַרקילונגען, מוזטו וויסן, זיינען דאָ נישט אָנגענומען. מ'לייקנט דאָס אָפּ. אָפיציעל קאָן מען זיך נישט פאַרקילן ביי אַזאַ טרוקענער לופט און אַ פאַציענט וואָלט שלעכט אָפּגעשניטן ביי בערענסן, ווען ער קומט דערציילן, אַז ר'האָט זיך צוגעקילט. אָבער ביי דיר איז עפּעס אַנדערש, דו האָסט סוף־כל־סוף רעכט דערצו. ס'וואָלט גוט געווען, ווען דו קאָנסט פטור ווערן דערפון. אונטן ווייסט מען עצות דערצו, דאָ בין איך מסופק, צי מ'וועט זיך דערמיט רעכט פאַראינטערעסירן. אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, ווען מ'ווערט דאָ קראַנק, זגייט קיינעם נישט אָן. דאָס איז אַן אַלטע מעשה, איצט וועסטו עס אַליין זען. ווען כ'בין אָנגעקומען אַהער, איז דאָ געווען אַ דאַמע וואָס האָט זיך אַ גאַנצע וואָך געהאַלטן ביי אַן אויער און געקלאָגט פון ווייטאָג. צום סוף האָט בערענס אַ קוק געטאָן. „איר קאָנט

זיין גאַנץ רויק — האָט ער געזאָגט — קיין טיבערקולאָזן איז עס נישט. דערמיט האָט ער יוצא געווען, יאָ, מ׳דאַרף אַ קלער טאָן, וואָס ס׳לאָזט זיך מאַכן. כ׳וועל עס מאָרגן איבערפרי זאָגן דעם באָר־מייסטער, ווען ר׳וועט קומען צו מיר. דאָס איז דער דינסטלעכער וועג. ער וועט שוין איבערגעבן ווייטער, אַזוי אַז אפשר וועט מען עפּעס טאָן פאַר דיינטווענן.

אַזוי האָט געזאָגט יאָאַכים און דער דינסטלעכער וועג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. נאָך פרייטאָג, ווען האַנס קאַסטאָרפּ איז צוריקגעקומען פון מאָרגן־שפּאַציר און איז אַריין אין צימער, האָט עמעץ ביי אים אָנגעקלאַפּט און ס׳איז אַריינגעקומען די פריילין פאָן מי־לענדאָנק, אָדער די „פרוי אייבערין“, ווי מ׳האָט זי דאָ גערופן. דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך איצט מיט איר באַקאַנט פערזענלעך, ווייל ביז איצט האָט ער זי, אַפּנים, אַ פאַרנומענע, געזען בלויז פון־דערווייטנס, אַ שטייגער, ווי זי גייט אַרויס פון איין קראַנקן, האַקט אַדורך דעם קאָרידאָר, כדי באַלד אַריינצוגיין צו אַ צווייטן, אָדער בעת זי איז אַיילנדיק אַרויסגעשוואומען אין עס־זאַל מיט איר קוואַקנ־דיקן קול. איצט איז זי געקומען ספּעציעל צו אים, צוליב דעם קאַטאַר זיינעם. זי האָט קנאַכיק און קורץ אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און איז אַריין כמעט נאָך איידער ר׳האָט געענטפערט. אויף דער שוועל האָט זי זיך נאָך צוריק אַרויסגעבויגן, כדי צו זען, צי דאָס איז טאַקע דער אייגענער נומער.

— דריי־און־פערציק — האָט זי אַ קוואַקע געטאָן הויך. — עס שטימט, מיין קינד, אָן מעדי, קע וואַס אַווע פרי פּרוֹאַ* איי היה, י׳ העוו קאָוּט ע קאָלד** ווי, קאַזשעטסיאַ, פּראָסטודיליס***. כ׳האָב געהערט איר האָט אַייך פאַרקילט? וואָס זאָל איך ריידן מיט אַייך? דייטש, כ׳זע שוין. אַך, דעם יונגן צימסענס גאַסט, כ׳זע שוין. איך אַייל מיך אין אָפּעראַציע־זאַל. דאָ איז דאָ איינער, וועלכן מ׳כלאָ־ראָפאָרמירט, דערווייל האָט ער זיך אָנגעגעסן מיט סאַלאַט פון

---

* מען זאָגט מיר, אַז איר זענט פאַ־קילט (פראַנצ.). ** איך הער, אַז איר האָט זיך פארקילט (ענגל.). *** איר האָט זיך, דאַכט זיך, פארקילט (רוסיש).

באָבעס. אויב מ'האַלט נישט אַלץ אויפֿן אויג... און איר, מיין קינד, האָט אַייך גאָר דאָ פֿאַרקילט?

האַנס קאַסטאָרפּ איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן פֿון דעם אופֿן, ווי אַזוי די דאַמע פֿון אַלטן אַדל האָט גערעדט. זי האָט ווי איבערגעיאָגט אירע אייגענע ווערטער בעתן ריידן, דערביי האָט זי אומרויִק, אַהין־און־אַהער און אויף אַלע זייטן געדרייט מיטן קאָפּ. איר נאָז איז געווען נישטערנדיק פֿאַרריסן און זי האָט דערמאָנט אין אַ חיה אין שטייג. איר באַשפּרענקלטע האַנט איז געווען לייכט צוגעמאַכט, דער גראָבער פֿינגער — אַרויף און זי האָט געשאָקלט מיטן געלענק, ווי זי וואָלט געזאָגט: „גיך, גיך, גיך! הערט אייך נישט צו צו דעם, וואָס כ'רייד, נאָר רעדט אַליין, כּדי כ'זאָל באַלד קאָנען אַוועקגיין!" זי האָט אויסגעזען צו זיין אַ פֿרוי פֿון אַ יאָר פֿערציק, קליין־געוויקסיק, אָן פֿאָרמען, אָנגעטאָן אין אַ ווייס געגאַרטלט קלייניש פֿאַרטעך־קלייד מיט אַ גראַנאַט צלם אויף דער ברוסט. פֿון אונטער איר שוועסטער־הויב האָבן אַרויסגעקוקט שיטערע רויטלעכע האָר, אירע וואַסעריק־בלויע, אַנטצינדענע אויגן (צו אַלע צרות איז אין איינעם געווען אַ גרויסער גערשטן) האָבן געקוקט אומבאַשטימט. די נאָז איז געווען פֿאַרריסן, דאָס מויל — ווי ביי אַ זשאַבע, דערצו איז די אונטערשטע ליפּ געווען קרום אַרויסגעזעצט און ביים ריידן האָט זי זיך געשאָקלט, ווי אַ שופֿלע. פֿונדעסטוועגן האָט זי האַנס קאַסטאָרפּ באַטראַכט מיט דער באַשיידן־טאָלעראַנטער און היימישער פֿריינדלעכקייט, וואָס איז אין אים געווען בטבע.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿאַרקילונג, הע? — האָט די איבערין ווידער געפֿרעגט און געפּרוווט אים דורכדרינגען מיט די אויגן. ס'איז איר אָבער נישט געראָטן, ווייל זיי האָבן תּיכּף גענומען קוקן ערגעץ־אַנדערש. — מיר האָבן נישט ליב אַזעלכע פֿאַרקילונגען. איר זענט אָפֿט פֿאַרקילט? פֿלעגט אייער קוזין אויך נישט זיין אַזוי אָפֿט פֿאַרקילט? ווי אַלט זענט איר? פֿיר־און־צוואַנציק? די ערגסטע יאָרן. איצט זענט איר געקומען צו פֿאָרן און זיך פֿאַרקילט? מיר האָבן דאָ פֿיינט צו ריידן וועגן „פֿאַרקילונגען", ליב קינד. דאָס איז אַ בבא־מעשה פֿון אונטן. (דאָס וואָרט בבא־מעשה איז אַרויס פֿון

איר מיל מיאוס און משונהדיק אין דערבײַ איז די אונטערשטע ליפּ אַרויס, ווי אַ שופֿלע). איר האָט זיך אַ פֿײַנעם קאַטאַר פֿון לופֿט-קאַנאַל, דאָס בין איך מודה, מ'דערקענט עס אין אײַערע אויגן (דערבײַ מאַכט זי ווידער דעם קאָמישן פּרווו אים דורכצונעמען מיט די אויגן און ס'געראָט איר ווידער נישט). אָבער קאַטאַרן נעמען זיך נישט פֿון קעלט, נאָר פֿון אַן אינפֿעקציע, פֿאַר וועלכער מ'האָט זיך נישט אויסגעהיט. און עס פֿרעגט זיך בלויז, צי די אינפֿעקציע איז אַן אומשולדיקע, אָדער אַ ווייניקער אומשולדיקע. ווײַטער איז אַלץ בבא-מעשיות (שוין ווידער די שווידערלעכע „בבא-מעשה"!). ס'איז זייער מעגלעך, אַז ס'איז אַן אומשולדיקע זאַך — זאָגט זי און קוקט אים אָן מיט איר גרויסן גערשטן אויף אַ מאָדנעם אופֿן. — דאָ האָט איר אַן אומשולדיק אַנטיסעפּטיש מיטל, ס'וועט אײַך אפֿשר העלפֿן. — דערבײַ נעמט זי אַרויס פֿון דעם שוואַרצן לעדערנעם טאַש, וואָס הענגט אויף איר פּאַסיק, אַ פּעקל און לייגט עס אַוועק אויפֿן טיש. ס'איז פֿאָרמאַמינט. — אַגב זעט איר אויס עפּעס אַזוי, ווי איר וואָלט געהאַט היץ — און זי הערט אים נישט אויף צו קוקן אין פּנים אַרײַן, אָבער אַלץ מיט ווײַטיקע בליקן. — איר האָט אײַך גע-מאָסטן?

ער זאָגט, אַז ניין.

— פֿאַרוואָס נישט? — פֿרעגט זי און לאָזט הענגען איר קרום-אַרויסגעזעצטע ליפּ אין דער לופֿט...

ער בלײַבט פֿאַרשטומט. דער וואוילער בחור איז נאָך אַזוי יונג, ער קאָן נאָך בלײַבן שטיין, אַ שווײַגנדיקער ווי אַ שול-ייִנגל, וואָס שטייט אויף אַן אָרט, ווייסט גאָרנישט און שווײַגט.

— איר מעסט אײַך בכלל נישט?

— יאָ, פֿרוי איבערין, ווען כ'האָב היץ.

— אָבער, מײַן קינד, מ'מעסט דאָך קודם-כּל, כּדי צו וויסן, צי מ'האָט היץ. איצט, מיינט איר, האָט איר גאָרנישט קיין היץ?

— כ'ווייס אַליין נישט, פֿרוי איבערין, כ'קאָן מיך נישט רעכט דערווּף. אַ ביסל שווידערט מיך און ס'איז מיר הייס, זינט כ'בין אָנגעקומען אַהער.

— אַהאַ, און וואו האָט איר אייער טערמאָמעטער?

— איך האָב נישט ביי מיר, פרוי אייבערין. צו־וואָס, כ'בין דאָך בלויז געקומען צו־גאַסט, כ'בין געזונט.

אַ בבא־מעשה. איר האָט מיך געהופן דערפאַר, ווייל איר זענט געזונט?

— ניין, — לאַכט ער מיט דרך־ארץ — דערפאַר, ווייל כ'האָב מיך אַ ביסל —

— פאַרקילט. אַזעלכע פאַרקילונגען האָבן זיך ש'ין געטראָפן גאַנץ אָפט. אָט איז! — זאָגט זי און נעמט זיך ווידער פאָרען אין איר טאַש. זי נעמט פון דאָרטן אַרויס צוויי לעדערנע שאַכטלען, אַ שוואַרצס און אַ רויטס און לייגט זיי אויך אַוועק אויפן טיש. — אָט דער קאָסטט דריי פראַנק פופציק, און דער — פינף פראַנק — בעסער איז, פאַרשטייט זיך, דער פאַר פינף. מ'קאָן עס האָבן אויפן גאַנצן לעבן, אויב מ'באַגייט זיך דערמיט וואָרנטלעך.

ער נעמט מיט אַ שמייכל דאָס רויטע שאַכטל פון טיש און עפנט עס אויף. ווי אַ שטיקל צירונג ליגט דער גלעזערנער אינסטרומענט אין דער רויטער מיט סאַמעט אויסגעבעטער פאַרטיפונג, וואָס איז אַקוראַט צוגעפאַסט צום טערמאָמעטער. די גאַנצע גראַדן זיינען אָנגעצייכנט מיט רויטע שטריכעלעך, די צענטל־גראַדן — מיט שוואַרצע. די ציפערן זיינען רויט. דער אונטערשטער, שמעלערער טייל איז אָנגעפילט מיט שפיגלדיק־גלאַנצנדיק קוועקזילבער. דאָס קוועקזילבער איז אַראָפגעלאָזט און קאַלט, אַ סך נידעריקער פון נאָרמאַל־גראַד ביי חיהשער טעמפעראַטור.

האַנס קאַסטאָרפ האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער דאַרף האַנדלען, כדי אַרויסצוקומען מיט כבוד.

— איך נעם אָט־דעם — זאָגט ער און קוקט אפילו נישט אָן דעם צווייטן. — דעם פאַר פינף, קאָן איך באַלד...

— אָפגעמאַכט — גיט אַ קוואַקע די אייבערין — נאָר נישט קאַרגן ביי וויכטיקע אײַנקױפונגען. נישטאָ זיך וואָס צו אײַלן, מ'וועט אַריין אין חשבון. גיט נאָר אַהער, מ'וועט אים גוט אַראָפלאָזן, אינגאַנצן ביז אונטן — אַזוי. און זי נעמט אים אַרויס דעם טערמאָמעטער פון דער האַנט, גיט אים עטלעכע מאָל אַ טרייסל אין דער

לופט און זעצט אַראָפּ דאָס קוועקזילבער נאָך טיפער, ביז אונטער 35 — וועט שוין אָנציען, וועט שוין אַרויף, דער מערקוריוס — זאָגט זי, — דאָ האָט איר אייער קניה! איר ווייס דאָך מסתמא, ווי מ'מאַכט עס ביי אונז? מ'לייגט אים אונטער דער חשובער צונג, אויף זיבן מינוט, פיר מאָל אין טאָג און דערביי גוט צומאַכן די געשעצטע ליפן. אַדיע, מיין קינד! ווינטש אַלדאָס גוטס! — און זי איז שוין נישטאָ אין צימער.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך פאַרבויגט. ער שטייט ביים טיש און קוקט אויף דער טיר, דורך וועלכער זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן און אויף דעם אינסטרומענט, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט. דאָס איז דאָס די איבעריגע פאָן-מילענדאָנק — טראַכט ער. סעטעמבריני ליידט זי נישט און זי האָט טאַקע באמת אירע חסרונות. דער גערשטן איז נישט שיין, אַגב האָט זי דאָך עס נישט תמיד. אָבער פאַרוואָס רופט זי מיך כסדר „מיין קינד" און נאָך מיט אַן „ס" אינמיטן. עס איז וואויל-יונגעריש און משונהדיק. זי האָט מיר גאָר פאַרקויפט אַ טערמאָמעטער. זי האָט אַלעמאָל עטלעכע אינם טאַש. מ'קריגט עס דאָ אין אַלע געוועלבן, אַפילו דאָרט, וואו מ'ריכט זיך נישט — אַזוי האָט געזאָגט יאָאַכים. אָבער כ'האָב זיך גאָרנישט געדאַרפט באַמיען. ס'איז מיר אַליין אַריינגעפאַלן אין די הענט. ער נעמט אַרויס דעם שיינעם אינסטרומענט פון שאַכטל, באַקוקט עס און דרייט זיך דערמיט אַרום עטלעכע מאָל אַן אומרויִקער איבערן צימער. זיין האַרץ קלאַפט גיך און שטאַרק. ער גיט אַ קוק צו דער אָפענער באַלקאָן-טיר און מאַכט אַ טריט צו דער טיר, וואָס פירט אין קאָרידאָר אַרויס, ווייל ער וואָלט געוואָלט אַריינגיין צו יאָאַכימען. ער טוט עס פונדעסטוועגן נישט און בלייבט ווידער שטיין ביים טיש. דערביי גיט ער אַ כאָרכל, כדי אויסצופרואוון די הייזעריקייט פון זיין קול. באַלד דערנאָך גיט ער אַ הוסט. יאָ, כ'מוז זען, צי כ'האָב היץ פון דעם קאַטאַר — זאָגט ער און שטעקט אינדערגיך אַריין דעם טערמאָמעטער אין מויל, מיטן קוועקזילבער-שפיץ אונטער דער צונג, אַזוי אַז דער אינסטרומענט שטאַרט אַרויס קרומלעך-פאַרריסן פון צווישן די ליפן, וועלכע ער פאַרמאַכט פעסט, כדי נישט אַריינצולאָזן קיין לופט פונדרויסן. דערנאָך גיט

ער אַ קוק אויף זיין האַנט-זייגערל: ס'איז זעקס מינוט נאָך האַלב צען, און ער הייבט אָן וואַרטן, ביז ס'וועלן אַוועק זיבן מינוט.

— קיין איין איבעריקע סעקונדע — טראַכט ער — און קיין איינע נישט ווייניקער. אויף מיר קאָן מען זיך פאַרלאָזן, אַז ס'וועט נישט זיין נישט מער, און נישט ווייניקער. מ'דאַרף מיר נישט געבן קיין „שטומע שוועסטער", ווי יענער, וועגן וועלכער סעטעמבריני האָט דערציילט, אָטיליע קנייפער. אַזוי דרייט ער זיך אַרום איבערן צימער, צודריקנדיק דעם אינסטרומענט מיט דער צונג.

די צייט קריכט און ס'נעמט קיין עק נישט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, פול מיט מורא, ר'זאָל נישט האָבן געהאַלטן צו-לאַנג, אָבער ס'זיינען ערשט געהאַט אַוועק דריטהאַלבן מינוט. ער האָט אָפּגעטאָן טויזנט זאַכן, האָט גענומען חפצים און זיי צו-ריק אַוועקגעלייגט, איז אַרויס אויפן באַלקאָן אַזוי, אַז דער קוזין זאָל אים נישט דערזען, האָט אַ קוק געטאָן איבער דער לאַנד-שאַפט, איבער דעם הייכן פליין, וועלכער איז שוין היימיש געווען אין אַלע פּרטים: מיט זיינע אַרויסשטאַרנדיקע הערנער, קאַם-ליניעס און פעלזן-ווענט. פון לינקס זיינען געלעגן די קוליסן פון „ברעמ-ביהל", זיין רוקן איז קרום אַראָפּגעפאַלן צום שטעטל צו. זיין זייט איז געווען באַדעקט מיט אַ ווילדן וואַלד. ר'האָט געזען די בערג-פאָרמאַציעס רעכטס און שוין גוט געקאָנט זייערע נעמען און אויך די אַלטיין-וואַנד, וועלכע שליסט, דאַכט זיך, דעם טאָל אין דרום, ווען מ'קוקט דערויף פון דאַנען. ר'האָט אַראָפּגעקוקט צו די וועגן און בייטן פון גאָרטן, צו דער פעלזן-גראָטע, צו דער יאָדלע, וואָס אין גאָרטן, האָט זיך צוגעהערט צום זשום, וואָס איז געקומען פון דער ליג-האַלע, וואו מ'מאַכט ליג-קוראַציע. דערנאָך איז ער צוריק אַריין אין צימער, דערביי האָט ער זיך אָנגעשטרענגט צו פאַר-בעסערן די פּאָזיציע פון אינסטרומענט אין מויל. איצט האָט ער אַ שטרעק-אויס געטאָן די האַנט, כדי דער אַרבל זאָל זיך פאַרשאַרצן און ער זאָל קאָנען אַ קוק טאָן אויפן זייגערל. ר'האָט איבערגערוקט זאַכן, געפּאָרעט זיך, געשפּרייזט און קוים אין צרות געהאַלטן ביי זעקס מינוט. צום סוף איז ער געבליבן שטיין אינמיטן צימער, זיך פאַרטראַכט אַזוי, אַז די לעצטע מינוט איז אַוועק אומבאַמערקט, ווי

אויף קעצישע פּיסלעך. ר'האָט זיך איבערצייגט דערין נאָכדעם, ווי ר'האָט אויפּסניי אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט. איצט איז שוין געווען אַ ביסל צו־שפּעט. אַ דריטל פון דער אַכטער מינוט איז שוין געהאַט אַוועק. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'שאַדט נישט, אַז ס'וועט גאָרנישט אויסמאַכן און נישט האָבן קיין שום באַטייט פאַר'ן רעזולטאַט. דערביי האָט ער אַרויסגעריסן דעם טערמאָמעטער פון מויל און גענומען גלאָצן אויף אים מיט פאַרווירטע אויגן.

ער האָט זיך נישט תיכף אָריענטירט. דער גלאַנץ פון קוועקזילבער האָט זיך אויסגעמישט מיט ליכט־רעפלעקס פון פלאַך־קיילעכיקן גלעזערנעם רערל. אָט האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קוועקזילבער שטייט גאָר אויבן, באַלד — אַז ס'איז אינגאַנצן נישט פאַראַן. ער האָט צוגענומען דעם אינסטרומענט נעענטער צו די אויגן, האָט געדרייט אַהין־און־אַהער און נאָך אַלץ נישט דערקאָנט. סוף־כל־סוף האָט ער אים פאַרט אַ דריי געטאָן אויף אַזאַ גליקלעכן אופן, אַז ר'האָט בולט דערזען דאָס קוועקזילבער. איצט האָט ער פעסט געהאַלטן דעם אינסטרומענט אין דער זעלבער פּאָזיציע און האַסטיק גענומען אויפכאַפּן אַלץ מיטן שכל. אמת, מערקוריוס האָט זיך אויסגעצויגן, האָט זיך שטאַרק אויסגעצויגן. דאָס קוועקזילבער שטייט גענוג הויך, עטלעכע שוואַרצע שטרייכעלעך איבער דער גרענעץ פון נאָרמאַלער בלוט־וואַרעמקייט. האַנס קאַסטאָרפּ האָט געהאַט 37,6.

אין אַ ליכטיקן פאַרמיטאָג צווישן צען און האַלב עלף אַ זייגער האָבן 36,7 — דאָס איז צופיל, עס הייסט „טעמפּעראַטור", היץ צוליב אַן אינפעקציע, פון וועלכער ער האָט זיך נישט אויסגעהיט, און עס פרעגט זיך בלויז, וואָס פאַר אַ מין אינפעקציע דאָס איז. 37,6 — מער האָט אויך נישט יאָאַכים, מער האָט דאָ קיינער נישט, אויב מ'איז נישט שווער קראַנק און מ'ליגט נישט אין בעט, ווי אַ חולה־מסוכן. נישט ס'האָט מער די קלעפעלד מיט דעם פּנעומאָטאָראַקס, נישט... אויך נישט מאַדאַם שאָשאַ. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז נישט די אמתע היץ, — ס'איז בלויז אַ קאַטאַר־היץ, ווי מ'רופט עס אונטן. אָבער גענוי אונטערשיידן און אָבטיילן עס קאָן ער סוף־כל־סוף נישט. האַנס קאַסטאָרפּ איז מסופק, צי ר'האָט די היץ טאַקע געקריגן ערשט איצט, זינט ר'האָט זיך פאַרקילט, און ער באַדויערט,

הלמאַי ר'האָט נישט באַלד אַ פרעג געטאָן בײַ מערקוריוסן, תּיכּף אינאָנהייב, ווי דער הייפראַט האָט אים געעצהט. די עצה איז געווען אַ גאַנץ קלוגע, איצט ווײַזט זיך עס אַרויס און סעטעמבריני איז געווען אינגאַנצן אומגערעכט, וואָס ר'האָט אַזוי חוזקדיק געלאַכט דערפון סתּם אין דער וועלט אַרײַן — אָט דער סעטעמבריני מיט דער רעפּובליק און מיטן שיינעם סטיל. האַנס קאַסטאָרפּ פילט אַ ביטול צו דער רעפּובליק און צום שיינעם סטיל און פרווט ווידער אַרײַנקוקן אין טערמאָמעטער, וואו דאָס קוועקזילבער האַלט אין איין פאַרלוירן ווערן צוליב דעם ליכט־רעפלעקס. ער דרייט און קערט דעם אינסטרומענט אַזוי לאַנג, ביז ער געפינט עס צוריק: יאָ, ס'איז 37,6 און דאָס סאַמע אינדערפרי.

ער איז געוואַלדיק געריידט. ער גייט עטלעכע מאָל אַדורך אַהין־און־צוריק איבערן צימער, מיטן טערמאָמעטער אין דער האַנט. דערבײַ האַלט ער אים האָריזאָנטאַל, נישט ווערטיקאַל, צוליב מורא, אַז פון שאָקלען זיך זאָל נישט דאָס קוועקזילבער אַראָפ. דערנאָך לייגט ער אים פאָרזיכטיק אַוועק אויפן וואַש־טיש און גייט קודם־כּל אַרויס מיטן פאַלטאָ און מיט די דעקעס אויף דעם באַלקאָן. ער זעצט זיך אַוועק, וואַרפט אַרויף אַרום זיך די דעקעס, ווי מ'האָט אים געלערנט, פון די זײַטן און פון אונטן, איינע נאָך דער אַנדערער, מיט אַ געניטער האַנט. דערנאָך בלײַבט ער ליגן שטיל און וואַרט אָפּ ביז יאָאַכים וועט אַרײַנקומען רופן אים אויפן צווייטן פרישטיק. טיילמאָל גיט ער אַ שמייכל און ס'זעט־אויס, ווי ער וואָלט דאָס געשמייכלט צו עמעצן. אַן אַנדערש מאָל גיט זיך זײַן ברוסט אַ הייב מיט אַ שווער ציטערן. דערבײַ צעהוסט ער זיך צוליב זײַן קאַטאַר.

יאָאַכים טרעפט אים ליגנדיק, בעת ער קומט צו אים אַרײַן עלף אַ זייגער נאָכן גלאָק, כּדי אים צו נעמען אויף פרישטיק.

— נו, וואָס־זשע? — פרעגט ער פאַרוואונדערט און גייט צו צו דער ליג־שטול...

האַנס קאַסטאָרפּ שווייגט נאָך אַ ווײַלע און קוקט פאַר זיך. דערנאָך ענטפערט ער:

— יאָ, דאָס נײַסטע איז, אַז כ'האָב אַ ביסל היץ.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — פרעגט יאָאַכים... שפירסט היץ?

האַנס קאַסטאָרפּ לאָזט ווידער אַ ביסל וואַרטן אויף אַ תּשובֿה און צום סוף ענטפערט ער אַ ביסל בייז:

— שפּירן, מיין ליבער, שפּיר איך שוין לאַנג, די גאַנצע צייט. אָבער איצט גייט נישט וועגן סוביעקטיווע שפּירונגען, נאָר וועגן אַן עקזאַקטן פאַקט. איך האָב געמאָסטן.

— האָסט געמאָסטן? מיט וואָס? — רופט יאָאַכים אַ דערשראָקענער.

— פאַרשטייט זיך, מיט אַ טערמאָמעטער — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ, נישט אָן חוזק און שטרענגקייט. — די אויבערין האָט מיר פאַרקויפט. פאַרוואָס זי האָט מיך געריפן כּסדר „מיין קינד", ווייס איך נישט. קאָרעקט איז עס נישט. אָבער ביי דער גאַנצער איילעניש האָט זי מיר פאַרקויפט זייער אַ גוטן טערמאָמעטער. אויב דו ווילסט וויסן, וויפל ער ווייזט, ליגט ער דרינען אויפן וואַש-טיש. ס'איז אַ מינימאַלע העכערונג.

יאָאַכים דרייט זיך תּיכף צוריק אויס און גייט אַריין אין צימער. צוריקקומענדיק זאָגט ער קווענקלענדיק:

— יאָ, עס איז 37 פּלוס $5^1/_2$.

— אויב אַזוי, איז עס עטוואָס אַראָפּגעפאַלן — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ תּיכף-ומיד — ס'זיינען געווען גאַנצע זעקס.

— פאַרמיטאָג קאָן מען עס להלכה נישט אָנרופן מינימאַל — זאָגט יאָאַכים — אַ שיינע מעשׂה — זאָגט ער און בלייבט שטיין פאַר זיין קוזינס ליג-שטול, טאַקע ווי מ'בלייבט שטיין אין אַזאַ פאַל, מיט די הענט אויף די זייטן און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. — וועסט דיך מוזן לייגן אין בעט אַריין.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט דערויף געהאַט אַ גרייטן ענטפער.

— כ'זע נישט איין — זאָגט ער — פאַרוואָס איך זאָל מיך מיט 37,6 לייגן אין בעט אַריין, אין דער צייט, ווען דו און נאָך אַ סך אַנדערע האָבן אויך נישט ווייניקער און דרייען זיך פונדעסטוועגן אַרום פריי?

— דאָס איז אָבער עפּעס אַנדערש — זאָגט יאָאַכים. — בײַ דיר איז עס שאַרף און נישט געפֿערלעך. דו האָסט הײַן פֿון אַ קאַטאַר.

— ערשטנס — ענטפֿערט האַנס קאַסטאָרפּ און גרייט זיך צו טיילן זײַן ענטפֿער אויף אַן „ערשטנס“ און אַ „צווייטנס“ — פֿאַרשטיי איך נישט, פֿאַרוואָס מיט אַ נישט־געפֿערלעכער היץ — מ׳זאָל אַפֿילו אָננעמען, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַזוינס — מוז מען ליגן אין בעט און בײַ אַן אַנדערער היץ נישט. צווייטנס זאָג איך דיר, אַז פֿון קאַטאַר האָב איך נישט געקריגן מער היץ, וויפֿל כ׳האָב שוין געהאַט פֿון פֿריער. איך שטיי אויף דעם שטאַנדפּונקט — ענדיקט ער — אַז 37,6 איז 37,6. אויב איר קאָנט אַרומגיין דערמיט, קאָן איך אויך.

— איך האָב אָבער געמוזט ליגן פֿיר וואָכן, בעת כ׳בין אָנגעקומען — טענהט יאָאַכים — ערשט, ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די טעמפּעראַטור גייט נישט אַוועק, כאָטש כ׳ליג, האָב איך געמעגט אויפֿשטיין.

האַנס קאַסטאָרפּ שמייכלט.

— נו, און וואָס? — פֿרעגט ער. — איך קלער, אַז בײַ דיר איז עס געווען עפּעס אַנדערש? דאַכט זיך, אַז דו פֿאַרוויקלסט דיך אין סתירות. פֿריער האָסטו געמאַכט אַ אונטערשייד און דערנאָך גייסטו פֿאַרגלײַכן. דאָס איז אַ בבא־מעשה...

יאָאַכים האָט זיך אויסגעדרייט אויפֿן קנאַפּל און בעת ר׳האָט זיך צוריק אומגעקערט צו זײַן קוזין, האָט מען געזען, אַז זײַן ברוין פּנים איז טונקעלער געוואָרן מיט איין טאָן.

— ניין — זאָגט ער — איך פֿאַרגלײַך נישט, דו ביסט אַ דרייער. כ׳מיין בלויז, אַז דו ביסט פֿאַסקודנע פֿאַרקילט, מ׳דערקאָנט עס אין דײַן קול. אויב דו ווילסט, ס׳זאָל נישט היערן, לייג דיך. דו ווילסט דאָך די צווייטע וואָך אַהיים פֿאָרן. אויב דו ווילסט נישט — כ׳מיין: אויב דו ווילסט זיך נישט לייגן, קאָנסטו עס לאָזן. איך וויל דיר נישט זאָגן קיין דעה. אַלנפֿאַלס מוזן מיר איצט גיין אויף פֿרישטיק. הייב דיך אויף, ס׳איז שוין שפּעט.

— ריכטיק, געגאַנגען! — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ און וואַרפט אַראָפּ פון זיך די דעקעס. ער גייט אַריין אין צימער, כדי איבערצוגלעטן די האָר מיטן בערשטל. בשעת ער טוט עס, גיט יאָאַכים נאָכאַמאָל אַ קוק אויפן טערמאָמעטער אויפן וואַש־טיש. האַנס קאַסטאָרפּ קוקט זיך צו צו אים פונדערווייטנס. דערנאָך גייען זיי, שווייגנדיקע, און זעצן זיך ווידער אַמאָל אויף זייערע ערטער אין עס־זאַל, וואו אַליץ איז, ווי אַלעמאָל אין דער צייט, ווייס פון מילך.

בשעת די קאַרליקיכע ברענגט צו דאָס קולמבאַכער ביר צו האַנס קאַסטאָרפן, זאָגט ער זיך אָפּ דערפון מיט אַן ערנסטער מינע. ער וועט היינט נישט טרינקען קיין ביר, וועט בכלל גאָרנישט טרינקען, ניין, אַ שיינעם דאַנק, העכסטנס אַ טרונק וואַסער. דאָס רופט אַרויס אויפמערקזאַמקייט. וואָס הייסט? וואָס איז געשען? פאַרוואָס נישט קיין ביר? — ער האָט אַ ביסל היץ — גיט האַנס קאַסטאָרפּ אַ זאָג. 37,6. מינימאַל.

עטלעכע הייבן אים אָן דראָען מיט די וויז־פינגער — ס׳איז עפעס זייער מאָדנע. דער עולם נעמט שעלמיש שמייכלען, מ׳פאַרלייגט די קעפּ אין אַ זייט, מ׳זשמורעט צו די אויגן און מ׳לייגט צו די וויז־פינגער צו די אויערן־שפּיצן, גלייך ווי מען וואָלט פלוצלונג געוואויר געוואָרן פיקאַנטע מעשים פון עמעצן, וואָס האָט ביז איצט געשפּילט די ראָל פון אַן אומשולדיקן. „נאָ, נאָ, איר גאָר"! — זאָגט די לערערין און דער פּוך פון אירע באַקן ווערט אָנגערויטלט. בשעת מעשה דראָעט זי אים מיט אַ שמייכל. „פיינע זאַכן הערט מען פון אייך, מיאוסע, נו, נו, נו". „אַיי־אַיי־אַי" — מאַכט אויך פרוי שטער און דראָט אים מיט איר קורצן און רויטן פינגער, וועלכן זי האַלט ביי דער נאָז. „טעמפּעס האָט ער, דער הער גאַסט. איר זענט שוין איינמאָל אַ פאַרשוין, דער אמתער חברה־מאַן, אַ פריילעכער יונג". אַפילו די עלטערע מומע אויבנאָן ביים טיש דראָט אים שעלמיש און ווייזלעריש, בעת מ׳דערגייט צו איר די בשורה. די שיינע מאַרושיאַ, וואָס האָט אים כמעט נישט אָנגעקוקט, בויגט זיך אויס צו אים, קוקט אים אָן, מיט אירע קיילעכיקע אויגן און דראָט אים. דערביי דריקט זי צו צו די ליפּן דאָס פּערפומירטע טיכל. פרוי שטער דערציילט עס דעם ד"ר בלומענקאָל און אויך ער קאָן זיך

נישט אײנהאַלטן און װײזט אַרױס זײן שטױנונג. גלײך מיט אַלע. ער האָט דערבײ — װאָס אמת — נישט געקוקט אױף האַנס קאַסטאָרפן. בלױז מיס ראָבינסאָן איז געבליבן קאַלט און פאַרשלאָסן און זיך, װי אַלעמאָל. יאָאַכים האָט מיט אַן אַנטשײדענער מינע אַראָפּגעלאָזט די אױגן.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך דערפילט אַ ביסל איבערגענומען פון די אַלע שטעך־װערטלעך און געפרװװט באַשײדן איבערשפּאַרן. — נײן, נײן — זאָגט ער — איר האָט אַ טעות. דאָס איז דער אומשולדיקסטער פאַל, װאָס קאָן נאָר זײן. איך האָב אַ קאַטאַר, איר זעט? די אױגן גײען מיר איבער, מײן ברוסט איז פאַרלײגט, אַ האַלבע נאַכט האָב איך אָפּגעהוסט, כ'איז געװען נישט אָנגענעם... אָבער דער עולם נעמט נישט אָן זײן פאַרענטפערונג. מ'לאַכט, מ'שפּאַרט איבער מיט די הענט און מ'טענהט: יאָ, יאָ, טענות, תירוצים, קאַטאַר־היץ. מיר קענען זיך, מיר קענען זיך! דערנאָך נעמען אַלע פאָדערן, אַז האַנס קאַסטאָרפּ זאָל זיך תיכף־ומיד לאָזן אונטערזוכן פון דאָקטאָר. די בשורה האָט איבערגעלעבט דעם עולם. אין משך פון דעם פרישטיק איז בײ דעם טיש דער שמועס געגאַנגען לעבעדיקער, װי בײ אַלע אַנדערע זעקס. באַזונדערס האָט פרױ שטער, מיט אַ רױט נאַריש פּנים איבערן קאָלנער און מיט באַשפּרענקלטע באַקן, הײנט געשיט פאַר פײער און פאַר װאַסער און האָט זיך צערעדט װעגן דער הנאה פון הוסטן. יאָ, מ'פילט אומבאַדינגט אַ תענוג און אַ פאַרגעניגן, בעת ס'קיצלט אַלץ שטאַרקער אינעװײניק אין דער שלונג און מ'הוסט אָפּ פון דער סאַמע טיף. ס'איז אַזאַ רײץ װי צו ניסן, בעת מ'דאַרף שױן גאָר נײטיק און מ'קאָן זיך שױן נישט אײנהאַלטן. באַרױשט גיט מען דעמאָלט שטורמיש עטלעכע מאָל אַן עטעם־אַײן און אַן עטעם־אױס, צום סוף ניסט מען מיט גרױס הנאה אָפּ און מ'פאַרגעסט צוליב דעם מולדיקן ניס אַזש די גאַנצע װעלט. טײלמאָל גײט עס אַפילו צװײ אָדער דרײ מאָל אײנס נאָכן אַנדערן. דאָס זײנען בחינמדיקע הנאות פון לעבן, װי אַ שטײגער — דאָס קראַצן אין פרילינג די װינטער־בײלן, װען ס'בײסט אַזױ זיס — קראַצן זיך אַזױ פעסט און מ'ראַדיק ביז בלוט

פון גרויס כעס און תענוג. ווען מ'טוט דערביי צופעליק אַ קוק אין שפּיגל אַריין, דערזעט מען אַ פּנים פון אַ טייוול.

אַזוי רעדט די עם־האַרצישע שטער שוידערלעך און בפרטיות ביז ס'ענדיקט זיך די קורצע, כאָטש זייער זעטיקע מאָלצייט. די קוזינען גייען אַרויס אויף זייער צווייטן פּאַרמיטאָגדיקן שפּאַציר, אַראָפּ קיין פּלאַץ דאַוואָס. יאָאַכים איז געווען איפּן וועג פאַרזונקען אין די אייגענע מחשבות און האַנס קאַסטאָרפּ האָט געקרעכצט פון דעם קאַטאַר און אָפּגעהוסט הייל. אַהיימצוועגס האָט יאָאַכים געזאָגט:

— איך האָב פאַר דיר אַ פאָרשלאָג, היינט איז פרייטאָג — מאָרגן נאָכמיטאָג וועל איך האָבן די חודש־אונטערזוכונג. ס'איז נישט קיין גענעראַל־אונטערזוכונג, אָבער בערענס קלאַפּט מיך אַ ביסל אַרום און לאָזט קראָקאָווסקין פאַרצייכענען עטלעכע נאָטיצן. וואָלסטו געקאָנט זיין דערביי און בעטן, ער זאָל דיך ביי אָט דער געלעגנהייט אויך אינדערגיך באַטראַכטן. ס'איז דאָך קאָמיש — ווען ביסט אינדערהיים, וואָלסטו געשיקט נאָך היידעקינדן. און דאָ, אַז ביסט צוזאַמען מיט צוויי ספּעציאַליסטן, דרייסטו דיך אַרום און ווייסט נישט, וואָס ס'איז דיר און צי ס'וואָלט נישט גלייכער געווען, ווען דו ליגסט דיך אין בעט אַריין.

— גוט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — כ'בין מסכים. נאַטירלעך, דאָס קאָן איך טאָן. און ס'וועט טאַקע זיין אינטערעסאַנט פאַר מיר צו זיין ביי אַן אונטערזוכונג.

אַזוי אַרום שמועסן זיי זיך אָפּ. צוקומענדיק צו דער סאַנאַטאָריע, געשעט צופעליק אַזוי, אַז זיי טרעפן זיך מיטן הויפּראַט בערענס און האָבן די גוטע געלעגנהייט אים גלייך פאָרצולייגן זייער בקשה.

בערענס איז אַרויסגעקומען פונדרויסן, אַ הויכער און מיט אַ פאַרדריסנעם קאָפּ, דער שטייפער הוט פאַרזוקט אויף הינטן, מיט אַ ציגאַר אין מויל, די אויגן — בלוי און אַפּערקוועלנדיק. ר'איז געווען אין סאַמע ברען פון דער אַרבעט, גרייט צו גיין אויף פּריוואַטוויזיטן אין שטעטל. ער קומט ערשט, ווי ר'האָט געזאָגט, פון אָפּעראַציע־זאַל.

— גאָט⸗העלף, מיינע הערן — זאָגט ער. — נאָך אַלץ אינדרויסן? — מסתמא געווען אויף דער גרויסער וועלט? כ'קום גראָד פון אַ אומגליקלעכן דועל מיט מעסערס און זעגן, — אַ גרויסע זאַך, איר ווייסט, ריפן⸗רעסעקציע. פריער פלעגט פּאָפּציק פּראָצענט בלייבן אויפן טיש פון סאַנאַטאָריע, איצט מאַכן מיר דאָס בעסער, אָבער אָפט מוז מען פאָרט מאָרטיס קאַוזאַ* איינפּאַקן די מכשירים פאַר דער צייט. נאָ, דער היינטיקער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף אַ וויץ... האָט זיך געהאַלטן גאַנץ פעסט... נו, יאָ, אַזאַ ברוסט⸗קאַסטן, וואָס איז עס מער נישט... ס'איז ווייך, פאַרשטייט איר, אָפּגענוצט, בלויז אַ קנאַפּער זכר פון דער אידעע, אַזוי צו זאָגן. נו, און איר? וואָס הערט זיך מיט חשובן געזונט? ס'איז פריילעכער אַרומצוקריכן אין צווייען, וואָס, צימסען, אַלטער כיטראַק? פאַרוואָס וויינט איר עפּעס, איר לוסט⸗רייזנדער? — ווענדט ער זיך פּלוצלונג צו האַנס קאַסטאָרפּ — עפנטלעך ווײנען איז דאָ נישט דערלויבט. דער רעגולאַמין פאַרווערט עס. יעדער וואָלט געקאָנט דאָס טאָן.

— ס'איז אַ קאַטאַר, הער היפראַט — ענטפערט האַנס קאַסטאָרפּ. — כ'ווייס נישט, ווי אַזוי, אָבער כ'האָב געכאַפּט אַ פעסטן קאַטאַר. כ'הוסט אויך. די ברוסט איז מיר שטאַרק פאַרלייגט.

— אַזוי? — זאָגט בערענס. — אויב אַזוי, דאַרפט איר אַ פרעג טאָן ביי אַ גוטן דאָקטאָר.

ביידע לאַכן און יאָאַכים ענטפערט מיט צוזאַמענגעקלאַפּטע קנאַפּלען:

— מיר האָבן עס טאַקע בדעה, הער היפראַט. מאָרגן האָב איך אונטערזוכונג און מיר ווילן פרעגן, צי איר וואָלט געוואָלט זיין אַזוי גוט אויסצוהערן גלייך אויך מיין קוזין. ס'גייט וועגן דעם, צי ער וועט קאָנען דינסטאָג פאָרן...

— מ. ט. — זאָגט בערענס. — מ. ט. מ. פ! מיר'נ'ס טאָן מיט פאַרגעניגן. שוין לאַנג געדאַרפט ס'טאָן. אַז מ'איז שוין דאָ, דאַרף מען עס טאָן. אָבער מ'קאָן זיך דאָך נישט אָנוואַרפן. הייסט עס, מאָרגן אַרום צוויי, תיכף ווי איר וועט צוריקקומען פון זשלויב...

* צוליבן טויט (לאַטיין).

— ווייל כ'האָב אַ ביסל היץ אויך — באַמערקט נאָך האַנס קאַסטאָרפּ.

— וואָס איר זאָגט! — זאָגט בערענס. — איר מיינט, אַז איר דערציילט מיר אַ נייס! איר מיינט, אַז כ'האָב נישט קיין אויגן אין קאָפּ? און ער ווייזט מיט זיין ריזיקן ווייז-פינגער אויף זיינע ביידע בלוט-אָנגעלאָפּענע, בלוי-אַפּערקווענדיקע, טרערנדיקע אויגן-אַפּלען. — וויפל האָט איר, אַגב?

האַנס קאַסטאָרפּ זאָגט באַשיידן וויפל.

— פאַרמיטאָג? הם, גאָר נישקשה. פאַרן אָנהייב גאָרנישט אָן טאַלענט. נאַ, הייסט עס, ביידע מאָרגן צוויי אַ זייגער! מיט גרויס כבוד! זאָל אַייך די פאַרדייונג וואויל-באַקומען! און מיט קרומע קניען און רודערנדיקע הענט נעמט ער טשאַפּן באַרג-אַראָפּ. דערביי לאָזט ער אויף הינטערווייליכץ קנוילן רויך.

— ס'איז, הייסט עס, אָפּגערעדט, ווי דו האָסט געוואָלט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ. — בעסער האָט עס גאָרנישט געקאָנט גע-שען און איצט איז שוין דער ווזיט באַשטעלט. אַ סך וועט ער מסתּמא נישט קאָנען אויפטאָן, סיידן פאַרשרייבן מיר אַ לאַקריין-זאַפט, אָדער ברוסט-טיי. פונדעסטוועגן איז אָנגענעם אַ ביסל צו זיין אונטער דער השגחה פון אַ דאָקטאָר, ווען מ'פילט זיך אַזוי ווי איך. אָבער פאַרוואָס רעדט ער כסדר אַזוי אויסערגעוויינלעך שטרענג? — זאָגט ער — אינאָנהייב האָב איך געלאַכט דערפון, אָבער אויף כסדר געפעלט עס מיר נישט. זאָל אַייך די פאַרדייונג וואויל-באַקומען! וואָס פאַר אַ קוידער-וועלש. מ'קאָן זאָגן: „זאָל אַייך די מאָלצייט וואויל-באַקומען, ווייל „מאָלצייט" איז אַ פּאָעטיש וואָרט, אַזוי צו זאָגן, ווי „דאָס טעגלעכע ברויט" און פּאַסט גאַנץ גוט מיט „וואויל-באַקומען". אָבער „פאַרדייונג", דאָס איז דאָך ריינע פיזיאָלאָגיע און דערצו צווינטשעווען — דאָס איז פּשוטער חוזק. כ'פאַרטראָג אויך נישט, ווען ער רויכערט, עפּעס שרעקט עס מיך, ווייל כ'ווייס, אַז ס'באַקומט אים נישט און ער ווערט דערפון מרה-שחורהדיק. סע-טעמבריני זאָגט וועגן אים, אַז זיין לוסטיקייט איז אַ געצוואונגענע, און סעטעמבריני איז אַ קריטיקער, אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט זיך, דאָס מוז מען מודה זיין. איך וואָלט אפשר אויך באַדאַרפט מער

נעמען זאַכן קריטיש און נישט אַלץ, ווי ס'איז. ער איז גאַנץ גערעכט. אָבער טיילמאָל הייבט מען אָן מיט קריטיק, אומצופרידנקייט און גערעכטן כעס און מ'ענדיקט מיט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיט קריטיק קיין שום שייכות נישט. דעמאָלט טרעט אָפּ די שטרענגע עטישקייט און די רעפּובליק מיטן שיינעם סטיל צוזאַמען באַקומען אַ נאָך-טעם...

ער מורמלט עפּעס נישט דייטלעכס און ווייסט, דאַכט זיך, אַליין נישט קלאָר, וואָס ער וויל. זיין קוזין גיט אויף אים אַ קוק פון דער זייט און זאָגט: „צום ווידערזען". באַלד דערנאָך גייט יעדער אַוועק אין זיין צימער און באַלקאָן-לאָזשע.

— וויפל? — פרעגט יאָאַכים אין אַ ווײַלע אַרום שטיל דורך דער גלעזערנער וואַנט, כאָטש ר'האָט נישט געזען, ווי האַנס קאַסטאָרפּ האָט ווידער גענומען דעם טערמאָמעטער... און האַנס קאַסטאָרפּ ענטפערט מיט אַ גלייכגילטיקן טאָן:

— נישט קיין נייס.

פאַקטיש האָט ער, תיכּף ווי ר'איז אַריינגעקומען, גענומען פון וואַש-טיש אַראָפּ זיין שיינעם אינסטרומענט, וואָס ר'האָט איינגעהאַנדלט היינט אינדערפרי. באַלד דערנאָך האָט ער אַראָפּגעטרייסלט די 37,6 פון פריער און האָט זיך אַוועקגעלייגט מאַכן ליג-קוראַציע מיטן גלעזערנעם ציגאַר אין מויל, מעשה-תושב. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס ר'האָט זיך געריכט אויף מי-יודע וואָס און כאָטש ר'האָט געהאַלטן דעם טערמאָמעטער גאַנצע אַכט מינוט אונטער דער צונג, איז מערקוריוס פונדעסטוועגן נישט געגאַנגען העכער, ווי ביז 37,6. דאָס איז, וואָס אמת, היץ, כאָטש ס'גייט נישט ווייטער דערפון, וויפל ס'איז געווען פאַרמיטאָג. נאָכמיטאָג האָט דאָס גלאַנציקע שנירל דערגרייכט ביז 37,7. אינאָוונט, ווען האַנס קאַסטאָרפּ איז געווען זייער מיד פון די אויפרעגונגען און נייסן פון טאָג, האָט עס געוויזן 37,5. אויף צו מאָרגנס אינדערפרי האָט עס געוויזן בלויז 37, אָבער אין די מיטאָג-שעהן איז עס צוריק דערגאַנגען צו דער נעכטיקער היץ. אַזוי-אַרום איז סוף-כל-סוף אָנגעקומען די מיטאָג-מאָלצייט פון צווייטן טאָג און באַלד דערנאָך — די צייט פון וויזיט ביים דאָקטאָר.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך שפּעטער דערמאָנט, אַז בײַ דער מאָלצײַט האָט פרוי שאָשאַ געטראָגן אַ גאָלד-געלן סוועטער מיט גרויסע קנעפּ און מיט אַרומגעזוימטע קעשענעס. דאָס מלבוש איז געווען נײַ, אַלנפאַלס נײַ פאַר האַנס קאַסטאָרפּן. זי האָט זיך, ווי איר שטייגער איז, פאַרשפּעטיקט בײַם אַרײַנקומען און אין דער ערשטער רגע — זיך אין אָט-דעם סוועטער רעפּרעזענטירט פאַרן זאַל אויף אַן אופן, וועלכן האַנס קאַסטאָרפּ האָט גוט געקאָנט. דערנאָך האָט זי זיך צוגעגליטשט, ווי אַלעמאָל, צו איר טיש, האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט ווייכע באַוועגונגען און פּלוידערנדיק גענומען עסן. האַנס קאַסטאָרפּ האָט, ווי שטענדיק, און נאָך מיט גרעסערער אויפמערקזאַמקייט, צוגעקוקט זיך, ווי איר קאָפּ שאָקלט זיך בעתן ריידן. אַריבערקוקנדיק צום „גוטן רוסן-טיש", פאַרבײַ סעטעמברינים פּלייצע בײַם סוף קרום-אַוועקגעשטעלטן מיטלסטן טיש, האָט ער דערזען די פאַרקײַלעכדיקטקייט פון איר נאַקן און די אָפּגעלאָזענע אײַנגעבויגנקייט פון איר רוקן. וואָס ס'איז נוגע דער פרוי שאָשאַ — האָט זי אין משך פון מיטאָג קיין איין מאָל זיך נישט אומגעקוקט איבערן זאַל. אָבער נאָכדעם, ווי מען האָט אָפּגעגעסן דעם דעסער און דער גרויסער זייגער (וואָס הענגט אויף דער רעכטער שמאָלער זײַט פון זאַל, דאָרטן, וואו ס'שטייט דער שלעכטער רוסן-טיש) האָט אויסגעשלאָגן צוויי — דעמאָלט איז עס פּאָרט געשען און האַנס קאַסטאָרפּ איז דערפון משונהדיק צעטומלט געוואָרן. בעת דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוויי — איינס און צוויי — האָט די באַחנטע פּאַציענטין אויסגעדרייט פּאַמעלעך דעם קאָפּ און אויך אַ ביסל דעם אייבערשטן טייל קערפּער און האָט איבער די אַקסלען דײַטלעך און אָפֿן אַ קוק געטאָן צו האַנס קאַסטאָרפּס טיש. נײַן, נישט בלויז צו זײַן טיש בכלל, נאָר אומצווײַדײַטיק און שטרענג-פּערזענלעך אַ קוק געטאָן צו אים. אַרום אירע צוגעמאַכטע ליפּן און אין די שמאָל-געשניטענע פּריביסלאַוו-אויגן איז געשטאַנען אַ שמייכעלע, גלײַך ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגן: נו, שוין צײַט. וועסט שוין אויפשטיין? (ווײַל דעמאָלט, ווען די אויגן ריידן, זאָגט מען זיך „דו", כאָטש דאָס מויל האָט נאָך אַפילו קיין איין מאָל נישט געזאָגט „איר"). דאָס דאָזיקע געשעעניש האָט האַנס קאַסטאָרפּן צעטומלט און אויפגע-

רעגט ביז דער סאַמע טיפֿעניש פֿון דער נשמה. ר'האָט קוים גע-
גלויבט זיינע אייגענע חושים און אינגאַנצן אַ צעמישטער האָט ער
קודם-כל אַ קוק געטאָן פֿרוי שאָשאַ אין די אויגן אַריין, דערנאָך —
איבער איר שטערן און האָר — אין דער ליידיקייט. זאָל זי וויסן,
אַז צוויי אַ זייגער גייט ער אויף אַ וויזיט צום דאָקטאָר? פּונקט
אַזוי האָט זי אַ קוק געטאָן. און דאָך איז עס אַקוראַט אַזוי אומ-
גלויבלעך, ווי אַ שטייגער, זי זאָל וויסן, אַז ר'האָט דאָ ערשט, מיט
אַ מינוט צוריק, זיך אַליין געפֿרעגט, צי ער זאָל נישט אַמאָל לאָזן
זאָגן דורך יאָאַכימען דעם הויפֿראַט, אַז ס'איז אים בעסער גע-
וואָרן פֿון דער פֿאַרקילונג און אַז די אונטערזוכונג איז מער נישט
נייטיק. אַדאַנק פֿרוי שאָשאַס פֿרעגנדיק שמייכלען איז אָבער דער
פֿריערדיקער געדאַנק אינגאַנצן צו-נישט געוואָרן און פֿאַרלוירן יעדן
טעם. אין אַ סעקונדע אַרום האָט, אַגב, יאָאַכים שוין געהאַט אַוועק-
געלייגט זיין אײַנגעוויקלטן סערוועט אויפֿן טיש, האָט צו אים אַ
וואונק געטאָן מיט זיינע אויפֿגעהויבענע ברעמען, זיך פֿאַרנייגט פֿאַר
די זיצנדיקע און איז אַוועק פֿון טיש. באַלד נאָכדעם איז אויך
האַנס קאַסטאָרפּ נאָכגעגאַנגען דעם קוזין פֿון זאַל אַרויס אינער-
לעך מבולבל, כאָטש אויסערלעך — מיט פֿעסטע טריט און מיט
דעם געפֿיל, אַז יענער בליק און שמייכל באַגלייט אים נאָך אַלץ.

פֿון נעכטיקן נאָכמיטאָג אָן האָבן זיי מער נישט גערעדט וועגן
דעם, וואָס זיי האָבן בדעה געהאַט היינט צו טאָן. אויך איצט זיינען
זיי געגאַנגען שווייגנדיקערהייט, ווי אָפּגעשמועסט. יאָאַכים האָט זיך
צוגעאײַלט: ס'איז שוין געווען נאָך דער אָפּגעשמועסטער שעה און
הויפֿראַט בערענס האָט געפֿאָדערט פּינקטלעכקייט. זיי זיינען
געגאַנגען פֿון עס-זאַל לענגאויס דעם קאָרידאָר אין פּאַרטער, פֿאַרביי
דער „פּאַרוואַלטונג", און זיינען „אַראָפּ" מיט די זויבערע, לינאָלעום-
באַלייגטע טרעפּ אין קעלער אַריין. יאָאַכים האָט אָנגעקלאַפּט אין
דער טיר גלייך אַקעגנאיבער די טרעפּ. אַ פּאָרצעלאַנענע שילד האָט
אָנגעוויזן, אַז דאָס איז דער אַריינגאַנג אין אָרדינאַציע-צימער.

— אַריין! — האָט בערענס אַ רוף געטאָן און שטאַרק אַקצענ-
טירט די ערשטע זילבּ. ר'איז געשטאַנען אינמיטן צימער, אין קיטל,

אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס שוואַרצע הער־רערל און זיך געקלאַפּט דערמיט איבערן שענקל פון פוס.

— טעמפּאָ, טעמפּאָ — האָט ער געזאָגט אין אַ קוק געטאָן מיט זיינע אַפּערקווענדיקע אויגן אויפן וואַנט־זייגער.

— * Un poco più presto, Signori! — מיר זיינען דאָ נישט פאַראַן בלויז פאַר אייער כבוד וועגן.

ביים טאָפּלטן שרייבטיש, הינטערן פענסטער, איז געזעסן ד"ר קראָקאָווסקי, אַ בלייכער קעגן אָפּשיין פון זיין שוואַרצן לוסטרינעם קיטל, מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויפן טיש. מיט איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פעדער, די אַנדערע האָט ער געהאַלטן אין דער באָרד. פאַר אים זיינען געלעגן פּאַפּירן, מסתמא די קראַנקען־אַקטן. ער האָט אָנגעקוקט די אַריינקומענדיקע מיט דעם טעמפּן אויסדרוק פון אַ מענטש, וואָס זיצט דאָ בלויז ווי אַן אַסיסטענט.

— נאַ, אַרויס מיטן סך־הכל! — אַזוי האָט דער הויפראַט געענטפערט אויף יאָאַכימס אַנטשולדיקונג און אים אַרויסגענומען די היץ־דיאַגראַמע פון דער האַנט, כדי זי דורכצוקוקן. בשעת־מעשה האָט יאָאַכים זיך אויסגעטאָן ביז אין דער העלפט און אויפגעהאַנגען די אויסגעטועטע מלבושים אויף דעם גאַרדעראָב־שטענדער לעבן דער טיר. אויף האַנס קאַסטאָרפּן האָט מען זיך נישט אומגעקוקט. אַ ווילע איז ער געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן אַלט־מאָדישן קליינעם פאָטעל מיט טראָדלען אויף די אָנלענען. דער פאָטעל איז געשטאַנען לעבן אַ טישל מיט אַ קאַראַפינקע וואַסער. ביי די ווענט זיינען געשטאַנען ביכער־שענק מיט ברייט־רוקיקע מעדיצינישע ווערק און אַקטן־העפטן. פון מעבל איז דאָ נאָך בלויז געווען אַ שעזלאָנג איבערגעצויגן מיט אַ ווייסער צעראַטע און מיט אַ קישעלע צוקאָפּנס, איבער וועלכן עס איז געווען אויסגעשפּרייט אַ פּאַפּירענער סערוועט. דעם שעזלאָנג האָט מען געקאָנט מאַכן העכער און נידעריקער.

— 7 שטרייכעלעך, 9 שטרייכעלעך, 8 שטרייכעלעך, — ל'ייענט בערגס אַרויס דורכבלעטערנדיק די וואָכן־טאַבעלעס, אין וועלכע יאָאַכים האָט

---

* אַ ביסל גיכער, מיינע הערן (איטאַל.).

געטרייַ פֿאַרשריבן די רעזולטאַטן פֿון זיינע מעסטונגען פֿינף מאָל אין טאָג. — נאָך אַלץ אַ ביסל אילומינירט, ליבער צימסען, מ׳קאָן נאָך אַלץ נישט זאָגן, אַז איר זענט סאָלידער געוואָרן זינט איר זענט דאָ לעצטנס געווען („לעצטנס“ איז אַ מעשה פֿון פֿיר וואָכן). נאָך אַלץ נישט פּטור געוואָרן פֿון דעם סם, נישט פּטור געוואָרן — זאָגט ער. — נאָ, פֿאַרשטייט זיך, אַז ס׳גייט נישט פֿון היינט אויף מאָרגן, קיין כּישוף־מאַכערס זיינען מיר אויך נישט.

יאָאַכים שאָקלט צו און צוקט מיט זיינע נאַקעטע אַקסלען, כאָטש ער וואָלט געקאָנט טענהן, אַז ר׳איז דאָ נישט ערשט פֿון נעכטן.

— ווי האַלט עס מיט דעם שטעכן אין רעכטן הילוס*, וואו דער קלאַנג איז אַלעמאָל געווען פֿאַרשאַרפֿט? בעסער? נאָ, קומט נאָר אַהער! מירן פּרווון העפֿלעך אָנקלאַפּן — און ס׳הייבט זיך אָן די אַסקולטאַציע.

הויפֿראַט בערענס — אַ ברייטער, אַן איינגעבויגענער, מיטן הער־רעדל אונטערן אָרעם — נעמט קודם קלאַפּן גאַנץ אויבן אויף יאָאַכימס רעכטן אַקסל מיטן ריזיקן מיטלפֿינגער פֿון זיין רעכטער האַנט און מיט דער לינקער שפּאַרט ער זיך אָן. דערנאָך איז ער אַראָפּ אונטער דער לאָפּאַטקע און האָט זייטיק געקלאַפּט אויפֿן מיטלסטן און אונטערשטן רוקן. דערנאָך האָט יאָאַכים — שוין אַן אויסגעלערנטער — אויפֿגעהויבן די האַנט, כּדי מ׳זאָל קאָנען קלאַפּן אויך אינטערן אַקסל. באַלד האָט זיך דאָס אייגענע איבערגעחזרט אויך אין דער לינקער זייט. ווען ר׳איז פֿאַרטיק געוואָרן דערמיט, האָט דער הויפֿראַט אַ באַפֿעל געטאָן: „אויסגעדרייט!“ און גענומען אַרומקלאַפּן די ברוסט. ער האָט געקלאַפּט גלייך אונטערן האַלז ביים שליסל־ביין, האָט געקלאַפּט איבער און אונטער דער ברוסט, פֿריער רעכטס און דערנאָך לינקס. נאָכדעם ווי ר׳האָט זיך גענוג אָנגעקלאַפּט, האָט ער זיך גענומען צום איינהערן זיך. צו איין זייט פֿון רעדל האָט ער צוגעלייגט דאָס אויער און די אַנדערע זייט האָט ער צוגעלייגט כּסדר אויף דער ברוסט און אויפֿן רוקן, אומעטום, וואו ר׳האָט פֿריער געקלאַפּט. דערביי האָט יאָאַכים געמוזט באַלד שטאַרק אָטעמען,

* הילוס (לאַטיין) = פֿאַרטיפֿונג אין אַ אָרגאַן, ווי צ״ב אין דער לונג.

בַּאַלד הוסטן, און דאָס האָט אים, אַפּנים, זייער אָנגעשטרענגט, ווייל ס'האָט אים פֿאַרפֿעלט אָטעם און אין די אויגן האָבן זיך אַוש באַוויזן טרערן. אַליין, וואָס הויפֿראַט בערענס האָט געהערט, האָט ער מיט קורצע, באַשטימטע ווערטער איבערגעגעבן דעם אַסיסטענט ביים שרייבטיש אַזוי, אַז האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך געמוזט דערמאָנען אין אַ שניידער, וואָס נעמט מיט עלעגאַנץ אַ מאָס אויף אַן אָנצוג, לייגט־צו דעם צענטימעטער אַלעמאָל אויף אַן אַנדער אָרט לויט דעם אָנגענומענעם סדר און דיקטירט דעם איינגעבויגענעם געזעל מיט דער פֿעדער די ציפֿערן. „קורץ“, „פֿאַרקירצט“ — דיקטירט הויפֿראַט בערענס. „וועזיקולער“ — זאָגט ער און באַלד ווידער: „וועזיקולער“ (דאָס איז, אַפּנים, גוט). „שאַרף“ — זאָגט ער און פֿאַרקרימט זיך. „זייער שאַרף“. „גערויש“. און ד״ר קראָקאָווסקי פֿאַרשרייבט אַליין, ווי דער געזעל ביים שניידער.

האַנס קאַסטאָרפּ קוקט זיך צו מיט אַ זייטיק אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, פֿאַרטראַכט און פֿאַרקוקט אין יאָאַכימס אייבערשטן טייל קערפּער, ביי וועלכן די ריפּן (די ריפּן האָט ער נאָך, גאָט צו דאַנקען) הייבן זיך אויף בשעתן סאָפּען אונטער דער געשפּאַנטער הויט הויך איבערן אַריינגעצויגענעם בויך. ר'האָט זיך איינגעקוקט אין אָטדעם שלאַנקן, געלבלעך־ברוינלעכן יונגלערישן קערפּער מיט די שוואַרצע האָר אויף דער ברוסט און אויף די — אַגב, גאַנץ פֿעסטע — הענט. אויף איין האַנט אַרום געלענק האָט ער געטראָגן אַ גאָלדענעם בראַנזאָלעט. דאָס זיינען הענט פֿון אַ גימנאַסטיקער — האָט געטראַכט האַנס קאַסטאָרפּ. ער האָט אַלעמאָל מיט הנאה געמאַכט גימנאַסטיק. איך, דערפֿאַר, האָב מיר דערפֿון גאָרנישט געמאַכט. דאָס האָט אַ שייכות מיט זיין נייגונג צו מיליטער־דינסט. ער האָט אַלעמאָל געהאַט מער חוש פֿון מיר פֿאַר קערפּערלעכע ענינים, אָדער זיין חוש איז אַלנפֿאַלס געווען אַן אַנדערער. ווייל איך בין פֿון תמיד אָן אַ ציוויליסט און כ'האָב מער געזאָרגט וועגן דעם, כ'זאָל קאָנען גוט אָפּעסן, טרינקען און האָבן אַ וואַרעם באָד. אים איז קודם־כּל געגאַנגען אין מענלעכקייט און אין אויפֿטוען. איצט שטייט זיין קערפּער טאַקע אויפֿן ערשטן פּלאַן און איז טאַקע צוליב דער קראַנקהייט געוואָרן אַ יש פֿאַר זיך. ר'איז אילומינירט און קאָן נישט

פטור ווערן פון דעם סם און געזונט ווערן, כאָטש ער האָט שוין אַזוי שטאַרק צו ווערן אַ מיליטער-מענטש אונטן. גיט נאָר אַ קוק, געבויט איז ער, ממש ווי אין די ביכער, אַן אַפּאָלאָ פון בעלוועדער, אַחוץ די האָר. אָבער אינעווייניק איז ער קראַנק און אויסערלעך צו-וואַרעם פון דער קרענק. ווייל קראַנקהייט מאַכט דעם מענטש אַ סך קערפּערלעכער, ווי געוויינלעך, זי מאַכט אים אינגאַנצן פאַר אַ קערפּער... טראַכטנדיק אַזוי, איז ער פלוצלונג דערשראָקן געוואָרן און האָט אינדערגיך און פאָרשנדיק אַ קוק געטאָן פון יאָאַכימס נאַקעטן קערפּער ביז אַרויף צו זיינע אויגן, זיינע גרויסע, שוואַרצע און מילדע אויגן, וואָס פון קינסטלעכן עטעמען און הוסטן זיינען זיי אַזש פאַרלאָפן געווען מיט טרערן און האָבן בעת דער אונטערזוכונג געקוקט מיט אַ טרויעריקן אויסדרוק ערגעץ איבער האַנס קאַסטאָרפן אין דער ליידיקייט אַריין.

אָבער דערווייל האָט הויפראַט בערענס געענדיקט.

— נאָ, ס'איז גוט, צימסען — זאָגט ער. — אַלץ אין אָרדענונג, ווי ווייט ס'איז מעגלעך. ס'צווייטע מאָל (אין פיר וואָכן אַרום, הייסט עס) וועט זיכער אומעטום זיין אַ ביסל בעסער.

— ווי לאַנג, מיינט דער הויפראַט, וועט —

— איר הייבט שוין ווידער אָן יאָגן? — איר קאָנט דאָך נישט געמען מושטירן מיט אייער חברה אין אַזאַ מצב! אַ האַלב יאָר האָב איך לעצטנס געזאָגט — איר קאָנט עס, לאָמיר זאָגן, רעכענען פון לעצטן וויזיט אָן, אָבער האַלט עס פאַר אַ מינימום. סוף-כל-סוף לעבט זיך דאָ גאָרנישט אַזוי שלעכט, איר מוזט זיין העפלעך! דאָ ביי אונז איז נישט קיין באַניאָ* און... נישט קיין סיבירישע קאַטאָרגע! אָדער אפשר ווילט איר זאָגן, אַז ס'איז ענלעך דערצו? ס'גוט, צימסען! אַוועק! ווער האָט נאָך חשק? — רופט ער און גיט אַ קוק אין דער לופט. דערביי דערלאַנגט ער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט דאָס הער-רערל דעם ד"ר קראָקאָווסקי, וועלכער שטייט אויף און נעמט עס, כדי מעשה-אַסיסטענט נאָכאַמאָל אַ ביסל איבערצוקאָנטראָלירן יאָאַכימען.

---

* Bagno (פון איטאַל.) == צמאָליקע קאַטאָרגעס אין פראַנקרייך.

האַנס קאַסטאָרפּ איז אויך אויפגעשפּרונגען פון אָרט, אָנגע־שטעלט די אויגן אויפן הויפראַט בערענס, וועלכער איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס, מיט אַן אָפן מויל און, אַפּנים, פאַרטראַכט. דערביי האָט קאַסטאָרפּ זיך גענומען אויסטאָן. ער האָט זיך גע־יאָגט און ס'איז אים שווער אָנגעקומען, ביז ר'האָט אויסגעטאָן דאָס גע־פינטלטע שטייפע העמד איבערן קאָפּ. דערנאָך איז ער געבליבן שטיין פאַר הויפראַט בערענס אַ ווייסער, בלאָנדער און שמאָלער — אַ סך ציווילער געבויט, ווי יאָאַכים צימסען.

אָבער דער הויפראַט איז נאָך אַלץ געווען פאַרטראַכט און האָט אים געלאָזט שטיין. ד"ר קראָקאָווסקי האָט זיך שוין ווידער אַוועקגעזעצט און יאָאַכים האָט זיך גענומען אָנטאָן. דערנאָך האָט בערענס סוף־כל־סוף זיך דערמאָנט אין יענעם, „וואָס האָט נאָך חשק“.

— אַך אַזוי, דאָס זענט איר! — זאָגט ער. דערביי נעמט ער האַנס קאַסטאָרפן אָן מיט זיין ריזיקער האַנט ביים אָרעם, שטעלט אים אַוועק פאַר זיך און באַטראַכט אים שאַרף. ער קוקט אים נישט אין פּנים אַריין, ווי מ'קוקט אָן אַ מענטש, נאָר אויפן קערפּער, דרייט אים אויס, ווי מ'דרייט אויס אַ קערפּער און באַטראַכט אים אויך פון הינטן. הם — זאָגט ער — נו, מיר'ן געבן אַ קוק, וואָס דאָ טוט זיך — און ער הייבט אָן אַרומקלאַפּן, ווי פריער.

ער קלאַפּט אומעטום, ווי ביי יאָאַכים צימסען, און קומט צו־ריק צו פאַרשיידענע ערטער נאָכאַמאָל. אַ לענגערע צייט קלאַפּט ער באַלד לינקס אויבן, ביים שליסל־ביין און באַלד אַ ביסל נידעריי־קער, כדי צו פאַרגלייכן.

— איר הערט? — פרעגט ער צום דאָקטאָר קראָקאָווסקי אַריבער... און ד"ר קראָקאָווסקי, וואָס זיצט אַ פינף טריט ווייטער ביים שרייב־טיש, שאָקלט־צו מיטן קאָפּ, אַז ער הערט. ער לאָזט אַראָפּ ערנסט די גאָמבע אויף דער ברוסט אַזוי, אַז זיין באָרד ווערט צוזאַמענ־געקוועטשט און ס'הייבן זיך אויף אירע שפּיצן.

— טיף אָטעמען! הוסטן! — קאָמאַנדעוועט דער הויפראַט און נעמט ווידער דאָס הער־רערל. האַנס קאַסטאָרפּ אַרבעט שווער, אפשר אַכט אָדער צען מינוט, אַזוי לאַנג, ווי דער הויפראַט האָרכט

זיך צו אים. ער רעדט די גאַנצע צייט נישט קיין וואָרט, ליגט צו דאָס חערל דאָ און דאָרט, און הערט זיך כסדר צו צו די ערטער, ביי וועלכע ר'האָט פריער לענגער אַרומגעקלאַפּט. דערנאָך פאַרשטעקט ער דעם אינסטרומענט אונטערן אָרעם, פאַרלייגט די הענט אויף הינטן און קוקט אַראָפּ אויפן דיל צווישן זיך און האַנס קאַסטאָרפּ.

— יאָ, קאַסטאָרפּ — זאָגט ער (דאָס ערשטע מאָל, ווי ר'האָט דעם יונגנמאַן אָנגערופן פּשוט ביים צונאָמען). — פּרעטער פּראָפּטער* איז דער ענין אַזוי, ווי כ'האָב מיר טאַקע פאָרגעשטעלט. איך האָב אויף אייך געהאַט אַן אויג, קאַסטאָרפּ, און איצט קאָן איך עס אייך זאָגן. באַלד פון אָנהייב, תיכף ווי כ'האָב געהאַט דעם נישט־פאַרדינטן כבוד זיך מיט אייך צו באַקענען, בין איך כמעט געווען זיכער, אַז איר זענט שטילערהייט אַן אונזעריקער, און אַז איר וועט נאָך אײַנזען — ווי נישט איינער, וואָס איז אַרויפגעקומען אויף אַ שפּאַס, מיט אַ פאַרדיסענער נאָז און איז שפּעטער געוואָר געוואָרן, אַז אים וואָלט גוט געטאָן און נישט בלויז „גוט געטאָן" — פאַרשטייט מיך ריכטיק — ווען ער פאַרהאַלט זיך דאָ אַ ביסל לענגער נישט דווקא צוליב בלויזער נייגעריקייט.

האַנס קאַסטאָרפּן זיינען געקומען די קאָלירן אין פּנים אַריין און יאָאַכים, וואָס האָט געהאַלטן ביים פאַרקנעפּלען די שלייקעס, איז געבליבן שטיין און גענומען זיך צוהערן.

— איר האָט דאָ אַ פיינעם סימפּאַטישן קוזין — רעדט דער הויפראַט ווייטער, דערביי ווייזט ער מיטן קאָפּ אויף יאָאַכימען און וויגט זיך אויף די גראָבע פינגער און די קנאַפּלען. — לאָמיר האָפן, אַז ער וועט בקרוב קאָנען זאָגן, אַז ר'איז אַמאָל *געווען* קראַנק. אָבער ווי ס'זאָל נישט זיין, וועט ער אַלץ זיין אַ *געוועזענער* קראַנקער און דאָס איז אייערס אַ קוזין. דאָס וואַרפט אַ פּריאָרי**, ווי דענקערס זאָגן, אַ געוויסע שיין אויך אויף אייך, ליבער קאַסטאָרפּ...

* לאַטיין: מער־ווייניקער. ** פאָרויס.

— ר'איז דאָך אָבער בלויז אַ שטיף־שוועסטערקינד, הער הויפּ־ראַט.

— נו־נו, נו־נו, איר וועט דאָך נישט גיין פּאַרלייקענען אײַער קוזין. „שטיף“, צי נישט „שטיף“, ר'איז אַלנפאַלס אײַערס אַ נאָנ־טער קרוב, פון איין בלוט, פון וואָס פאַר אַ זייט?

— פון דער מוטערס, הער הויפראַט. ער איז דער זון פון אַ שטיף־...

— און אײַער מוטער איז געזונט?

— ניין, זי לעבט נישט. זי איז געשטאָרבן, ווען כ'בין נאָך געווען אַ קינד.

— אָ, אויף וואָס אַזוינס?

— פון אַ בלוט־גליווער, הער הויפראַט.

— פון אַ בלוט־גליווער? — נאָ, כ'איז שוין אַ לאַנגע מעשה. און אײַער פאָטער?

— ער איז געשטאָרבן פון אַ לונגען־אָנצינדונג — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — און מיין זיידע אויך — גיט ער צו.

— אַזוי, דער זיידע אויך? נאָ, דאָס ווייסן מיר וועגן אײַער אָפשטאַם. וואָס ס'איז נוגע אייך, זענט איר אַלעמאָל געווען אַ בלייכער, נישט? ווערט איר נישט לייכט מיד ביי אַ קערפּערלע־כער גייסטיקער אַרבעט? יאָ? און דאָס האַרץ קלאַפּט אייך שטאַרק? לעצטנס ערשט? פיין. אויסערדעם האָט איר, אַפּנים, אַ נייגונג צו קאַטאַר פון די אָטעמונגס־אָרגאַנען. ווייסט איר, אַז איר זענט שוין אַמאָל געווען קראַנק?

— איך?

— יאָ, כ'מיין אייך פּערזענלעך. איר הערט דעם אונטערשייד? און דער הויפראַט קלאַפּט דאָ לינקס אויבן אויף דער ברוסט און דאָ אַ ביסל נידעריקער.

— דאָ קלינגט עס אַ ביסל צוגעדושעטער — זאָגט האַנס קאַס־טאָרפּ.

— זייער גוט. איר דאַרפט ווערן אַ ספּעציאַליסט. דאָס איז פאַרטויבונג און אַ פאַרטויבונג נעמט זיך פון פאַרעלטערטע ער־

טער, וואו ס'איז שוין פאָרגעקומען די פאַרקאַלכונג, די פאַרהיילונג, אויב איר ווילט. איר זענט אַן אַלטער פּאַציענט, קאַסטאָרפּ, אָבער מיר קאָנען צו קיינעם נישט האָבן קיין טענות, הלמאַי איר ווייסט עס נישט. אַ פריער דיאַגנאָז איז אַ שווערע זאַך — בפרט נאָך פאַר די קאָלעגן אונטן. איך וויל נישט זאָגן, אַז מיר האָבן אַ בעסערע שמיעה, הגם דאָס ספּעציאַליזירן זיך האָט אין אַ שטיקל באַטייט. אָבער די לופט העלפט אונז הערן, איר פאַרשטייט? די דינע, טרוקענע לופט דאָ אויבן.

— אַוודאי, נאַטירלעך — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ.

— פיין, קאַסטאָרפּ, און איצט הערט אַ'ך צו, בתור איינער, כ'וועל אייך זאָגן אַ פּאָר גאָלדענע ווערטער. ווען ס'וואָלט אייך מער גאָרנישט געווען, פאַרשטייט איר, און ס'וואָלט בלויז געגאַנגען וועגן די פאַרטריבונגען און די פאַרהיילונגען פון אייער עאָל-אָרגאַן* מיט דער פאַרקאַלכונג אינעווייניק — וואָלט איך אייך אָפּגעשיקט צו אייערע לאַרן און פּענאַטן** און כ'וואָלט מיר מער נישט געמאַכט קיין עסק דערפון, איר פאַרשטייט? אָבער אַזוי ווי דער ענין האַלט איצט און לויט ווי דער סך-הכל פון דער באַטראַכטונג איז, און היות איר זענט שוין סיי-ווי-סיי אויבן ביי אונז — לוינט שוין נישט אַהיימצופאָרן, האַנס קאַסטאָרפּ — איר וואָלט בקרוב געמוזט צוריקקומען.

האַנס קאַסטאָרפּ פילט אויפסניי, ווי דאָס בלוט נעמט אים זעצן אין האַרץ אַריין, אַזוי אַז ס'האַרץ הייבט אָן צו קלאַפּן ווי אַ האַמער. יאָאַכים שטייט נאָך אַלץ מיט די הענט אין די הינטערשטע קנעפּלעך און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— ווייל אַחוץ די פאַרטריבונגען — זאָגט דער הויפראַט — האָט איר אויך דאָ לינקס אויבן אַ פאַרשאַרפטן קלאַנג, וואָס איז שוין כמעט אַ גערויש און נעמט זיך אָן שום ספק פון אַ ניי אָרט. איך

* עאָל (עאָלוס, אועלאָס) — גריכישער ווינט-גאָט, דערפון עאָל-אָרגאַן — אָטעמונג-אָרגאַן.

** לאַרעס עט פּענאַטעס — רוימישע הויזגעטער, דאָס מיינט אָפּשיקן אַהיים.

וויל נאָך נישט ריידן וועגן אַ פּאַרוויכונג־נעסט, אָבער ס׳איז זיכער אַ פייכט אָרט און אַז איר וועט ווייטער אַזוי זיצן אונטן, מיין ליבער, קאָנט איר צווישן יאָ און ניין פּטרן אַ גאַנצע לונגען־לאַפּ.

האַנס קאַסטאָרפּ האָט זיך נישט גערירט. אַ״ם זיין מייל האָט עפּעס מאָדנע געצוקט אַז מ׳האָט בולט געקאָנט זען, ווי זיין האַרץ פּולסירט קעגן די ריפּן. ער האָט אַ קוק געטאָן צו יאָאַכימען און זיך נישט געטראָפן מיט זיין בליק, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן הויפראַטס פּנים מיט די בלויע באַקן, מיט די בלויע אַפּערקוועלנדיקע אויגן און מיט די וואָנצעלעך, פון וועלכע איינס איז געווען אַרויפגעדרייט.

— ווי אַן אָביעקטיווע באַשטעטיקונג — האָט בערענס גערעדט ווייטער — האָבן מיר אייער טעמפּעראַטור: 37,6 צען אַ זייגער אינדערפרי. דאָס שטימט אינגאַנצן מיט די רעזולטאַטן פון אויסהאָרכונג.

— כ׳האָב בלויז געמיינט — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — אַז די היץ נעמט זיך פון אַ קאַטאַר.

— און דער קאַטאַר? — ענטפערט דער הויפראַט... — פונוואַנען נעמט זיך אַ קאַטאַר? דערלויבט, כ׳זאָל אייך עפּעס זאָגן, קאַסטאָרפּ, און נעמט עס גוט אין קאָפּ אַריין. איר האָט אַ גאַנץ גוטן מוח, אויף וויפל כ׳ווייס. די לופט דאָ ביי אונז איז גוט צו דער קראַנקהייט, ווי מיינט איר, נישט אמת? אַזוי איז עס. זי איז אָבער אויך גוט פאַר דער קראַנקהייט, איר פאַרשטייט? זי רופט זי קודם־כל אַרויס, זי מאַכט אַ רעוואָלוציע אין קערפּער און איז גורם, אַז די באַהאַלטענע קראַנקהייט זאָל אויסברעכן. אַזאַ מין אויסבראָך, האָט נישט קיין פאַראיבל, איז אייער קאַטאַר. איך ווייס נישט, צי איר האָט שוין געהאַט היץ אונטן אין פלאַכלאַנד, אָבער דאָ אויבן האָט איר אַלנפאַלס געקריגן היץ פון ערשטן טאָג אָן און נישט ערשט צוליבן קאַטאַר. דאָס איז מיין מיינונג.

— יאָ, — זאָגט האַנס קאַסטאָרפּ — כ׳מיין אויך אַזוי.

— איר האָט זיך, מסתמא, תיכף דערפילט פאַרשיכורט — גיט־צו דער הויפראַט — דאָס זיינען די גיפטן, וועלכע די באַקטעריעס לאָזן אַרויס פון זיך. זיי פאַרשיכורן דעם צענטראַלן נערוון־סיסטעם, פאַרשטייט איר, און צוליב דעם קריגט מען רויטע בעקלעך.

קודם־כל באַהאַלט אַייך אונטערן איבערבעט, קאַטאַסטראָפּע. מיר דאַרפן פרוּוון אַייך אויסצוניכטערן דורך אַ פּאָר וואָכן ליגן אין בעט. דער־נאָך וועט מען זען ווייטער. מיר וועלן מאַכן פון אַייך אַ שיינע אינערלעכע פאָטאָגראַפיע, איר וועט מיט הנאה קאָנען אַ קוק טאָן אין אייגענעם איך אַריין. איינס זאָג איך אַייך אָבער גלייך: אַזאַ פאַל, ווי אַייערער, ווערט נישט אויסגעהיילט אין איין טאָג. קיין רעקלאַמע־דערפאָלגן און קיין ניסים ווערן דערביי נישט געמאַכט. איך האָב אָבער תיכף געהאַט דאָס געפיל, אַז איר וואָלט געווען אַ בעסערער פּאַציענט, מיט מער טאַלענט איידער קראַנק צו זיין, ווי אָט־דער בריגאַדע־גענעראַל, וואָס וויל תיכף אַוועק, אויב ער האָט נאָר עטלעכע שטרייכעלעך ווייניקער. אַ שטייגער, ווי „גלייך־ליגן" איז נישט אַקוראַט אַזאַ גוטע קאָמאַנדע, ווי „גלייך־שטיין"! דו איז דער ערשטער בירגער־פליכט אין אומגעדולד ברענגט בלויז שאָדן. אָבער כ'נעם זיך אויס, איר זאָלט מיך נאָר נישט אַנטטוישן און נישט פאַרשעמען מיין מענטשן־מבינות. און איצט — מאַרש! אין דער רעמיזע!

דערמיט ענדיקט הויפראַט בערענס דעם שמועס און זעצט זיך אַוועק ביים שרייבטיש, כדי — ווי ס'פּאַסט פאַר אַ מענטש פון אַ סך עסקים — אויסצופילן די פויזע ביז דעם צווייטן נייעם מיט שריפטלעכער אַרבעט. ד"ר קראָקאָווסקי הייבט זיך אויף פון אָרט, גייט צו צו האַנס קאַסטאָרפּן און לייגט אַרויף די לינקע האַנט אויף דעם יונגמאַנס אַקסל. ער לאַכט פעסט, אַזוי, אַז ער ווייזט זיינע געלבלעכע ציין צווישן דער באָרד, און מיט דער רעכטער האַנט דריקט ער האַרציק קאַסטאָרפּס האַנט.

אינהאַלט פון ערשטן בוך

	זייט
הקדמה	5

ערשט קאַפּיטל

אָנקום	7
נומער 34	18
אין רעסטאָראַן	22

צווייט קאַפּיטל

פון דער טויפשאַל און פון דעם זיידן מיט דער טאָפּלטער געשטאַלט	31
ביי די טינאַפּעלס און וועגן האַנס קאַסטאָרפּס עטישן מצב.	46

דריט קאַפּיטל

בכּבודיקע מרה־שחורה	61
פרישטיק	65
אַ שפּיצל. וויאַטיקום. פאַרשטערטע שמחה	77
דער שטן	90
געדאַנקען־שאַרפקייט	104
איין איבעריק וואָרט	113
נאַטירלעך, אַ פרוי.	119
הער אַלבין.	126
דער שטן מאַכט באַליידיקנדיקע פאָרשלאָגן	130

פערט קאַפּיטל

בייטיקער איינקויף.	148
אַן עקסקורס איבערן חומש פאַר צייט	162

זייט

ער פרוווט די כוחות אויף פראנצויזיש 168
פאליטיש פארדעכטיק 175
היפפע. 183
אנאליז 198
ספקות און איבערטראכטעניש 208
שמועסן ביים טיש. 214
שטייגנדיקע שרעק, וועגן בײדע זיידעס און וועגן דער נסיעה מיט א
שיפל אין בין־השמשות 225
דער טערמאמעטער. 257

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין